STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05500

PSHISKHE UN KOTSK

Menasheh Unger

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מנשה אונגער

פשיסכע און קאָצק

די הכנסה פונעם בוך איז באשטימט פאַר
דער הילפס־ארבעט פונעם פוילישן יידנטום

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

41

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו
פֿאַרלאַגס-לייטער:
אברהם מיטלבערג

מ. פֿייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף בוך

מנשה אונגער

פשיטבע און קאָצק

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראל־פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע
בוענאָס איירעס 1949

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
MENASHE UNGER, New-York

Menashe Unger

PSZYSCHE UN KOCK

Buenos Aires, 1949

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Industria Argentina

אינהאלט:

א. מען פאַרט אויף דער חתונה — 7
ב. אין א קרעטשמע פאר אסטיליע — 16
ג. חסידישע קאַזאקן — 24
ד. אויף א בוידעם אין אסטיליע — 33
ה. די מחלוקה אין לובלין איבער א העמד — 43
ו. די „נפילה" פונעם „חוזה" פון לובלין — 51
ז. דער אָרים־מאַלצייט — 61
ח. דער חתן פראווועט פאר דער חופה — 70
ט. די חופה — 77
י. דער אַלטער אַפּטער רבי פירט טיש — 88
יא. דער משפט — 97
יב. די פּטירה פון רבין ר' בונם — 107
יג. אין טאָמאַשאָוו ברענט א פייער — 116
יד. אויפסניי אָנהויבן צו גיין אין חדר אריין — 125
טו. דער וואָרקער רבי פאָרט קיין טאָמאַשאָוו — 141
טז. די חסידישע קאָמונע אין טאָמאַשאָוו — 149
יז. אינטריגעס אין קאָצקער הויף — 156
יח. דער קאָצקער רבי פארגעסט צו קומען צו זיין אייגענער חופּה 164
יט. דער קאָצקער רבי און דער פּוילישער אויפשטאנד פון יאָר 1830 173

כ. די אסיפה אין הויז פון משה חלפן — 182
כא. ר׳ איטשע־מאירל ווערט ארעסטירט אלס שפּיאָן — 189
כב. דער קאָצקער רבי לאָזט ארויס אן אויפרוף צו שטיצן דעם פּוילישן אויפשטאנד — 198
כג. דער קאמף צווישן די משכילים און חסידים אין ווארשע — 205
כד. דער „שר” מאָנטעפיאָרע און דער וואָרקער רבי — 213
כה. דער קאָצקער רבי נאָך דער צווייטער חתונה — 223
כו. דער איזשביצער רבי אין קאָצק — 231
כז. דער שארפער שמועס — 240
כח. דער קאָצקער רבי אין זיין חדר־המיוחד — 247
כט. די חברה „היטערס” אין קאָצקער הויף — 254
ל. מען צעטרייבט די חברה „היטערם” — 261
לא. דער קאָצקער רבי איז מסכים צו עפענען די טיר — 268
לב. דער מוראדיקער פרייטיק צו נאכטס אין קאָצק — 276
לג. דער גאסטינינער רבי ווייסט נישט צו וועמען צו פאָרן — 281
לד. דער קאָצקער רבי כאפּט זיך ארויס פון זיין חדר־המיוחד — 287
לח. די פּטירה פון קאָצקער רבין — 293
ביכער רשימה — 302

ג.

מען פאָרט אויף דער חתונה

זעקס יאָר נאָך דער פטירה פון „ייד־הקדוש", ווען אויף זיין שטול אין פשיסכע איז געזעסן און געפירט די רבישע מלוכה זיין תלמיד ר' שמחה בונם, האָט מען אין אַלע רבישע הייף פון פוילן, רוסלאַנד און גאַליציע זיך גענומען גרייטן צו דער „גרויסער חתונה" אין אָסטילע.

מען האָט אָנגעהויבן רעכענען, וועלכער „הויף" עס האָט יאָ געקריגן א „חתונה־בריוול" און וועלכער נישט. און פון די, וואָס האָבן געקריגן, — וועלכער רבי עס וועט קומען צו דער חתונה און וועלכער נישט.

און נישט אומזיסט האָט מען געמאַכט אַזעלכע גרויסע הכנות. איז דאָך דער זיידע פון חתנס צד דער אַלטער אַפּטער צדיק, ר' אברהם יהושע העשל, דער עלטסטער און בכבודיקסטער פון אַלע צדיקים פון יענעם דור, דער „סבא־קדישא", וואָס האָט דעמאָלט געוווינט אין מעזשיבעזש, און א וועלט האָט געציטערט פאַר אים. און דער זיידע פון דער כלהס צד איז ר' מאָטעלע פון טשערנאָביל, אויך איינער פון די גרויסע גוטע־יידן פון זיין דור.

אין די רבישע הייף האָט מען געוווּסט, אַז דער אַלטער אַפּטער וועט זיכער זיין אויף זיין אייניקלס חתונה. און וועלכער רבי האָט דאָס נישט געוואָלט זען דעם אַלטן צדיק? דעם איינציק־איבערגעבליבענעם תלמיד פון דעם רבין ר' אלימלך פון ליזשענסק — דער „נועם אלימלך", וועלכער האָט דער ערשטער געבראַכט דאָס „ליכט פון חסידות" קיין גאַליציע און פוילן און אויפגעשטעלט א דור פון תלמידים רביים?

דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג, אַז די מערסטע צדיקים זאָלן פאָרן צו דער „גרויסער חתונה". אָבער דאָס איז נישט געווען די איינציקע סיבה, וואָס האָט זיי געצויגן קיין אָסטילע. בחדרי חדרים אין די „ענגע

קרייזן" פון די רבישע הייף האָט מען געשמועסט, אז אויף דער חתונה וועט פאָרקומען א מוראדיקער משפט איבער דעם פשיסכער רבין ר' שמחה בונם, קעגן וועמען מען האָט אין די מערסטע גוט־יידישע הייף געהאַט תרעומות, למאי ער האָט איינגעפירט א נייעם דרך אין חסידות — א דרך, וואָס שטעלט איינגאנצן אין סכנה די שיטה, וואָס דער בעש"ט האָט געשאַפן און וואָס זיינע תלמידים האָבן אנטוויקלט.

אָפן האָט מען נישט גערעדט וועגן דעם דאָזיקן משפט, וואָס ווערט צוגעגרייט, נאָר שטילערהייט האָט מען זיך געסודלט, אז אויף דער דאָזיקער חתונה, וועט באשטימט ווערן דער גורל פון פשיסכער, צי זאָל מען אים אויסשליסן פון כלל־ישראל פאר זיין נייעם דרך, און אויך, צי מען זאָל זיך איינגאנצן אָפשיידן פון זיינע תלמידים און חסידים, אויף וועלכע מען „האָט געקוקט ווי אויף א נייעם „כת", וואָס קאָן ברענגען שאָדן צו יידן און יידישקייט.

און אזוי ווי אָסטיליע געפינט זיך נאָענט אי פון דער „קירהשער", אי פון דער רוסישער גרעניץ, האָבן זיך צו דער חתונה טאַקע געקליבן כמעט אלע רביים פון פוילן, רוסלאנד און גאליציע.

נאָך וואָכן פאר דער חתונה האָבן זיך שוין אויף דעם „קייזער־שטראָז", וואָס פירט קיין אָסטיליע, געצויגן הונדערטער וועגענער און געדעקטע בוידן, וואָס האָבן געפירט רביים און זייערע חסידים.

פארן אלטן אָפטער צדיק האָט יעדער רבי זיך געוואָלט ווייזן א חוץ מיט זיין צדקות און לומדות, אויך מיט זיין גרויסקייט. יעדער רבי האָט מיטגענומען אויף דער חתונה די שענסטע חסידים זיינע, די „שאַרפע קעפּ" און די „יושבים", וואָס א טייל פון זיי זענען געווען פארשטעלט פאר „קאָזאקן", זיי האָבן געדאַרפט האַלטן „וואך", אז זייער רבין זאָל קיין שלעכטס נישט געשען, און אז א חסיד פון אן אנדערן רבין זאָל חלילה זיין איינעם נישט מבזה זיין.

זענען די קרעטשמעס אויפן וועג קיין אָסטיליע געווען פול געפּאַקט מיט חסידים. מען האָט געטרונקען עכטן אונגארישן שליוואָוויץ, וואָס די גאַליציאַנער חסידים האָבן מיטגעבראַכט, אמתן „טאָפּלטן מעד" פון די אַלטע קראָקעווער קעלערן און טייערן בראָנפן, ריינעם „ניין־און־ניינציקער", וואָס די רוסישע און פוילישע חסידים האָבן מיטגענומען.

און אין אַלע קרעטשמעס האָט מען נאָר גערעדט וועגן דעם, צי דער רבי ר׳ בונם פון פשיסכע וועט קומען אויף דער חתונה, צי נישט. עס זענען געווען רביים פון פוילן, וואָס זענען נאָך געפאָרן צום פריערדיקן פשיסכער, דעם „ייד־הקדוש" און נאָך צום „ייד־הקדושם" רבין, דעם „חוזה" ר׳ יעקב יצחק פון לובלין. זיי האָבן נישט געקאָנט סובל זיין, ווי מען איז בפרהסיא מבייש דעם רבין ר׳ בונם. אמת, זיי אַליין זענען שוין צום רבין ר׳ בונם נישט געפאָרן, זיי האָבן אָבער געוווסט, אַז דער רבי ר׳ בונם ציט נאָך ווייטער דעם פאַדים פון „ייד־הקדוש". האָבן זיי נישט געקאָנט רואיק צוהערן ווי מען „קלאַפּט" אויפן פשיסכער דרך. האָט מען טאַקע אין די קרעטשמעס נאָר געטרונקען און גערעדט וועגן פשיסכער און וועגן דעם גורל, וואָס וואַרט אויף אים, נאָר עס זענען אויך געפלויגן פעטש צווישן די פאַרשידענע חסידים.

— ווייסטו כאָטש, ווער דער רבי ר׳ בונם איז? — האָט א פּוילישער חסיד מיט א צעפלאַמטער קופּער־רויטער באָרד און פאַררייסענעם שטערן געשריגן צו א קליין אויסגעדאַרט יידל פון גאַליציע, — ווייסטו, אַז דער רבי ר׳ בונם איז א זון פון א גאָר מיוחסדיקער משפּחה? אַז זיין פאָטער ר׳ צבי הירש איז געווען א מגיד אין וואָידיסלאַוו, איז ארומגעפאָרן איבער פאַרשידענע שטעט און געהאַלטן דרשות און האָט מחבר געווען די ספרים „עשרה למאה" און „עשר צבי"? *)

— און האָט ער ערגיץ ווו געלערנט —האָט דער גאַליציאַנער חסיד געוואָלט וויסן— איז ער אויך א בן־תורה, צי שפּאַרט ער זיך בלויז אָן אויפן יחוס פון פאָטער?

— ער האָט יחוס עצמו —האָט דער פּוילישער חסיד געגעבן א ברייטן מאַך מיט דער האַנט— ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן געלערנט אין דער ישיבה און אין מאַטעסדאָרף אין אונגאַרן ביי דעם גאון ר׳ ירמיה **) און דערנאָך אין דער גרויסער ישיבה אין ניקעלסבורג ביים גאון ר׳ מרדכי באַנעט***).

*) דער רבי ר׳ שמחה בונם איז געבוירן געוואָרן אַז ערד אין יאָר תקכ"ה — 1765.

**) געוואָרן ראש ישיבה אין יאָר תק"ל — 1770.

***) געבוירן תקי"ג — 1743, נפטר געוואָרן תקפ"ט — 1829.

דער רבי ר׳ בונם — האָט דער פּוילישער חסיד ווייטער דערציילט — האָט געשמט פאר א גרויסן עלוי, א סך קהלות האָבן אים געוואָלט אויפנעמען פאר רב, אָבער ער האָט אינערגעץ נישט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות. און פּלוצלינג ווערט ער גאָר אן ארויסהעלפער פון אן אפּטייקער אין ווארשע, ווער קאָן פארשטיין די וועגן פון די צדיקים — האָט דער פּוילישער חסיד צו זיך אליין געפרעגט — דערנאָך האָט ער חתונה געהאט קיין פּשיסכע און ער איז אָפט געפאָרן אין זיינע מסחרים קיין דייטשלאנד און דאנציג און גענאנגען אָנגעטון אין קורצע „דייטשע" מלבושים.

דער שפּעטערדיקער פּשיסכער רבי, ר׳ בונם, דערציילן די אלטע חסידים — האָט דער פּוילישער חסיד גערעדט מיט א נידעריקער שטימע, אזוי ווי ער זאָל וועלן פאר אים אנטפּלעקן א גרויסן סוד — פלעגט זיך אין דאנציג חברן מיט „דייטשן", דאָרט איז ער אָפט געגאנגען מיט זיי אין טעאטער, אפילו געשפּילט מיט זיי אין קאָרטן, אָבער נישט, חלילה, פון פארשייטקייט, נאָר כדי צו פארהיטן אנדערע יידן פון אן עבירה.

און ווען דער „ייד־הקדוש" איז נפטר געוואָרן (חול המועד סכות תקע"ד — 1814), איז דער „דייטש" ר׳ בונם אויסגעקליבן געוואָרן פון אלע זיינע תלמידים פארן ממלא־מקומו און ער האָט אָנגעהויבן ווייטער ממשיך צו זיין די שיטה פון זיין רבין דעם „ייד־הקדוש".

— און וואָס איז זיין דרך אין חסידות? — האָט דער גאליציאנער חסיד ווייטער געפרעגט — פארוואָס „קלאַפּט" מען אויף אים אזוי שטארק?

דער רבי ר׳ בונם לערנט אונדז — האָט דער חסיד געציילט זיינע ווערטער — אז יעדע מצווה דארף געטון ווערן בסוד־סודות בחדרי חדרים פון זיין הארץ אליין, נישט בלויז דארף די מצווה געטון ווערן פארהוילן פון אנדערע, נאָר אפילו פון זיך אליין.

דער עיקר עבודה זאָגט דער רבי ר׳ בונם איז צו קומען צו דער מדרגה פון אמת. ווייל יעדע תנועה — לערנט ער מיט זיינע חסידים — וואָס האָט אין זיך עפּעס א פּניה, א פאלשע כוונה, איז גליך, ווי מען וואָלט געדינט צו דער עבודה־זרה. „וואָרום, וואָס איז די נפקא־מינה, צי א מענטש דינט א פרעמדע עבודה־זרה, צי ער דינט זיך אליין?"

און אויך דאָס תשובה טאָן, זאָגט דער רבי ר׳ בונם, דארף זיין אנדערש ווי זי איז געטון געוואָרן ביז איצט. ווייל די אמתע תשובה דארף

ביים רבין...



(צייכענונג פון יוסף זיידענבייטעל)

זיין מיט א צעבראָכן הארץ אזוי, אז דער וואָס טוט די תשובה, זאָל מער נישט פארלאַנגען, נאָר אז מען זאָל אים מוחל זיין די זינד, אָבער נישט אזוי ווי עס טוען א טייל חסידים; זיי שרייען „סלח לנו, מחל לנו" און תיכף פארלאַנגען זיי שוין אויך א רפואה און פרנסה...

אַט צוליב דעם, וואָס דער רבי ר' בונם לייגט דעם טראָפּ אויף דער כוונה פון דער מצווה מער ווי אויף דער מצווה אליין, האָבן פּשיסכער חסידים אָנגעהויבן ארייננצולייגן וואָס אמאָל מער כוונות אין יעדער מצווה און דאָס האָט געברענגט דערצו, אז מען האָט פארשפּעטיקט זייער אָפט דעם זמן תפלה און חסידים פון אנדערע רביים האָבן אויסגעטראַכט אויף אונדז, אז ווען א „געהויבענער" פּשיסכער חסיד האָט אמאָל נישט געהאַט קיין אמתע כוונה, האָט ער איינגעמאַנצן דעם טאָג נישט געדאַוונט. הגם קיינער קאָן דאָס נישט עדות זאָגן ביי א בית־דין. אָבער פון די פארשידענע „תורות", וואָס זענען פארבליבן פון רבין ר' בונם, זעט מען, אז ער האָט געלייגט דעם הויפּט געוויכט אויף דעם, מען זאָל קומען צו השגת־הבורא, דורך פארטיפן זיך אין גאָטס מעשים.

— דאָס וועט מען טאַקע זען ביים משפּט אויף דער גרויסער חתונה, אדרבא, זאָל דער רבי ר' בונם קומען און זיך פארענטפערן.

— אונדזער רבי האָט זיך גאָר נישט וואָס צו פארענטפערן, אויף יעדן נייעם דרך האָט מען תמיד מקטרג געווען. ווייסט איר ווי אזוי דער רבי ר' בונם טייטשט „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ", (בראשית א.' א.') בראשית — די ערשטע זאַך, וואָס א ייד דאַרף טון, איז דערוויסן זיך מיטן אייגענעם שכל, אז „ברא אלהים את השמים ואת הארץ", אז גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד, דאָס דאַרף מען נישט בלויז גלויבן, נאָר קומען דערצו דורכן שכל. אַט דאָס איז דער נייער פּשיסכער דרך און דער רבי ר' בונם האָט ווידער אויסגעטייטשט: „לעולם יהא אדם ירא שמים בסתר". „לעולם" — פאַר דער וועלט, יהא אדם, — דאַרף מען זיין א מענטש, „ירא־שמים" דאַרף מען זיין „בסתר".

— שוועה פאַר מיר דאָס צו פארשטיין — האָט דער גאַליציאַנער חסיד געגעבן א קוועטש מיט די פּלייצעס — מיין מוח קאָן דאָס נישט משיג זיין.

* * *

אַלע צדיקים פון יענעם דור האָבן אָבער מורא געהאַט, אַז די שיטה פון פשיסכע, וואָס דער רבי ר' בונם האָט אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן צווישן די פּוילישע חסידים, וועט די חסידים, חס־ושלום, אַראָפּפירן פון דרך הישר, און זיי האָבן זיך אַלע צונויפגערעדט צו לייגן דעם רבין ר' בונם אין „חרם" אַריין און געוואָלט האָבן זיי, אַז דאָס זאָל געטון ווערן אויף דער גרויסער אַסטיליער חתונה.

די הויפּט־קעמפער קעגן דעם פשיסכער רבין זענען די צוויי גרעסטע רביים פון יענעם דור: דער רבי ר' יעקב שמעון דייטש פון ווישניצע, וועל־כער האָט דערנאָך געוווינט אין זשעליכאָוו און האָט אין די צייטן פונעם „חוזה" גערודפט דעם „ייד־הקדוש", ווייל ער האָט „בוגד" געווען אינעם „חוזה", און דער רבי ר' יוסף יאַרטשאָווער, וועלכער האָט דערנאָך גע־וווינט אין טאָמאַשאָוו, וועלכער איז געווען אַ הייסער חסיד פון דעם אַפּטער רבין ר' אברהם יהושע און האָט כסדר אויסגערעדט פאַרן אַפּטער אויפן רבין ר' בונם.

דער אַלטער אַפּטער האָט אָבער קיינמאָל נישט געוואָלט אָננעמען זייערע רכילות און ער האָט תמיד געזאָגט, אַז ער מוז אויך אויסהערן דעם צווייטן צד וואָס דער רבי ר' בונם אַליין וועט זאָגן.

מחמת דעם האָבן די צוויי צדיקים געזען, אַז דער אַפּטער רבי אַליין זאָל אַרויסשיקן אַ חתונה־בריוול צום רבין ר' בונם און אים פאַרבעטן אויף דער חתונה, כדי דאָרט צו פירן אַ וויכוח מיטן רבין ר' בונם און אויפווייזן דעם אַפּטער, ווי ווייט דער דרך פונעם רבין ר' בונם האַלט נישט אויס די הויפּט יסודות פון דער יידישער אמונה, דערנאָך וועט שוין דער אַפּטער רבי אַליין הייסן לייגן אין חרם אַריין, אים מיט זיין „כת".

האָט דער רבי ר' בונם אַליין אויך באַקומען אַ חתונה־בריוול פון אַלטן אַפּטער רבין און ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו פאָרן אויף דער חתונה.

און בעת אין אַלע רבישע הויף האָט מען זיך געפרייט, וואָס מען וועט קאָנען בקרוב זען די צורה פונעם הייליקן אַפּטער רבין, איז מען אין פשיסכער הויף אַרומגעגאַנגען פאַראומערט.

דער רבי ר' בונם האָט אַריינגערופן צו זיך זיינע בעסטע תלמידים און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

„הגם איך ווייס, אז איך וועל דאָרט אויסשטיין גרויסע בזיונות, דאָך וועל איך אויף גאָר נישט קוקן און פאַרן קיין אסטיליע.

„איך ווייס", האָט ווייטער ר' בונם געזאָגט, „אז די צדיקים האָבן מיך פארמסרט פארן אלטן אפּטער רבין, אָבער איך וועל זיי ווייזן, ווער עס גייט אין דרך־הישר און ווער נישט, וועלכער איז דער אמתער חסידישער דרך און וועלכער נישט. זיי האלטן זיך פאר צדיקים און ווייסן נישט, וואָס דער „חוזה" פון לובלין האָט אין זיינע יונגע יאָרן געזאָגט, דעמאָלט, ווען ער האָט נאָך געזוכט א דרך אין חסידות, נישט בלויז געזעסן אויף דער שטול און באַוויזן מופתים. און אין זיינע יונגע יאָרן האָט דער רבי פון לובלין געזאָגט אזוי: „ס'איז בעסער א רשע, וועלכער ווייסט, אז ער איז א רשע, איידער א צדיק, וואָס ווייסט, אז ער איז א צדיק", וועל איך אויך פאָרן קיין אסטיליע צו דער גרויסער חתונה און וועל זיך מיט זיי דאָרט אויסטענהן."

די תלמידים פונעם רבין ר' בונם זענען אלע געשטאַנען און געציטערט אימת־מות, זיי האָבן מורא געהאַט אָפּצוּווענדן דעם רבין פון דער נסיעה. זיי האָבן פארשטאַנען, אז קוים פאָרט דער רבי אויף דער חתונה, וועט דאָרט קיין גוטס נישט ארויסקומען. אָבער דאָ האָט דער טאָמאַשאָווער יונגערמאַן, ר' מענדעלע, דער שפּעטערדיקער קאָצקער רבי, זיך אָנגערופן צו די חסידים:

„וואָס האָבן מיר מורא צו האָבן פאר זיי? מען זאָגט, אז עס וועלן דאָרט זיין איבער הונדערט „ווייסע בעקעשעס" (די רביים זענען דעמאָלט געגאַנגען אין ווייסע בעקעשעס), אויך אין פּשיסכער שענק, בעת א יאריד, קאָנען מיר טרעפן א פאָר הונדערט ווייסע בעקעשעס!" (די פּויערים פון דאָרף האָבן דאַן אויך געטראָגן אזא מין ווייסע בעקעשע).

„אמת, מענדעלע מיינער," האָט דער פּשיסכער רבי געזאָגט. „מיר דארפן דאָרט זיין, מיר דארפן פאָרן און נישט ארויסווייזן קיין גאווה צו זיי, ווייל א ייד דארף זיך נישט האלטן שטאָלץ, ווארום א ייד (דער אות „י") אויב ער איז צו גרויס, — איז ער אוים ייד... (ווייל ער ווערט א „ו")."

און גלויבט מיר, האָט דער פּשיסכער רבי א ווײַלע זיך פארטראַכט און ווייטער געזאָגט, אז איך פּיל איצט, אז איך וואָלט געקאָנט ברענגען משיחן, אָבער איך שטעל מיר פאָר, ווי אזוי משיח וועט אָנקומען. קודם־

כל וועט ער זיך באַקענען מיט אַלע גדולי־ הדור און אַלע צדיקים וועלן אים אַנטקעגנגיין און דאָרט, ביים אַלטן אַפּטער, וועלן זיך צונויפקומען אַלע צדיקים צוזאַמען מיט משיחן, דער אַפּטער רבי וועט זיצן אויבנאָן; פון ביידע זייטן טיש וועלן זיצן די גרויסע צדיקים און איך וועל זיצן ביים סאַמע עק... וועט מסתמא דער אַלטער אַפּטער רבי באַלד פרעגן משיחן, ווער עס האָט אויסגעפּועלט, ער זאָל קומען, וועט משיח אָנווייזן אויף מיר און זאָגן: „אָט דער, בונם פשיסכער, האָט אויסגעפּועלט!... וועט דער אַפּטער דערפון האָבן גרוים עגמת־נפש... און דערפאַר טאַקע, וויל איך נישט ברענגען משיחן... איך וויל נישט דעם אַלטן מצער זיין, אָבער פאָרן צו אים דאַרף מען!"...

די תלמידים האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם לעצטן וואָרט, האָט דער פשיסכער נאָר געמיינט צו זאָגן אַ שטיקל הלצהלע... און דער פשיסכער רבי האָט זיך געהייסן באַלד געבן זיינע שבתדיקע מלבושים, באַפוילן דעם גבאי, ער זאָל שפאַנען די פערד, און איז אַרויסגעגאַנגען אינמיטן מאַרק אַריין, זיך אויפזעצן אויף דער בויד.

אים האָבן באַגלייט זיינע תלמידים ר' הירש טאָמאַשאָווער, ר' הענעך אַלעקסאַנדער, ר' איטשע־מאירל פון וואַרשע, ר' יצחק וואָרקער, ר' מענ־דעלע טאָמאַשאָווער און אַ סך אַנדערע שאַרפע חסידים.

זיי אַלע האָבן געוווּסט, אַז מען טאָר נישט דערלאָזן, דער רבי ר' בונם זאָל פאָרן אויף דער חתונה, אָבער זיי האָבן נישט געוווּסט, ווי אַזוי אָפּצוּווענדן דערפון. זיי האָבן אפילו וועגן דעם גערעדט מיט דעם וואַר־שעווער עלוי, ר' איטשע־מאירלען, וועלכער איז געווען זייער באַליבט ביים פשיסכער, אָבער דער וואַרשעווער עלוי האָט נישט געוואָגט צוצוגיין צום רבין אים דאָס זאָגן.

און דער פשיסכער רבי וואָלט זיכער געווען געפאָרן אויף דער חתונה, ווען נישט וואָס ר' מענדעלע טאָמאַשאָווער האָט זיך איינגעשטעלט ממש דאָס לעבן און אים אָפּגעהאַלטן דערפון.

ב

אין א קרעטשמע פאר אסטיליע

דער רבי ר' בונם איז שוין געשטאנען אין זיינע שבתדיקע מלבושים נעבן דער בויד, איין פוס שוין געהאט ארויפגעשטעלט אויפן טרעפל, ווען ער האט פלוצלינג דערהערט, ווי א יונגערמאן שרייט מיט זיינע לעצטע כוחות:

„איך וועל נישט לאזן דעם רבין פארן! סיידן איבער מיין גוף וועט דער רבי אדורכפארן!"

דער רבי ר' בונם, ביי וועמען די ראיה איז שוין געווען א ביסל קאליע, האט דערקענט אין קול, ווער עס שרייט, און ער האט געהייסן אויפ־הייבן דעם יונגנמאן, וואס איז געלעגן אויסגעשטרעקט פאר דער פור, און אים געהייסן צופירן צו זיך.

דאס איז געווען דער טאמאשאווער יונגערמאן, ר' מענדעלע.

„וואס האסטו מורא, מענדעלע?", האט זיך דער רבי ר' בונם צו אים אנגערופן, גלעטנדיק אים איבער דער פלייצע, „לאמיר אלע פארן און זיי וויזן, די אלע צדיקים, וואס ווילן זיך דארט צונויפקומען, ווער מיר זענען!"...

„און ווייסט איר, פארוואס עס שטייט: „ה' פוקח עורים, ה' זוקף כפופים, ה' אוהב צדיקים"?" האט זיך דער רבי ר' בונם, תוך כדי דבור, געווענדט צו די חסידים, „ווי קומען די צדיקים צו די בעלי־מומים? נאר דער תירוץ איז, אז דאס איז אויך נעבעך א מוראדיקער מום, ווייל עס איז נישטא קיין גרעסערע קאליקע ווי דער, וועלכער האלט זיך פאר א צדיק!"...

— אבער אויב דער רבי וועט פארן,—האט זיך ר' מענדעלע אנגערופן מיט א ברענענדיקן קול — וועל איך אויך מיטפארן, ווייל עס איז א דין, אז „רב שגלה — תלמידו גולה עמו" (ווען דער רבי וואנדערט אוים, מוז דער תלמיד מיט אים מיטוואנדערן)".

— וועלן מיר אלע מיטפארן! — האבן אלע חסידים מיטגעשריגן.

— ניין! פאר אייך האב איך מורא — האט דער רבי ר' בונם געענט־

מ׳פאָרט צום רבין...

(צייכענונג פון רחל שאליט מארקוס)

פערט, — בפרט נאָך פאר דיר, מענדעלע, פאר דיין „פייערדיקער צונג" — ציטער איך גאָר שטארק!...

— אויב אזוי, זאָל דער רבי אויך נישט פאָרן! — האָבן שוין גע־שריגן די הונדערטער חסידים, וועלכע האָבן זיך פארזאמלט אין מארק.

דער פשיסכער רבי האָט זיך א ביסל פארטראכט, א פיר געטון מיט דער האנט איבערן שטערן, און דערנאָך האָט ער אָנגעכאפט ר' מענדעלע טאָמאשאָווער מיט ביידע הענט ביי די לאצן פון דער בעקעשע, ווי זיין דרך איז געווען, און געזאָגט:

—אוודאי, אז מיר האלטן זיך צוזאמען, האָבן מיר פאר זיי קיין מורא נישט!

און דער רבי איז צוריק אין זיין הויז אריין.

באלד נאָך מעריב האָט דער פשיסכער רבי געהייסן אריינרופן צו זיך די שארפע חסידים זיינע; מען האָט פארמאכט די לאָדנס פון די פענסטער, כדי קיינער זאָל נישט זען, וואָס עס וועט אינעווייניק געשען, און מען האָט גענומען טראכטן אן עצה, ווי אזוי צונישט־צו־מאכן די פלענער פון דעם קירהשן רבין ר' יעקב שמשון דייטש און די אנדערע רביים, וועלכע ווילן אויספועלן ביים אלטן אפטער רבין, ער זאָל זיי אלע לייגן אין „חרם" אריין.

ביז נאָך חצות האָט געדויערט די געהיימע אסיפה ביים רבין ר' בונם אין שטיבל, און עס איז באשטימט געוואָרן, מען זאָל ארויסשיקן אויף דער חתונה פינף תלמידים, וועלכע זאָלן קאָנען מלחמה האלטן מיטן אנדערן צד. די פינף תלמידים האָבן געדארפט זיין: א תלמיד־חכם, א חסיד, א נגיד, א בעל־לשון און א חכם.

דער רבי ר' בונם אליין האָט אויסגעקליבן צווישן זיינע תלמידים די אלע פינף חסידים. זיי האָבן זיך געדארפט מתוכח זיין אויף דער גרויסער חתונה אין אסטיליע מיט די מלשינים זייערע.

אלס חסיד איז אויסגעקליבן געוואָרן ר' פייוועלע גריצער, וועלכער איז נאָך געווען א הייסער חסיד ביים „חוזה" אין לובלין. אלס חכם — ר' זישע שעדליצער, וועלכער האָט געשמט פאר א גרויסן חכם צווישן די פשיסכער חסידים. אלס נגיד — ר' יששכר'ל הארוויץ, וועלכער האָט גע־שטאמט פון א גרויסער מיוחסדיקער משפחה און איז געווען אן איידעם פון דער דעמאָלט־באקאנטער ווארשעווער נגידתטע, טעמערל. אלס בעל־

לשון — ר׳ אליעזר־בער פון גראַכאָוויץ, וועלכער האָט געהאַט אזא כח אין רעדן, אז די פשיסכער חסידים האָבן אויף אים געזאָגט, אז ער קאָן צונויפ־פירן אין רעדן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט; און אלס תלמיד־חכם האָט דער פשיסכער רבי אָנגעוויזן אויפן ווארשעווער עילוי ר׳ איטשע־מאיר, דער שפּעטערדיקער גערער רבי.

האָט זיך דער ווארשעווער עילוי זייער שטארק דערשראָקן, דערהערנ־דיק, אז ער איז אויסגעקליבן געוואָרן צווישן די פינף, וואָס דארפן פאַר־טיידיקן דעם פשיסכער רבין, און ער האָט זיך פאַר גרויס שרעק צעוויינט. איז צו אים צוגעגאנגען דער רבי ר׳ בונם און האָט צו אים געזאָגט אַ ווערטל:

„וואָס וויינסטו? ווייסטו פארוואָס די גמרא זאָגט „שערי דמעות לא ננעלו"? (ברכות ל״ב) אויב די טויערן זענען קיינמאָל נישט פארשלאָסן, טאָ צו וואָס און פאַר וועמען זענען די טויערן? איז דער ענטפער: פאַר די טרערן פון די שוטים, וועלכע וויסן אָפּטמאָל נישט, פארוואָס זיי וויינען; דו, אָבער, געהערסט דאָך זיכער נישט צו זיי, טאָ פארוואָס וויינסטו? האָב גאָר קיין מורא נישט — האָט ער אים געגעבן אַ גלעט איבער דער באַק — פאַר און דו וועסט זיי בייקומען!"

ווען דער רבי ר׳ בונם האָט ארויסבאגלייט די חסידים פון זיין חדר, איז שוין געווען זייער שפּעט. ער האָט זיך מיט יעדן באזונדער געזעגנט און האָט אין זיי אריינגעגעבן גרויס התחזקות. די פינף תלמידים זענען צוזאמען מיט די אנדערע חסידים, צוגעגאנגען צו דער חסידישער שענק וואָס האָט זיך געפונען אין מיטן מארק. ר׳ יאָסל דער שענקער איז שוין אפילו געהאַט געשלאָפן, אָבער אז ער האָט דערהערט, ווער עס קלאפּט אין די לאָדנס, האָט ער זיך אויפגעהויבן, איז ארויסגעקומען אין אַ כאַלאַטל און האָט זיי ארויסגעגעבן אַ פלאַש ריינעם אַקעוויט.

די חסידים האָבן ביים שיין פון דער לבנה געטרונקען „לחיים".

ר׳ פייוועלע גריצער, דער אלטער לובלינער חסיד, איז געשטאַנען אין אַ זייט און האָט געטרונקען פון פלעשל און געוויינט, וואָס ער מוז אויף זיינע עלטערע יאָרן צו אַ פרעמדן רבין פארטיידיקן דעם פשיסכער דרך. דאָס האָט באמערקט ר׳ מענדעלע טאָמאַשאָווער און ער איז צו אים צוגעגאנגען און געפרעגט:

— וואָס ביסטו בצער? לאָז מיך אויף דיין אָרט, וועסטו זען, ווי איך וועל זיך מיט זיי מתוכח זיין!

די אנדערע חסידים האָבן אויך באמערקט, אז ר׳ פייוועלע גריצער וויינט, איז ר׳ הענעך אלעקסאנדער צו אים צוגעלאָפן און האָט געשריגן:

— דאָס הייסט א פשיסכער חסיד? דעם „ייד־הקדושס" א תלמיד זאָל וויינען? שוין זאָל ער געבן אויף משקה, אז נישט וועלן מיר אים גלייך מאכן א „מי שנכנס" אין סאמע מיטן מארק!

און באלד האָבן אים א כאפ געטון א פאָר חסידים און האָבן אים אריבערגעלייגט אויפן גרויסן שטיין, וואָס איז געלעגן אין מיטן מארק, און מען האָט געשלאָגן מיט די גארטלען, ביז ר׳ פייוועלע האָט געשריגן, אז ער וועט שוין זיין בשמחה און ער וועט געבן משקה אין דער קרעטשמע וואָס געפינט זיך פאר אסטיליע.

עס איז געקומען צו פאָרן אין מיטן מארק אריין א גרויסע בויד און די פינף חסידים האָבן זיך אריינגעזעצט אין דער בויד אריין. דער וואר־שעווער עילוי האָט געגעבן א שטופ אוועק יאנטעקן, דעם „הויפישן" בעל עגלה, האָט גענומען די לייצעס אין די הענט אריין אָנצוטרייבן מיט די פערד, און ר׳ מענדעלע טאָמאשאָווער האָט נאָכגעשריגן:

„גוט אזוי! און איר טאַקע", האָט ער זיך געווענדט צו די איבריקע פיר תלמידים, „זאָגט דאָרט, אין אסטיליע, די גאליציאנער „רבטשיקעס", אז דער בעל עגלה פון די פשיסכער חסידים האָט מער תורה אין מינדסטן נאָגל, ווי זיי אין גאנצן לייב און לעבן!"

די פינף חסידים זענען אזוי געפאָרן א נאכט מיט א טאָג, און ערשט שפעט אין דער צווייטער נאכט זענען זיי אָנגעקומען אין דער קרעטשמע אריין, וואָס האָט זיך געפונען נעבן אסטיליע.

ארום דער קרעטשמע איז געווען אן ענגשאפט און א שטופעניש, אז מען האָט פשוט נישט געקאָנט אדורכגיין. די פינף פשיסכער חסידים האָבן אָפגעשטעלט די בויד אין דער זייט וועג און האָבן אָפגעמאכט ביי זיך אריינצוגיין אין דער קרעטשמע פארשטעלטערהייט, נישט אויסגעבנדיק זיך ווער זיי זענען.

אין דער קרעטשמע האָט געראָיעט ווי אין א בינשטאָק, הונדערטער חסידים זענען געזעסן ארום די טישן און האָבן געטרונקען וועד בראנפן,

ווער ביר און ווער בלויז א ביסל טיי. די פינף חסידים האָבן זיך אוועקגע־זעצט אין א זייט, זיי זאָלן זיך נישט שטארק אָנזען, און ר׳ זישע שעדליצער האָט תיכף דערמאָנט ר׳ פייוועלע גריצער, אז ער דארף הייסן געבן משקה.

— דו ווייסט דאָך, אז איך האָב אזא רצון ווי דו, נאָר וואָס זאָל איך טון, אז איך האָב נישט קיין אָפּגעריבענע מטבע ביי דער נשמה.

— וואָס גייט עס אונדז אָן? — האָבן די פיר תלמידים געענטפערט,

— האָסט צוגעזאָגט, שטעל משקה!

— אָבער, אז איך האָב פּאָרט נישט!

— טאָ פאַרזעץ דעם טלית און תפילין!

— אָבער מיר האָבן דאָך אָפּגעמאכט, אז מיר זאָלן זיך נישט אויס־געבן, און אז מען וועט דערזען, אז מיר פאַרזעצן די טליתים אויף משקה, וועט מען זיך גלייך דערוויסן, ווער מיר זענען.

— נו, אז אונדז ווילט זיך פּאָרט טרינקען? — האָט זיך ר׳ אליעזור־בער, דער בעל־לשון, אָנגערופן.

— ווייסט איר וואָס, איך האָב אַן עצה — האָט ר׳ זישע שעדליצער געענטפערט, — זאָל ער טאקע פאַרזעצן זיין טלית און תפילין, אָבער נישט ביי א פרעמדן, נאָר ביי ר׳ יששכרל האָראָוויץ, דעם גבירישן איידעם.

די עצה איז אלעמען זייער געפעלן, א חוץ ר׳ יששכרלען, אָבער ער האָט קיין ברירה נישט געהאט. ער האָט געמוזט ארויסנעמען פון טייס־טער א זילבערנע מטבע און באָרגן ר׳ פייוועלען, און ר׳ פייוועלע האָט אים אוועקגעגעבן זיין טלית און תפילין־זעקל.

— עס פארשטייט זיך — האָט ר׳ זישע שעדליצער צוגעגעבן — אז ווען ר׳ פייוועלע וועט דארפן דאווענען, וועט אים ר׳ יששכרל אויסבאָרגן דאָס תפילין־זעקל. ער וועט דאָך נישט וועלן, אז ר׳ פייוועלע זאָל, חס־וחלילה, צוליב אים נישט קאָנען דאווענען...

ר׳ יששכרל האָט דערזען, אז ער איז אריינגעפאלן, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט, די זילבערנע מטבע איז שוין געלעגן אין ר׳ פייווע־לעס טאש.

— צו וואָס זאָל איך נאָך זיין א שומר פון דיין טלית און תפילין? — האָט זיך ר׳ יששכרל אָנגערופן צו ר׳ פייוועלען — נעם זיי דיר שוין צוריק.

די פינף פשיסכער תּלמידים האָבן זיך אוועקגעזעצט ביים טישל און האָבן באַשטעלט אַ גאַנצן טאָפּ מעד.

די קרעטשמע איז געווען פול מיט רויך אַזוי, אַז מען האָט קיין מענטש נישט אַרויסגעזען. אין דער לופט האָבן זיך אַרומגעטראָגן פאַרשידענע קולות און געשרייען.

גאַנץ אויבן, אין דער קרעטשמע ביי אַ גרויסן טיש, זענען געזעסן עטלעכע רביים פון פּוילן און גאַליציע. אַרום דעם טיש האָט מען זיך געשטופּט פון אַלע זייטן צו הערן, וואָס די רביים רעדן. פון צייט צו צייט האָבן די גבאים פון די פאַרשידענע רביים אָנגעהויבן אָראָפּצוּוואַרפן די קאַפּעליושן און היטלען פון די חסידים, כדי זיי זאָלן זיך אויפהערן צו שטופּן און איבער דער שענק האָבן אָנגעהויבן צו פליען אַ מבול פון קאַפּעליושן, פּוילישע היטעלעך, שמויסענע היטלען און ברייטע סאַמעטענע יאַרמעלקעס. און ווען עס איז שטיל געוואָרן אויף אַ פּאָר מינוט, האָבן די פינף תּלמידים דערהערט פון דעם אָרט, וווּ דער עולם האָט זיך געשטופּט, פאַרשידענע געשרייען:

— „און יעדער זאָג ענק, אַז ער וועט זיבער קימען" — האָט אַ גאַליציאַנער חסיד געשריגן.

— „מע־מאַ זען" — האָט אַ פּוילישער חסיד געענטפערט.

— „וואָזש דאַרפן מיר זשיי — האָט אַ חסיד, וואָס האָט געשטאַמט פון דער ליטע, געקוויטשעט אויף אַ ביי־קולכל — וועלן זשיי זשיך ניט קומען, וועלן מיר אַליין דערציילן דעם הייליקן אַפּטער וועגן זשיי זשיינען!"

די פינף תּלמידים האָבן פאַרשטאַנען וועגן וואָס מען רעדט איצט צווישן אַלע רעדלעך, אָבער זיי האָבן זיך נישט וויסנדיק געמאַכט און דערווייל אויסגעליידיקט דעם גאַנצן טאָפּ מעד.

עס האָט זיך זיי אָבער געוואָלט נאָך טרינקען און זיי האָבן געזוכט אַן עצה, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן פון דעם גבירס איידעם, ר' ישׂשכרלען, נאָך אַ זילבערנע מטבע, ביז דער וואַרשעווער עילוי, ר' איטשע־מאירל, איז געפאַלן אויף אַן אויפטו און ער האָט זיך אָנגערופן צו ר' ישׂשכרלען:

— ישׂשכרל, דו דאַרפסט היינט געבן משקה, ווייל דו זיצסט ביים רבנישן טיש.

— ביי וואָסערן טיש? — האָט ר' ישׂשכרל געפרעגט — דו ביסט

אפנים א קנאפער חסיד, אז א פּאָר גלעזלעך מעד האָבן דיר שוין דעם קאָפּ צעשרויפט.

— האָב נישט קיין מורא, איך ווייס וואָס איך רעד, אז איך זאָג אז דו זיצסט ביים רבינס טיש, ווייס איך, וואָס איך מיין! הערטס, רבותי — האָט ער זיך געווענדט צו די פיר פּשיסכער חסידים — צי איך האָב נישט רעכט: צי האַלט איר נישט, אז אונדזער רבי דאַרף זיין אזוי גרויס, אז די גאַנצע וועלט וואָלט געדאַרפט צו אים פאָרן?

— זיכער! — האָבן זיך די פּשיסכער חסידים אָנגערופן.

— נו, וואָלט דאָך דער טיש זיכער דערגרייכט פון פּשיסכע ביז אהער און דו, וואָס דו האָסט די זכיה צו זיצן אָט־דאָ — האָט ער אָנגעוויזן אויפן עק טיש — ביסטו דאָך פון רבינס טיש־זיצערס, נו פרעג איך אייך: דאַרף ער נישט געבן קיין משקה?..

די אַלע פיר חסידים האָט זייער א הנאה געטאָן פון דעם וואַרשעווער עילוים אויפטו און ר' יששכרל האָט טאַקע גלייך ארויסגענומען א פרישע זילבערנע מטבע פון זיין טייסטער און באַשטעלט א גאַנצן פלאַש ריינעם אקעוויט און מען האָט גענומען ווייטער טרינקען.

אין עק, ביי א טישל, זענען געזעסן א פּאָר אַלטע קאָזשניצער חסידים און האָבן געזאָגט תהילים. זיי האָבן זיך צוגעקוקט ווי נעבן זיי, ביי א טיש, זיצן פינף יידן, רעדן מיט קיינעם נישט, נאָר זיי האַלטן כסדר אין איין טרינקען. דערצו נאָך האָבן זיי באמערקט, ווי די פינף יידן לאַכן אָפּ אין דער זייט פון פאַרשידענע רביים, וועלכע זענען פון צייט צו צייט אדורכגעגאַנגען פאַר זייער טיש. האָט זיך שוין איינער, א גאָר אַלטער קאָזשניצער חסיד נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט צו זיי אריבערגעשריגן:

— נו, הוללות! איר לאָזט דאָך נישט קיין יידיש וואָרט אין מויל אריינגעמען, געזען אמאָל אזעלכע מיני ברואים, זיצן א גאַנצע נאַכט, פּיען ווי די אמתע גויים און מאַכן נאָך לצנות פון ערלעכע יידן און צדיקים.

— און איר וואָס טוט? — האָט זיך ר' אליעזר־בער, דער בעל־לשון אָנגערופן.

— וואָס מיר טוען? — האָט אן אַלטער קאָזשניצער חסיד בייז געענטפערט — איר זעט דאָך, וואָס מיר טוען. מיר פאַרברענגען נישט די

נאכט מיט שטותים, ווי איר, מיר האָבן געשמועסט פריער חסידות און דערנאָך האָבן מיר אָנגעהויבן צו זאָגן תהלים.

— א שיין שטיקל ארבעט, כ'לעבן — האָט זיך ר' איטשע מאיר אָנגערופן — אויף דעם וואָס דוד המלך האָט אָפּגעהאָרעוועט א גאַנץ לעבן, ווילט איר „אָפּרייבן" אין איין נאכט?

די פשיסכער חסידים, וועלכע זענען שוין געווען שטארק בגילופנדיק, האָבן זיך פון איטשע מאירס ווערטל זייער צעלאכט. די קאָזשניצער חסידים זענען פאר כעס אויפגעשפרונגען פון זייערע ערטער און האָבן אָנגעהויבן צו שרייען:

— מינות! מ'טאָר דאָס נישט הערן! שוין ארויס פון דאנען!...

ר' פייוועלע גריצער, וועלכער איז געווען דער עלטסטער פון די פינף פשיסכער חסידים, האָט זיך גלייך געכאַפּט, וואָס דערפון קאָן ארויסקומען, ער האָט געוואָלט די קאָזשניצער חסידים בארואיקן, און ער האָט זיך צו זיי אָנגערופן:

— האָט נישט קיין פאראיבל! איר זעט דאָך, אז מען האָט גענומען א קאפּיטשקעלע משקה, אָבער דער יונגערמאַן האָט עס נישט אזוי געמיינט ווי איר האָט עס פארשטאַנען; ער האָט נאָר געוואָלט זאָגן, אז דער עיקר איז נישט וויפל מען זאָגט, נאָר ווי אזוי מען זאָגט.

— דאָס איז זייער גוט — האָט דער אַלטער קאָזשניצער חסיד געענטפערט — אָבער אז מען זאָגט גאָרנישט?

— איר פארשטייט — האָט ר' פייוועלע ווידער גענומען איינטענהן מיטן קאָזשניצער חסיד — דאָס זאָגן אליין איז דאָך אויך נישט דער עיקר, נאָר די כוונה, וואָס מ'לייגט אריין דערין, דאָס איז די הויפּט־זאַך. דערפאַר איז שוין נישט קיין נפקא־מינה אין וואָס מען לייגט די כוונות אריין; ממילא קאָן דאָך שוין אויסקומען, אז מען זאָל מיט א גלעזל משקה קאָנען מכוון זיין די זעלבע כוונות, וואָס איר ביים תהלים־זאָגן!...

— אזוי האלט איר? — האָבן זיך די קאָזשניצער חסידים ווידער צעשריגן — ווייסן מיר דאָך שוין, מיט וועמען מיר האָבן צו טון; זענט איר דאָך פון „יענע" חברה, פון דער „כת", און וואָס טוט איר דאָ?

אז מען האָט אין דער קרעטשמע דערהערט, אז דאָ געפינען זיך

חסידים פון דער „כת", איז געוואָרן א גרויס צוזאמענגעלויף פון אלע זייטן צו דעם טיש, ווו די פשיסכער חסידים זענען געזעסן.

די פשיסכער האָבן דערזען, אז זיי זענען שלעכט אריינגעפאלן, אז מען וועט זיי נאָך דאָ קורע־כדג־זיין, און זייער גאנצער פלאן, צו פאָרן קיין אסטיליע, קאָן נאָך אינגאנצן ווערן צו נישט, האָט ר' פייוועלע גריצער א ווונק געגעבן צו די אנדערע פיר פשיסכער חסידים, זיי זאָלן זיך באצייטנס אָפטראָגן, און בעת פון אלע זייטן האָבן זיך דערהערט קולות: „ווו זענען זיי? לאָזט זיי נישט ארויס!", האָבן זיך די פינף תלמידים שטילינקערהייט, בגנבה, ארויסגעשארט פון דער קרעטשמע און זענען שנעל צוגעלאָפן צו דער בויד, אין איילעניש געשפאנט די פערד און זענען אָפגעפאָרן אויפן „קאיזער־וועג", וואָס פירט קיין אסטיליע.

ג

חסידישע קאָזאקן

די גאנצע נאכט זענען די פינף פשיסכער חסידים געפאָרן קיין אָס־טיליע אין איין אימה און פחד. זיי האָט זיך כסדר אויסגעדאכט, אז מען יאָגט זיי נאָך פון דער אכסניה, ווו מען האָט זיי געוואָלט שלאָגן, ווייל מען האָט דערקענט ווער זיי זענען. ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין אָסטיליע, האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. אלע וועגן זענען געווען פול מיט פורן, אָנגעפאקט מיט חסידים, וועלכע זענען זיך צונויפגעקומען פון פארשידענע שטעט און שטעטלעך צו דער גרויסער אָסטיליער חתונה

יעדע פאָר מינוט איז אריינגעפאָרן אן אנדער פור אין אָסטיליער מארק אריין מיט א ליארעם און געפילדער, מיט מוזיק און געזאנג. פון צייט צו צייט איז אויך אָנגעקומען א בויד מיט א רבין. דאָס האָט מען געקאָנט גליַיך דערקענען פון די „קאָזאקן", וועלכע זענען געריטן ארום דער בויד און לויט די חתונה־פארשטעלטע האָט מען געקאָנט וויסן וואָס פאר א רבי עס איז אָנגעקומען — צי ער איז א פוילישער, א רוסישער, צי א „קירהשער" רבי. יעדעס לאנד האָט זיך געהאט זיינע אייגענע חתונה־„קאָזאקן". די רוסישע „קאָזאקן" זענען געגאנגען אָנגעטון ווי טשערקעסן, די פוילישע

— ווי אלט־פּוילישע זעלנער און די גאַליצישע — ווי די אונגאַרישע הו־זאַרן.

די „קאָזאַקן" האָבן אָנגעפילט די גאַסן און געסלעך פון אָסטיליע, און דאָס שטעטל האָט פאַרטאָג אויסגעזען, ווי פרעמדע אַרמייען וואָלטן זיך געווען אַריינגעריסן.

אָנגעקומען קיין אָסטיליע, זענען די פינף פּשיסכער חסידים גלייך פאַרפאָרן צו אַן אכסניה. נאָר אַזוי ווי אַלע אכסניהס זענען שוין געווען פאַרנומען, האָבן זיי קוים מיט צרות באַקומען אַ פּאָר ערטער אויף אַ בוידעם פון אַן אכסניה. דאָס האָט גראָד די פּשיסכער חסידים הנאה געטאָן, ווייל אויפן בוידעם זענען געשלאָפן בלויז אָרעמע לייט, און די פּשיסכער האָבן געוווּסט, אַז דאָ דאַרפן זיי זיך מער נישט שרעקן, אַז מען וועט זיי דערקענען.

די „קאָזאַקן" האָבן גלייך גאַנץ פרי אָנגעהויבן אַרומצוגיין „אָפּ־שפּילן", פון איין אכסניה צו דער צווייטער, וווּ עס איז נאָר איינגעשטאַנען אַ רבי. „רימפּלען" האָט עס געהייסן. און פאַרגעקומען איז עס אויף אַזאַ אופן: פאָראויס איז געריטן אַ חסיד אָן „אַלטער קאָזאַק" אין געלע הויזן און אין אַ הוזאַריש בעלצל, אויפן קאָפּ איז ער געגאַנגען אָנגעטון אַ שפּיציק היטל מיט אַ פעדער.

הינטער אים איז געריטן אַ צווייטער קאָזאַק, די באָרד זיינע איז געווען פאַרקעמט אויףביידע זייטן. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ לאַנגן שטעקן, מיט אַ רויטער פּאַטשיילע אָנגעבונדן ביים שפּיץ. דאָס איז געווען אַזאַ מין פאָן און דער טרעגער פון דער פאָן איז געווען דער „קאַ־פּעלמייַנסטער" פון דער קאָזאַצקער קאַפּעליע פון די גאַליצישע קאָזאַקן.

דעם דאָזיקן טיטל האָט דער „קאָזאַק" באַקומען, ווייל ער איז געווען דער איינציקער, וואָס איז מיטגעפאָרן אַלס שוחט מיט זיין רבין אין אַ „וואַרעם באָד" אַריין קיין אויסלאַנד און דאָרט האָט ער געהערט שפּילן אַ קאַפּעליע.

הינטער דעם „קאַפּעלמייַנסטער" זענען געריטן די איבריקע פון דער „קאָזאַצקער קאַפּעליע". זיי האָבן געהאַלטן פייקלעך אין די הענט, אַ טייל האָבן געהאַלטן שטאַרצן, אַלטע טעפּ, בלעכן און וואַלגער־העלצער, און אַ טייל האָבן מכלומרשט געבלאָזן אין הוילע שטעקנס אַריין, אַזוי ווי זיי

וואָלטן געשפּילט אויף פליטן. צום סוף פון דער קאַפּעליע זענען געריטן די „באַסן", וועלכע האָבן געהאַלטן לאַנגע בעזעמער אין די הענט און זיי האָבן געשפּילט „באַס".

א יעדע פּאָר מינוט איז געוואָרן א געוואַלד ביי דער קאַפּעליע: א פערד האָט זיך צעבריקעוועט און האָט געוואָלט פון זיך אַראָפּוואַרפן דעם חסידישן „קאָזאַק". די טויזנטער חסידים אין מאַרק זענען געשטאַנען און האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער, זעענדיק ווי דער „חסידישער קאָזאַק" קעמפט מיט זיינע לעצטע כוחות, אז ער זאָל קאָנען בלייבן זיצן אויפן פערד, ביז עס איז צוגעקומען דער בעל עגלה, ביי וועמען די „חתונה קאָזאַקן" האָבן אויסגעבאָרגט די פערד, און ער האָט געגעבן א גלעט דעם פערד איבער דער מאָרדע, האָט עס זיך גלייך בארואיקט און די קאַפּעליע איז ווייטער געריטן צו אן אכסניה „אָפּשפּילן"...

איבער אכציק רביים זענען שוין געקומען אויף דער חתונה, און מען האָט זיך געריכט אויף נאָך, ווייל דער אַלטער אַפּטער רבי אליין האָט ערשט געדאַרפט אָנקומען ביינאַכט, און מיט אים האָט מען געוווּסט וועלן זיכער מיטקומען נאָך רביים. אַלע רביים, וואָס זענען שוין געווען אין אָסטיליע, מיט די טויזנטער חסידים האָבן זיך צוגעגרייט דעם אַלטן אַפּטער רבין מקבל פּנים צו זיין.

דער רבי ר' שמעון דייטש און דער רבי ר' יוסף יאַרטשאָווער האָבן געהאַט א באַזונדערע אכסניה פאַר זיך און אן אייגענעם שטאַב פון „קאָזאַקן", וועלכע זענען געקומען יעדע פּאָר מינוט צו לויפן און דערציילט, וועלכער רבי עס איז שוין דאָ אין שטאָט.

דאָס רוב רביים זענען געווען גאַליציאַנער און פּוילישע. דאָס האָט מען געקאָנט זען פון די שטריימלעך און ספּאָדקעס וואָס די חסידים פון גאַליציע און פּוילן האָבן געטראָגן; די גאַליציאַנער חסידים האָבן געטראָגן שטריימלעך פון פערצן שפּיצן און די חסידים פון פּוילן האָבן געטראָגן הויכע ספּאָדקעס.

דער רבי ר' שמעון דייטש, וועלכער האָט דעמאָלט געוווינט אין זשעליכאָוו, האָט זיך אויך געהאַלטן פאַר א גאַליציאַנער רבין, ווייל ער האָט אַמאָל געוווינט אין ווישניצע (גאַליציע). האָט ער אויך געטראָגן א גאַליציאַנער שטריימל פון פערצן שפּיצן און ער האָט זיך געחברט מיט די רביים

פון גאַליציע. די רביים פון פּוילן האָבן אין הארצן אפשר אויך געוואָלט דאָס זעלבע, וואָס ר׳ שמעון דייטש, אז מען זאָל זיך דערווייטערן פון רבין ר׳ בונם און פון זיינע חסידים, אָבער זיי האָבן דאָך דרך־ארץ געהאַט פאַר אים. ר׳ שמעון דייטש האָט געוווּסט, אז זיי ווילן נישט ארויסטרעטן אזוי שארף פאַר דעם אַפּטער רבין קעגן פּשיסכער דרך. איז ר׳ שמעון ארומגע־לאָפן פון איין אכסניה צו דער צווייטער, אומעטום געכאַפּט אויף דער גיך א שמועס מיט א רבין, געטאַפּט דעם דופק און אים אויפגעוויזן ווי גע־פערלעך דער פּשיסכער דרך איז, אז עס איז נישטאָ מער קיין אנדער אויס־וועג, ווי דעם רבין ר׳ בונם אריינוואַרפן אין חרם.

דער רבי ר׳ שמעון האָט אַלץ געמיינט, אז דער רבי ר׳ בונם וועט קומען אויף דער חתונה. נאָר אז עס זענען אָנגעקומען קאָזשניצער חסידים פון פּשיסכער געגנט און האָבן דערציילט, אז דער רבי ר׳ בונם האָט באַ־שלאָסן נישט זיך צו באַווייזן פאַרן אַלטן אַפּטער רבין, האָט ר׳ שמעון דייטש פון איין זייט הנאה געהאַט, וואָס ער וועט נישט האָבן קיין שטאַרקן קעגנער און פון דער אנדערער זייט האָט אים באַנג געטון, וואָס ער וועט נישט קאָנען, אין די אויגן פונעם אַלטן רבין, ר׳ אברהם העשל פון אַפּטע, אויפווייזן דעם רבין ר׳ בונם אליין, אז זיין שיטה פירט די יידן אראָפּ פון דרך־הישר.

די פינף פּשיסכער חסידים האָבן זיך דעם גאַנצן פרימאָרגן ארומ־געדרייט אין די פארשידענע אכסניות צו זען, ווער עס איז שוין געקומען און וואָס מען שמועסט צווישן די רביים וועגן דעם רבין ר׳ בונם. זיי זענען פונקט אריינגעקומען אין אן אכסניה, בעת עס זענען געזעסן א פּאָר אַלטע חסידים פון דעם רבין ר׳ מאירל פון אַפּט און זיי האָבן געהערט, ווי אן אַלטער חסיד זאָגט נאָך א וואָרט פון זייער רבין, וואָס ער האָט געזאָגט אויפן רבין ר׳ בונם.

און דערציילט האָט ער אזא מעשה:

איינמאָל איז צום רבין ר׳ מאירל אריינגעקומען א חסיד און האָט אים געזאָגט, אז ער וויל פאָרן זען דעם רבין ר׳ בונם, האָט זיך ר׳ מאירל אָנגערופן: „עס שטייט: „מחני נא מספרך אשר כתבת״. (מעק מיך אויס, איך בעט דיך, פון דיין בוך וואָס דו האָסט געשריבן, שמות ל״ב ל״ב). איך וויים, וואָס די וועלט זאָגט אויף דעם פּשיסכער רבין, אז ער איז א

מוח־מענטש, אָבער איך בעט „מחני נא מספרך אשר כתבת" — גיב מיר מוחן, מדרגות, אָבער נאָר פון ד י י ן ספר, וואָס דו האָסט געשריבן, פון דער תורה, אָבער נישט פון די סוחרים, וועלכע זענען גאנצע חדשים בעלעגן אין דאנציג און זענען געגאנגען אין פארשידענע אומריינע הייזער".

די פינף פשיסכער חסידים האָבן געהערט, ווי אזוי מען רעדט דאָ אויף זייער רבין, אָבער קיינער פון זיי האָט זיך נישט געוואגט אָנצורופן, ווייל אזא אָנזאָג האָבן זיי באקומען פון פשיסכע, כדי שפּעטער אויף דער חתונה צו קאָנען פירן דעם ויכוח מיט די פשיסכער קעגנער. דאָך האָט ר׳ זישע שעדליצער זיך נישט געקאָנט איינהאלטן און ער האָט זיך אָנגערופן:

— און ווייסט איר, וואָס דער רבי ר׳ בונם האָט דארויף געענטפערט, ווען מען האָט אים דערציילט, וואָס אייער רבי האָט אויף אים געזאָגט?

— ניין, — האָבן די חסידים געענטפערט.

— אויב אזוי וועל איך אייך זאָגן, — האָט ר׳ זישע ווייטער געפירט דעם שמועס — דער רבי ר׳ בונם האָט געזאָגט: „איך ווייס וואָס דער רבי ר׳ מאיר פון אפּטע זאָגט אויף מיר, אז ער שרייט אז א מנהיג קען נישט קומען צו די „מדרגות" דורך די טעאטערס אין דאנציג, אָבער ר׳ מאיר פון אפּטע ווייסט נישט ווי אזוי מען זינדיקט און וואָס א חטא איז, איך אָבער, זייענדיק אין דאנציק און אין די טעאטערס, ווייס איך ווי אזוי אויסצוהיילן פון זינד און צו ברענגען מיינע חסידים צו יראת שמים.

— אָבער צו וואָס דארף מען זיך אויסקלייבן אזא רבין וואָס זאָל אויסהיילן פון זינד? אזוי געפאלן איז מען שוין? — האָט אן אלטער חסיד פון רבין ר׳ מאירל אפּטער ווייטער געפרעגט.

— מען דארף זיין אין א גרויסער מדרגה, צו וויסן וועלכן רבין זיך אויסצוקלייבן — האָט ר׳ זישע שעדליצער געענטפערט — ווייסט איר, וואָס דער רבי ר׳ בונם האָט געזאָגט וועגן דעם ענין פון אויסוויילן זיך א צדיק? איר מעגט עס הערן: „איך האָב אמאָל געפרעגט מיין רבין — האָט דער רבי ר׳ בונם געזאָגט — דעם „ייד הקדוש", וואָס עס איז דער פשט אין דער גמרא: „כל המחובר לטהור, הרי הוא כטהור", — צי ווערט טאקע א חסיד אזוי גרוים ווי דער רבי, ווען ער פאָרט צו א רבין? דארויף האָט אים דער „ייד הקדוש" געענטפערט: „יאָ! נאָר כדי צו זיין באהאָפטן צו

אן אמתן צדיק, דארף מען שוין אליין זיין א גאָר גרויסער בעל־מדרגה, ווייל מען דארף זיך קאָנען אויסקלייבן דעם אמתן צדיק־הדור און נישט אלע קומען צו אזא מדרגה. א סך חסידים קלייבן זיך אוים א צדיק, וואָס איז גאָר נישט ראוי דערצו, זיי זענען זיך טועה. דערפאַר, אז משיח וועט קומען, — האָט דער „ייד הקדוש" ווייטער געזאָגט, — וועלן אלע רביים אנטקעגן גיין משיחן מיט זייערע חסידים. נאָר אז משיח וועט אָנקוקן, וואָס פאַר א רביים דאָס זענען, וועט אים ווערן פינצטער אין די אויגן, און ער וועט זיי אלע אוועקיאָגן פון זיך. וועלן די חסידים פאלן צו די פים פון משיח־צדקנו און וועלן פאַר אים וויינען: „וואָס זענען מיר שולדיק? מיר האָבן דאָך געהאט גוטע כוונות, מיר האָבן געמיינט, אז זיי זענען אמתע רביים!" אָבער משיח וועט נישט קוקן אויף זיי און וועט נישט צו־הערן זייער געוויין און ער וועט זיי ענטפערן: „איר האָט זיך געדארפט גוט דורכטראַכטן, ביז איר האָט אייך אויסגעקליבן א רבין. איר האָט זיך אָבער באַגנוגנט מיטן ערשטן קוק, און דערפאַר זענט איר ווערט דעם שטעקן!" אזוי האָב איך געהערט נאָכדערציילן פון רבין ר' בונם, — האָט זישע שעדליצער אויסגעלאָזט.

— גוט, — האָבן די אנדערע חסידים אריינגעוואָרפן — מיר זענען טאקע בלינד, און דערפאַר זוכן מיר זיך אוים אזעלכע רביים, וואָס זענען קודם־כל אָפּגעהיט אין יידישקייט און מיר זעען, אז ער איז נישט פּורץ־גדר. און ווּהין פאָרט איר? — האָבן זיי זיך געווענדט צו די פינף פּשיס־כער חסידים.

— איך בין נאָך געפאָרן צו דעם חוזה פון לובלין — האָט זיך ר' פּיוועלע גריצער אָנגערופן און דערמיט זיי אינגאנצן צעטומלט, ווייל פאַר א חסיד, וואָס איז נאָך געפאָרן צום „חוזה" פון לובלין, האָבן אלע חסידים דרך־ארץ געהאט.

אָבער אז מען איז זיך מסגף, אז מען פאסט און מען זאָגט תהילים, — האָבן די חסידים זיך אָנגערופן, — קאָן מען האָפן, אז מען קומט צו מדרגות און מען האָט די זכיה אויסצוקלייבן דעם אמתן צדיק הדור!

— נישט תמיד פּועלט פאסטן, — האָט ר' פּיוועלע גריצער גענענט־פערט. און ווייסט איר וואָס דעם בעל־שם־טובס א תלמיד האָט געטייטשט: „זאת התורה לעולה ולמנחה ולחטאת ולאשם" (דאָס איז דער דין פאַרן

בראנדאפּער, פאַרן שפּייזאָפּער, און פאַרן זינדאָפּער, און פאַרן שולד־אָפּער, ויקרא ז, ל״ז) — די תורה איז אַמאָל דעם מענטשן אַן „עולה״ און אַ „מנחה״, אַמאָל אָבער — אַ חטאת און אַן „אשם״...

— וואָס קאָן מען מער טון ווי פאַסטן? — האָט זיך אַן אַלטער חסיד אָנגערופן. — מיר ווייסן פאָרט, אַז דורך פאַסטן ווערט מען געלייטערט!

— אַזוי ווייסט איר? — האָט ר׳ זישע שעדליצער געענטפערט, — איר ווייסט, וואָס מען דערציילט פון בעש״ט מיט זיינע פערד? וואָס? איר האָט נאָך נישט געהערט די מעשה? — האָט ער אויף זיי געקוקט מיט פאַרחידושטע אויגן, — איז אויב איר ווילט, וועל איך זי אייך דערציילן!

— אדרבה! — האָבן זיך דערהערט קולות — מיר האָבן צייט, ביז מען וועט אַנטקעגנגיין דעם הייליקן אָפּטער רבין איז נאָך דאָ גענוג צייט.

— נו, אויב איר בעט מיך, וועל איך אייך צוליב טון.

— פון בעל־שם־טוב ווערט דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל געדאַרפט האָבן קפיצת הדרך, האָט ער געהייסן זיין בעל־עגלה, ער זאָל שפּאַנען די פערד און ער האָט אָנגעהויבן צו פליען איבער בערג און טאָלן, ווי אַ פייל פון בויגן. די פערד אָבער האָבן געזען, אַז מען פאָרט כסדר פאַרביי איין קרעטשמע נאָך דער צווייטער און מען שטעלט זיך נישט אָפּ, האָבן זיי געטראַכט מיט זייערע פערדישע מוחות, אַז מסתמא, זענען זיי גרויסע קעפּ און זיי דאַרפן פאַסטן. אַז מען איז אָבער ווייטער געפאָרן, ווידער דורכ־געלאָזן אַ פּאָר קרעטשמעס און מען האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט עסן, האָבן די פערד אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז זיי מוזן זיין גאָר גרויסע לייט, אַז זיי דאַרפן נישט עסן, און דער סוף איז געווען, ווען מען איז דורכגע־פאָרן נאָך אַ פּאָר קרעטשמעס, האָבן די פערד שוין געטראַכט, אַז אפשר זענען זיי גאָר מלאכים און דערפאַר דאַרפן זיי בכלל נישט עסן. און דער בעש״ט האָט אויסגעלאָזט, אַז כל־זמן מ׳איז געפאָרן און די פערד האָבן נישט געגעסן, זענען זיי טאַקע געווען בבחינת מלאכים, נאָר קוים האָט מען זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קרעטשמע און די פערד האָבן זיך געגעבן אַ נעם צו דער אכילה, זענען זיי געוואָרן אויס מלאכים און זענען צוריק געוואָרן פערד.

די אַלע פרעמדע חסידים האָבן פאַרשטאַנען, וועמען ר׳ זישע האָט געמיינט מיט זיין ווערטל, וואָס ער האָט נאָכדערציילט פונעם בעש״ט.

דערווייל איז געוואָרן פינצטערלעך אינעם שטעטל. פון אַלע פענצטער האָט מען אָנגעהויבן ארויסשטעלן זילבערנע לייכטער מיט ליכט, כדי מען זאָל באַלייכטן דעם וועג, ווו דער הייליקער אַפּטער דאַרף דורכפאָרן. אַלע רביים האָבן זיך אָנגעהויבן צוצוגרייטן מקבל פּנים צו זיין דעם אַלטן אַפּטער רבין.

און כדי אָנצוטון א נחת־רוח דעם אַלטן אַפּטער רבין, האָבן די יינגערע רביים זיך אָפּגעשמועסט אַליין זיך צו פארשטעלן פאר „קאָזאקן" און אקעגן רייטן דעם אַלטן אַפּטער רבין.

איבער אכציק רביים האָבן זיך ארויסגעלאָזט פון אָסטיליע, פאר־שטעלט פאר „קאָזאקן", רייטנדיק אויף פערד מיט שטעקעלעך אין די הענט. אנשטאָט פליטן און האָבן „געשפּילט" א ניגון, וועלכער איז פאר־בליבן א „סקארבאווער ניגון ביזן היינטיקן טאָג". ביי יעדן רבין זענען ארומגעגאנגען הונדערטער חסידים מיט ברענענדיקע שטורקאצן אין די הענט און זיי האָבן אזוי זינגענדיק אָפּגעריטן מיילן ווייט, ביז זיי זענען אָנגעקומען צו א קרעטשמע. דאָרט האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און מען האָט געווארט ביז עס איז אָנגעקומען די קאַטש, וואָס האָט געפירט דעם אַלטן אַפּטער רבי מיט דעם דרייצן יאָריקן חתן. די חסידים האָבן זיך אויסגעשטעלט אין ביידע זייטן וועג מיט די ברענענדיקע שטורקאצן אין די הענט, פאר זיי זענען געשטאנען די רביים־„קאָזאקן" און ווען מען האָט דערזען דעם אַפּטערם קאַטש, האָבן די רביים צוזאמען מיט די חסידים אָנגעהויבן צו זינגען א פריילעכן ניגון מיט די ווערטער: „דוד מלך ישראל חי וקים!"

דער אַפּטער רבי האָט געהייסן אָפּשטעלן די קאַטש, ער איז אראָפּגע־גאנגען. יעדער רבי באזונדער האָט אים געגעבן שלום, דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן צו שטופּן די חסידים צו געבן שלום", און ווען עס איז געקומען צום שלום־געבן פון די פינף פּשיסכער חסידים, וועלכע זענען אויך אנט־קעגנגעגאנגען דעם אַפּטער רבין, האָט זיך דער אַפּטער פּלוצים אָפּגעשטעלט, צוריקגעהאלטן זיין דארע ביינערדיקע האנט, האָט אויף זיי א שארפן קוק געטון און געפרעגט:

— ווער זענט איר?

די פּשיסכער חסידים האָבן זיך געפילט א ווײַלע פארלוירן, זיי

האָבן נישט געוואָלט אויסזאָגן, ווער זייער רבי איז, זיי האָבן אָבער אויך נישט געוואָלט זאָגן קיין ליגן. האָבן זיי בלויז געענטפערט:

— מיר זענען פּוילישע חסידים.

— מיר האלטן נישט פון „פּועלישע" רביים, צי קאָנען זיי טאַקע עפּעס אויספּועלן פאר זייערע חסידים? — האָט דער אלטער אַפּטער רבי מיט א שמייכל געפרעגט.

נאָך איידער די פּשיסכער חסידים האָבן געוואָלט עפּעס ענטפערן, זענען זיי שוין אוועקגעשליידערט געוואָרן פון די הונדערטער אנדערע חסידים, וועלכע האָבן געוואָלט שלום געבן דעם אלטן אַפּטער רבין. די פּשיסכער חסידים האָבן דערפון קיין עגמת־נפש נישט געהאט, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט זיך לאָזן דערקענען, ווער זיי זענען.

דער אלטער אַפּטער רבי האָט גלייך אָנגעהויבן מיט זיינע גוזמאותדיקע שמועסן, ווי זיין דרך איז געווען. און ער האָט דערציילט, אז צו זיין זונס חתונה האָט ער געלאָזט מאכן א פוטער, זענען די האָר פונעם פוטער־געווען אזוי טיף, אז א קאָזאַק, רייטנדיק אויף א פערד און האלטנדיק אין דער האנט א שפּיז, האָט געקאָנט זיך באהאלטן אין די האָר פון דעם פוטער, און דערצו איז די פעל געווען אזוי ווייך, אז מען האָט געקאָנט דעם גאנצן פוטער באהאלטן אין א שאָל פון א וועלטשענער נוס.

די רביים און די חסידים האָבן תיכף זיך פארטיפט אין מחשבותן פּותר צו זיין וואָס דער אַפּטער האָט געמיינט, ווייל עס איז געווען באקאנט, אז דער אַפּטער רבי האָט א דרך צו רעדן פארהוילן און דער רבי ר' ברוכל פון מעזשיבעש האָט אויף אים געזאָגט: „ער וועגט יעדעס וואָרט." אויך האָט מען אויף אים געזאָגט: „ער האָט א גילדן געוויכטל אין מויל און ער איז נישט מוציא קיין וואָרט לבטלה".

אינצווישן האָט מען אויסגעשפּאַנט די פערד פון דער קאַטש און די חסידים האָבן מיט געזאנג זי אליין גענומען פירן. און ווען מען איז שוין אָנגעקומען קיין אָסטיליע, האָבן די פינף פּשיסכער חסידים דערהערט, ווי דער רבי ר' שמעון דייטש זאָגט צו א פּאָר פּוילישע רביים: „אויב עס וועט מעגלעך זיין, וועט מען נאָך היינט ביינאכט, צום „חתן־מאָל", אָנהייבן דערציילן דעם רבין וועגן דעם פּשיסכער דרך און זאָל דער בלינ־

דער בונם זיך אויסבאהאלטן אין פשיסכע, מיר וועלן אים אויך אזוי ווייזן, וואָס מיר קאָנען"...

— און מיר וועלן זען, ווער עס וועט אויספירן! — האָט זיך פלוצים דערהערט א קול.

דער רבי, ר' שמעון דייטש, האָט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטן צו זען, ווער עס האָט דאָס געזאָגט, אָבער ער האָט קיינעם נישט געזען.

ד

אויף א בוידעם אין אָסטיליע

דער אלטער אפטער רבי איז געבראכט געוואָרן קיין אָסטיליע מיט גרוים געזאנג און מוזיק.

חסידים האָבן באלאגערט דאָס הויז, ווו דער אפטער איז איינגע־שטאנען. מען האָט דאָס הויז פשוט געוואָלט צעטראָגן, כדי צו זען דעם רבין, אָבער באלד איז דער הויפט־גבאי ארוים פון רבינס חדר מיוחד און ער האָט געזאָגט: „דער רבי איז זייער מיד פון דער נסיעה און בעט, מען זאָל אים איצט לאָזן צורו. מאָרגן וועט דער רבי ארייגלאָזן".

און דאָס איז געווען געוועג, די חסידים זאָלן זיך צעגיין אויף זייערע אכסניות, אָדער הוליען ביי זייערע רביים. צוליב דעם איז אויך אָפגעלייגט געוואָרן דאָס „חתן־מאָל".

אויפן בוידעם פון דער אכסניה, וו די פינף פשיסכער חסידים זענען פארקראָכן, האָט זיך איצט, נאָך חצות, געברענט א לאמטערן, מיט אן אויסגעהאקט שייבל, וואָס האָט געוואָרפן גרויסע שאָטנס אויף די משופעדיקע ווענט פונעם דאך.

איבער דער גאנצער לענג פונעם בוידעם זענען געלעגן אויסגעלייגט אויף דער פאדלאָגע אָרימע לייט, מיט אויפגעבראשעטע הערצער, אָן העמ־דער, מיט אלטע לאבעס אויף די לייבער, און האָבן געשמאק געכראָפעט. זיי איז ווייניק אָנגעגאנגען, וואָס אויף דער גרויסער חתונה וועט מען משפטן דעם פשיסכער דרך. ווייל דער אלטער אפטער רבי אליין וועט

זיצן ביי דעם „אָרים־מאַלציים" און ער אַליין וועט טיילן זילבערנע קאָר־בוינעס צו יעדן אָרימאַן באַזונדער.

זיי האָבן איצט געשמאַק געכראָפּעט, אָט די אַלע אָרימעלייט, וועלכע זענען געגאַנגען מיילן ווייט צופוס, כדי צו קומען באַצייטנס צו דער גרויסער חתונה אין אָסטיליע. די פינף פּשיסכער חסידים זענען געזעסן אין א זייט און האָבן געטראַכט ווי אַזוי צו פאַרטיידיקן דעם פּשיסכער דרך פאַרן אַפּטער רבין. זיי האָבן זיך געיישובט, ווער עס זאָל זיין דער ערשטער מליץ־טוב פאַרן פּשיסכער רבין.

— אויב מ'וועט שמועסן אין לערנען, — האָט זיך ר' פּיוועלע גריצער אָנגערופן,— זאָלסטו, איטשע מאירל, באַלד זיך אַריינמישן, כדי מען זאָל זען, אַז מיר קאָנען ברוך־השם לערנען. און דו, זישע שעדליצער, זאָלסט אים העלפן, דו ביסט דאָך דער חכם. און צום סוף זאָלסטו, אלעזר בער, אונטערקומען און מיר וועלן אַלע צוהעלפן.

— פאַרוואָס זאָל איך זיין דער ערשטער? — האָט זיך איטשע מאירל ציטערנדיק געפרעגט, — ווער בין איך דען, וואָס זאָל קאָנען נעמען א וואָרט צווישן קעפּ? אַז מען קוקט אָן ר' שמעון דייטש, מיט זיין בייזן בליק, פאַלט דאָך ממש אָן א שרעק! דערצו נאָך גרייטן זיי זיך צו אַזוי שטאַרק צום וויכוח און איך קאָן פּשוט נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס מען האָט אונדז פיינט, פאַרוואָס מען רופט אונדז אָן „כת". וואָס זעען זיי אין אונדז אַזוינס, וואָס זיי רודפן אונדז אַזוי שטאַרק?

— אמת טאַקע, — האָט דער גבירישער יונגערמאַן, יששכר האָ־ראָוויץ, אונטערגעהאָלפן — פאַרוואָס טראַכטן זיי אוים אויף אונדזער רבין אַזעלכע בלבולים?

— אוי, איטשע מאירל, — האָט פּיוועלע גריצער געגעבן א קרעכץ אַריין אין זיין גרויער באָרד, — איר זענט נאָך צוויי יונגע שנעקעס און איר ווייסט נישט, וואָס עס האָט זיך שוין פריער אָפּגעטון. דו, איטשע מאירל, דאַרפסט אפילו יאָ געדענקען, דו האָסט דאָך געוווינט אין קאָזשניץ, אָבער דו, יששכרל, ביסט נאָך גאָר א יונגערמאַן, ביסט געקומען שוין צום גרייטן, אָבער מיין נישט, אַז תמיד איז אַזוי געווען. עס האָט לאַנג גע־דויערט ביז דער רבי, זכרונו לברכה, דער „ייד־הקדוש" האָט געוואָלט

פּורץ זיין קעגן דעם „חוזה" פון לובלין, נאָר מסתמא ווייסט איר דאָך דאָס?

און כאָטש אַלע האָבן זיכער געוווּסט די מעשה, האָבן זיי אָבער געוואָלט נאָך אַמאָל הערן פון ר' פייוועלען פון אָנהייב אָן, ווי אַזוי דער „ייד־הקדוש" האָט זיך אָפּגעריסן פון לובלין; ווייל ר' פייוועלע איז דאָך געווען אַן עד ראיה, וואָס איז אַליין געפאָרן צום „חוזה", און זיי האָבן אַלע ווי איינער געגומען בעטן ר' פייוועלען, ער זאָל נאָכאַמאָל דערציילן, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע מחלוקה אין לובלין.

— אויב אַזוי, — האָט ר' פייוועלע גריצער געענטפערט, — אויב איר ווילט הערן די מעשה, ווי אַזוי די מחלוקה האָט זיך אָנגעהויבן, מוזט איר מיר צוזאָגן, אַז איר וועט דאָ אויסזיצן ביזן סוף, און דערווייל מוזט איר מיר שוין געבן אַ ביסעלע משקה, ווייל שמועסן חסידות אָן משקה איז פּונקט אַזוי ווי צו זאָגן בלויז מעמדות אָן תהילים.

ר' זישע שעדליצער האָט גראָד געהאַט ביי זיך אַ פלאַש ריינעם זעקס און נײַנציקער, וואָס ער האָט אָנגעגרייט פון דריי טעג צוריק און די פינף פּשיסכער האָבן זיך אָנגעגאָסן צו גרויסע גלעזער און שטילינקערהייט געטרונקען „לחיים". ר' פייוועלע גריצער האָט זיך אַ ביסל צעוואָרעמט און אָנגעהויבן דערציילן:

ס'איז אַמאָל געווען אַ צייט, ווען פּוילן האָט נישט געוווּסט פון דעם גרויסן אור, וואָס הייסט חסידות, ערשט דער רבי אלימלך און ר' מע־בעלע זלאָטשעווער האָבן פאַרשפּרייט דעם בעל־שם־טובס דרך צווישן די פּוילישע יידן. דערנאָך, דער תלמיד פונעם רבי אלימלך, דער „חוזה" פון לובלין.

האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן צו רעשן איבער גאַנץ פּוילן, מען האָט אָנגעצונדן ליכט אין די שולן, מען האָט געלייגט אין חרם אריין מיט דעם באַקאַנטן נוסח: „כדי לעמוד בפרץ, צו זיין קעגן די גרויסע בעלי עבירות וואָס דאַוונען נוסח ספרד און פירן אריין נייע מנהגים", פּונקט אַזוי ווי די איצטיקע חסידים זאָגן, אַז מיר זענען, רחמנא לצלן, מי יודע וואָס, און ווילן אונדז אין „חית" אריינוואַרפן. האָבן אָבער די דעמאָלטדיקע צדיקים ניט געקוקט אויף די אַלע געוואַלדן, וואָס די מתנגדים האָבן גע־מאַכט, און זיי האָבן צוגעצויגן צו זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער

חסידים. ווייל די רביים האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער המון־עם האָט נישט קיין צייט אַזוי פיל צו לערנען, ווי די תלמידי חכמים, דערפאַר דאַרף מען זיי נישט מרחק זיין, ווי די מתנגדים האָבן געטון, נאָר אַדרבה, זיי נאָר מקרב זיין. די צדיקים האָבן געוווּסט, אַז דער המון־עם איז פאַרהאָרעוועט און פאַריאָגט מיט דאגת פרנסה, דערימעך האָבן זיי נישט קיין צייט זיך צו פיל אָפּצוגעבן מיט רוחניותדיקע ענינים, עס איז פאַר זיי גענוג, אַז זיי פאָרן צו א רבין אויף שבת, הערן זיך צו צום רבינס תורה, זאַפּן זיך אָן מיט א ביסל וואַרעמקייט און האָבן דערנאָך גענוג כוח צו קאָנען איבער־טראָגן די אַלע נגישות, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די פּוי־לישע פּריצים און פון די יידישע גבירים, תקיפים, וואָס מאַטערן נאָך היינט אויך אונדז אַזוי שטאַרק.

די ערשטע רביים האָבן זיך טאַקע באַמיט נאָר גוטס צו טון די חסידים, אַפילו צו באַווייזן מופתים, אַבי זיי צו פאַרלייכטערן אין זייערע גרויסע צרות.

האָט זיך טאַקע געטראָפן צווישן די ערשטע רביים פון פּוילן אַזעלכע צדיקים, וואָס האָבן זיך ממש מוסר־נפש געווען פאַר א ייד.

„און ווער איז געווען דער ערשטער רבי פון דעם „ייד הקדוש"? ר' משה לייב סאַסאָווער, וועלכער האָט געזאָגט: „ניין משה לייבס קאָנען נישט דאַווענען מיט א מנין, אָבער צען שניידערס — יאָ." דערמיט האָט ער געוואָלט זאָגן, אַז ביים רבונו של עולם האָבן צען פּראָסטע שניידערס מער די ווערט, ווי ניין לומדישע משה לייבס.

איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי די מתנגדישע לומדים האָבן אויף אים געקוקט, און וואָס דאַרפט איר מער? אַפילו דער „ייד הקדוש", וועל־כער איז דעמאָלט געווען ראש־הישיבה, ווו ר' משה לייב האָט געוווינט, האָט אויך נישט געקאָנט תחילת משיג זיין דעם נייעם דרך, דאָס חברן זיך מיט יעדן פּשוטן פּראָסטאַק און זיי לערנען, אַז מען דאַרף נאָר תמיד זיין בשמחה, ווייל „שמחה איז דער טויער פון דעם לעבן" — ווי ער פלעגט זאָגן. ווען דער „ייד הקדוש" אַליין איז „געכאַפּט" געוואָרן און איז גע־וואָרן בצנעא א חסיד, האָט זיין רבי ר' אריה לייב, דער גרויסער גאון און מחבר פון ספר „חדושי מהר"א", געוווינט מיט דמעות שליש, אַז א גאַנצער בעכער איז פול געוואָרן מיט טרערן. און ווער איז געווען ר' דודל לעלעווער,

וואָס האָט געמאכט דעם „ייד הקדוש” פאַר אַ לובלינער חסיד? אַ ייד וואָס פלעגט גאַנצע יאָרן זיין נע־ונד איבער די יידישע ישובים. פונקט אַזוי ווי דער רבי אלימלך, זכרונו לברכה, כדי צו זען די צרות פון די יידישע ישובניקעס.

„און אפילו ווען ר׳ דודל איז געוואָרן רבי, האָט ער נאָך געהאַט אַ שפּייז־געוועלבל אין לעלעוו. דערציילט מען, אַז ווער עס איז אַריינגעקומען צו אים עפּעס קויפן, האָט ער פריער אויסגערעכנט, וויפל שפּייז־געוועלב־לעך עס זענען דאָ אין שטעטל, און זיי זאָלן בעסער קויפן ביי אַ צווייטן ייד; ווען ער האָט אָבער געזען, אַז די קונים ווילן דווקא ביי אים קויפן, האָט ער זיך מישב געווען און אויסגערעכנט, וויפל ער דאַרף האָבן אויף אַ טאָג פּרנסה, און ווען ער האָט נאָר געהאַט איינגעלייזט דעם סכום, וואָס ער האָט געהאַט אויסגערעכנט, האָט ער גלייך פאַרמאַכט דאָס געוועלבל, כדי נישט היזק צו מאַכן די אַנדערע יידישע קרעמער אין שטעטל.

„און צו די חסידים פלעגט ר׳ דודל לעלעווער שרייען: „ווי קאָנט איר אויף מיר זאָגן, אַז איך בין אַ רבי, אַז איך פיל נאָך אַלץ אַ שטאַרקערע ליבע צו מיינע קינדער, ווי צו אַנדערע יידן?” — איר פאַרשטייט, ער האָט געוואָלט קומען צו אַזאַ מדרגה פון אהבת ישראל, אַז ער זאָל טאַקע מער נישט פילן קיין שום אונטערשייד פון זיינע אייגענע קינדער ביז פרעמדע יידן.

און נישט בלויז צו מענטשן איז די אהבה זיינע געווען אַזוי גרויס, נאָר צו אַלע באַשעפענישן פון הקדוש־ברוך־הוא. ער פלעגט אַרומגיין אין לעלעוו אויף די ירידים און אָנפּאָיען די פערד, ווען די פויערים האָבן דאָס פאַרגעסן צו טון.

„צו אַ יידישן בעל־ עגלה, וועלכער האָט אַמאָל שטאַרק געשלאָגן זיינע פערד, האָט ר׳ דודל געזאָגט: „דו ווייסט, אויף יענער וועלט וועט דיך דאָס פערד רופן צו אַ דין־תורה, ווייל דו האָסט עס געשלאָגן, נו, וועט עס זיין שיין פאַר דיר, אַז דו וועסט דאַרפן שטיין פאַרן בית־דין של מעלה מיט אַ פערד ביי אַ דין־תורה?”

מיינט איר אפשר, אַז ער האָט געזאָגט שאַרפע תורות שבת ביים טיש? האָט איר אַ טעות. די גאַנצע תורה איז באַשטאַנען אין אַ טייטשל, אָבער אַזוינס, וואָס איז אַריינגעקראָכן טיף אין האַרץ אַריין. אַט דערמאָן

איך זיך, ווי ער האָט אמאָל געטייטשט „והייתם לי סגולה". (און איר וועט זיין באזונדער אייגנס פון צווישן אלע פעלקער, שמות, י"ט, ה'). הקדוש־ברוך־הוא זאָגט צו די יידן: איר זאָלט תמיד צו מיר זיין ווי די נקודה „סגול", וואָס אויף וועלכער זייט איר זאָלט זי נישט דרייען, וועט זי אלץ בלייבן א סגול, אזוי זאָלט איר, יידן, אויך תמיד זיין צו מיר."

און איינמאָל האָט ער געזאָגט ביים טיש: „ביי א ייד קאָן מען נישט געפינען קיין שום שלעכטס. אי וואָס מיר זעען פאַרט, אז עס זענען פאַראן רשעים אויך צווישן יידן, איז עס נאָר פון דעם חלק „גוי", וואָס איז אין אים פאַראן, אָבער אינעם חלק „ייד" קאָן גאָר נישט זיין, אז עס זאָל זיך דאָרט געפינען שלעכטס."

אַט דער ר' דודל, ווייסט איר דאָך, איז געווען דער בעל־תוקע ראש השנה אין לובלין. מאכט זיך איינמאָל א מעשה, עס קומט פאַר שופר־בלאָזן, דער „חוזה" וואַרט מיט די תקיעות אויף ר' דודלען און מען זעט אים אלץ נישט. איז ארויסגעגאנגען ר' יצחקל וווּרקער אים זוכן און ווייסט איר, ווּ מען האָט אים געטראָפן ? צווישן די פערד האָט ער זיך ארומגע־דרייט ! עס איז דעמאָלט געווען א יאַריד־טאָג אין לובלין, איז ער ארומ־געגאנגען צווישן די פערד און האָט פאַרטיילט האָבער פון זיין גרויסן ספּאָדעק, דערנאָך ערשט איז ער אריינגעקומען אין שול אריין און געבלאָזן שופר. האָט מען געמיינט, אז דער „חוזה" וועט דערפאַר אויף אים האָבן תרעומות, אָבער דער „חוזה" האָט ביים טיש געזאָגט: „דודל האָט אונדז דערפרייט מיט זיין שופר בלאָזן !"...

איצט פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס דער „ייד הקדוש" איז געוואָרן א חסיד, ווען אזעלכע צדיקים האָבן אים געווערבעוועט קיין לובלין.

אין לובלין האָבן זיך תיכף ארום „ייד הקדוש" צונויפגענומען אלע יונגע לומדים, די שאַרפע קעפּ, וועלכע זענען געפאָרן צום „חוזה", אָבער זיי האָבן מער נישט געקאָנט סובל זיין דאָס חסידות, וואָס איז באַשטאַנען בלויז פון ווייזן מופתים און רוח־הקודש. דאָס דאָזיקע חסידות איז טאַקע נישט געווען פאַרן פּשוטן המון עם. זיי אָבער, די שאַרפע חסידים, האָבן זיך געוואָלט פאַרטיפן אין דרך פונעם חסידות, זיך אליין דערהייבן צום רבין, נישט דער רבי זאָל זיך דאַרפן אראָפּלאָזן צו זיי...

האָט דער „ייד־הקדוש" געמאכט אין לובלין א „חברה־קדישא". צו לערנען.

צו דער „חברה־קדישא" האָבן געהערט א סך לומדים און כמעט די בעסטע תלמידים פונעם „חוזה". טאקע ר' דודל לעלעווער אליין, ר' ישעיה פשעדבאָרזשער, ר' קאלמיש קראָקאָווער, ר' נאָטע בעלמער און אנדערע.

אלע די, וואָס זענען אריין אין דער „חברה־קדישא", האָבן געמוזט פריער געבן א טאָפּ מעד. די „חברה־קדישא" פלעגט זיצן אין בית־המדרש, לערנען צוזאמען, און צוזאמען שמועסן אין חסידות.

דער „חוזה" אליין האָט א סך פון זיינע תלמידים אליין געהייסן אריין אין דער „חברה־קדישא".

עס איז דעמאָלט געווען די שענסטע צייט פון דעם לובלינער חסידות. דאָס חסידות האָט צוריק באַקומען דעם אמאָליקן גלאנץ, אזוי ווי עס דערציילט דער חסיד ר' זכריה מענדעל וועגן רבי אלימלך אין א בריוו, ווו ער שרייבט: „שוין א פּאָר יאָר ווי איך געפין זיך צווישן זיי, די צדיקים, קיינמאָל נעכטיקט נישט איבער ביי זיי א פּרוטה אין דער קעשענע, גאנצע יאָרן זענען זיי פארנומען מיט מצוות און מעשים טובים, חתונה מאכן יתומים און אלמנות. חסידים האָבן זיך זייער ליב, עס הערשט צווישן זיי אן אמתער אחדות, זיי האָבן איין בשותפותדיקע קאסע. די אהבה צווישן זיי איז אזוי גרויס, אז מען קאָן כמעט נישט אונטערשיידן, ווער עס איז א טאטע און ווער עס איז א זון, ווייל אלע האָבן זיך גלייך ליב".

אָט צו אזא מדרגה זענען אויך געקומען די תלמידים פון דעם „ייד־הקדוש" און אזא אחדות האָט אויך געהערשט צווישן די חסידים פון דער „חברה־קדישא".

דער „ייד־הקדוש" פלעגט די ערשטע צייט זייער אָפט פאָרן קיין לובלין און תמיד דאָרט אָפּזיצן א פּאָר וואָכן. די חסידים, וואָס האָבן געהערט צו דער „חברה־קדישא", האָבן אָנגעהויבן וואָס אמאָל אלץ מער מבטל צו מאכן די מופתים: „א קונץ איז נישט צו זיין א בעל־מופת", — האָט דער „ייד־הקדוש" געלערנט זיינע אָנהענגער, — „נאָר צו זיין אן אמתער ייד".

מען האָט אָנגעהויבן אריינצולייגן כוונות אין דאוונען, און דער וואָס האָט נישט געהאט קיין ריינע מחשבות, פלעגט טאקע נישט מער

אפדראפטשען א דאווענען, נאר זיך מכין זיין, ביז ער וועט האבן די ריינע מחשבות.

די חסידים פון דער „חברה־קדישא" האבן אויך אנגעהויבן נאכצור פארן דעם „ייד־הקדוש" קיין פשיסכע. און ווער ווייסט, וואס פאר א שיינעם דור דער „ייד־הקדוש" וואלט געווען אויפגעשטעלט, ווען נישט וואס דער שטן האט זיך אריינגעלייגט און אנגעמאכט א פירוד.

מען האט אנגעטראגן רכילותן דעם „חוזה" פון לובלין, אז דער „ייד־הקדוש" וויל ווערן א מנהיג בחייו, זיי האבן געטענהט, אז דער דרך, וואס דער „ייד־הקדוש" לערנט, איז נאר פאר יחידי־סגולה, פאר איינצלנע מענטשן, אז דער פשיסכער דרך איז א געוואגטער, אז ער רירט אן די עיקר יסודות פונעם יהדות און קוים וועט דער דאזיקער דרך פארשפרייט ווערן צווישן דעם המון־עם, קאן מען מיט דער צייט אראפפאלן פון גאנצן וועג.

אט אזוי האבן זיך צונויפגענומען א סך תלמידים פונעם „חוזה", וועלכע זענען שוין היינט אליין רביים, און אנגעהויבן קלאפן אויפן „ייד הקדוש".

מען האט אונדז אנגעהויבן צו פארביטערן דאס לעבן אין לובלין. האט מען זיך נאר דערוווּסט פון א חסיד, אז ער רירט אן די קליאמקע פון „ייד־הקדוש", האט מען אים שוין אנגעהויבן נאכצוקוקן, צי ער דאוונט. און איינמאל האט ר' יהודה לייב פון זאקליקאוו געזאגט אינעם לובלינער בית־המדרש, בשעת דעם „ייד־הקדוש" איז דארט געווען: „עס איז פאראנען א פשוטער דרך צו דינען דעם בורא עולם, צו טון אלע מצוות, אזוי ווי דער אויבערשטער האט געהייסן, צו דאווענען בצבור מיט פרייד, דאס איז דער דרך פון די צדיקים, עס איז אבער פאראנען אן אנדער דרך, וועלכער איז: נישט צו דאווענען מיט א מנין, טיילמאל גאר אינגאנצן צו פארשפעטיקן דעם זמן־תפילה, כדי דערנאך צו קאנען דאווענען מיט לויטערע כוונות. אט דער דרך ווערט אנגערופן דער דרך פון די רשעים, וואס טוען כלומרשט לשמה, פארן אויבערשטנס וועגן".

אט אזוי האט מען געוואלט א שטאך טון דעם „ייד־הקדוש".

מיר האבן אלע געוואלט צולויפן צו ר' יהודה לייבן, אים קורע כדג

זיין, אָבער דער „ייד־הקדוש" האָט אונדז אָפּגעהאַלטן און געזאָגט צו דעם קופּקעלע חסידים, וואָס זענען ארום אים געשטאַנען:

„אין יעדן דור קומט אָן א נייער אור, וואָס ליכט פאר די יידן און ווייזט זיי א נייעם דרך אין יידישקייט. אזוי זענען געוועזן די נביאים, תנאים, מקובלים, און דער לעצטער אור איז געוועזן פון בעל־שם־טוב, זכותו יגן עלינו, איז דער אור מיט דער צייט אויך פארטונקלט געוואָרן. מוז מען אים נאָכאמאָל אָנצינדן, אָבער נישט מיט מופתים. און זאָגט אים, האָט ער זיך געווענדט בדרך הלצה צו אונדז, אז עס שטייט: „אותות ומופתים באדמת בני חם" — כאמעס קאָנען אויך באווייזן מופתים...

איז אריינגעלאָפן ר' יהודה לייב צום „חוזה" און אָנגעהויבן שרייען, אז דער „ייד־הקדוש" מאכט חוזק אינעם בית־המדרש פון אים אליין, אז ער קומט נאָר אין לובלין כדי צוצוכאפן חסידים.

עס זענען געפלויגן מסירות. ר' שמעון דייטש, וואָס איז היינט דאָ דער הויפּט רעדל־פירער אויף דער חתונה, און וועלכער האָט אָנגעגרייט דעם גאנצן משפּט אויף אונדזער דרך, איז שוין דעמאָלט געוועזן דער גלאַוונער פּאַטשטן־טרעגער.

עס זענען געפלויגן פּעטש אין לובלינער בית־המדרש; איינמאָל האָט מען מיך אליין ארויסגעוואָרפן צוזאמען מיט ר' יצחק ווורקער און מענדעלע טאָמאַשאָווער. דער „ייד־הקדוש" האָט אָבער אונדז געהייסן אלץ מקבל זיין באהבה און גאָר נישט ענטפערן.

און מיר זענען ווייטער געפאָרן קיין לובלין, ביז עס האָט אויסגעבראָכן די שארפע מחלוקה וועגן א העמד, וואָס דער „ייד־הקדוש" האָט באקומען פונעם „חוזה" און מען האָט אים פארמסרט, אז ער האָט דאָס העמד מיט א כיוון אוועקגעגעבן צו א שיכור. דאָס האָט דערנאָך געבראַכט צו א גרויסער מחלוקה און צו דער „גרויסער נפילה" פון לובלין.

נאָר דאָס ווייסט איר דאָך מסתמא, האָט ר' פּייוועלע פארענדיקט.

— ניין! — דערציילט ווייטער! — האָבן די פּשיסכער חסידים זיך געבעטן ביי ר' פּייוועלע גריצער, כאָטש זיי האָבן די מעשה שוין זיכער געהאט געהערט, האָבן זיי דאָך איצט געוואָלט זי נאָכאמאָל הערן.

אָבער פון זייער געשריי האָבן זיך אויפגעכאפּט א פּאָר אָרימעלייט און האָבן אָנגעהויבן צו מאכן קולות:

„געזען אזוינס: האָבן זיך אוועקגעזעצט און פּלאַפּלען א גאנצע נאכט! שוין דריי טעג ווי מען גייט קיין אָסטיליע, אויף דעם גאנצן וועג קיין אויג נישט צוגעטאָן, און דאָ לאָזן זיי נישט שלאָפן. רק זיי רעדן און רעדן. איר דאַרף דאָך מאָרגן אויך זיין אויסגערוטע, צו קאָנען מאכן א פּאָר קערבלעך און זיין ביי דעם „אָרים־מאָלצייט" — האָבן די אָרימע־לייט זיך געווענדט צו די פּשיסכער חסידים, מיינענדיק, אז זיי זענען אויך בעטלערס, וואָס זענען געקומען קיין אָסטיליע צו זיין אויף דעם „אָרים־מאָלצייט".

— אמת! אמת! האָבן די פּשיסכער חסידים געענטפערט. כדי זיי זאָלן אויף זיך קיין שום חשד נישט ארויפוואַרפן, און ר' פּייוועלע האָט אויסגעלאָזט: — אוי, יונגעלייטלעך, אז מען צעשמועסט זיך פון אמאָל, גלוסט זיך גאָרנישט אויפצוהערן, אוי איז דעמאָלט געווען א וועלט! נאָר לאָמיר איצט גיין שלאָפן, מאָרגן וועלן מיר די מעשה פאַרענדיקן.

— אָבער טאקע מאָרגן, כעלות — האָבן זיך די אנדערע פּשיסכער חסידים געבעטן ביי ר' פּייוועלען און זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אויף זייערע הארטע געלעגערס.

* * *

פאַרטאָג, ווען א בלויער מאָרגן־שיין האָט אָנגעהויבן אריינצוליכטן דורך דעם דאַך־פענצטערל אין בוידעם אריין, האָבן זיך די אָרימע לייט אויפגעכאַפּט פון זייערע הארטע געלעגערס, זיי האָבן צונויפגענומען זייערע קלימעקלעך און האָבן זיך געלאָזט גיין איבער דער שטאָט.

אויך די פינף פּשיסכער חסידים האָבן זיך שנעל אויפגעהויבן און אָפּגעדאַווענט אויף גיך.

ר' ישׂשכרל האָראָוויץ, האָט אפילו געוואָלט, אז דער אלטער פּשיס־כער חסיד ר' פּייוועלע גריצער זאָל פאַרענדיקן די מעשה זיינע וועגן דער מחלוקה צוליב דעם חוזהם א העמד, אָבער פּייוועלע האָט געענטפערט: „אן אנדערש מאָל, איצט מוזן מיר גיין צום קאָוולער רבין, ר' לייבעלע, דעם אלטן ניסכיזשערס א זון און א ברודער פון מחותן ר' יאָסעלע פון אָסטיליע. אונדזער רבי האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל אים אויפזוכן, ער

איז שוין זיכער געקומען און מען דאַרף באַצייטנס אויסגעפינען די אכסניה, ווו ער שטייט איין.

— צו וואָס דאַרפן מיר אים ? — האָבן די פשיסכער חסידים געפרעגט

— פילנדיק זיך איצט אביסל געהויבן — מיר האָבן פאַר קיינעם קיין מורא נישט, ווי האָט דער אַלטער רבי זכרונו לברכה געזאָגט: „ווער עס קאָן זיך אַליין ווייזן א פייג, דער קאָן די וועלט אויך ווייזן א פייג".

— אמת — האָט ר' פייוועלע געענטפערט, און עס האָט אים גע־פרייט, וואָס די פשיסכער חסידים האָבן צוריק באַקומען אַן התחזקות, — אָבער דער רבי האָט מיר אַזוי אָנגעזאָגט, און זיין רצון דאַרפן מיר ממלא זיין. דער רבי האָט געזאָגט כהאי לישנא: „זאָלסט אים זאָגן, אַז איך האָב אים געלאָזט גריסן און אים דערמאַנען, אַז אויפן פסוק „ויקחו לי תרומה" (און זיי זאָלן נעמען פאַר מיר אַן אָפּשיידונג, שמות, כ"ה ב') טייטשט רש"י — „לי — לשמי", האָט דער ייד־הקדוש געזאָגט: א קונץ צו זיין א בעל־מופת? א ליאַדע בעל־מדרגה קאָן פאַרדרייען שמים וארץ, — א ייד צו זיין, אָט דאָס איז שווער".

— מילא, אַז דער רבי האָט געהייסן — האָבן די פשיסכער געענט־פערט, — מסתמא ווייסט ער וואָס ער וויל.

אָבער די חסידים האָבן נישט געקאָנט תופס זיין, צוליב וואָס דאַרף מען אים דערמאַנען דעם פירוש פון רש"י.

דער מאַרק איז שוין פון פאַרטאָג אָן געווען פול געפּאַקט מיט חסידים.

פון צייט צו צייט איז נאָך אָנגעקומען א פאַרשפּעטיקטע קאָטש מיט א רבין, די חסידים האָבן זיך געשטופּט צו יעדער אָנגעקומענער קאָטש, צו זען, וואָס פאַר א רבי עס איז געקומען.

ה

די מחלוקה אין לובלין איבער א העמד

די חתונה־סאַרווער האָבן געפירט פורן מיט עופות צו דעם שעכט־הייזל, וואָס האָט זיך געפונען נעבן דעם בית המדרש און צווישן דעם גרויסן געדראַנג פון חסידים. האָבן זיך די פינף פשיסכער געלאָזט

גיין צו דער אכסניה, ווו דער קאָוולער רבי איז איינגעשטאַנען. אינעם חדר, ווו דער קאָוולער רבי האָט זיך געפונען, איז א חוץ אים דאָרט קיינער נישט געווען.

דער קאָוולער איז געזעסן אויף א גרויסער אויסגעבעטער שטול, אָנגעטון אין א געבלימטן כאַלאַט, ער האָט געריבערט א לאַנגע ליולקע ציבעק, וואָס האָט געשלאָגן מיט וואָלקנס רויך, וועלכע האָבן אָנגעפילט דאָס גאַנצע חדר, אַזוי אַז מען האָט דעם רבין אַריינקומענדיק אין חדר קוים אַרויסגעזען.

דער רבי איז אפנים שוין לאַנג געווען אַליין. ער האָט זיך זייער דערשראָקן, וואָס מען איז צו אים אַזוי פּרי ראַפּטום אַריין, און ער האָט געפרעגט:

— ווער זענט איר און וואָס ווילט איר?

— איך האָב פאַר אייך א גרוס, — האָט ר' פייוועלע פאַר זיי געענטפערט — פון רבין ר' בונם פון פשיסכע. און ער האָט אייך געהייסן זאָגן, אַז אויפן פסוק „ויקחו לי תרומה" מאַכט רש"י — לי — לשמי". און נאָך האָט ער אייך באַפוילן, אַז דער „ייד־הקדוש" האָט געזאָגט: „א קונץ צו זיין א בעל־מופת? א ליאַדע בעל־מדרגה קאָן פאַרדרייען הימל און ערד — א ייד צו זיין, אָט דאָס איז שווער"...

דער קאָוולער רבי, ר' לייבעלע, איז זייער שטאַרק נתפעל געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט די דאָזיקע ווערטער. ער איז אויפגעשפּרונגען פון דער שטול און האָט אָנגעהויבן אַרומצולויפן איבערן חדר, רייבנדיק מיט דער האַנט איבערן גרויסן קאָפּ, וואָס האָט אים דערגרייכט אַזש איבער די אויערן:

— אוי־וואַ! אוי־וואַ! אַזוי האָט דער רבי ר' בונם געזאָגט? פון וואַנען האָט ער געוווּסט פון מיינע ספקותן? שוין א פּאָר טעג ווי איך זוך א פשט אויף דעם פסוק „ויקחו לי תרומה" און מאַטער זיך, פאַרוואָס א טייל צדיקים זענען געווען בעלי מופתים און א טייל נישט? און איצט זענען מיר ביידע קשיות מיט איינמאָל פאַרענטפערט געוואָרן. רש"י האָט טאַקע רעכט. „לי" מיינט מען בלויז „לשמי" — „א ייד צו זיין, אָט דאָס איז שווער"... אָבער פון וואַנען האָט דאָס אייער רבי געוווּסט? — האָט ער זיך נישט געקאָנט אויסחדושן — אויב אַזוי — האָט ער ווייטער גע־

זאָגט — װעלן מיר אים נישט לאָזן פאַלן. מיר װעלן אים העלפן, מיט װאָס מיר װעלן קאָנען.

— דאָס װילן מיר טאַקע, האָט ר׳ פּיװל גריצער געענטפערט, אָבער אונדזער דאָ זײַן. דאַרף נאָך לעת־עתה בלײַבן א סוד.

— פאַרשטײט זיך, — האָט דער רבי ר׳ לײבעלע געענטפערט — מיר מוזן אָבער פריער װיסן, װאָס ר׳ שמעון דײטש און ר׳ יוסף יאַר־טשאָװער װעלן טענהן. מיר האָבן זיך אַזױפיל אָנגעהערט װעגן דעם נײעם פשיסכער דרך, אַז מיר װײסן שױן אַלײן נישט, װו דער אמת איז; אָט האָבן מיר געהערט, אַז דער „שרף" ר׳ אורעלע סטרעליסקער האָט געזאָגט: „דער „ייד־הקדוש" האָט געװאָלט אַראָפּברענגען א נײעם דרך אין חסידות, װאָס ער זאָל זײַן תורה און תפילה צוזאַמען. אַזאַ זאַך איז נאָך נישט געװען אױף דער װעלט. אָבער דער „ייד־הקדוש" איז אינמיטן צוגענומען געװאָרן פון אונדז און זײַן דרך איז נישט אינגאַנצן אױסגעפירט געװאָרן. קאָן מען איצט דורך זײַן שיטה, חס־ושלום, לײַכט געשטרױכלט װערן, אַראָפּגײן פון דרך־הישר און זיך אױסגליטשן.

— נישט דערפאַר איז דער „ייד־הקדוש" אַזױ פרי נפטר געװאָרן, װײַל ער האָט געװאָלט אַראָפּברענגען א נײעם דרך — האָט ר׳ פּיװעלע געענטפערט, — נאָר װײַל מיט זײַן פּטירה האָט ער געװאָלט צוהעלפן ברענגען דעם חוזה די גאולה.

— אַזױ גאָר — האָט ר׳ לײבעלע פאַרחדושט געפרעגט — ער האָט דאָך געחוזקט פונעם „חוזה" און אפילו אװעקגעשאָנקען זײַן העמד צו א ייד א שיכור?

— נישט אמת! — האָט ר׳ פּיװעלע אױסגעשריגן, — דאָס האָבן „זײ" אױסגעטראַכט. דאָס איז געװען מעשה־שטן, כדי אָנצומאַכן א פּרוד צװישן די צדיקים, צװישן רבין — דעם „חוזה" און זײַן תלמיד דער „ייד־הקדוש". נאָר אױב איר װילט, װעל איך אײַך דערצײלן װי אַזױ עס איז געװען.

— אדרבה, לאָמיר הערן — האָט ר׳ לײבעלע געענטפערט.

ר׳ לײבעלע איז צוגעקומען צום נישט געהײצטן גרױסן אױװן, װי עס װאָלט איצט געװען װינטער, און ער װיל זיך דערװאַרימען, האָט פאַר־שטעקט די הענט אין דעם גאַרטל פונעם כאַלאַט, זיך געװיגט באַלכסונדיק

איבער דער ברייט פונעם אויוון. די פשיסכער חסידים האבן געמאכט א האלבן עגול ארום ר׳ לייבעלען און ר׳ פייוועלע האט אנגעהויבן זיין חסידישן שמועס:

„ס׳איז ידוע פאר דער גאנצער וועלט — אז א שבת פארן אנקומען פונעם „ייד הקדוש״ קיין לובלין האט דער „חוזה״ ביים טיש בשעת דער „תורה״ געזאגט: „שטייט אין פסוק „יפקוד ד׳ אלקי הרוחות לכל בשר איש על העבה אשר יצא לפניהם ואשר יבוא לפניהם״, (זאל יהוה דער גאט פון די גייסטער פון אלע באשעפענישן אויפזעצן א מאן איבער דער עדה, וואס זאל ארויסגיין פאר זיי און וואס זאל אריינגיין פאר זיי — במדבר, כ״ז, ט״ו, ט״ז). האב איך אויך געבעטן דעם רבונו של עולם, ער זאל מיר ווייזן, ווער עס וועט זיין מיין ממלא מקומי, האט מען מיר געענטפערט אין הימל, אז זיין נאמען וועט זיין דער זעלבער וואס מיינער — י ע ק ב   י צ ח ק.

דערנאך, ווען דער „ייד־הקדוש״ האט צום ערשטן מאל באטראטן די שוועל פונעם „חוזה״, האט זיך דער „חוזה״ אויפגעשטעלט פון זיין שטול און איז מיט פרייד אים אנטקעגנגעגאנגען, זאגנדיק: „דו האסט מיך געטרייסט, ווייל מיט א פאר טעג צוריק איז ביי מיר געווען א חסיד, וואס זיין נאמען איז יעקב־יצחק, איז אויף מיר געפאלן א גרויסער פחד, ווארום כ׳האב מורא געהאט, טאמער וועט ער זיין מיין ממלא מקומי, אבער איצט, אז דו ביסט אריינגעקומען, האסטו מיך געטרייסט״.

„אט אזוי האט דער „חוזה״ אויפגענומען צום ערשטן מאל זיין תלמיד, דעם „ייד־הקדוש״ און ער האט שוין באלד אין אים געזען זיין זיין ממלא מקומו.

דערנאך ווייסן מיר דאך, אז דער „ייד הקדוש״ האט מיט זיין חריפות אין לערנען צוגעצויגן די גרעסטע לומדים קיין לובלין, און מי לנו גדול פונעם לובלינער רב אליין? דער גרויסער גאון, דער אייזערנער קאפ, ווי מען האט אים גערופן, ר׳ עזריאל הלוי הורוויץ, האט דאך אויך געפירט מיטן „חוזה״ א גרויסע מחלוקה, און דאך, ווען דער „ייד־הקדוש״ האט אנגעהויבן צו פארן קיין לובלין, האט דער „אייזערנער קאפ געמאכט שלום מיטן „חוזה״, ווייל אויב דער „חוזה״ קען האבן אזא למדן פאר א תלמיד ווי דער „ייד־הקדוש״ איז — האט דער „אייזערנער קאפ״ געזאגט — מעג ער זיין א רבי״ — איר פארשטייט א מתנגד? ער האט געגעבן

סמיכה דעם „חוזה" בלויז דערפאר, ווייל ער האָט אזא גרויסן תלמיד. נו, מילא, דערפאר איז ער דאָך געווען א מתנגד. נאָר קיין גרויסער חסיד פונעם „חוזה" איז דער „אייזערנער קאָפּ" פאָרט נישט געוואָרן. אז ער האָט געקאָנט געבן א שטאָך די חסידים, האָט ער עס געטון. אמאָל איז דער „ייד־הקדוש" אריינגעקומען צום „אייזערנעם קאָפּ" און אים אָנגע־שלאָגן א שידוך פאר זיין טאָכטער, טאקע מיטן „חוזה" אליין, וואָס איז דעמאָלט געוואָרן, לא־עלינו, אן אלמן.

ענטפערט דער „אייזערנער־קאָפּ" מסיח לפי תומו: „עס איז קעגן דער תורה".

— וואָס מיינט איר דערמיט? — האָט דער „ייד־הקדוש" געפרעגט.

— די תורה זאָגט — האָט ער געענטפערט — „את בתי נתתי לאיש" (מיין טאָכטער האָב איך געגעבן צו א מענטש (דברים כ"ב, ט"ז) און איר, חסידים, האַלט דאָך אין איין שרייען, אז אייער רבי איז א מלאך.

דער „ייד־הקדוש" האָט אים מער גאָר נישט געענטפערט, נאָר זיך אויסגעדרייט צו די חסידים און שטיל געזאָגט: „א מתנגד בלייבט א מתנגד".

— יאָ, אז מען דערמאָנט זיך פון אמאָל, ווילט זיך דערציילן און דערציילן — האָט ר' פּייוועלע מיט א קרעכץ געזאָגט — נאָר לאָמיר נישט פארקריכן אין א זייט. האַלטן מיר, הייסט, עס, ווי גרויס דער „ייד־הקדוש" איז געווען אין לובלין. נו, האָט זיך אָבער אריינגעלייגט דער שטן און עס האָבן זיך געפונען רכילות־טרייבער, און זיי האָבן אָנגעמאכט די גאַנצע מחלוקה.

געווען זענען אויך, א חוץ ר' שמעון דייטש און ר' יוסף יארטשעוער, צוויי יידן, וואָס דער „ייד־הקדוש" האָט אויף זיי געזאָגט, אז פערציק יאָר האָט דער ס"מ אויף זיי געוואָרפן אן אויג, כדי זיי זאָלן דערנאָך אים געטריי דינען, דאָס איז געווען בער דער קינצקער און יקותיאל, און דער „ייד הקדוש" האָט אויף זיי געטייטשט, בדרך הלצה, דעם פּסוק „איש בער (בער) לא ידע, כסיל (יקותיאל) לא יבין" (איש בער לא יודע וכסיל לא יבין את זאת" (דער בהמישער מענטש וויים נישט, און דער נאר פארשטייט דאָס נישט. תהילים צ"ב ז'). נו, האָבן זיי זיך פארלייגט דעם „ייד־הקדוש" און אונדז אלעמען אָנצוטון יסורים.

„דער „חוזה" האָט אָבער די ערשטע צייט נישט געוואָלט אָננעמען קיין פּאַטשטן, און ער האָט דעם „ייד־הקדוש" אפילו אוועקגעשאָנקען זיין אַלט העמד, ווי דער מנהג איז געווען ביים „חוזה", ווען ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיינעם א תלמיד. האָט זיך איינמאָל געמאַכט, אַז צום „ייד־הקדוש" איז אַמאָל אַריינגעקומען א טירן־גייער און אים געבעטן, ער זאָל אים געבן עפּעס אָנצוטאָן, ער גייט אַרום אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, האָט ער אים געזאָגט, און האָט נישט צומאָל קיין העמד אויפן לייב. איז איבער־געגאַנגען דאָס הארץ פון דעם „ייד־הקדוש" און ער האָט אים אוועקגע־שאָנקען דאָס העמד, וואָס עס האָט באַקומען פון „חוזה".

דער אָרימאַן איז אָבער געווען א ייד א שיכור, האָט ער גענומען דאָס העמד, איז אַריין אין א שענק און האָט עס פאַרקויפט צו אַן ערל פאַר א פלעשל בראַנפן. ווי אַזוי די רכילות־טרייבער האָבן זיך דערפון דערוווסט, איז טאַקע א פּלא; מעגלעך, אַז זיי האָבן געהאַט א שטיקל האַנט דערינען, נאָר זיי האָבן פון דעם געמאַכט א גאַנצן געברויך און האָבן געזאָגט, אַז דער „ייד־הקדוש" האָט דאָס געטון מיט א כוונה, כדי מבזה צו זיין ברבים דעם „חוזה" פון לובלין.

נאָך דער דאָזיקער מעשה האָט דער חוזה פון לובלין אָנגעהויבן אָננעמען מלשינות אויפן „ייד־הקדוש", און נאָך א סך מסירות האָט דער „חוזה" באַפוילן דעם „ייד־הקדוש", ער זאָל מער צו אים נישט קומען.

אַז מען האָט געפרעגט דעם „ייד־הקדוש", פאַרוואָס ער האָט אוועק־געשאָנקען דאָס העמד פון דעם „חוזה", האָט ער געענטפערט: „עס שטייט אין פּסוק: עור בעד עור, וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו (הויט פאַר הויט און אַלץ וואָס דער מענטש האָט וועט ער אוועקגעבן פאַר זיין נפש — איוב ב', ד') — פאַר פּדיון נפש דאַרף מען אוועקגעבן דאָס לעצטע און אפילו דאָס טייערסטע העמד.

„דער „ייד־הקדוש" האָט אָבער אויף גאָרנישט נישט געקוקט און איז ווייטער געפאָרן צום „חוזה". ער איז אַריין אין חדר מיוחד פון דעם „חוזה", האָט דער חוזה אים נישט געוואָלט געבן קיין שלום. אָבער אַז דער „חוזה" האָט דערזען, ווי אין א ווינקל שטייט דער „ייד־הקדוש" און וויינט בדמעות שליש, איז ער צו אים צוגעגאַנגען און האָט זיך מיט אים איבער־געבעטן. די לובלינער חסידים זאָגן אפילו, אַז דער „חוזה" האָט אים

נעבעטן, ער זאָל מער זיין שוועל נישט איבערטרעטן. אָבער מיר האָבן בקבלה, אז דער „חוזה" האָט מיטן „ייד־הקדוש" געהאט נאָר א געהויבע־נעם שמועס, וואָס איז פאר אונדז, פשוטע, „רזין־דרזין". און דער שמועס האָט געבראכט דערצו, אז דער „ייד־הקדוש" איז אזוי יונג נפטר געוואָרן, אַלט זייענדיק איננאנצן זעקס־און־פערציק יאָר. דערנאָך איז געקומען די גרויסע „נפילה" אין לובלין, אָבער אַלץ ווייל דער שטן האָט מקטרג געווען.

און די מעשה איז געווען אזוי — האָט ר' פייוועלע ווייטער דערציילט — די דריי גרעסטע צדיקים פון דעם דעמאָלטדיקן דור, ר' ישראל, דער קאָזשניצער מגיד, ר' מענדעלע רימאַנאָווער און דער „חוזה" פון לובלין, האָבן זיך איינגעשפּארט צו ברענגען די גאולה פאר דער צייט.

איז אָבער דער דור נאָך נישט ראוי געווען דערצו און זייער דרך איז אפשר געווען א צו־גנוואגטער, דעריבער איז פאָרגעקומען די גרויסע נפילה אין לובלין. און ווען נישט וואָס דער „חכם פון די רביים" — האָט ר' פייוועלע צוגעגעבן — וואָס ר' נפתלי ראָפּשיצער האָט זיך באצייטנס גע־כאפּט און געזאָגט: „מיך לאָזט צורו", וואָלט זיכער געווען געקומען צו א תל־עולם.

אָבער די דריי צדיקי־הדור האָבן אויף גאָרנישט נישט געוואָלט קוקן און זיי האָבן געמאכט יד־אחת, נישט צו גיין צו די הקפות שמחת תורה, ביז מען וועט זיי נישט צוזאָגן אין הימל, אז מען וועט באפרייען די יידן פון דעם ביטערן גלות.

דערצו האָבן זיי אויך געוווּסט, אז זיי זענען נישט אליין, אז דאָרטן אויפן עולם האמת איז שוין זינט דריי יאָר דער בערדיטשעווער צדיק ר' לוי יצחק, זכותו יגן עלינו, וועלכער איז תמיד געווען דער מליץ־יושר פאר די יידן, און ער האָט דאָך געשווירן פאר זיין יציאת־נשמה, אז ער וועט נישט רוען אין קבר, און וועט נישט צורו לאָזן אלע צדיקים אין גן־עדן, ביז ער וועט נישט ברענגען, צוזאמען מיט זייער הילף, די גאולה שלימה.

אָבער כדי אים צו דערמאָנען אָן זיין הבטחה און אים מעורר צו זיין, האָבן די דריי צדיקים אָפּגעמאכט, אז מען זאָל ארויפשיקן א שליח־מיוחד צום בערדיטשעווער.

די דריי צדיקים האָבן געוואָרפן גורל צווישן זיך, ווער דער שליח זאָל זיין, און דער גורל איז אויסגעפאלן אויף דעם „חוזה" פון לובלין.

האָט זיך דער „חוזה" שוין אָנגעהויבן מכין צו זיין אין וועג אריין.

האָט זיך אָבער דערפון דערוווּסט דער „ייד־הקדוש", איז ער געקומען צום „חוזה", און נאָך דעם לאַנגן שמועס וואָס זיי האָבן דעמאָלט בסוד סודות געהאַט, האָט דער „חוזה" פון לובלין מסכים געווען, אַז דער „ייד־הקדוש" זאָל אויספירן די שליחות.

דער „ייד־הקדוש" איז דערנאָך געפאָרן וועגן דעם קיין קאָזשניץ און צום רבין ר' מענדעלע קיין רימאַנאָוו. די חסידים פון דעם „חוזה" האָבן אפילו געזאָגט, אַז ער איז געפאָרן צו זיי בעטן, זיי זאָלן זען צו מאַכן שלום צווישן אים און דעם „חוזה", אָבער מיר ווייסן, אַז אין דער נסיעה האָבן געשטעקט טיפערע כוונות, און טאַקע אין דעם זעלבן יאָר תקע"ה (חול המועד סוכות) איז דער „ייד־הקדוש" נפטר געוואָרן.

און די דריי צדיקים האָבן זיך געגרייט צו ברענגען די גאולה.

ר' פּיוועלע האָט אָפּגעזיפצט און האָט זיך פאַרנומען ווייטער צו דערציילן, ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען די „גרויסע נפילה אין לובלין", אָבער דער רבי לייבעלע, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים אויוון, די אויגן פאַרמאַכט און זיך געשאָקלט הין און צוריק, האָט פּלוצלינג אַרויסגעלאָזט דעם לולקע־ציבוק פון מויל און האָט געזאָגט:

— איר האָט אונדז מחיה געווען. איר דערציילט אונדז מעשיות, וואָס מיר האָבן קיינמאָל נישט געהערט. אָבער איר זענט דאָך דאָ פרעמדע. מסתמא האָט איר נאָך גאָרנישט ניט טועם געווען, מוז מען דאָך הייסן אייך מיט עפּעס מכבד זיין.

און דער רבי האָט א געשריי געטון:

— אהרן משה!

עס איז באַלד אַריינגעקומען דעם רבינס גבאי, אהרן משה, א ייד מיט א צעשויבערטער ברייטער גרויער באָרד און לאַנגע ברעמען, וואָס האָבן געשטאָכן ווי שפּיזלעך.

— ברענג אַריין עפּעס כיבוד — האָט דער רבי געזאָגט אין א באַפעלערישן טאָן.

אהרן משה, דער גבאי, האָט א בייזן קוק געטון אויף די פּינף פּשיסכער חסידים, א קוק וואָס האָט ווי געזאָגט: „קיין רויטע קאָפּיקע וועט מען פון זיי נישט זען, און דאָ דאַרף מען נאָך זיי געבן כיבוד!" — און ער איז שנעל אַרויס.

— אז מיר וועלן עפּעס טועם זיין, וועט איר ווייטער דערציילן ווי אזוי עס איז פאָרגעקומען די נפילה אין לובלין — האָט דער קאָוולער רבי ר' לייבעלע געזאָגט.

ו

די „נפילה" פונעם „חוזה" פון לובלין

דער גבאי אהרן משה, האָט אריינגעבראַכט א זילבערנע טאַץ מיט לעקעך, בראָנפן און איינגעמאַכטס. דער רבי ר' לייבעלע האָט מכבד געווען די פינף חסידים מיט בעכערלעך בראָנפן.

די פּשיסכער חסידים האָבן געטרונקען „לחיים" צום רבין און ר' אליעזר בער, דער בעל־לשון, האָט אין א הלצהלע געזאָגט: „מיר האָבן בקבלה פון אונדזערע רבים, אז י"ש געהערט אויך צו די זאכן שאין להם שיעור" ווייל די ראשי־תיבות פון „י"ש" קאָנען מיינען: יין שרף (בראָנפן) אָבער אויך „יראת שמים"...

„נו, אויב אזוי" — האָט דער רבי ר' לייבעלע געענטפערט — „טאָ גיסט איר אייך אליין אָן און טרינקט אזוי ווי אינדערהיים, פּונקט ווי איר וואָלט געווען ביים רבין ר' בונם".

די פינף פּשיסכער חסידים האָבן דערזען, אז דער רבי ר' לייבעלע איז געוואָרן אינגאנצן א זייעריקער. פאר גרויס שמחה האָבן זיי אָנגעהויבן צו גיסן גרויסע בעכערס בראָנפן און טרינקען איין כוסה נאָך דער אנדערער.

דערנאָך, אז מען האָט שוין געהאט געטרונקען „צוביסלעך", האָט דער רבי ר' לייבעלע זיך אָנגערופן: „איך האָב נאָך אפילו נישט געדאווענט, נאָר ס'איז דאָך ידוע, אז איינמאָל איז דער רבי ר' בער פון מעזשעריטש פארבייגעגאנגען ביינאכט פארן בית־המדרש, האָט ער דערזען ווי עס לייכט פון דאָרט ארויס א פייערדיקער זייל, איז דער רבי ר' בער אריינגעגאנגען אין בית־המדרש זען, ווער עס איז איצט דאָרט, האָט ער געטראָפן זיצן א פּאָר חסידים שמועסן חסידות. „איצט פארשטיי איך שוין, פארוואָס איך האָב געזען א פייערדיקע זייל ארויסלייכטן פון בית־המדרש" — האָט דער רבי ר' בער צו די חסידים געזאָגט."

— אוודאי איז שמועסן חסידות א גרויסער ענין — האָט ר׳ זישע שעדליצער געענטפערט אויפן פשיסכישן שטיינער — עס איז מטהר דעם מוח, עס רייניקט די מחשבות. און דאַוונען דאַרף מען דעמאָלט, ווען מען קומט צו דער אמתער מדרגה, ווען דאָס האַרץ בענקט נאָך תפילה.

— איר קענט דאָך זיכער דאָס אַלטע פשיסכער לידל? — האָט ר׳ פייוועלע גריצער א פרעג געטון.

— ניין, נישט געהערט — האָט ר׳ לייבעלע געענטפערט.

— אויב אַזוי, קאָנען מיר עס איצט זינגען — האָט ר׳ זישע שעדלי־צער א צעוואַרעמטער געענטפערט.

— אדרבא, מיר ווילן הערן וואָס פאַר לידל... — האָט דער רבי ר׳ לייבעלע געזאָגט.

אָבער נאָך איידער דער רבי ר׳ לייבעלע האָט זיין זאַץ פאַרענדיקט, האָבן די פשיסכער חסידים זיך געגעבן א ריס אַוועק פון טיש, אַזוי ווי עפּעס א געהיימער כח וואָלט מיטאַמאָל זיי א צי געגעבן. זיי האָבן פאַר־וואָרפן די הענט איבער די אַקסלען און האָבן אָנגעהויבן טאַנצן, זינגענדיק דאָס אַלטע פשיסכער לידל:

„נישט געדאַוונט, נישט געלערנט,
אבי דעם אייבערשטן נישט דערצערנט.
וואָס האָבן מיר צו זאָרגן
וואָס ס׳וועט זיין מאָרגן?
לאָמיר בעסער פאַררעכטן
וואָס מיר האָבן קאַליע געמאַכט נעכטן.
אוי, אפשר, אפשר וועלן מיר עס קענען זיין מתקן;
אוי, אפשר, אפשר וועלן מיר עס קענען זיין מתקן".

די חסידים האָבן געטאַנצט, צוערשט שטיל, פאַמעלעכדיק, פאַר־דביקהט, אָבער וואָס אַמאָל איז דער ניגון אַוועק שנעלער און פייערדיקער, ביז די פשיסכער חסידים זענען אַרום פון די כלים, האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען שנעל ווי א ווירער, און זייערע פיס האָבן קוים אָנגערירט די ערד.

דער רבי ר׳ לייבעלע האָט די ערשטע רגעס צוגעקוקט פאַרחידושט, מיט וואָס פאַר א התלהבות די חסידים טאַנצן, אָבער דערנאָך, ער האָט

אליין נישט געוווּסט ווי אזוי דאָס איז געשען, האָט ער זיך שוין געפונען אין רעדל און מיטגעזונגען „אוי, אפשר, אפשר, ווען מיר עס קאָנען מתקן זיין!"...

ווער ווייסט ווי לאַנג זיי וואָלטן אזוי געטאַנצט, ווען נישט וואָס דער גבאי אהרן משה איז אריינגעקומען, און דערזעענדיק דעם רבין טאַנצן מיט די פרעמדע חסידים, האָט ער האסטיק געגעבן א פאַרקלאַפּ צוריק די טיר. די חסידים זענען דורכן קלאַפּ איבערגעריסן געוואָרן פון זייער אמתן פשיסכער ריקודל.

ר' פייוועלע גריצער האָט זיך דער ערשטער געגעבן א כאַפּ, אז מען קאָן נאָך דערהערן אין גאס דעם פשיסכער ניגון און מען וועט זיי באַלד כאַפּן. און ר' איטשע מאירל האָט אונטערגעברומט, ווישנדיק זיך דעם שווייס פון פּנים מיט זיין גרויסער פאַטשיילע: „ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אז דאָ אין אָסטיליע וועלן מיר קאָנען מאכן אזא התלהבותדיק פשיסכער ריקודל?"

די חסידים האָבן זיך צוריק געזעצט צום טיש, און דער רבי ר' לייב בעלע האָט געזאָגט: „אויב אזוי, מוזט איר שוין פאַרענדיקן די מעשה וועגן דער „גרויסער נפילה אין לובלין", וואָס איר האָט פריער אָנגעהויבן צו דערציילן."

„אמת, אמת" — האָט ר' פייוועלע געזאָגט, און ער האָט געגעבן א פּאָר מיט זיין רעכטער האנט איבער דער גרויסער גראָער באָרד זיינער, זי געשפּאָלטן אויף צוויי העלפטן, און האָט אָנגעהויבן דערציילן:

„יאָ, האלטן מיר נאָך דער פּטירה פון דעם „ייד־הקדוש", וואָס האָט גערארפט דערמאָנען אין הימל דעם בערדיטשעווער רבין, אז די דריי צדקי־הדור האָבן אויף זיך מקבל געווען אין יענעם יאָר צו ברענגען דעם גואל.

„און עס האָט זיך ביי די דריי צדיקים אָנגעהויבן דערנאָך די אמתע עבודה.

„בעט צו גאָט, איך זאָל איבערלעבן דאָס יאָר תקע"ה" — האָט ר' מענדעלע רימאַנאָווער געזאָגט צו זיינע חסידים זיצנדיק אין דער סוכה „און איר מעגט זיכער זיין, אז איר וועט זוכה זיין צו דערהערן דעם שופר של משיח און צו זיצן אין דער סוכה של לויתן."

„ווער איז גרייט מיט מיר צו גיין אין דער מלחמה?" — האָט דער הייליקער „חוזה" אויסגערופן אין דעם זעלבן יאָר פאַר תקיעת־שופר.

„ר' קלמיש ניישטעטער האָט זיך געשטעלט ביים רבינס רעכטער האַנט און ר' נפתלי הערץ, דער בזשעזשאַנער רבי, צו זיין לינקער זייט. דער ראָפּשיצער רבי, ר' נפתלי, האָט דערזען ווי עס האַלט, האָט ער זיך בשתיקה אַרויסגעגנבעט. ער האָט געדאַוונט מוסף ערגעץ אין אַ שניידער־שולכל און איז טאַקע מער נישט געקומען צום „חוזה" ביז נאָך דער „נפילה".

„אַ חכם איז בעסער פון אַ נביא", האָט מען נאָך דער „נפילה" געזאָגט אויפן ראָפּשיצער.

„און דער „חוזה" האָט דעמאָלט ביי תקיעת־שופר מלחמה געהאַלטן מיטן שטן, ער האָט אַ פּאָר מאָל אַרויסגענומען דעם שופר פון זאַקליקאָווער רבינס האַנט, וועלכער איז געווען דעמאָלט דער בעל־תוקע אין לובלין, האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן ר' קלמיש ניישטעטער און ר' נפתלי הערצן, און האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון שופר קיין איין תקיעה.

„אָבער וואָס מיר זענען ניט ביכולת אויסצופירן מיטן שופר — האָט דער „חוזה" געזאָגט — וועלן מיר, אם ירצה השם, אויספירן מיטן כח פון דער תורה. דער כח פון „שמחה" — האָט דער „חוזה" צוגעגעבן — איז אַ סך גרעסער און שטאַרקער פון דעם כח פון „יראה", און געמיינט, פאַרשטייט זיך, האָט דער „חוזה" דערמיט די שמחה פון שמחת־תורה.

„האָט אָבער דער שטן פאַרטונקלט די הייליקע אויגן פון דעם „חוזה" און ער האָט גאָר נישט געזען, אַז באַלד נאָך ראש־השנה, ערב סוכות, איז דער קאָזשניצער מגיד נסתלק געוואָרן.

„דער קאָזשניצער מגיד האָט אפילו אַריינגערופן פאַר זיין פּטירה זיין זון, ר' משה אליקום בריעה, און אים באַפוילן צו זאָגן דעם הייליקן „חוזה", למען השם, ער זאָל אָפּהאַקן, נישט מער מרעיש עולמות זיין מיט זיין שטאַרקער עבודה, ווייל עס איז „לא איכשר דרא", דער דור איז נאָך נישט ראוי דערצו. אָבער מען האָט דעם „חוזה" נישט דערציילט פון קאָזשניצער מגידס פּטירה און וואָס ער האָט אָנגעזאָגט. מען האָט אַלץ פאַרהוילן פון אים, און אַזוי אַרום האָט דער שטן אַ כח געהאַט אים נעבעך מנצח צו זיין.

„ווער קאָן דערציילן די שמחה פון שמחת־תורה אין לובלין בכלל,

און אין דעם דאָזיקן שמחת־תורה בפרט? עס זענען דעמאָלט געקומען קיין לובלין א פּאָר הונדערט חסידים, די שמחה איז געווען אין לשער ואין לספר. דעם גאנצן שמיני־עצרת האָבן חסידים געטרונקען אָן א שיעור מעד און אנדערע משקאות. דער רבי אליין האָט כמעט ארויסגעגעבן א פּקודה, מען זאָל טרינקען.

„נאָך שמיני־עצרת אינדערפרי האָט דער „חוזה" געזאָגט צו די חסידים: „טרינקט און זייט אייך משמח מיט דער תורה, און איך בין אייך מבטיח, אז וויבאלד מיר וועלן האָבן א לוסטיקן שמחת־תורה, וועלן מיר אויך האָבן א לוסטיקן תשעה־באב".

„האָבן חסידים געפאָלגט און מען האָט געטרונקען. שווערע טעפּ מעד און גרויסע גאָנשעדרס ווין האָט מען א גאנצן טאָג אריינגעבראכט אין בית־המדרש אריין. אָבער דעם „חוזה" האָט מען נישט געזען. פון גאנץ פרי אָן האָט ער זיך געהאט פארשלאָסן אין זיין חדר־מיוחד, אוועקגעשטעלט דעם גבאי ביי דער טיר און אים אָנגעזאָגט, ער זאָל גוט אָפּהיטן די טיר, אז קיינער זאָל נישט אריינקומען. אויך אויפן רבין אליין זאָל דער גבאי גוט אכטונג געבן, ער זאָל פון אים נישט אראָפּלאָזן קיין אויג.

„דערווייל האָט מען אין בית־המדרש געטאנצט און געהוליעט, געמאכט איין ריקוד נאָכן צווייטן, און די שמחה איז געווען א טאָפּלטע, ווייל מען האָט געוווסט, אז דער „חוזה" וויל היינט עפּעס מחדש זיין מיט זיין עבודה.

„האָט מען אזוי געטאנצט ביז שפּעט אין דער נאכט אריין. ר' קלמיש גיישטעטער און ר' נפתלי הערץ האָבן געטאנצט אין די ווייסע זאָקן אויף די טישן, און דער גרויסער עולם חסידים ארום זיי.

„און בעת די חסידים האָבן דאָ געטאנצט אין בית־המדרש און האָבן זיך משמח געווען אזוי ווי דער „חוזה" האָט געהייסן, האָט זיך דערווייל דער „חוזה" ארומגעדרייט אין זיין חדר־המיוחד אויף און אָפּ, מיחד געווען פארשידענע יחודים, מצרף געווען שמות און ער האָט זיך געגרייט ביי די הקפות אינגאנצן מנצח צו זיין דעם שטן און ברענגען דעם גואל צדק.

„איז אָבער געשען א גאָר גרויס אומגליק. דער גבאי, וואָס האָט געדארפט אָפּהיטן יעדן טריט פון דעם „חוזה", איז פּלוצלינג אויף א רגע אנדרימלט געוואָרן. און ווי נאָר ער האָט זיך אויפגעכאפּט, האָט ער דערזען,

אז די ליכט זענען פארלאָשן און דער הייליקער „חוזה" איז מער נישטאָ אין חדר. ער האָט תיכף אויפגעפּראַלט די טיר און האָט געגעבן א געשריי אריין מיטן גאנצן כח אין בית־המדרש אריין: „ווו איז דער רבי?"

„די חסידים האָבן גלייך איבערגעריסן דאָס טאנצן. פארשווונדן איז מיטאמאָל די גאנצע שמחה. מען האָט אָנגעהויבן זוכן דעם רבין אין אלע חדרים פון זיין הויז, און ווען מען האָט אריינגעבראַכט א ליכט אין דעם רבינס חדר־מיוחד, האָט מען דערזען, אז אלע פענצטער זענען פארמאַכט, נאָר איין קליין פענצטערל, ווו עס זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט א סך פלעשער, האָט מען געפונען אָפן.

„די חסידים האָבן זיך צעשפּרייט איבערן גאנצן „הויף" מיט אראָפּ־געלאָזטע קעפּ, ווי אבלים. האָבן זיי געזוכט דעם רבין. עס האָט אזוי גע־דויערט כמעט א שעה, ביז איינער פון די גאָר געהויבענע חסידים, ר' הער־שעלע סטאשאָווער, האָט ביים שיין פון דער לבנה דערזען ליגן אויף דער ערד, ווייט פון בית־המדרש, א געשטאַלט פון א מענטש.

„— ווער איז דאָרט? — האָט ר' הערשעלע אויסגערופן מיט גרויס שרעק.

„— יעקב יצחק בן מייטל — האָט זיך דערהערט א שוואך קול.

„פאר גרויס שרעק איז ר' הערשעלע סטאשאָווער קודם כל געלאָפן מודיע זיין די חסידים, אז ער האָט געפונען דעם רבין. אלע האָבן אויסגע־בראָכן אין א גרויס געוויין און געוואָלט זיך לאָזן לויפן צום אָרט, ווו ר' הערשעלע האָט זיי אָנגעוויזן.

„— בחרם חמור — האָט זיך אָבער פּלוצלינג דערהערט א קול, וואָס איז געקומען פון נעבן דער טיר פון בית־המדרש — קיינער טאָר נישט זיך רירן פון אָרט, אחוץ דעם רבינס תלמידים מובהקים.

„דער גאנצער עולם איז געבליבן נעבן בית־המדרש.

„תיכף האָבן די ראשי־החסידים, די „שארפע קעפּ", געוואָרפן גורל צווישן זיך, ווער עס זאָל האָבן די זכיה צוריק אריינצוטראָגן דעם צדיק הדור.

„דער תלמיד ר' שמואל מאַקאַראָווער, וועלכער האָט זוכה בגורל געווען צו טראָגן דעם צדיק ביים קאָפּ, האָט דערנאָך דערציילט, אז ער האָט אליין בשעת דעם טראָגן געזען, ווי די לעפצן פון דעם „חוזה" האָבן

בסדר זיך באַוועגט; און ווען ער האָט זיך שטאַרק צוגעבויגן, האָט ער געהערט, ווי דער „חוזה" האָט געזאָגט „תקון לאה".

„קומענדיק שוין נאָענט צום בית־המדרש, האָט דער „חוזה" פּלוצלינג געעפנט די אויגן, פאַרחידושט זיך אַרומגעקוקט, און דערזעענדיק, אַז זיינע תלמידים טראָגן אים, האָט ער שטיל געזאָגט: „אוי, פאַרוואָס האָט איר פאַר מיר פאַרשוויגן די שרעקלעכע ידיעה? דער קאָזשניצער מגיד איז שוין מער נישטאָ בזה העולם און איך האָב גאָר נישט געוווּסט דערפון!"

„דערוווּסט האָט זיך דער „חוזה" פון דעם קאָזשניצער מגידס פּטירה, ווייל בעת ער איז פליאהדיק אַרויסגעוואָרפן געוואָרן דורך דעם קליינעם פענצטערל, ווו עס זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט א סך פלעשער און קיין איין פלאַש איז אפילו נישט אומגעפאַלן, איז געקומען דער קאָזשניצער און אים אויפגעכאַפּט אין די פאָלעס פון זיינע תכריכים — אַזוי זאָל דערנאָך האָבן דער „חוזה" אַליין געזאָגט צו זיינע תלמידים. אַנדערע חסידים האָבן אָבער געזאָגט, אַז די מוטער זיינע, די הייליקע מייטל האָט אונטערגעשטעלט אירע תכריכים און אים מציל געווען.

„און זינט דעמאָלט איז דער „חוזה" געוואָרן מסוכנדיק קראַנק.

שמחת־תורה אינדערפרי, ווען די מתנגדים פון לובלין האָבן זיך דערוווּסט פון דעם חוזהס „נפילה", האָבן זיי זיך שטאַרק משמח געווען. זיי האָבן געפּיעט און געשיכורט א גאַנצן טאָג און זיך מתחייב געווען, אַז אין דעם טאָג פון „חוזהס" פּטירה וועלן זיי מאַכן א צווייטע שמחת־תורה, וועלן זיי מאַכן א גרויסע סעודה.

„דער „חוזה" האָט אָבער אַריינגערופן זיין תלמיד, דעם פּיעטריקאָווער דאָקטאָר, חיים דוד בערנאַרד, און האָט צו אים אַזוי געזאָגט: „די גאַנצע סטרא־אחרא האָט זיך צוזאַמענגענומען מיט מיר מלחמה צו האַלטן, און אין הימל האָט מען נישט מסכים געווען, מיר זאָלן ברענגען דעם קץ... זיי אָבער, די מתנגדים, קוקן שוין אַרויס אויף מיין פּטירה, זיי גלוסט זיך צו מאַכן א יום־טוב צוליב מיין נעדר ווערן. זיי האָבן אָבער א גרויסן טעות. נישט נאָר וועלן זיי זיך נישט משמח זיין אין מיין יום המיתה, נאָר צו־זאַמען מיט אייך וועלן זיי טרויערן. נישט נאָר וויין, נאָר אפילו קיין לעק וואַסער וועלן זיי דעמאָלט נישט טרינקען."

„די חסידים האָבן בשעת מעשה נישט פאַרשטאַנען דעם צדיקס דיבורים.

„אָבער אין דעם זעלבן יאָר איז נעבעך אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס גרויסע ליכט, און אין תשעה־באב פון תקע"ה איז דער „חוזה" נפטר געוואָרן, און אויך די לובלינער מתנגדים האָבן געמוזט טרויערן און האָבן נישט געטאָרט טרינקען אפילו אַ טראָפּן וואַסער...

„אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט די „גרויסע נפילה" אין לובלין" — האָט ר' פייוועלע פאַרענדיקט זיין מעשה, און שווער אָפּגעזיפצט.

„איר האָט אונדז געעפנט די אויגן" — האָט ר' לייבעלע געזאָגט. איצט ווייסן מיר שוין, פאַרוואָס דער „ייד־הקדוש" איז אַזוי נפטר געוואָרן פאַר דער צייט. אָבער עס איז פאָרט נישט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס ר' שמעון דייטש לייגט־איין וועלטן, מען זאָל אייער דרך דאָ משפּטן אויף דער גרויסער חתונה, בשעת עס זענען זיך צונויפגעקומען אַזויפיל צדיקים? וואָס האָט ער פאָרט צו אייך?"

„מסתמא האָט אין דעם אויך אַ שטיקל חלק דעם ס"מ, וואָס ער וויל נישט, אַז אונדזער דרך זאָל זיך פאַרשפּרייטן. ער אַליין האָט געהאַט אַ גרויס תרעומות נאָך אויפן „ייד־הקדוש". ווייל אַמאָל איז ער צוזאַמען מיטן „ייד־הקדוש" געפאָרן קיין לובלין. אויפן וועג זאָגט ר' שמעון דייטש צום „ייד־הקדוש": „מיר זעען, אַז דער רבי איז נישט אין דער היים". דער „ייד־הקדוש" האָט אָבער אים צוגערעדט, ער זאָל ווייטער פאָרן.

„ווען מען איז אָפּגעפאָרן אַ פּאָר מייל, זאָגט נאָכאַמאָל ר' שמעון דייטש: „מיר זעען פאָרט, ווי דער רבי איז אָפּגעפאָרן פון שטאָט". אָבער דער „ייד־הקדוש" האָט אים ווידער מפציר געווען און זיי זענען ביידע ווייטער געפאָרן.

„ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין לובלין, האָט זיך ר' שמעון דייטש דערוווּסט, אַז דער „חוזה" האָט טאַקע געוואָלט אָפּפאָרן פון דער שטאָט, נאָר די לעצטע רגע האָט ער חרטה באַקומען.

„האָט ר' שמעון דייטש געפרעגט דעם „ייד־הקדוש", פאַרוואָס ער האָט זיך טועה געווען אין דער ראיה. האָט אים דער „יוד־הקדוש" געענטפערט: „איך האָב געזען ביי אייך אַ שטיקל „התנשאות", און דאָרט ווו עס איז דאָ גאווה, אפילו בזעיר אופּין, קאָן נישט שולט זיין קיין רוח־

הקודש.״ זינט דעמאָלט איז ר׳ שמעון דייטש ברוגז געוואָרן אויפן ,ייד־הקדוש, און דערפאר איז נאָך די שנאה זיינע ביז איצט אזוי גרויס.״

אָבער פּלוצלינג, אין מיטן חסידישן שמועס, האָט זיך געגעבן א פּראַל אויף די טיר פון קאָוולער רבינס חדר. עס האָבן זיך אריינגעשטופּט א כאַפּטע חסידישע קאָזאקן. זיי האָבן אָנגעפילט די גאנצע שטוב. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט מעשה־קאפּעליע און אויסגעשפּילט אויף זייערע איי־גענע אינסטרומענטן, וואָס זענען באשטאנען פון שטעקנס, בעזימער, קאָ־טשערעס, וואלגערהעלצער, טאצן און טעפּ, א „פריילעכס״. דער בדחן ר׳ זאנוול האָט אויסגערופן אין גראמען, אז דער מחותן פון כלהס צד, דער רבי ר׳ יוסף פון אָסטיליע, און דער זיידע פון דער כלה, דער רבי ר׳ מרדכי פון נעשכיז און דער מחותן פון חתנס צד, דער רבי ר׳ דן פון ראדזוויל, און דער זיידע פון חתן, דער סבא־קדישא ר׳ אברהם יהושע העשיל, פאר־בעטן דעם עלטערן ברודער פון דעם מחותן, דעם רבין ר׳ לייבעלע, צו דעם אָרים־מאָלצייט, וואָס וועט באלד געפּראוועט ווערן אין דער גרויסער שאָפּע, וואָס איז ספּעציעל אויפגעשטעלט געוואָרן פאר די חתונה־סעודות.
און פארענדיקט האָט דער בדחן מיט דעם סקארבאָווען גראם:

„זייט זשע אלע גרייט
צו דעם אָרים מאָלצייט,
צוזאמען מיט אלע גרויסע לייט
ער גייט, ער גייט, ער גייט.״

ווען דער בדחן האָט פארענדיקט אין גראמען זיין פארבעטן דעם רבין צו דער אָרים־מאָלצייט, האָבן די חסידישע קאָזאקן ווידער אָפּגע־שפּילט א מזל־טוב־ניגונדל. דאָס איז געווען דאָס חתונה־ניגונדל וואָס דעם אלטן אפּטער רבינס בעל־מנגן האָט געמאכט צו דער דאָזיקער חתונה און מען האָט עס אומעטום געזונגען. די חסידישע קאָזאקן האָבן פארלאנגט „אָפּשפּיל־געלט״ און דער רבי ר׳ לייבעלע האָט זיי געגעבן א גאנצן זיל־בערנעם קארבן. זיי זענען מיט א רעש און געפּילדער ארויסגעלאָפן. זיי זענען ווייטער געגאנגען אויף א צווייטער אכסניא, א צווייטן רבין פאר־בעטן צו דעם אָרים־מאָלצייט.

דער רבי ר׳ לייבעלע האָט געזאָגט די פינף פּשיסכער חסידים, זיי זאָלן

אים איצט פארלאָזן, ווייל ער דארף נאָך דאווענען, איידער ער גייט צו דעם אָרים־מאָלצייט. ער האָט פאר זייער אוועקגיין זיי צוגעזאָגט, אז ער וועט קיינעם נישט דערציילן, אז זיי זענען געקומען אויף דער חתונה, און דער עיקר, אז ער וועט זיי ארויסהעלפן ביים פארטיידיקן דעם פשיסכערס דרך ביים משפט, ווען נאָר זיי וועלן עס פון אים פארלאנגען.

„מיר וועלן נישט צולאָזן, אז דער מחותן, דער הייליקער אפּטער, זאָל צונעמען רבילותן — האָט דער קאָוולער רבי געזאָגט — מיר וועלן אים דערמאָנען דעם חסידישן טייטש אויף עקידת יצחק. ווארום אין פלוג איז דאָך די קשיה, פארוואָס איז דער באפעל פון „קח נא את בנך" (בראשית כ"ב ב') געגעבן געוואָרן פון השם יתברך אליין, דאקעגן, דער „אל תשלח את ידך אל הנער" (בראשית כב, י"ב), דורך א מלאך, ווי עס שטייט פריער: „ויקרא אליו מלאך" (בראשית כ"ב, י"א)? נאָר דער תירוץ איז: ווייל אויף ראטעווען א מענטש מעג מען זיך אויך אויף א מלאך פארלאָזן. אָבער, ווען עס האנדלט זיך, פארקערט, וועגן אָפּשעכטן א ייד, אין אזא פאל טאָר מען קיינעם נישט הארכן, אפילו א מלאך אויך נישט. דאָס מוז מען הערן פון גאָט אליין. „בפרט נאָך" — האָט דער רבי ר' לייבעלע אויסגעלאָזט — „ווען מען וויל אָפּשעכטן א גאנצע עדה יידן, יראים, שלמים און צדיקי אמת."

„מיר וועלן אייך ארויסהעלפן! האָט גאָר נישט קיין מורא!" — האָט דער רבי ר' לייבעלע נאָכגעשריגן די פשיסכער חסידים, ווען זיי האָבן זיך שוין געפונען ביי דער טיר, זיך געלאָזט גיין צו דעם אָרים־מאָלצייט, און די פשיסכער חסידים האָבן געהערט ווי דער רבי ר' לייבעלע ברומט זיך אונטער דאָס ניגונדל:

„נישט געדאווונט, נישט געלערנט,
אבי דעם אייבערשטן נישט דערצערנט."

„ער איז אינגאנצן געוואָרן אן אונדזעריקער" — האָט ר' פּיוועלע גריצער געזאָגט, א פרייליכער, צו די אנדערע פשיסכער חסידים.

ז

דער אָרים־מאָלצייט

די גאַסן פון אָסטיליע זענען פון גאַנץ פרי אָן געווען פול מיט אָרימעלייט און בעטלערס, וואָס האָבן זיך געצויגן אין גרויסע מחנות צו דעם ריזיקן שלאָש, וועלכער איז ספּעציעל אויפגעשטעלט געוואָרן פאַר די חתונה־געסט. דאָרט איז אויך אין יענעם טאָג געפּראַוועט געוואָרן דאָס אָרים־מאָלצייט.

די טירן פון דעם שלאָש זענען היפּש שפּעטלעך געעפנט געוואָרן, און די אָרימעלייט האָבן זיך אַריינגעלאָזט אינווייניק מיט אַ רעש און געפּילדער. מען האָט זיך געשטופּט דורך טירן־פענצטער. יעדער האָט גע־זוכט צו פאַרכאַפּן אַ בעסערן פּלאַץ ביי די טישן, וואָס זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין דער פאָרם פון אַ „חית". בעת מעשה האָט מען זיך געשאָלטן און דערלאַנגט ריפּן־שטויסן. סוף כל סוף זענען שוין אַלע אָרימע לייט געווען אויסגעזעצט ביי די טישן. פאַרשידענע רביים, וואָס זענען זיך צונויפגעפאָרן צו דער חתונה, האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַדינען. די רביים האָבן אַרומגעשפּאַצירט אויף די טישן אין די בלויזע ווייסע זאָקן, די פּאָלעס פון די זיידענע קאַפּאָטעס פאַרקאַטשעט אין די גאַרטלען און איבער זייערע פּלייצעס זענען געווען אָנגעהאָנגען גרויסע ציכן מיט בולקעס, וואָס זיי האָבן צעטיילט צווישן די אָרימעלייט.

אַנדערע רביים האָבן אויף זילבערנע טאַצן געטראָגן פאַרביקע פלע־שער מיט פאַרשידענע משקאות, ווי פּראָסטן בראָנפן, קימל־בראָנפן, גרינעם פּיאָלען־בראָנפן, אָקעוויט, וויין און ווישניאַק, מיט וועלכע זיי האָבן מכבד געווען די אָרימעלייט. און אַ טייל רביים האָבן געטיילט לעקעך, פלאָדן, שטרודל און פאַרשידענע איינגעמאַכצן.

די אָרימעלייט זענען געזעסן רחבותדיק אַרום די טישן און האָבן זיך געפילט זייער דערהויבן, אַזוי ווי די גאַנצע חתונה אין אָסטיליע, וואָלט נאָר צוליב זיי געווען פאָרגעקומען, און די איבער אַכציק רביים, וואָס זענען זיך צונויפגעפאָרן פון די פאַרשידענע מדינות, זענען נאָר געקומען, כדי זיי איצט דאָ צו באַדינען.

פון די דערבייאיקע אויפגעשטעלטע שאַפעס האָבן זיך אהערגעטראָגן ריחות פון זאפראן, נעגעלעך, ענגלישן געווירץ, שארפן קימל, פון געבראָטענע פליישן און געפילטע פיש.

דאָרטן האָבן זיך געפונען די גבאים פון די פארשידענע רביים צוזאמען מיט די חתונה־סארווערס. זיי האָבן צוגעגרייט די אלע מאכלים פאר דעם אָרים־מאָלצייט.

צענדליקער גבאים און סארווערס זענען געלאָפן פארשוויצטע מיט פולע הענט מיט טעלערס, עס צעטיילט צווישן די אָרימעלייט. דער טומל אין דעם שאלאש איז געווען זייער גרויס, אָרימעלייט האָבן געריסן פון אלע זייטן. די גבאים האָבן זיך געפילט שלעכט, וואָס זיי קאָנען די אָרימעלייט נישט אָפשייגעצן פאר זייער חוצפהדיקייט, ווייל די רביים האָבן זיי פריער אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זיך מיט די אָרימעלייט באנעמען פריינטלעך.

צווישן די אלערליי בעטלער און אָרחי־פרחים האָבן זיך אויך געפונען די פינף פארשטעלטע פשיסכער חסידים אין אָפגעשליסענע בעקעשעס. זיי זענען געזעסן ביים עק פונעם לאנגן טיש און האָבן צווישן זיך ווייניק גערעדט, כדי מען זאָל נישט באמערקן, אז זיי האָבן עפּעס א שייכות צווישן זיך...

א סך חסידים זענען ארומגעגאנגען צווישן די אָרימעלייט מיט גרויסע שיסלען און שווערע מעשענע צוויי אויערדיקע קוואָרטן, אין מיט אריבערגעוואָרפענע האנטיכער איבער די אקסלען און האָבן די אָרימעלייט צוגעטראָגן צום וואשן.

יעדע רגע איז צוגעלאָפן אן אנדערער רבי צו אן אָרימאן און האָט אים געפרעגט מיט ווארימקייט, צי ער האָט גענוג צו עסן און וואָס נאָך פאר א מאכל זיין הארץ גלוסט.

גראָד איז צו דעם ווינקל, ווו די פינף פשיסכער חסידים זענען געזעסן, צוגעקומען דער רבי ר׳ שמעון דייטש. זיי געפרעגט, וואָס פאר א בראָנפן זיי ווילן טרינקען.

— מיר טרינקען אלץ, — האָט ר׳ אליעזר דער בעל־לשון געענטפערט.

— איר ווילט אפשר פיאָלען־בראָנפן ? — האָט ר׳ שמעון דייטש ווייטער געפרעגט.

— קיין נפקא־מינה נישט, ס׳קאָן זיין. — האָט ר׳ פייוועלע גריצער

שנעל געענטפערט, כדי ר׳ שמעון דייטש זאָל וואָס פריער אוועקגיין און זאָל זיך נישט צופיל ארייננקוקן אין זיין פנים.

ר׳ זישע שעדליצערן האָט זיך אויסגעדאכט, אז עפעס א חסיד, וואָס שטייט די גאנצע צייט הינטער זיין פלייצע, קוקט אים צופיל אָן, האָט ער זיך תמעוואטע געווענדט צום חסיד:

— איר קאָנט מיר אפשר זאָגן, וואָס מען מיינט פיאָלען־בראָנפן און ווי אזוי מען מאכט דאָס?

— איר ווייסט נישט, וואָס מען מיינט פיאָלען־בראָנפן און ווי אזוי מען מאכט דאָס? מען נעמט איינפאכן „זעקס און ניינציקער”, מען לייגט אריין אזעלכע קרייטעכצער, וואָס הייסן פיאָלען, מען לאָזט דעם בראָנפן שטיין א צוואנציק טעג, ווערט ער דערנאָך חריף, באקומט א גרינעם אויסזען, און דאָס הייסט פיאָלען־בראָנפן.

— דאָך, נישט צו פארשטיין — האָט ר׳ זישע שעדליצער ווייטער געזאָגט מיט א שמייכל, — ווי אזוי ווערט פאָרט פיאָלען־בראָנפן, וואָס הייסט „מען לאָזט דעם בראָנפן שטיין א צוואנציק טעג”? ווער האָט דאָס אזא כח־המעצור, צו לאָזן שטיין בראָנפן אזוי לאנג און אים נישט אויס־טרינקען?

די חסידים וואָס זענען געשטאנען הינטער ר׳ זישעס פלייצעס, האָבן זיך צעלאכט און איין חסיד האָט זיך אָנגערופן:

— אוי, מוזט איר זיין אן אמתער פיאָק, אז איר קאָנט נישט משיג זיין, ווי אזוי מען לאָזט שטיין בראָנפן אזא לאנגע צייט און מען רירט זיך נישט צו צו אים...

דאָס האָט ר׳ זישען זייער הנאה געטון, ווייל דערמיט איז ער שוין זיכער געווען, אז מען דערקענט נישט, ווער ער און זיינע חברים זענען.

דערווייל האָבן די רביים דערלאנגט צו די טישן כלערליי מאכלים: יויך מיט לאָקשן, יויך מיט פארפעלעך און יויך מיט געשניטענע ברוינע קליסקעלעך, געבראָטענע און געקאָכטע הינדלעך, געבראָטענע גענדז און קאטשקעס און אנדערע געבראָטענע פליישן. די חסידים פון די פארשידענע רביים האָבן זיך געשטופט ארום די טישן צו כאפן שיריים פון זייערע רביים. דאָס געדרענגעניש איז געווען אין לשער. אויף ר׳ פיוועלע גריצער זענען געלעגן א כאָפּטע חסידים און האָבן געלויערט אויף א טעלערל, פון

וועלכן דער רבי ר' שמעון דייטש האָט געהאַט טועם געווען. ר' איטשע מאירל, דער וואַרשעווער עילוי, האָט דערפילט, אז דער זקן ר' פייוועלע גריצער, ווערט ממש דערדריקט פון יענע חסידים, דערצו האָט אים אין הארצן פאַרדראָסן, וואָס די חסידים שטופן זיך דוקא אזוי שטאַרק צו ר' שמעון דייטש, האָט ער זיך אָנגערופן צו א פּאָר חסידים, וואָס זענען פשוט געהאַנגען אויף דעם אַלטן ר' פייוועלעס פּלייצעס:

— וואָס לייגט איר אייך אזוי אַרויף אויף א פרעמדן ייד? איר ווייסט דאָך, אַז יעדער ייד איז בבחינת ספר־תורה און אויף א ספר־תורה טאָר מען זיך נישט אָנשפּאַרן!

— אזוי נאָר? — האָט זיך א פייערדיקער חסיד אָנגערופן, — דו ווילסט ווייזן, אַז דו ביסט א יודע ספר און דאָך ווייסטו, לא עלינו, נישט וואָס דו רעדסט; אויב יעדער ייד איז בבחינת ספר־תורה, בין איך דאָך אויך בבחינת ספר תורה און איין ספר־תורה מעג מען דאָך יאָ אָנשפּאַרן אויף דער צווייטער.

— יאָ, אמת — האָט ר' איטשע מאירל געענטפערט. — אָבער יעדער ייד דאַרף ביי זיך אין הארצן טראַכטן, אַז נאָר דער צווייטער ייד איז הייליק ווי א ספר־תורה און ער אַליין איז א גאָרנישט שבגאָרנישט!...

— ביסט דורכגעפאַלן — האָבן אַנדערע חסידים דערלאַנגט דעם חסיד אַזא גוט ברודערישן קלאַפּ איבערן קאָפּ, אַז דאָס שטריימל איז אים שיער נישט אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ. — זעט, ער איז נאָך א יונגערמאַן, — האָבן זיי אָנגעוויזן אויף ר' איטשע מאירלען — און דערצו נאָך א חוזר על הפתחים, און גיט אַזעלכע קלוגע ענטפערס.

אינצווישן איז דאָס שטופּעניש אין דעם שאַלאַש געוואָרן גאָר שטאַרק. חסידים האָבן אָנגעהויבן זיך צו שפּאַרן פון אַלע זייטן, געשפּרונגען דורך די אָפענע פענצטער, געוואָלט ממש די ווענט צעטראָגן, יעדע ווילע האָט זיך דערהערט א קראַך פון אַן איינגעבראָכענער באַנק. אין קולות האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן: „דרך ארץ! דער חתן מיט די מחותנים גייען!"

און כאָטש עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער שאַלאַש איז שוין געווען איבערפולט, אַז מען האָט נישט געקאָנט קיין שפּילקע צו דער ערד וואַרפן, האָבן דאָך נאָך הונדערטער חסידים זיך אַריינגעשטופּט אין שאַלאַש

ווי אזוי חסידים פלעגן מקבל פנים זיין א חתן ביי א רביאישער חתונה

און קיינער האָט נישט געזאָגט „צר לי המקום", אז עס איז אים ענג, ווייל אלע אויגן און אלעמענס מחשבותן זענען געווען געווענדט צו דער טיר, פון וואנען עס האָבן געדארפט אָנקומען די מחותנים, די הייליקע צדיקים, צוזאמען מיט חתן.

הונדערטער חסידים האָבן זיך ביי זייערע גארטלען אָנגעהאנגען אָן די האקנס, וואָס האָבן געשטעקט אין די הילצערנע ווענט, אזוי אז זייערע גופים זענען שיער נישט איבערגעשניטן געוואָרן. אנדערע חסידים האָבן זיך ארויפגעדראפעט אויף די סלופעס, וואָס האָבן אונטערגעשפּארט דעם שאלאש, האָבן זיך אויבן צוגעבונדן מיט די גארטלען, כדי בעסער צו זען די צדיקים, וואָס דארפן אָנקומען מיטן חתן.

עס זענען אָנגעקומען צולויפן פארסאפּעטע „חסידישע קאָזאקן" און האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן א ווארע אין שאלאש. הונדערטער שטריימלעך זענען געפלויגן אין אלע זייטן, די קאָזאקן האָבן מיט הילצערנע שווערדן געפּאָכעט אין דער לופטן, איבער די קעפּ פון די חסידים און עס האָבן זיך דערהערט קולות: „אין דער זייט, דראבעס! דרך־ארץ! א ווארע מאכט! די מחותנים־גייען!"

עס זענען אָנגעקומען די קלעזמאָרים און געשפּילט דאָס נייע חתונה־ניגונדל און עס האָט זיך באוויזן דער „הויכער רפאל", מיט זיין ארץ־ישראל פייקל. ער איז געגאנגען אָנגעטון אין רויטע, ברייטע, אראבישע הויזן, א טערקישן שאל פארוואָרפן איבער די אקסלען, ווי אן אראבישע אבאיע און א פעסקע אויפן קאָפּ. ער האָט אקעגנגעטאנצט דעם חתן און די מחותנים, וועלכע זענען הינטער אים געגאנגען.

דאָס פייקל האָט דער „הויכער רפאל" באקומען בירושה פון זיין זיידן ר' סענדער צפתער, וועלכער איז מיטגעפאָרן קיין ארץ ישראל מיט דער גרויסער חסידישער עליה, אין יאָר תקל"ז. דעמאָלט האָבן הונדערטער חסידים זיך צונויפגענומען און צוזאמען מיטן רבין ר' מענדעלע פון וויטעבסק פארלאָזן דעם גלות און אויפגעגאנגען קיין ארץ־ישראל.

און ווען די חסידים זענען דעמאָלט אָנגעקומען קיין צפת — פלעגט דערציילן דער „הויכער רפאל" — האָט דער רבי ר' מענדעלע, פאר גרויס שמחה, געטאנצט אויף די צפתער גאסן און אליין געפּויקט אויף דעם פייקל. דערנאָך איז ר' סענדער צפתער צוריקגעפאָרן קיין פוילן אלס שד"ר

(שליחא־דרבנן) און ער האָט מיטגענומען מיט זיך דאָס פּייקל, אויף וועלכן דער רבי ר' מענדעלע אליין האָט געפּויקט. דאָס פּייקל איז דערנאָך איבער־געגאַנגען בירושה צו זיין זון און צו זיין אייניקל, דער הויכער רפאל".

דער „הויכער רפאל" האָט פון דעמאָלט געהאַט א מנהג צו זיין אויף אלע גרויסע רבייאישע חתונות, זיך צו פאַרשטעלן פאַר א טערק און פּויקן מיט זיין ארץ ישראל פּייקל. ער האָט זיך תמיד אויף די חתונות געהאַלטן אָפּגעזונדערט, אי פון די קלעזמאָרים און אי פון די חסידישע „קאָזאַקן". ער האָט זיך געהאַלטן חשובער פון זיי. ער איז תמיד געווען דער אָפּי־ציעלער אָנזאָגער אויף די רבישע חתונות, אז דער חתן אָדער א גרויסער רבישער מחותן קומט אָן.

הינטער אים איז געגאַנגען בנימוסדיק דער פערצן־יעריקער חתן, שמואלקל. ער האָט געהאַט א בלייך־לענגלעך קינדיש פּנים, צוויי לאַנגע גאַליציאַנער געקרייזלטע פּיאות ווי פלעשעלעך האָבן אראָפּגעהאַנגען ביז צו די אקסלען. פון זייער שטייפקייט האָט מען געקאָנט דערקענען, אז זיי זענען נאָר וואָס געוואָרן געקרייזלט מיט פלוימען־יויך, דער חתן איז גע־גאַנגען אָנגעטון אין נייע זיידענע מלבושים און אין א גאַליציאַנער שטריימל מיט שפּיצן, וואָס האָט אים דערגרייכט ביז איבער די אויערן. צו זיין רעכטער האַנט האָט געשפּרייזט דער זיידע פונעם חתן — דער אלטער אפּטער רבי. ער האָט געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט און זיינע ליפּן האָבן זיך כסדר באַוועגט, אזוי ווי ער זאָל שעפּטשען עפּעס א תפילה. צו זיין לינקער זייט — דער זיידע פון דער כלה, דער צדיק, ר' מאָטעלע נעשכיזער; הינטער זיי: די מחותנים, דער אָסטיליער רבי, ר' יוסף — דער פאָטער פון דער כלה, דער ראַדווילער רבי, ר' דן, — דער פאָטער פונעם חתן, און דערנאָך האָבן זיך געצויגן שורות פון רביים, קרובים פון ביידע צדדים. זיי אלע האָט ארומגערינגלט א קייט פון הענט, וואָס די חסידישע „קאָזאַקן" האָבן ארום געמאַכט, כדי קיין פרעמדער זאָל זיך נישט קאָנען אריינרייסן.

אזוי ווי די מחותנים מיטן חתן האָבן זיך אנידערגעזעצט, האָט לייזער לייב, דעם אלטן אפּטער רבינס גבאי, געגעבן א געשריי: „שאַ־אַ־ט!" און עס איז מיט איינמאָל אזוי שטיל געוואָרן, אז מען וואָלט געקאָנט דערהערן א פליג פליען.

דער אלטער נעשכיזער רבי האָט גענומען א טעלערל מיט מאכלים

און עס דערלאַנגט צו אַן אָרימאַן, וואָס איז נעבן אים געזעסן, כדי אַליין מקיים צו זיין די מצוה פון הכנסת אורחים. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צום אַפּטער רבין:

— מחותן — האָט דער נעשכיזער רבי געזאָגט — מיר דאַרפן אָפּגעבן אַ שבח צום בורא עולם, וואָס גאוה איז אַן עבירה, ווייל ווען עס וואָלט חלילה געווען אַ מצוה, ווי אַזוי וואָלטן מיר עס געקאָנט מקיים זיין? ווי אַזוי קאָן מען האָבן אַ ברעקל גאוה, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז מען איז עפר ואפר?...

— אמת, אמת, — האָט דער אַפּטער רבי געענטפערט מיט פאַרמאַכטע אויגן, עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען האָט אים פון אַ טיפער מחשבה איבערגעריסן, און באַלד האָט ער זיך געווענדט צו די רביים, וואָס האָבן אַרומגעשפּרייזט אין די זאָקן אויף די טישן און דערלאַנגט עסן די אָרימעלייט:

— זאָל זיין שמחהדיק! ווען איך האָב חתונה געמאַכט מיין זון, יצחק מאיר, זענען געווען אַזויפיל חסידים אויף דער חתונה, אַז מען האָט פאַרנוצט דריי פורן שטרוי, פאַר ציין־שטעכערס, היינט־זשע די אייער פון די בלויזע שאַלעכץ האָט מען געמאַכט אַ וועג אינעם טייך!...

און דער אַפּטער רבי האָט זיך צוריק פאַרטראַכט.

די רביים האָבן געוווּסט, אַז אין יעדן וואָרט, וואָס דער אַפּטער רבי זאָגט אין זיינע גוזמאות, שטעקן רזין דרזין, אַז עס איז סתרי־תורה. זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן צו זאָגן פּירושים אויפן אַפּטערס ווערטער, צו געבן צו פאַרשטיין די פאַרבאָרגענע רעיונות פון די גוזמאות, און תיכף האָבן די קלעזמאָרים צוזאַמען מיט די חסידישע קאָזאַקן אָנגעהויבן צו שפּילן אַ פריילעכס, אַזוי ווי דער אַפּטער רבי האָט געהייסן.

מען האָט אַרויסגענומען די טישן און די בענק און דער נעשכיזער רבי האָט גענומען דעם חתן ביי דער האַנט און אָנגעהויבן מיט אים צו טאַנצן אין אַ רעדל, צוזאַמען מיט די הונדערטער אָרימעלייט. דאָס רעדל איז וואָס אַמאָל אַלץ מער געוואַקסן, קיינער האָט איצט נישט געטאָרט טאַנצן, נאָר דער חתן, די רבישע מחותנים און די אָרימעלייט. יעדער אָרימאַן האָט געוואָלט טאַנצן נאָענט צום חתן און צום נעשכיזער רבין. דער אַלטער אַפּטער רבי האָט שוין נישט געהאַט קיין כח צו טאַנצן, האָט ער זיך בלויז

אויפגעשטעלט פון זיין שטול און צוגעפּאטשט מיט די הענט פאַר שמחה.

עס איז שוין געוואָרן זייער שפּעט. דער נעשכיזער רבי האָט נאָך אַלץ געטאַנצט מיט די פאַרמעדע בעטלערס, ביז זיין זון, רבי ר׳ יוסף פון אַסטיליע, האָט אים געגעבן א כאַפּ אַרויס פון רעדל, צוזאַמען מיטן חתן, דעמאָלט ערשט איז דער „בעטלער טאַנץ" געוואָרן איבערגעריסן. מען האָט נאָכאַמאָל געטיילט משקה און אויפן טיש האָט זיך באַוויזן אן אַלטער בעטלער מיט א ברייטער קאָלטענעוואַטער גראָער באָרד אין א הויכן טשי־פּיק אויפן קאָפּ. ער האָט אַפּירגענומען פון אונטער דער פּאָלע אן אַלט פידעלע, וואָס ער שפּילט שוין דערמיט צענדליקער יאָרן אין די פאַרשידענע יידישע הייף. ער האָט אריינגעקוועטשט א האַלבע באָרד אין דער פידל און האָט אויסגעזען, אַזוי ווי די באָרד וואָלט געווען צוגעוואַקסן צו דער פידל. ער האָט אָנגעהויבן צו זינגען א לידל מיט יונישע ווערטער און אַליין זיך צוגעשפּילט אויף זיין פידעלע.

עס איז זייער שטיל געוואָרן און זיין מעלאָדיע מיט די יונישע ווער־טער האָבן זיך געצויגן ווי א תפילה:

„אבראַמקו, אבראַמקו,
אַטי פּרעי־דזשאַטקו נאַס
פּראָש טי באָהאָ
פּראָש טי באָהאָ
יוזש דאָ דאַמו טשאַס
יוזש דאָ דאַמו טשאַס."

(אברהם, אברהם, דו, אונדזער עלטער־זיידע, בעט צו גאָט, בעט צו גאָט, שוין צייט אהיימצוגיין, שוין צייט אהיימצוגיין.)

דער אַלטער בעטלער איז אַזוי אַרומגעגאַנגען אויפן טיש, געשפּילט אויף זיין פידעלע, אויסגערעכנט די מעלות פון אונדזערע אבות און דער־ציילט מיט זיינע מתיקותדיקע טענער אויפן פידעלע וועגן אונדזער ביטערן גלות און אז ס׳איז שוין צייט, די יידן זאָלן אויסגעלייזט ווערן. ביז מען האָט דערזען, ווי דער הייליקער אַפּטער רבי אַליין ווישט זיך מיט דער פאַטשיילע זיינע פאַרטרערטע אויגן און דער נעשכיזער רבי לאָזט אַרויס אַלע ווײַלע אַזעלכע שווערע זיפצן, אַז דאַס האַרץ קאָן אויסגיין פאַר ווייטיק,

האָבן די חסידישע קאָזאַקן זיך געגעבן א לאָז ארויף אויפן טיש און האָבן אָנגעהויבן צו זינגען א חתונה־מאַרש, אז די פּנימער פון די צוויי צדיקים האָבן צוריק אָנגעהויבן לייכטן און די שמחה אין שאַלאַש אין געוואַקסן. דער גבאי לייזער־לייב האָט דערנאָך אויסגערופן, אז מען האָט שוין גע־בראַכט די זעקלעך מיט געלט און אז קיינער פון די אָרימעלייט זאָל זיך נישט שטופּן, ווייל יעדער איינער וועט באַקומען זיין נדבה.

עס זענען אַריינגעקומען די גבאים פון נעשכיזער רבין און פון אַפּטער רבין, זיי האָבן אוועקגעשטעלט ביי ביידע שטולן די זעקלעך מיט די זילבערנע מטבעות. ביידע רביים האָבן גענומען טיילן די נדבות. די אָרימע לייט זענען איינציקווייז פאַר זיי אַדורכגעגאַנגען. א טייל אָרימעלייט האָבן געפּרוּווט נאָכאַמאָל זיך אוועקשטעלן אין דער רייע, כדי א צווייט מאָל צו באַקומען א נדבה, אָבער דער אַפּטער רבי, וואָס האָט די גאַנצע צייט די אויגן געהאַלטן פאַרמאַכט, האָט אַזאַ איינעם א זאָג געגעבן:

„זיי מיך נישט מבייש, וויל מיך נישט אויספּרובירן, דו האָסט שוין איינמאָל באַקומען!"...

דאָס טיילן פון די מטבעות האָט געדויערט זייער לאַנג, און ווען עס זענען געוואָרן אויסגעליידיקט אַלע מטבעות פון די זעקלעך און אַלע אָרימע־לייט האָבן באַקומען נדבות, האָט זיך דער אַפּטער רבי אויפגעשטעלט פון זיין שטול און מיט זיין שוואַך קול האָט ער זיך געווענדט צו די אָרימע־לייט:

„און איצט בעטס אייך עפּעס אויס! זאָגטס, וואָס אייער בקשה איז!"

עס האָבן זיך געהערט פאַרשידענע קולות: „פּרנסה", „זאָל מען געבן גרעסערע נדבות", „זאָל מען פאַרריכטן די הקדשים אין די שטעטלעך." צו מערסטנס האָט זיך געהערט: „מיר ווילן, אז דער רבי זאָל אויס־בעטן, מען זאָל נישט פאַרטרייבן די יידישע ישובניקעס פון די דערפער, מיר וועלן נישט קאָנען גיין פון איין שטאָט אין דער צווייטער אַריין, אויב עס וועלן נישט זיין קיין יידן אין די דערפער, וווּ מיר זאָלן זיך קאָנען אָפּרוען אין אונדזערע ווייטע וועגן!"

אָבער איבער אַלע קולות האָט זיך דערהערט א שטאַרק וויינענדיק

קול: „מיר ווילן, אז עס זאָלן נישט זיין מחלוקתן ביי יידן און עס זאָל נישט ווערן קיין פּ י ר ו ד א י ן ג אָ ט ס מ ח נ ה!"...

מען האָט שוין נישט דערהערט דעם אַפּטער רבינס שטילע ברכות. גלייך האָט זיך דער רבי ר' שמעון דייטש מיט אַ כאַפּטע חסידים געגעבן אַ לאָז־צו מיט אַ כעס צו דעם ווינקל, פון וואַנען דאָס קול איז געקומען, ווי זיי וואָלטן דעם מענטש געוואָלט דורס זיין. אָבער ר' פּיוועלע גריצער, וואָס האָט דאָס געהאַט אויסגעשריגן, האָט זיך געגעבן אַ מיש אויס צווישן די הונדערטער פרעמדע אָרימעלייט, און דער רבי ר' שמעון דייטש, צוזאַמען מיט זיינע חסידים האָבן אים מער נישט געקאָנט געפינען.

אַן אָנגעכמורעטער איז דערנאָך דער רבי ר' שמעון דייטש אַרויסגעגאַנגען פון שאַלאָש, אינאיינעם מיט די אַנדערע רביים, פילנדיק, אַז אויף דער חתונה געפינען זיך פאַרשטעלטע לייט, פּשיסכער חסידים, וועלכע ווילן אים שטערן דעם משפּט.

די טויזנטער חסידים האָבן זיך שפּעט ביינאַכט אהיימגעיאָגט אויף זייערע אכסניות, כדי מאָרגן, פרייטיק, צו קאָנען פריער אויפשטיין, נישט צו פאַרשפּעטיקן אין טאָג פון דער חופּה. זיך צו פּראָווען ביי זייערע רביים, ביי דעם חתן און ביים אַפּטער רבין, אויך צו זיין פון די ערשטע צו קענען פאַרכאַפּן אַ גוטן פּלאַץ ביי דער חופּה. און די פינף פּשיסכער חסידים האָבן זיך פאַרקליבן אויפן בוידעם־שטיבל, צוזאַמען מיט די אַנדערע אָרימעלייט. זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס זיי האָבן אויף אַ קול פאַרלאַנגט פון אַפּטער רבין, אַז „מען זאָל נישט אָנמאַכן קיין פּירוד ביי די יידן".

ח

דער חתן פּראָוועט פאַר דער חופּה

פון גאַנץ פרי אָן, איז פרייטיק, אין טאָג פון דער חופּה, געווען אַ קאָכעניש אינעם שטעטל אַסטיליע. עס זענען אָנגעקומען צו פאָרן דאָרפס־יידן פון די אַרומיקע ישובים, מיט זייערע ווייבער און קינדער, ווי זיי וואָלטן געקומען צו די „ערשטע סליחות". ס'רוב דאָרפס־לייט האָבן מיט־

געבראכט פולע פורן מיט פירות דרשה־געשאנק, און א טייל פון זיי האָבן געבראכט קאטשקעס, גענדז, יונגע קעלבלעך פאר די שבע־ברכות־סעודות.

די ישובניקעס האָבן געקוקט מיט טשיקאווע אויגן אויף די חסידישע קאָזאקן, וועלכע זענען געלאָפן פון גאנץ פרי אָן פון איין אכסניא צו דער צווייטער. די קאָזאקן האָבן אויסגעשטעלט די טישן אינעם גרויסן שאַלאש, ווו דער חתן האָט געדאַרפט זיצן מיט די בחורים פאר דער חופה, פאררוכט די בענק, וועלכע זענען מיט א טאָג פריער צעבראָכן געוואָרן, בעת דעם אָרים־מאָלצייט. מען האָט אפילו גערעכנט, אז ס'וועט נאָך היינט פאָרקומען דאָס „חתן־מאָל”, נאָר אזוי ווי דער אלטער אַפּטער רבי האָט זיך געפילט שוואך נאָך דעם נעכטיקן אָרים־מאָלצייט, האָבן די מחותנים אָפּגעמאַכט, אז קיין חתן־מאָל זאָל נישט זיין.

עס האָבן זיך ארויסגעטראָגן קולות פון אלע אכסניות, ווו די רביים זענען איינגעשטאנען, אָבער מערסטנס האָט זיך גערעשט אינעם אסטיליער רבינס הויז. די אסטיליער רביצן, די מוטער פון דער כלה, איז ארומגעלאָפן אין די שטובן אָן אָנגעברוגזטע, הלמאי דאָס הופה־קלייד איז נאָך נישט פאַרטיק און די נייטאָרינס האָבן נישט פארענדיקט דעם גאנצן אויסשטייער. שוין מער ווי א וואָך ווי די דריי נייטאָרקעס און שניידערינס פון לעמבערג זענען געזעסן ביי דער רביצן אין חדר און האָבן כסדר גענייט בלויז די חתונה־מלבושים.

און ווען די שניידערין האָט אריינגעבראכט דאָס ווייסע זיידענע חופה־קלייד, זענען שוין געוועזן פארזאמלט א סך מחותנתטעס און חסידותטעס ביי דער כלה אין שטוב. מען האָט באלד געשיקט נאָך די צוויי אלטע רביצנס, די באָבעס, די נעשכיזער רביצן און די אַפּטער רביצן, וועלכע זענען געקומען צו פאָרן צוזאמען אין איין קאָטש, באגלייט פון א פּאָר קאָזאקן. עס זענען אָנגעקומען די קלעזמאָרים און די אלטע נעשכיזער רביצן האָט ארויסגענומען א פּאָר אלטע זילבערנע, אָפּעשפּראָכענע מטבעות, וואָס זי האָט געהאט בירושע פון אלטן מעזשיבעזשער רבין, עס אריינ־געלייגט אין די איינשיטן פון חתנס און כלהס בעטגעוואנט, מורמלענדיק פארשידענע תפילות. ערשט דערנאָך האָבן די אלטע חסידותטעס געמאכט די לעצטע שטעך אין די איינשיטן.

די אלטע אַפּטער רביצן ווידער האָט גענומען דאָס זיידענע חופה־

קלייד, האָט בסוד געזאָגט א שפּרוך, ארייננעגייט אין בוזים א קמיע, וואָס זי האָט געהאַט פון בעל־שם־טוב, מען האָט דאָס חופּה־קלייד אָנגעטון אַן אָרים כלה־מיידל פון שטעטל, ווי דער מנהג איז געווען, ערשט דערנאָך האָט מען אָנגעטון דאָס חופּה־קלייד דער דרייצן יעריקער כלה און אַלע מחותנתטעס מיט די חסידותטעס האָבן געפירט די כלה אין ווייבערישן בית־המדרש אריין, וווּ זי איז געבליבן זיצן ביז צו דער חופּה.

בשעת די כלה איז געזעסן אין דעם ווייבערישן בית־המדרש און די שטעטלשע מיידלעך האָבן געטאַנצט פאַרשידענע טענץ, איז דער פערצן יעריקער חתן געזעסן ביי זיך אויף דער אכסניא און געפּראַוועט חסידות.

די פאַרשידענע חסידים זענען געלאָפן צו זייערע רביים אויף די אכסניות זיך פּראַווען אין יום־החופּה, וואָס איז א גרויסער שעת־הכושר געהאָלפן צו ווערן.

אממערסטן האָט מען זיך אָבער געשטופּט ביי דער טיר פון דעם פערצן־יעריקן חתן. די ראַדזיווילער, די אַפּטער און נעשכיזער חסידים האָבן אַלע געוואָלט אָפּגעבן קוויטלעך דעם חתן פאַר דער חופּה. דאָס אויסגעדאַרטע חתנדל האָט נאָך אפילו נישט געוווּסט, וואָס צו ווינטשן, אָבער דאָך האָבן חסידים דערציילט, אז ער „לייענט שעהן א קוויטל".

פאַר דער טיר האָבן זיך אויך געשטופּט דאָרפס־ווייבער און געוואָלט דווקא געבן א קוויטל דעם חתן פאַר דער חופּה. דער חתן איז געשטאַנען אַן אויסגעבלייכטער פון א גאַנצן טאָג פאַסטן, האָט געפרעגט די ווייבער די זעלביקע שאלות, וואָס ער האָט אין אזעלכע פאַלן געהערט פרעגן זיין זיידן, דעם אַפּטער רבין.

די פינף פּשיסכער חסידים האָבן זיך ארייננעכאַפּט אין שטוב פון חתן, זעען ווי אזוי דער פערצן־יעריקער חתן האָט א העזה צו נעמען קוויטלעך. די פּשיסכער חסידים האָבן געזען ווי דאָס יונגע חתנדל נעמט די קוויטלעך מעשה „גוטער־ייד", ביי זיין זייט שטייט לייזער־לייב, דעם אַלטן אַפּטערס גבאי, וועלכער פירט־אָן מיט אָט דעם אַלעם, ווייזט אָן, וועלכע יידענע דער חתן זאָל פריער בּראַווען און שטופּט די ווייבער, שרייענדיק : „לאָזט א צווייטע צי, ס'אי־נישטאָ־קאָ־צאָט !"

אָבער איין יידענע האָט זיך איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט אָפּ־טרעטן. זי איז געשטאַנען פאַרן יונגן חתן און געוויינט מיט א קוויטשענדיק

קולכל, אז דער מאַן אירער האָט זי, א וואָך נאָך דער חתונה, פאַרלאָזט און זי איז שוין צען יאָר אַן עגונה, אָן א קינד.

דאָס חתנדל אָבער, הערט גאָרנישט, וואָס די יידענע שרייט צו אים און פרעגט:

— מעוברת, מינקת?

— איר הערט דאָך, הייליקער חתן! — האָט זיך די יידענע צעבליפעט, — אז כ׳בין אַן עגונה אָן א קינד!

— יאָ, גוט, — חזרט איבער נאָכאמאָל דער חתן — אָבער „מעוברת מינקת"?

אָט די זעלביקע שאלה פלעגט ער אָפט הערן פרעגן זיין זיידן, ווען א יידענע האָט זיך ביי אים געפּראַוועט.

די יידענע האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער חתן מיינט און זי איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, ווי דאָס לשון וואָלט ביי איר מיטאַמאָל אָפּגענומען געוואָרן.

אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער גבאי ר׳ לייזער לייב. ער האָט עפּעס איינגערוימט דעם חתן אין אויער. דער חתן איז אביסל רויט געוואָרן, האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און האָט באלד דערנאָך געגעבן זיין ברכה:

„גייט געזונטערהייט און איר וועט געהאָלפן ווערן!"

די יידענע האָט נאָך געוואָלט וויינען, געוואָלט דערציילן דעם פערצןיעריקן חתן, וואָס פאַר אַן אכזר איר מאַן איז, אָבער דער גבאי לייזער־לייב האָט זי לענגער נישט געלאָזט שטיין און זי געשטופּט:

„נו, גיי שוין, גיי! נישטאָ קאַ־צאַט, דער חתן האָט דאָך דיר (דער גבאי פלעגט יעדן איינעם „דוצן") אָנגעוואונטשן; דו זעסט דאָך, אז נאָך ווייבער ווילן אָפּגעבן קוויטלעך!"

די פינף פשיסכער חסידים האָבן צוגעקוקט צו דעם גאַנצן שפּיל פון געבן קוויטלעך אזא יונג־קינד און ר׳ איטשע מאיר׳ל דער וואַרשעווער עילוי, האָט זיך שטילערהייט אָנגערופן צו ר׳ יששכר׳ל האַראָוויץ:

— הפנים, אז ס׳איז גאָרנישט אזוי שווער ביי „זיי" צו זיין א רבי, אבי מיר האָבן געמיינט, אז מען דאַרף אַרבעטן איבער זיך, ביז מען ווערט א צדיק! „זיי" מאַכן עס גאָר גרינג...

און די פינף חסידים האָבן פארלאָזט דעם חתנס חדר און זענען ארוים אין הויף אריין.

אָבער אויך דאָ, אינעם אסטיליער הויף, איז געווען א גרויס שטור־פעניש פון חסידים און דאָרפס־יידן.

פון אלע זייטן האָט מען געשלעפּט די דאָרפס־יידן ביי די פּאָלעס, צו די פארשידענע רביים.

ווי אויף א יחיד האָבן זיך געטראָגן די קולות:

— איר דארפט געהאָלפן ווערן מיט א בן־זכר? קומט צו אונדזער רבין, אונדזער רבי, דער זידיטשעווער איז באוואוסט פאר א גרויסן בעל־מופת.

— איר האָט א קראנק קינד? קומט צו אונדזער רבין, דער פרעמיש־לאנער, ער איז פּשוט מחיה־מתים.

אזוי האָט מען געשלעפּט ביי די פּאָלעס פון אלע זייטן די דאָרפס־יידן, זיי זאָלן „זיך פראווען" ביי די פארשידענע רביים, וועלכע זענען געקומען אויף דער חתונה.

די פינף פּשיסכער חסידים האָבן זיך געוואָלט ארויסרייסן וואָס שנעלער פון דעם טומלדיקן גרויסן הויף, אָבער פּלוצלינג האָט א דיקלעכער ייד מיט א רויטער באָרד פארהאַלטן ר' איטשע מאירלען און האָט אים געגעבן א צי ביי דער פּאָלע:

— יונגערמאַן, — האָט ער זיך געווענדט צו ר' איטשע־מאירלען, — אויף וואָס דארפט איר געהאָלפן ווערן? קומט צו מיין רבין, דעם גלינער! וואָס פעלט אייך, פּרנסה? קינדער? ביי מיין רבין וואלגערן זיך מופתים אונטער די טישן!

— וואָס מיר פעלט — דאָס וועט אייער רבי מיר זיכער נישט קאָנען העלפן, — האָט ר' איטשע־מאירל, מיט א חוזק־שמייכעלע געענטפערט דעם פרעמדן ייד און אלע פינף פּשיסכער חסידים זענען ארויס פונעם אסטיליער הויף.

זיי זענען געגאנגען איבער דעם מארק, וואָס איז געווען פול מיט חסידים און ר' פייוועלע גריצער האָט זיך געווענדט צו ר' זישע שעדליצער:

— איז א חידוש, וואָס „זיי" רודפן אונדז? „זיי" האָבן דאָך אראָפּ־

געברענגט דאָס חסידות צום שפל המצב. מען מסחרט דאָך מיט מופתים, סגולות און קמיעות, ווי אויף א גויאישן „אָטפּוסט", להבדיל!

— עס וועט שווערער זיין אונדזער קאַמף אויף דעם משפט — האָט ר' זישע שעדליצער א טיפן קרעכץ געטון.

— אָבער דעם אלטן אַפּטער רבין דאַרף מען פאָרט אָפּגעבן א קוויטל קודם־החופה, — האָט ר' פּיווועלע גריצער געזאָגט, — איינס קומט נישט צום אנדערן! זיך איצט פאַראוּוען ביים אַפּטער רבין איז א גאָר גרויסער ענין.

דאָס גאַנצע הויז איז געווען באַלאַגערט מיט מחנות חסידים וואָס האָבן זיך געשטופּט דורך טירן און פענצטער און געזוכט כלערליי תחבולות, זיך אריינצוכאַפּן אינעם אַפּטער רבינס חדר אריין. אין אַלע שטובן זענען געזעסן ביי לאַנגע טישן סופרים און סתם קוויטל־שרייבערס און האָבן געשריבן קוויטלעך מיט געניזענע פּענעס. די קוויטל־שרייבערס האָבן נישט געוואָלט דאָס מאָל אריינשרייבן די גאַנצע מגילות מיט בקשות, וואָס די חסידים זענען תמיד געוווינט געווען.

— מאַכט עס בקיצור, — האָבן די קוויטל־שרייבערס זיך געבייזערט אויף די חסידים, וועלכע זענען פאַר זיי געשטאַנען און זיך אויסגערעדט זייערע ביטערע הערצער, — איר וועט עס דעם רבין דערציילן בעל־פּה. כ'האָב שוין אָנגעשריבן אַלץ, וואָס איר האָט דערציילט, זאָגט מיר נאָר ווי אזוי דער פּריץ, דער אכזר, הייסט מיט דער מוטערס נאָמען. ווי זאָגט איר, „יאַן בראָניסלאַוו בן קאַשאַ מאַריאַ? כ'האָב שוין פאַרשריבן; גייט און ווערט געהאָלפן."

יעדער חסיד האָט איבערגעלאָזט דעם קוויטל־שרייבער א פּאָר מטבעות און האָט זיך געלאָזט צו דעם טיר פון רבינס חדר.

פאַר דער טיר איז אָבער געשטאַנען א גאַנצער שטאַב מיט גבאים און האָבן געקאָמאַנדעוועט, וועמען יאָ אריינצולאָזן און וועמען נישט. ווער עס האָט אריינגעשטעקט א גרעסערע מטבע אין גבאים האַנט אריין, דער איז פריער אריינגעלאָזט געוואָרן.

אויך די פינף פּשיסכער חסידים האָבן זיך געשטופּט צו דעם רבינס טיר. לייזער לייב דער הויפּט גבאי האָט זיי אָנגעוויזן, רייבנדיק מיט די פינגער, אז „מען דאַרף משלם זיין". ווען ר' יששכרל האָראָוויץ, דער

גבירישער יונגערמאן, האָט דעם גבאי אריינגערוקט א גרויסע אפּותיקא אין זיין יד אריין, האָבן די גבאים געגעבן א שטופּ אוועק דעם גאנצן גרויסן עולם און מען האָט די פינף פּשיסכער חסידים אריינגעלאָזט צום רבין.

דער אלטער אפּטער רבי איז געזעסן אין זיינע שבתדיקע מלבושים, אויף אן אויסגעבעטער שטול און געדרייכערט א גרויסע ליולקע. אויפן טיש האָבן געברענט צוויי ליכט, און עס איז געשטאנען א גלעזל מיט וואסער. דער אפּטער רבי האָט פאר יעדן קוויטל לייענען אריינגעשטעקט די פינגער אינעם גלעזל, זיך געגעבן א רייב דעם שטערן, עפּעס געמורמלט אין דער שטיל. ארום אים זענען געשטאנען חסידים און האָבן „זיך געפּראוועט".

ווען ר' איטשע מאירל האָט אוועקגעלייגט זיין קוויטל אויפן טיש, האָט דער אלטער אפּטער רבי גענומען דאָס קוויטל אין דער האנט אריין און עס געדרייט אויף אלע זייטן.

— וואָס פאר א קוויטל איז דאָס? — האָט דער אפּטער פארוואונדערט א פרעג געטון — עס איז דאָך אינגאנצן ליידיק!

ערשט ביים שיין פון די ליכט האָט דער אלטער אפּטער רבי דערזען אָנגעשריבן די פּאָר ווערטער: „יצחק מאיר בין חי' שרה, ליראת שמים ולרפואת הנפש".

דער אפּטער רבי האָט געלייענט דאָס קוויטל א פּאָר מאָל און זיך געחידושט: „אר־וואַ, אר־וואַ! א בעל־שמסקע קוויטל!"

און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו די חסידים און גענומען שרייען:

— איר זעט, וואָס פאר א קוויטל דער יונגערמאן האָט מיר געגעבן? ער פארלאנגט נישט קיין פּרנסה, ער פארדרייט מיר נישט דעם מוח מיט מסחרים און פארשידענע חולאתן, ער בעט בלויז אויף יראת־שמים! שוין לאנג נישט געהאט א קוויטל מיט בלויז אזעלכע בקשות.

און דער אפּטער רבי האָט אָנגענומען ר' איטשע־מאירלען ביי דער האנט און האָט אים געזאָגט:

— יונגערמאן, דו האָסט מיך מחיה געווען.

דערנאָך האָט ער אים אָנגעוואונטשן אין דער שטיל, אזוי אז קיינער האָט נישט געהערט, וואָס ער האָט אים געזאָגט.

כמעט דעם זעלביקן נוסח האָבן די אנדערע פיר פּשיסכער חסידים אריינגעשריבן אין זייערע קוויטלעך.

דער אַפּטער רבי האָט כסדר געהאַלטן זיין האַנט אַריינגעשטעקט אין ר׳ איטשע מאירלס גאַרטל. ווען די פינף פשיסכער חסידים האָבן זיך געהאַט „געפּראַוועט״, האָט דער אַפּטער זיך פאַרמוטשט, געריבן דעם גרויסן, געפּאַלדעוועטן שטערן מיט דעם זילבערנעם טאַבאַק פּודעלע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, די פינגער כסדר געטונקען אין דעם גלעזל וואַסער, און האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו דערציילן פאַר אַלע חסידים וויפיל מאָל ער איז שוין געווען בעולם הזה, ווי ער געדענקט, ווען ער איז געווען אַ כהן־גדול, ווי אַ ייד איז געקומען אין בית־המדרש אַריין ברענגען אַ קרבן, דערווייל איז די קו אַנטלאָפן, דער ייד האָט זי נאָכגעיאָגט, צעשפּרייטנדיק זיינע ברייטע פּאָלעס, ביז ער האָט די קו געכאַפּט.

דער אַלטער אַפּטער האָט זיך דערנאָך אויסגעדרייט צו ר׳ פּייוועלע גריצער און האָט צו אים שטילערהייט געזאָגט:

— בשעת עס האָט אויפגעלויכטן אין דער וועלט דאָס ליכט פון בעל־שם־טוב הקדוש, איז דער שטן, ימח שמו, שטאַרק מבולבל געוואָרן און ער האָט געפרעגט: אנה אני בא? וואָס וועל איך איצט טון?... און ער איז געפאַלן אויף אַן המצאה: ער איז אַוועק צו די צדיקי הדור און האָט צו זיי געזאָגט: „אציגה נא עמך מן העם אשר אתי״. (בראשית ל״ג, ט״ו), אַזוי ווי איר האָט ווייניק חסידים, וועל איך אייך פון מיין זייט צושטעלן חסידים... די דעמאָלטדיקע צדיקים האָבן אָבער די דאָזיקע עצה טובה פון שטן נישט אָנגענומען, אַנדערש איז אָבער היינט, מען האָט געעפנט די טירן און עס איז געוואָרן אַ צעמישונג, עס זענען שוין דאָ חסידים וואָס שטאַמען פון „זיין״ צד... דערפאַר האָט איר מיך איצט מחיה געווען מיט אייערע קוויטלעך״ האָט ער צו זיי אין דער שטיל געזאָגט.

ט

די חופּה

די פינף פשיסכער חסידים האָבן זיך געפרייט פון דעם אַלטן אַפּטער רבינס זאָג, און עס האָט זיי טאָפּלט הנאה געטון, וואָס קיינער פון די פרעמדע חסידים האָט דעם לעצטן שמועס פון רבין נישט געהערט.

ביים טיש איז געשטאַנען דער אַלטער גבאי, דער צווייטער פון לייזער־לייבן, און ער האָט געקוקט מלא כעס אויף ר׳ איטשע־מאירלען און אויף די אַנדערע פיר חסידים וואָס האַלטן אַזוי לאַנג אויף דעם רבין און לאָזן נישט צו קיין אַנדערע. דער אַלטער גבאי האָט זיך צוגערוקט נאָענטער צום רבינס טיש און האָט אַריינגעמרוקעט אין זיין לאַנגער באָרד אַריין:

— דער עולם וואַרט דאָך!

— כ׳וועל שוין מער נישט פּראַווען! — האָט דער אַלטער אַפּטער רבי מיט אַמאָל אַ זאָג געטון, ווי ער וואָלט זיך פון אַן אַנדער וועלט אָפּגע־ריסן — איך האָב דאָך איצט געהאַט פינף בעל־שמסקע קוויטלעך!... נו, גיב אַהער דעם כאַלאַט און לאָמיר גיין צום חתן און אים נעמען צום באַ־דעקנס.

דאָס געדרענג פון דעם גרויסן המון חסידים, וואָס האָט זיך געפונען אינעם רבינס חדר און אין די אַרומיקע שטובן איז געווען אין לשער, די גבאים האָבן געעפנט די טירן און הסידים האָבן געשטופּט די קוויטלעך דעם אַלטן אַפּטער רבין אין דער האַנט אַריין. דער רבי האָט די קוויטלעך באַלד אַוועקגעגעבן די גבאים, וואָס זענען אַרום אים געשטאַנען. ער האָט די חסידים בלויז געגעבן די האַנט, זיי אָנגעוווּנטשן און געזאָגט: „די קוויטלעך וועל איך שפּעטער לייענען". און דער גרויסער עולם חסידים האָט זיך געמוזט אָפּרוקן און מאַכן אַ וואַרע.

די פינף פּשיסכער חסידים האָבן זיך געגעבן אַ מיש אויס מיט די אַנדערע חסידים, מען זאָל זיי נישט דערקענען, און איבערן גאַנצן שטעטל האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דער אַלטער אַפּטער גייט צום „חתן מאָל".

אין דעם גרויסן שאַלאַש ביים „חתן מאָל" איז געזעסן ביי אַ לאַנגן טיש דער חתן מיט די בחורים.

דער פערצן־יעריקער חתן איז געזעסן אויבן אָן, נעבן אים פוןביידע זייטן זענען געזעסן די צען־צוועלף־יעריקע רבישע קינדער אין די הויכע סויבעלנע קאָלפּאַקעס. אייניקע זענען שוין אַליין געווען חתנים און אַ טייל האָבן, טאַקע אויף דער חתונה געדאַרפט געפּרוּווט ווערן פון די מחותנים, די רביים, אָדער פון זייערע חסידים, די ספּעציעלע פאַרהערערס.

די בחורים, האָבן געהאַט זייערע אייגענע קאָזאַקן, וועלכע האָבן

באַדינט די רבישע קינדער און אָפּגעהיטן דעם חתן. זיי זענען געווען אַ מין לייב־גוואַרדיע פונעם חתן. זיי האָבן אים געדאַרפט היטן פון דעם „אויפ־רופן״ אָן, האָבן אים קיין איין רגע נישט געלאָזט אַליין. דער כוח פון דער סטרא־אחרא איז אין די טעג זייער גרויס און „יענע לייט״ זוכן נאָר אַ מעגלעכקייט ווי אַזוי דעם חתן צו פאַרכאַפּן.

די בחורישע קאָזאַקן זענען געגאַנגען אָנגעטון אין די זעלבע מלבושים וואָס די חתונה געהאַטע קאָזאַקן. מען האָט זיי אָבער לייכט געקאָנט דער־קענען. אַלע האָבן נאָך נישט געהאַט קיין חתימת־זקן.

די בחורישע קאָזאַקן האָבן גענומען געלט אויף משקה ביי יעדן רבין, וואָס איז געקומען דעם חתן „מזל־טוב״ ביטן. זיי האָבן אים אויפגעשפּילט אַ „פריילעכס״. דער הויפּט אָנפירער פון די בחורישע קאָזאַקן, וועלכער האָט זיך געשניטן אויף אַ בדחן, האָט געשאָטן מיט גראַמען, דערנאָך מכבד געווען די „קאַפּעליע״ צו זינגען „ויהי כחתן יוצא מחופתו (תהלים י״ט ו׳).

צווישן איין זמר און צווייטן, האָט יעדעס מאָל אַן אַנדער בחור, אַן עילוי, געזאָגט אַ פּשטל, די בחורים האָבן זיך מתווכח געווען אין לער־נען, מען האָט געוואָרפן מיט גמרות, האַרבע רמב״מס, באַוויזן בקיאותן און געשאַרפט די מוחות.

אַז מען איז פאַרטיק געוואָרן מיט „שמועסן אין לערנען״, זענען אַ מחנה בחורישע קאָזאַקן אַרויף אויף דעם טיש און האָבן אָנגעהויבן צו זינגען אַ חסידיש ליד וואָס איז געוואָרן אונטערגעהאַלטן פון אַלע בחורים.

די קאָזאַקן האָבן געפרעגט:

„האדרת והאמונה — צו וועמען, צו וועמען?
און די בחורים האָבן געענטפערט:
„לחי העולמים״.
די בחורישע קאָזאַקן האָבן ווייטער געפרעגט:
„מי זה ואיזה הוא?״
און די בחורים האָבן געענטפערט:
„אַ גרויסער גאָט ביסטו״.

אַזוי האָט מען אויסגעזונגען די גאַנצע תפילה פון „האדרת והאמונה״.

די חסידים, וועלכע האָבן אָנגעפּולט דעם גרויסן שאַלאַש, האָבן זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן פון דערווייטנס, ווי זיי זאָלן וועלן, אַז צום לעצטן מאָל זאָלן זיך די בחורים אַליין משמח זיין מיטן חתן, ווארום ווי נאָך ער וועט אַפּירגיין פון אונטער דער חופּה, וועט ער דאָך מער מיט די בחורים נישט האָבן קיין מחזקות, ער וועט אַרויס פון זייער רשות.

דער חתן אָבער האָט ווייניק וואָס געהערט, וואָס די בחורים זינגען. ער איז געזעסן אַ בלייכער פון דעם גאַנצן טאָג פאַסטן און פון דאַוונען די ערב־יום־כפּורדיקע מנחה. ער איז געווען אַ מידער פון פראַוועט פריער די הונדערטער חסידים און יידענעס, דערצו נאָך האָט אים זייער געקלאַפּט דאָס האַרץ, ווייל ער האָט געדאַרפט איבערקומען אַזאַ גרויסן באַרג: ווי זאָגן די „חתן־דרשה" פאַר די בחורים.

שוין מער ווי אַ חודש צייט, ווי דער ספּעציעלער מלמד זיינער, ר׳ יוסף מייטלס, האָט מיט אים איינגעחזרט די צוויי דרשות, וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגן; איינע פאַר דער חופּה, און איינע צו דער „גרויסער נאַכט". אַלע זיינע חברים, די שמשים און די „לייב־גוואַרדיע", האָבן די צוויי דרשות שוין געקאָנט פון אויסנווייניק, אַזוי פיל מאָל האָט דער חתן די דרשות פאַר זיי איבערגעזאָגט, דאָך האָט ער זיך איצט זייער געשראָקן, ווען ער האָט געגעבן אַ קוק, אַז ער דאַרף זאָגן די דרשה פאַר אַזוי פיל הונדערטער פרעמדע בחורים און חסידים.

דאָס אויסגעדאַרטע חתנדל איז געזעסן די גאַנצע צייט די אויגן פאַרשטעלט מיט אַ פּאַטשיילע און שטילערהייט איבערגעחזרט דאָס פּשטל. ער האָט מוראַדיק געשוויצט אין די נייע זיידענע מלבושים. ער האָט צעעפנט דאָס העמד, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט צוויי בענדלעך, כסדר אונטערגעהויבן דאָס שווערע גאַליציאַנער שטריימל, און ריטשקעלעך שווייס זענען גערונען איבער זיינע בלייכע בעקעלעך.

נעבן אים איז די גאַנצע צייט געשטאַנען דער מלמד זיינער, ר׳ יוסף מייטלס, אָנגעגרייט על כל צרה שלא תבוא אים אַרויסצוהעלפן, ווען מען וועט דאַרפן און אים צו באַשיצן פון יעדער סכנה...

און ווען די בחורים האָבן שוין געהאַט געענדיקט זייערע פאַרשידענע מאַרשן, האָט דער מלמד געגעבן אַ ווונק צו דעם חתן, ער זאָל אָנהייבן זאָגן די דרשה.

באלד האָבן זיך קלײנע, דינינקע שװײס־טראָפּן באװיזן אויפן חתנס שטערן, זײ האָבן נאָס געמאַכט די אונטערשטע האָר פון דעם שטרײמל, די בחורים צוזאַמען מיט די הונדערטער חסידים האָבן זיך געגעבן א לאָז צום אויבנאָן, װוּ דער חתן איז געזעסן און מיט א דין ציטערדיק קולכל, קוים װאָס מען האָט די װערטער דערהערט, האָט דער חתן אָנגעהויבן :

די גמרא זאָגט : „אָמר אבא, המקדש במלווה אינה מקודשת"... (קדושין י', א") און באלד האָט ער געפרעגט תוספת א קשיא, און פאַר־ענטפערט א הארבן רמב"ם.

דאָס אויסגעדארטע חתנדל האָט אין אָנהייב געזאָגט דאָס פשטל פון דער סוגיא „המקדש במלווה" גלאַטיק און שנעל װי װאַסער, געװאָרפן מיט די גמרות צי „קדושין המוסרין לביאה הוו קדושין (קדושין ט, ב') צי לא הוו קדושין, געבויט א „לשיטתו", פאַרענטפערט מיט א „פני יהושע", אָנגעצויגן א סך ראשונים און אחרונים, און צוריק אָפּגעענטפערט מיט א „נודע ביהודה".

די בעקלעך האָבן בײ אים אָנגעהויבן צו פלאַמען, די אײגעלעך האָבן באַקומען א שאַרפן גלאַנץ. ער האָט שוין גערעדט העכער און שנע־לער, און מען האָט געפילט, אז ער אַלײן פאַרשטײט גאָרנישט דעם באַדײט פון אַלע הלכות, װאָס ער האָט אָנגעצויגן. ביז ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט דער גמרא „איביא להו : צי תחילת ביאה איז קונה, צי סוף ביאה איז קונה..." (קדושין י', א") געקוקט כסדר מיט רחמנותדיקע אויגן אויפן מלמד, װי ער זאָל זיך בײ אים בעטן, ער זאָל אים אַרויסהעלפן, װײל די סכנה איז זײער גרויס. ער װאָלט זיכער פאַר שרעק זיך געװוען צעװײנט, װען נישט, װאָס פּלוצלינג האָט זיך דערהערט דאָס פּויקן פון ר' רפאלס פּײקל און זײן קול : „לאָזט אַדורך די מחותנים צו קבלת־פּנים !"

דער חתן האָט שוין נישט באַװיזן צו פאַרענדיקן דאָס פּשטל.

באלד האָבן זיך געגעבן א רײס אַרײן אין שאַלאַש א מחנה חסידים. די חתונה־געהאַטע „קאַזאַקן" האָבן געשטופּט פון אַלע זײטן, מען האָט כסדר געהערט שרײען : לאָזט דורך דעם מחותן, דעם אַלטן אַפּטער רבין, מאַכטס פּלאַץ"...

גלײך האָט מען אָנגעהויבן אַפּירצושטופּן די בחורים. מען האָט

איצט ווייניק וואָס דרך־ארץ געהאַט פאַר די בחורישע קאָזאַקן און מען האָט פאַרכאַפּט זייערע פּלעצער.

די קאָזאַקן האָבן געגעבן א געשריי: „חתן דומה למלך!" און באַלד האָט מען אויף א זילבערנער טאַץ אַריינגעבראַכט דעם נייעם, שווערן טערקישן טלית מיט דער ברייטער, זילבערנער עטרה, א גרויסן קיטל מיט א גאָלדן־שפּאַניש קאַפּל. און א גאַרטל געפלאָכטן פון זילבערנע פעדים, וואָס דער מחותן האָט געהאַט בירושה פון זיין זיידן, דעם רבין ר' מיכעלע זלאָטשעווער.

עס איז צוגעקומען דער פאָטער פון דעם חתן, דער ראַדזיווילער רבי. ער איז צו אים צוגעגאַנגען מיט זיינס א חסיד, א ייד א סאַדאָווניק, מיט א ברייטער צעשויבערטער באָרד, וואָס האָט באַדעקט זיין פראַסט פּנים, און מיט לאַנגע גרויע ברעמען. ער איז געגאַנגען אָנגעטון אין אן אויסגע־קראָכן שטריימל און א צעריסענער ראַצעמאַרענער בעקעשע, וואָס פון די אַרבל האָבן זיך געדריוועט לאַנגע צוויטן. ער האָט גערעדט מיט א שאַרפער „ריש", און פון זיינע מלבושים האָבן זיך געפילט ריחות פון פּירות.

דער רבי האָט אָוועקגעשטעלט דעם סאַדאָווניק, ר' שכנא דודן, נעבן דעם חתן, און ער האָט זיך געווענדט צו אים בפני קהל ועדה:

„מחותן ר' שכנא דוד, מיט דרייצן יאָר צוריק, האָב איך דיר פאַר־קויפט מיין זון, שמואלען. ער איז דעמאָלט, נישט פאַר קיין שום יידיש הויז געדאַכט, זייער קראַנק געווען אויף „אסכרה". איך האָב דעמאָלט ביי דיר גענומען אכצן גילדן פאַר מיין קינד. דאָס קינד האָסטו געדאַרפט אַריינגעמען צו דיר אין שטוב אריין, אים אויפהאָדעווען צוזאַמען מיט דיינע אכט קינדער. דו האָסט אָבער מסכים געווען דאָס קינד צו לאָזן ביי מיר, און איך האָב עס אויפגעצויגן. איך האָב מיט דיר אָפּגעהאַלטן אן עצה, ווען מען האָט שמואלען אָנגעהויבן צו רעדן שידוכים, דו ביסט אויך געווען דער אמתער בעל־שמחה, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו לייגן תפילין.

„איצט, ווען מירביידע האָבן די זכיה געהאַט מגדל צו זיין דאָס קינד און צו דערלעבן אים צו פירן צו דער חופה, וויל איך ביי דיר צוריק אָפּ־קויפן מיין זון, און זאָג מיר וויפל דו ווילסט פאַר אים?"

דער ייד, שכנא דוד, האָט זיך געפילט זייער שלעכט צווישן די פילע רבנים, ער האָט זיך אָבער אויסגעגלייכט מעשה־מחותן. ער האָט געענטפערט

מיט א הייזעריק קול און מיט א גראָבער „ריש" דעם גאנצן ענטפער, וואָס מען האָט אים אויסגעלערנט:

„דאָס קינד איז אפילו ביי מיר זייער טייער. כאָטש איך האָב ברוך השם, קיין עין־הרע, אכט קינדער. אָבער אזוי ווי דער רבי האָט געהאט גרוים צער אין גדול בנים, עס האָט זיך דעם רבין נישט געפירט מיט קינדער, בין איך מסכים צוריק צו פארקויפן דעם חתן שמואל צו אייך. איך וויים, אז ס'איז גאָר נישטאָ אזוי פיל געלט אויף דער וועלט, וויפיל דער חתן איז ווערט, נאָר אזוי ווי דער רבי האָט אים מיר אויפגעצויגן, האָט צו אים צוגענומען די בעסטע מלמדים, אים געמאכט דעם שענסטן אויסשטייער און ביי מיר נישט גענומען דערויף קיין פרוטה, רעכן איך דאָס אלץ אראָפּ און בעט פאר אים אצינד בלויז אכצן גאָלדענע דוקאטן".

דער ראדזיוווילער רבי האָט גענומען די אלטע זילבערנע אתרוג־פושקע, וואָס איז געווען פול מיט גאָלדענע מטבעות און שכנא דודן אויפגעציילט אויף דער האנט אכצן גאָלדענע דוקאטן. דער רבי האָט זיך אויסגעדרייט צום גאנצן עולם און געזאָגט מיט א צעצויגן קול פול מיט טרערן:

עדים אתם: איר זענט אלע עדות, אז כ'האָב צוריק אויסגעקויפט מיין זון ביי ר' שכנא־דודן, און דאָס קינד איז פון איצט אָן מיינס.

— געזען! געזען! — האָבן זיך געהערט קולות פון אלע זייטן.

— מזל־טוב, מזל־טוב, — האָט א געשריי געטון דער מארשאלעק און די חסידישע קאַזאקן האָבן אָפּגעשפּילט דאָס „מזל־טוב־ניגונדל".

מען האָט דערנאָך צוגעפירט דעם חתן צום אפטער רבין, וועלכער איז די גאנצע צייט געזעסן אין א זייט אויף א שטול. דער חתן האָט אראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, דער אפטער רבי האָט אויפגעהויבן זיינע ציטערדיקע הענט, זיי אראָפּגעלאָזט אויפן חתנס קאָפּ און אים געבענטשט.

די צוויי אונטערפירערס, דעם אסטיליער רבינס ברודער און דעם ראדזיווילער רבינס ברודער, זענען צוגעגאנגען צום חתן, וועלכער איז געשטאנען אינגאנצן איינגעטונקען אין שוויים. זיי האָבן אים געהייסן, ער זאָל אוועקגעבן דאָס גאנצע געלט און גאָלדענע אָדער זילבערנע חפצים, וואָס ער האָט ביי זיך.

דער חתן האָט ארויסגעקראצט פון זיינע קעשענעס א פּאָר מטבעות, עס זיי אוועקגעגעבן. די אונטערפירערס האָבן דערנאָך אראָפּגענומען פונעם

חתן די גאָלדענע קייט און זייגערל מיטן „ריטשער", וואָס ער האָט געהאט באַקומען א מתנה. זיי האָבן אָנגעטון דעם חתן דעם לאַנגן קיטל, וועלכער איז געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי ער, זיי האָבן דעם קיטל פאַרקאַטשעט אויף דער העלפט, אים פאַרבינדנדיק מיט ר' מעכעלע זלאָטשעווערס גאַרטל און אים אָנגעטון דאָס גאָלדענע שפּאַנישע קאַפּל.

עס איז צוגעגאַנגען דער מחותן, דער קאָוולער רבי, האָט אַרונטערגע־לייגט אונטערן קאַפּל אביסל אַש וואָס איז געלעגן אויף א גאָלדענער קערה און אין א שטיל קול מיט א פאַרקלעמטע האַרץ געזאָגט דעם פּסוק: „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני"... (תהילים קל"ז, ה־ו) וואָס אַלע חסידים האָבן שטילערהייט עס נאָכגעזאָגט.

עס איז מיטאַמאָל איינגאַנצן שטיל געוואָרן. עס האָט זיך פּלוצלינג דערהערט א ברומען פון א ניגונדל, וואָס דער קאָוולער רבי האָט געזונגען מיט די ווערטער:

„עוד ישמע בערי יהודה ובחצות ירושלים קול ששון, קול שמחה, קול חתן וקול כלה". (עס וועט נאָך געהערט ווערן אין די שטעט פון יהודה און אין די גאַסן פון ירושלים א קול פון ששון און א קול פון שמחה, א קול פון א חתן און א קול פון א כלה, (ירמיהו לג, י').

דער ניגון האָט זיך געצויגן אומעטיק און טרויעריק, די טענער זענען געווען אָנגעפּילט מיט ווייטיק, אָבער נישט מיט יאוש, נאָר ער האָט גע־נאָגט מיט א שטילער, בענקנדיקער האָפענונג.

דער אַפּטער רבי איז געזעסן די גאַנצע צייט מיט האַלב־פאַרגלייזטע אויגן. מיט זיין פאַטשיילע געווישט די טרערן.

די נעשכיזער חסידים האָבן זיך אַרומגענומען, פאַרלייגט די הענט אויף די אַקסלען, געמאַכט א גרויסן לעבעדיקן קנויל און אַזוי זיך שאָקלענ־דיק מיטגעזונגען דעם ניגון.

מיט אַמאָל האָט דער אָנפירער פון די אַפּטער קאָזאַקן, דער „שוואַר־צער יוסל" פון ראַווע, וועלכער איז געשטאַנען אין דרויסן פאַרן שאַלאַש, א געשריי געגעבן: „צי איז היינט, חס־ושלום, תשעה־באב, וואָס האָט מען זיך דאָרט אַזוי צעאיכהט?"

דאָס האָט דערהערט א קאָזאַק פון די אַסטיליער חסידים, א שטאַר־קער לעפּאַק, און ער האָט צו אים בייז צוריקגעשריגן:

„דרך־ארץ, די עזות־מחוצף פּנים, ווייל איך וועל געבן פּעטש!"
און ער האָט דאָס טאַקע גלייך מקיים געווען.

באַלד איז אויסגעבראָכן פאַרן שאַלאַש א „פייער" צווישן די אָסטי־ליער און די אַפּטער קאָזאַקן. די אַלע גאַליציאַנער קאָזאַקן האָבן זיך געשטעלט אויפן אַפּטערס צד און די פּוילישע קאָזאַקן — אויפן אָסטיליערס צד. מען האָט זיך געריסן די קאָזאַקישע צאָפּקעס, צעטרעטן די הוזאַרישע היטלען, אַראָפּגעריסן די רוסישע שליפעס און ווער ווייסט מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געווען געענדיקט, ווען נישט וואָס עס איז באַלד אָנגעקומען צורייטן אויפן פערד אהרן דוד, דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון אַלע חסידישע קאָזאַקן. ער האָט געגעבן א פאַרפיר מיט זיין האַנט איבער די צוויי־העלפטן פון זיין ברייטער באָרד און אָנגעהויבן פאָכען מיט זיין הילצערנער שווערד אין אַלע זייטן און די מחלוקת האָט זיך איינגעשטילט.

דאָס זינגען פון דעם קאָוולער רבין מיט די חסידים אין שאַלאַש האָט געדויערט א היפּשע ווײַלע, ביז ר' לייזער לייב, דער הויפּט־גבאי פונעם אַפּטער רבין האָט געגעבן א געשריי: „דער חתן האָט דאָך קיין כוח נישט אַזוי לאַנג צו פאַסטן, פאַרוואָס גייט מען נישט צום „באַדעקנס?"...

דעמאָלט ערשט האָט דער קאָוולער רבי אויפגעהערט צו זינגען. דער אַפּטער רבי האָט א פרעג געגעבן: „מען האָט שוין באַזעצט די כלה? לאָמיר גיין צום באַדעקנס!" און ער האָט זיך געווענדט צום חתנס זיידן: „מחותן, לאָמיר אקעגן־גיין די צדיקים, וואָס זענען שוין אויפן עולם האמת און זענען געקומען צו דער חופּה!"

און אינצווישן, בעת די מחותנים האָבן זיך געגרייט צום באַדעקנס, האָט מען „באַזעצט" די כלה אויף א שטול אין מיטן דעם ווייבערישן שאַלאַש. יונגע ווייבלעך, וואָס האָבן גערדאַרפט אויפגעריכט ווערן, זענען צוגעגאַנגען צו דער גאָר יונגער כלה און איר צעפלאָכטן די האָר. בעת מעשה איר שטילערהייט אריינגעוויינט אין אויער אריין. פאַר דער כלה אויסגעגאָסן זייערע ביטערע הערצער.

די מחותנתטעס, די רביצינס, זענען אַרומגעגאַנגען צווישן די ווייבער מיט טאַצן האָפּן און ווייץ און עס צווישן זיי צעטיילט.

די אַלטע אַפּטער רביצין האָט געהאַלטן דאָס ווייסע זיידענע דעקטוך אין אירע הענט, וואָס איז געקומען בירושה פון אדעל דעם בעל שם־טובס

טאָכטער. און דער בדחן האָט באַזונגען די כּלה, ביז מען האָט דערהערט א קול: „דער חתן גייט".

די ווייבער האָבן זיך אָפּגערוקט אין א זייט, צווישן די ווייבער און די מאַנסבילן האָבן געמאַכט א מחיצה די רביצינס, זיי האָבן זיך אויסגע־שטעלט אין דער גאַנצער ברייט, זיי זענען געווען אָנגעטון אין זייערע פאַרשידענע שטערנטיכלעך, האַלטנדיק הויפּנס האָפּן און ווייץ אין די הענט.

די אונטערפירערס, צוזאַמען מיט די נאָר אַלטע רביים, זענען אריינ־געקומען מיטן חתן. זיי האָבן כּמעט אַלע צוגעהאַלטן די אויגן און נאָר געקוקט אויף דער ערד צו זען ווי זיי גייען, ביז זיי זענען צוגעקומען צום אָרט, וווּ די כּלה איז געזעסן. די אַלטע אַפּטער רביצין האָט דערלאַנגט דעם חתן דאָס דעק־טוך און שנעל האָט דער חתן צוגעהאַלטן די אויגן, געגעבן א וואָרף ארויף דאָס דעקטוך אויף דער כּלה.

די רביים האָבן געגעבן א געשריי: „אחותנו את, היי לאלפי רבבה". (אונדזער שוועסטער ביסטו, ווער צען מאָל צען טויזנט, בראשית כ"ד, ס'). די ווייבער האָבן באַשאָטן די כּלה מיט האָפּן און ווייץ, די מוזיק האָט גע־שפּילט א ניגונדל, בעת די אונטערפירערינס האָבן געפירט די כּלה צו דער־חופּה.

די חופּה איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק אויף פיר שטאַנגען, וועלכע זענען געווען טיף אריינגעגראָבן אין דער ערד.

דער גאַנצער מאַרק איז געווען באַליגט מיט חסידים אויף אַלע ארומיקע דעכער זענען געלעגן יידן, ווייבער און קינדער, די קאָזאַקן האָבן געאַרבעט מעשים, געמאַכט א וועג פאַר דער כּלה, פאַר די מחותנתטעס און פאַרן חתן.

דאָס גאַנצע שטעטל איז געוואָרן אָנגעפּולט מיט איין געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער אַלע דעכער, ווייט איבערן שטעטל אריבער.

ווייבער האָבן געהאַלטן די קינדער אויף די הענט, זיי זאָלן געדענקען, אַז זיי האָבן די זכיה געהאַט צו זען די חופּה פון דער „גרויסער חתונה".

און כאָטש די זון האָט באַגאָסן דאָס גאַנצע שטעטל מיט א גאָלדענער שיין, האָבן יידן אויסגעשטעלט מנורות אין די פענצטער. הונדערטער

קאָזאַקן זענען געגאַנגען פאָראויס דעם חתן מיט ברענענדיקע הבדלות אין די הענט.

א מחנה חסידים האָבן געטראָגן דעם אלטן אפטער רבין אויף א שטול, אזוי גרויס איז געווען דאָס געדרענגעניש.

יעדע רגע האָט מען דערהערט א געוואלט פון אן אנדער ווינקל, א יידענע חלשט, טויזנטער ליכט האָבן געברענט פון אלע זייטן, און יעדעס מאָל, ווען מען האָט אויסגערופן דעם נאָמען פון א רבין, וואָס מען האָט מכבד געווען מיט מסדר־קידושין זיין, צי צו לייענען די כתובה, אָדער מיט אן אנדער כיבוד, איז דאָס געדרענגעניש ווידער געוואָרן זייער גרויס.

ווי נאָר מען האָט פארענדיקט זאָגן די שבע ברכות, האָבן די חסידים זיך געגעבן א פלעכט צוזאמען און אָנגעהויבן טאנצן.

מען האָט אזוי, טאנצנדיק, אריינגעפירט חתן־כלה אינעם יחוד־שטיבל, אלטע ווייבער האָבן אויף דער שוועל אקעגנגעטאנצט מיט גרויסע געפלאָכטענע קוילעטשן, און, בעת חתן־כלה האָט אין יחוד־שטיבל געגעסן די „גילדענע יויך"... האָבן זיך די חסידים מיט גרויס התלהבות און שטארקן ברען צעטאנצט אין מארק. זיי זענען פשוט ארויס פון די כלים.

א סך יידן האָבן געטאנצט אין די בלויזע קאפלעך. זיי האָבן געהאלטן אין די הענט די שטריימלעך.

מען האָט געטאנצט אויף די דעכער און גאניקעס. בגילופנדיקע יידן האָבן גענומען פלעשער ווייַן, זיי צוגעבונדן צו גארטלען און אריין אין רעדל און די אנדערע טאנצנדיקע יידן האָבן זיך איינגעבויגן צו די פלעשלעך ווייַן, וואָס האָבן אראָפּגעהאנגען אויף די גארטלען, געגעבן א זופּ און אזוי ווייטער געטאנצט.

א מחנה קאָזאַקן האָבן געטראָגן דעם אפטער רבין אויף דער שטול און מיט אים אריינגעטאנצט אין בית־המדרש אריין.

די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו זעצן הינטערן בארג פון שטעטל.

גרויסע שאָטנס האָבן זיך אויסגעלייגט אויף די ווענט פון די געמויערטע הייזער. די שויבן פון דער אלטער שול האָבן געברענט מיט גאָלדיקן פייער. פון פארשיידענע שטיבלעך האָבן אָנגעהויבן ארויסצושייַנען די ערב־שבתדיקע בענטש־ליכט.

פארשפּעטיקטע ווייבער זענען געלאָפן מיט טעפּלעך טשאָלנט צים בעקער, זיי צו שטעלן אין אויוון אריין.

שטאָטישע יידן זענען געלאָפן מיט פּעקלעך וועש אין מקוה אריין.
און אין מיטן מארק האָט מען נאָך אַלץ געטאנצט.

און אָפּגעזונדערט פון דעם גאנצן טאנצנדיקן עולם, האָבן אין א זייט פון מארק געטאנצט די פינף פּשיסכער חסידים צוזאמען מיטן קאָוולער רבין.

דער טאנצנדיקער עולם אין מארק איז געוואָרן וואָס אמאָל אַלץ שיטערער און שיטערער, יידן האָבן זיך געאיילט אין בית־המדרש אריין צו קבלת־שבת און דאָ אין מארק האָבן די פינף פּשיסכער חסידים נאָך אַלץ געטאנצט מיטן קאָוולער רבין אינאיינעם, ביז עס האָט זיך דערהערט אין מארק דאָס קול פונעם בעל־תפלה, וואָס האָט אָנגעהויבן די ערב שבת־דיקע מנחה מיט א קוויטש: „הודו לד׳ כי טוב, כי לעולם חסדו״... ערשט דעמאָלט האָבן די קופּקעלעך טאנצנדיקע חסידים, צוזאמען מיט די פינף פּשיסכער חסידים, און דעם קאָוולער רבין, אריינגעטאנצט גלייך אין בית־המדרש אריין און דאָרט אָנגעהויבן צו דאווענען מיט פייער.

ו

דער אַלטער אַפּטער רבי פירט טיש

די פינף פּשיסכער חסידים האָבן פרייטיק־צונאכטס געדאווענט אין פּאָליש פונעם בית המדרש. דאָרט האָבן געדאווענט די פּראָסטע יידן, די בעלי־עגלות, די בעלי־מלאכות, די אָרחי פרחי און בעטלערס.

ר׳ איטשע מאירל, דער ווארשעווער עילוי, האָט זיך ארומגעדרייט אינעם פּאָליש אויף־און אָפּ, די האנט פארשטעקט אין גארטל, און גע־שפּאנט פארטראכט איבער דער גאנצער לענג פונעם פּאָליש.

אין דער זייט איז געשטאנען ר׳ ירוחם סופר צוזאמען מיט נאָך א פּאָר חסידים. דער רבי ר׳ יעקב שמעון דייטש האָט זיי געבעטן, זיי זאָלן גוט נאָכקוקן, צי די פינף פרעמדע מאָדנע יידן, וועלכע בלאָנקען זיך ארום דאָ אויף דער חתונה, האלטן זיך פאר אָרימעליייט און גיבן אָפּ בעל־שמסקע

קוויטלעך, ווי דער אלטער אפטער האָט היינט געזאָגט, זענען נישט חס־ושלום געבאפט אין יידישקייט... געהערן נישט אמאָל טאקע צו דער „כת", וואָס מען וויל איצט משפטן...

האָט ר' ירוחם סופר נישט אראָפּגעלאָזט קיין אויג פון די פינף פשיסכער חסידים.

פון דעם בית־המדרש האָבן זיך אריינגעטראָגן אינעם פּאָליש קלאנגען פון א מארש, וואָס די גאליציאנער חסידישע קאפעליע האָט געזונגען צו „לכה דודי". אין די אויערן פון די פשיסכער חסידים האָבן די גאליציאנער מארשן געקלונגען, ווי מיליטער וואָלט מארשירט איבער דער שטאָט.

האָט דערווייל ר' פייוועלע גריצער זיך צעשמועסט מיט ר' זישע שעדלעצער, זיצנדיק אין פּאָליש אויף א באנק, אין „פשיסכער חסידות", בעת די חסידים האָבן אין בית־המדרש געמאכט גרויסע הפסקות פון איין חרוז צום צווייטן, איבערזינגענדיק א פּאָר מאָל יעדן פאל פונעם מארש.

— ווייסט? — האָט זיך ר' זישע שעדלעצער אָנגערופן צו ר' פייוועלע גריצער, — פאַרן אָפּפאָרן פון פשיסכע האָט מיר מענדעלע טאָמאשאָווער געזאָגט א וואָרט, וואָס איז מיר טיף אריינגעקראָכן אין די עצמות.

— וואָס האָט ער דיר אזוינס געזאָגט — האָט ר' פייוועלע געפרעגט.

— ער האָט מיר געזאָגט: „זיי וויסן, אז יעדע מצוה, וואָס א ייד טוט, דאַרף זיין לשמה, מיט א כוונה אחוץ עניוות"...

— א טייער וואָרט — האָט ר' פייוועלע געשמאָטשקעט מיט די ליפּן, — אַ־ווּא! א טייער וואָרט.

— ער וואקסט א כלי, אָט דער מענדעלע.

— א קליינִיקייט — האָט ר' פייוועלע געענטפערט. — אָט זיץ איך מיט אים אמאָל ביים טיש אין פשיסכע און בין מיר בניחא־דעתא, וואָס דער עולם וואקסט קיין עין־הרע, און פשיסכער דרך צעשפּרייט זיך, און פּלוצלינג דערפיל איך לעבן מיר מענדעלע טאָמאשאָווער. ער רוימט מיר איין א סוד: „אויב א מענטש גייט ארום מיט שטאָלצער איינרעדעניש, אז ער איז שוין פארטיק, איז ער אָפּגעקאָכט..." איך זאָג דיר, זישע סערצע מיינער, ער האָט מיר אריינגעטראָפן אין סאמע פינטל... אָט־אָ דאָ־אָ — האָט ר' פייוועלע אָנגעוויזן אויפן הארץ, — נו, היינט גיי רעד מיט אָט דער חברה —

האָט ער געוווּנקען מיטן קאָפּ אויף דער זייט פון בית־המדרש, — וואָס פּשיסכער חסידות איז!"..

דער וואַרשעווער עילוי, ר' איטשע מאירל, האָט זיך דערווייל צוגע־רוקט צו דעם ספרים־אַלמער, און אַרויפגעקראָכן אויף דער לייטער, וואָס איז געשטאַנען פאַר די גרויסע פּאָליצעס ספרים, אַרויסגענומען אַ ספר, צוריק אַראָפּ, זיך פאַרטיפט אין ספר, געבליבן שטיין מיט איין פוס אויפן שטאַפּל פון דער לייטער, מיטן צווייטן אויף דער פּאָדלאָגע, דאָס גרויסע פּוילישע שטריימל אַרויפגעשאַרט איבערן האַלבן קאָפּ, די האַנט פאַרלייגט איבערן גאַונישן שטערן און ער האָט זיך געשאָקלט אין דער ברייט, פאַר־זשמורענדיק דאָס רעכטע אויג, אַזוי ווי ער וואָלט געצילט אויף אַ ווייטן, ווייטן פּונקט...

ר' ירוחם סופר האָט זיך פּאַמעלעך, הינטערווײַלעכץ צוגעשאַרט צו דער לייטער, ער האָט זיך צוגערוקט צום וואַרשעווער עילוי, אַרויסגענומען אַ פּאָר בלעכענע, געדראַטעווועטע ברילן, זיי אָנגעטון אויפן עק נאָז, האַרט ביי די ברייטע נאָז־לעפּלעך, פאַרבונדן די ברילן מיט אַ פאָדעם צו די פאַר־וואַטעטע אויערן און הויבנדיק אַ פּלייצע געוואָרפן אַ באַלכסונדיקן בליק פון דער זייט אויפן ספר, אין וועלכן דער וואַרשעווער עילוי האָט אַריינגע־קוקט. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען אַ גרויסע געבלימטע פּאַטשיילע און נעגעבן אַ פייף מיט דער פאַרטאַבאַקדיקער נאָז, אַז עס האָט זיך דערהערט אַ קול ווי אַ תקיעה פון אַ הייזעריקן נישט געריייניקטן שופר. דער שנייץ מיט דער נאָז האָט געזאָלט זיין אַן אָנצוהערעניש, דער וואַרשעווער עילוי זאָל באַמערקן, אַז עס שטייט ווער נעבן אים...

ר' איטשע מאירל, איז אָבער געווען צו שטאַרק פאַרטיפט אינעם ספר און האָט גאָרנישט געהערט... דאָ האָט זיך ר' ירוחם סופר שוין גאָר נאָענט צוגערוקט צו ר' איטשע מאירלען און דערזען, אַז ער קוקט אַריין אין „תבואות שור" אויף הלכות שחיטה.

— מנע! — האָט ר' ירוחם סופר אַ מרוק געטון מיט זיין פּאַנפּע־וואַטער נאָז — אַן איינפאַל פון אַ יונגנמאַן, אינמיטן קבלת־שבת אַריינ־צוקוקן אינעם „תבואות שור".

דער וואַרשעווער עילוי האָט געגעבן אַ ציטער־אויף ,ווי מען וואָלט

אים פון אַן אַנדער וועלט אַראָפּגעוואָרפן און ער האָט דערזען שטיין פאַר זיך אַן אַלט, אויסגעדאַרט יידל, מלא־רציחה, נאָר אים איינצושלינגען.

ר׳ ירוחם סופר האָט געהויבן אַ פּלייצע און איבערגעחזרט די זעלבע ווערטער:

— אַן איינפאַל פון אַ יונגנמאַן פריטיק־צו־נאַכטס אַריינצוקוקן אין „תבואות שור!"

— פאַרוואָס איז „תבואות שור" שלעכט? — האָט דער וואַרשעווער עילוי פאַרחידושט געפרעגט.

— צ־צ־ץ — האָט ר׳ ירוחם אַ זשאַמושע געטון מיטן אָן־ציינערדיקן מויל — ס׳איז עפּעס נישט דאָס! וואָס? איר לערנט זיך זיין אַ שוחט, וואָס איר מוזט גראָד איצט, אינמיטן דאַווענען אַריינקוקן אינעם „תבואות שור"?

— קודם־כל דאַוונט מען איצט נישט — האָט ר׳ איטשע מאירל געענטפערט, — נאָר מען קנאַקט מאַרשן: והשנית, לערן איך מיך טאַקע צו זיין אַ שוחט. איך לערן שוין יאָרן־לאַנג דעם עיקר דין פון הלכות שחיטה —אַז אַ שוחט דאַרף זיין אַ ירא־שמים, אָבער איך האָב עס נאָך אַלץ נישט אויסגעלערנט...

ר׳ ירוחם סופר האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט אַ שווערן זיפץ געטון: „אוי־וויי"! מען האָט נישט געוווּסט, וואָס דער דאָזיקער קרעכץ מיינט.

ר׳ ירוחם סופר האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט דער תשובה פון פרעמדן יונגנמאַן, ער איז צוגעגאַנגען צו די חסידישע נאָכשפּירער וואָס זענען געשטאַנען אין אַ ווינקל און האָבן צוזאַמען מיט אים געדאַרפט נאָכקוקן די פינף פרעמדע יידן. ער האָט זיי דערציילט דעם פרעמדן יונגנ־מאַנס ענטפער.

— מיר ווייסן שוין די דאָזיקע שטיקלעך — האָבן די חסידים געזאָגט. — אדרבה, דאָס באַווייזט ערשט, אַז מען דאַרף האָבן אַ גרויסע השגחה אויף זיי.

און בשעת דעם גאַנצן דאַווענען קבלת־שבת, האָבן די חסידישע „נאָכשפּירער" נאָכגעקוקט ווי די פּשיסכער חסידים דאַווענען, זיי האָבן געזען ווי די פינף פרעמדע יידן דרייען זיך אַרום אינעם פּאָליש אויף־

און-אָפּ, פאַרמוחט, אַזוי אַז מען האָט קוים באַמערקט, זיי אַ מורמל געבן מיט די ליפּן.

אָבער ווען מען האָט פאַרענדיקט דאָס דאַווענען און דער עולם האָט זיך געלאָזט אַהיימגיין אויף די אכסניות קדוש־מאכן, האָבן די נאָכשפּירער דערזען, אַז די פינף פרעמדע יידן פאַרקלייבן זיך אויפן בוידעם־שטיבל אַרויף און טוען איבער פרישע העמדער. די העמדער, וואָס זיי האָבן געטראָגן ביים קבלת־שבת, זענען געווען דורכגעווייקט פון שוויים צוליב זייער גרויסער עבודה ביים דאַווענען...

אַזוי האָבן די נאָכשפּירערס נאָכגעקוקט די פרעמדע יידן דעם גאַנצן שבת. די נאָכשפּירערס האָבן געוואָלט זיי ביי עפּעס כאַפּן, געפינען ביי זיי אַ פּגם, אָבער זיי האָבן גאָר נישט געהאַט וואָס צו דערציילן דעם רבין ר׳ שמעון דייטש וועגן די פרעמדע. זיי האָבן אים בלויז איבערגעגעבן וועגן זייער אויסטערלישער התנהגות, אַז זיי האַלטן זיך נאָענט צום המון־עם, צו די בעלי מלאכות און בעטלערס, אַז אינמיטן דאַווענען קאָנען זיי זיך פאַרטיפן אין אַ שאלות־תשובות ספר, כאַפּן אַ שמועס, אַזוי אַז מען באַמערקט גאָר נישט, ווען זיי דאַווענען, און דאָך מוזן זיי נאָכן דאַווענען אָנטון פרישע העמדער. אַזוי גרויס איז זייער התלהבות ביים דאַווענען...

דער רבי ר׳ שמעון דייטש האָט זיך אָבער ווייטער געהאַלטן ביי זיינס, אַז אַזוי איז געווען דער דרך פון יעדער „כת" ביי יידן. פון אָנפאַנג האָבן זיי זיך פאַרשטעלט פאַר גרויסע יראי־שמימס און ערשט אין יאָרן אַרום, ווען זיי האָבן אָנגעמאַכט דעם אמתן חורבן צווישן די יידן, האָבן זיי ערשט באַוויזן ווער זיי זענען...

די פאַרשידענע חסידים האָבן צוזאַמען מיט די רביים שנעל אָפּגע־געסן די פרייטיק־צו־נאַכטיקע סעודה. אַלע האָבן געוואָלט וואָס פריער זיין אינעם שאַלאַש, וווּ דער אַפּטער רבי פירט טיש.

מחנות חסידים האָבן געהאַנגען אינעם שאַלאַש און אויפגעכאַפּט יעדעם מינדסטע וואָרט, וואָס דער אַפּטער רבי האָט געזאָגט.

דער אַפּטער רבי איז געזעסן אין אַ געבלימט כאַלאַט, ער האָט דאָס זילבערנע טאַבאַק־פּושקעלע נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט. פון יעדן שבתדיקן מאכל האָט ער עפּעס טועם געווען. דעם טעלער גלייך אָפּגערוקט פון זיך. די רביים האָבן געטיילט זייערע חסידים „שיריים", פון דעם, וואָס

דער אפּטער רבי האָט איבערגעלאָזט. דעם אפּטערס הויפּט גבאי האָט נאָכן עסן דאָס פלייש געהייסן אַן אַלטן אַפּטער חסיד זינגען דעם זמר „מה ידידות". ביי דעם חרוז „מעין עולם הבא יום שבת מנוחה", האָט מען געהערט, ווי דער אַלטער אַפּטער רבי חזרט איבער די ווערטער איינמאָל און נאָכאַמאָל, ער האָט כסדר געריבן די רעכטע שלייף מיט דעם זילבערנעם טאַבאַק פּושקעלע, זיין פּנים איז געוואָרן שטאַרק אָנגעצונדן ממש ווי אַ לפּיד אש. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף דעם אָנלען פון דער שטול און אַריינגעפאַלן אין אַ שטאַרקער התלהבות.

דער אַלטער אַפּטער בעל מנגן האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרענדיקט דעם זמר און דער אַלטער אַפּטער רבי איז נאָך געלעגן, דעם קאָפּ פאַר־וואָרפן הינטער דער שטול, אינעם גאַנצן שאַלאַש איז געווען מוראדיק שטיל, ווי מען וואָלט געהערט מאַן זייען.

און עס האָט זיך פּלוצלינג דערהערט דעם אַלטן אַפּטער רבין ברומען דאָס „תורה ניגונדל".

מען האָט פון אָנהייב געהערט בלויז אָפּגעהאַקטע ווערטער וואָס האָבן זיך געצויגן אין מתיקותדיקע טענער. די טענער האָבן זיך אַריינגע־גאָסן אין די ווערטער און זענען געוואָרן איינס.

און צום סוף האָט מען שוין געהערט דעם אַלטן אַפּטער זינגען מיט אַ ברען:

„אבא־בא־בא בא בא,
בא־בא־בא בא,
מלאכים, שרפים ואפנים
פרעגן זיך אווו איז גאָט?
אוי — וויי
וואָס ענטפערט מען זיי?
לית אתר פנוי מיניה
לית מחשבה תפיסה בי כלל"
איי — איי — אוי — איי — איי
לית מחשבה תפיסה בי כלל"...

די לעצטע ווערטער האָט דער אַלטער אַפּטער רבי איבערגעחזרט

א פּאָר מאָל, שטילער און שטילער, ביז ער איז אינגאנצן פאַרזונקען גע־וואָרן אין מחשבות, ווי ער וואָלט אין די עולמות העליונים געשוועבט. דער־נאָך האָט זיך דערהערט:

„אהבה בגמטריה אחד".

דער אַלטער אַפּטער רבי האָט געזאָגט תורה.

דאָס געדרענג איז געוואָרן נאָך גרעסער. מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ.

מען האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, יעדעס וואָרט אויפצוכאַפּן, יעדע תנועה, און יעדן קרעכץ וואָס גייט אַרויס פון אַלטן אַפּטער רבינס מויל, און דער אַלטער אַפּטער רבי האָט איבערגעחזרט:

„אהבה בגמטריה אחד", די אותיות פון אהבה באַטרעפן די אותיות פון אחד, עס איז פאַראַן אהבה עילאה און אהבה תתאה, דרייסיק טאָג, איידער א נשמה ווערט געבוירן, ווערט אין הימל אויסגערופן, ווער מיט וועלכער זאָל זיך אויף דער וועלט באַהעפטן.

באַגעגנט דאָ נישט די נשמה איר זיווג, בלאָנדזשעט זי אַרום אויף דער וועלט, זוכט איר זיווג און זי מוז נאָך אַמאָל מגולגל ווערן. טרעפט זי יאָ איר חלק־נשמה, דעמאָלט ווערט פון אהבה — אחד, איין נשמה און פון דער אהבה תתאה ווערט אַן אהבה עילאה. דעמאָלט באַקומען ביידע נשמות א תקון, ביידע חלקים ווערן איינס און עס קומט פון זיי אַרויס א ברייטע נשמה. לאָמיר ווינטשן, אז דער זיווג זאָל עולה יפה זיין!

„אמן" האָט זיך דערהערט איבערן גאַנצן שאַלאַש.

* * *

נאָכן בענטשן, נאָכן זאָגן די שבע ברכות, האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע שמחה פון טאַנצן דאָס מצווה־טענצל.

אויף אַלע טישן האָבן זיך אויסגעשטעלט מאַרשעליקן און גענומען שיטן מיט גראַמען און אויפגערופן דעם ערשטן דעם חתן צום מצוה־טענצל.

די כלה האָט מען אַריינגעפירט צוזאַמען מיט אַלע מחותנתטעס, די רביצינס, און ווי נאָר דער פערצן יעריקער חתן האָט אָנגערירט דעם שפּיץ

פון דער פאטשיילע, וואָס די כלה האָט געהאַלטן ביים צווייטן עק און זיך איינמאָל א דריי געטון, האָבן אים גלייך א כאַפּ־געטון א מחנה חסידים, אים אָפּגעריסן פון דער פאטשיילע און גענומען טאַנצן מיט אים, כדי ער זאָל נישט פון צו פיל טאַנצן מיט דער כלה, חס ושלום, קומען צו א שלעכטן הרהור...

גאָר אנדערש איז געווען, ווען מען האָט אויפגערופן דעם אַלטן אַפּטער רבין אליין צום מצוה־טענצל.

דאָ איז דאָס טאַנצן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עבודה. דער אַלטער אַפּטער רבי האָט צוערשט אָנגערירט די פאטשיילע וואָס די כלה האָט געהאַלטן, זיך אַרומגעדרייט מיט דער כלה א פּאָר מאָל, דערנאָך האָט ער זי נאָכגעלאָזט און אָנגעהויבן טאַנצן „אנטקעגן־איבער".

זיינע אַלטע, אויסגעדאַרטע פיס האָבן זיך פון אָנפאַנג קוים באַוועגט, אָבער וואָס אַמאָל זענען זיי עפּעס גרינגער געוואָרן, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך פון דער ערד אָפּגעריסן.

די צענדליקער רביים, צוזאַמען מיט די הונדערטער חסידים האָבן פאַרדבקהט געקוקט ווי דער אַלטער אַפּטער רבי טאַנצט, אָבער נישט געלאָזט דעם אַלטן אַפּטער רבין לאַנג טאַנצן. מען האָט אים געגעבן א נעם־אַרום און צוזאַמען מיט אים נאָך א פּאָר מאָל אַנטקעגנגעטאַנצט דער כלה, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון טאַנצן דאָס מצוה־טענצל.

אויך די כלה האָט מער נישט געטאַנצט אַליין. א קאַפּטע רביצינס האָבן זי אַרומגעכאַפּט און מיט איר מיטגעטאַנצט, און די יונגע כלה, וואָס מען האָט געהאַט ערשט פאַרנאַכט אָפּגעגאָלט אירע האָר און איר אָנגעטון א שטערנטיכל, האָט איצט אויסגעזען ווי א קינד וואָלט זיך פאַרשטעלט פאַר א וויבל, אַזוי ווי זי פלעג זיך זייער אָפט שפּילן מיט אירע חברטעס אין רבישן הויף, און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אָט־אָט־אָט וועט זי זיך צעוויינען פאַר מידקייט און אָנגעשטרענגטקייט פון דעם גאַנצן גייענדיקן טאָג. די קרובים האָבן אינמיטן הייליקן טאַנץ געגעבן א כאַפּ אַרויס דעם אַלטן אַפּטער רבין, אים געגעבן א זעץ־אַוועק אויף דער שטול, און האָבן אויף זיין פאַרשוויצט פלאַמענדיק פּנים געפאָכעט מיט די שריימלען.

ווען מען איז פארטיק געוואָרן מיטן טאנצן דאָס מצוה־טענצל, האָט מען פלוצלינג אָנגעהויבן אהיימצויאָגן די בחורים.

די בחורים אליין האָבן, הפנים, געוווּסט, אז ס׳פאסט זיך איצט נישט פאר זיי דאָ ארומצודרייען... און זיי זענען אליין אהיימגעגאנגען. דאָך האָט מען דערנאָך געכאפט א פּאָר עלטערע בחורים אונטער די בענק, וועלכע עס האָט געצויגן דווקא איצט צו פארבלייבן אינעם גרויסן שאלאש.

„שגצים־דראבעס!" — האָבן זיך דערהערט קולות, — שוין גייט אהיים! ס׳איז שוין צייט, איר זאָלט גיין שלאָפן. ס׳איז איצט פאר אייך נישט דער זמן!...

דער עולם איז דערווייל געוואָרן וואָס אמאָל שיטערער און אויך די די חתונה־געהאטע יונגעלייטלעך האָבן זיך אויך געפילט א ביסל פארשעמט און האָבן זיך באצייטנס אליין אָפּגעטראָגן אויף זייערע אכסניות, און חסידים האָבן פלוצלינג אָנגעהויבן צו זינגען „אין כאלוקינו" און געכאפט צו ביסלעך בראנפן. עס זענען אריינגעקומען די צוויי רביצינס, די אונטער־פירערינס, וואָס ס׳האָט געזאָלט באדייטן, אז אלץ איז צוגעגרייט... גלייך זענען צוגעגאנגען די צוויי אונטערפירערס צום אויסגעדארטן חתנדל און אים געגעבן א נעם אונטער די אָרעמס. דער חתן האָט אינגאנצן געציטערט, אזוי ווי מען זאָל אים פירן צו דער עקידה... און אים מיט געזאנגען אהיים־געפירט לייגן...

עס האָבן זיי באגלייט נאָר די גאָר אלטע חסידים, די ישישים, און ס׳רוב חסידים זענען זיך צעגאנגען אהיים אויף זייערע אכסניות...

און ווען די אונטערפירערס האָבן דעם חתן שוין געהאט אריינגעפירט אין שטוב אריין, האָבן זיך די אלטע חסידים געשטעלט אונטער די פענס־טער און אן אלטער חסיד, שוין איבער די שמונים, האָט אָנגעהויבן שטיל, בנעימותדיק, צו זינגען:

„עס טאָגט שוין,
עס טאָגט שוין,
עס טאָגט שוין!
אודה לאל לבב חוקר
ברן יחד כבבי בקר

שימו לב אל הנשמה
לשם שבי ואחלמה..."

און מען האָט כסדר איבערגעחזרט „עס טאָגט שוין" און „שימו לב אל הנשמה", אזוי אז די ווערטער זענען אריינגעדרונגען אין די שלאָפנדיקע הייזער, און יעדן איינעם טיף אין זיין הארצן... און האָבן אומעטום דער־מאָנט און געמאָנט „שימו לב אל הנשמה"... ווייל די אלטע חסידים האָבן גוט געוווּסט, וואָס דאָס זינגען איצט באַטייט און זיי האָבן אריינגעלייגט אין די ווערטער גאָר גרויסע כוונות...

די האלבע לבנה, ווי א צעבראָכענער טעלער, האָט זיך פארטשעפּעט ערגעץ הינטער די טאָפּאָלען־ביימער, וואָס זענען געשטאַנען ווי שומרים ארום דעם הינטער־שטעטישן סאָד און געוואָרפן א פּערלמוטערנעם שיין אינעם שלאָפנדיקן מארק אריין און די אלטע חסידים האָבן אלץ געזונגען „שימו לב אל הנשמה", ביז עס זענען ארויסגעקומען זאכט, אין שלאָף־קאַפּ־קעס די צוויי רביצינס, די אונטערפירערינס, מיט לעקעך און בראַנפן און זיי האָבן געגעבן א ווּנק מיט די הענט, מען זאָל שוין אויפהערן זינגען.

מען האָט געטרונקען „לחיים" און שטילערהייט געזאָגט די אונטער־פירערינס „מזל־טוב" און געווונטשן, אז „דער זיווג זאָל עולה יפה זיין". די צוויי מחותנתטעס האָבן זיך געבעטן ביי די אלטע חסידים, זיי זאָלן זיך צעגיין, די קינדער זענען שוין איינגעשלאָפן...

יא

דער משפט

פון זונטיק גאַנץ פרי אָן, האָט געקאָכט אינעם שטעטל: אלע חסידים האָבן געוווּסט, אז היינט אין אָוונט, צו דער „גרויסער נאכט", בעת דער שבע־ברכות־סעודה, וועט דער רבי ר' יעקב שמעון דייטש, צוזאמען מיט ר' יאָסעלע ראַטשאָווער, פארקלאָגן פארן אלטן רבין דאָס פּשיסכער חסידות און ער וועט פארלאַנגען פון דעם אלטן אַפּטער רבין, ער זאָל דעם רבין ר' בונם, פון פּשיסכע מיט זיין „כת" לייגן אין חרם אריין.

זענען א סך רביים באַצייטנס אַנטלאָפן פון אַסטיליע, כדי נישט צו זיין קיין עדי־ראיה, ווען מען וועט משפטן אַזאַ גרויסע עדה חסידים. צווישן די אַנטלאָפענע איז אויך געווען דער יונגער ריזשינער רבי ר׳ ישראל־טשע, וועלכער איז געקומען זונטיק בייטאָג צו זיין ביי דער סעודה אין דער „גרויסער נאַכט", אָבער אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז מען גרייט זיך צו משפטן אַ נייעם דרך אין חסידות, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אין פּוילן, האָט ער געזאָגט: בסודם אל תבא נפשי (און זייער באַראַט זאָל נישט קומען מיין זעל, בראשית מ״ט, ה.). ווער ווייסט, וועמען מען וועט נאָך אַלץ אַמאָל וועלן אין חרם אַריינלייגן פאַר נייע דרכים?" — און ער האָט געהייסן צוגרייטן זיין טייערע קאַטש, געשפּאַנט צו זעקס פערד, און איז גלייך אַוועקגעפאָרן. די ריזשינער חסידים זאָגן טאַקע, אַז זייער רבי האָט דעמאָלט, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, שוין מרמז געווען, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט וועלן אויך זיין דרך משפטן, אַזוי ווי עס איז טאַקע געווען מיט יאָרן שפּעטער, בעת דער גרויסער מחלוקה צווישן סאַנז און סאַדיגורע.

עס זענען אָבער נאָך אַלץ פאַרבליבן אין אַסטיליע איבער אַכציק רביים, צווישן זיי אַ סך גרויסע רביים, ווי דער רבי ר׳ שלום רוקח, פון בעלז, דער רבי און מקובל, ר׳ צבי הירש זידיטשאָווער, און אַנדערע; זענען טאַקע ביי דער סעודה אין דער „גרויסער נאַכט" געזעסן ביים טיש בלויז „ווייסע בעקעשעס", אַזוי ווי די רביים זענען דעמאָלט געגאַנגען אָנגעטון, און אַרום זענען געשטאַנען, אין גרויסן שאַלאַש, טויזנטער חסידים, צווישן זיי אויך די פינף פּשיסכער חסידים.

דערלאַנגט צום טיש, האָבן די גבאים און די סאַרווערס. צווישן איין מאכל און צווייטן האָבן די בדחנים געזאָגט גראַם.

צום סוף פון דער סעודה, ווען עס איז געקומען צום אויסרופן דרשה־געשאַנק, האָט דער אַלטער אַפּטער רבי געזאָגט, אַז ער אַליין וויל, אָנשטאָט דעם חתן, זאָגן אַ פּשטל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ האַרבן רמב״ם. האָט דורכגעפירט אַ שאַרפן פּלפּול, און פּלוצלינג איז ער געבליבן שטיין ביי אַ שווערער קשיא און האָט זי נישט געקאָנט פאַרענטפערן.

— ווער וועט מיר קאָנען פאַרענטפערן די שווערע קשיא אויף דער משנה? — האָט דער אַלטער אַפּטער רבי הויך אַ זאָג געטון.

דער ווארשעווער עילוי, ר׳ איטשע מאיר, האָט געוווּסט א תירוץ; ער האָט אָבער מורא געהאט אָנצורופן זיך. ער איז געוואָרן בלאס און נישט געקאָנט איינשטיין אויף אן אָרט. דאָס האָט באמערקט ר׳ אליעזר בער גראבאָוויצער, דער „ראש המדברים״, פון די פינף פשיסכער חסידים און ער האָט געזאָגט צו ר׳ איטשע מאירן:

— איצט איז געקומען די צייט, מיר זאָלן „זיי״ ווייזן, ווער מיר זענען; אויב דו ווייסט א תירוץ, זאָג אים באלד.

דער יונגער ווארשעווער עילוי האָט נישט געהאט גענוג יהדות אדורכצושטופן זיך צווישן דעם געפּאַקטן עולם. ער האָט בלויז א געשריי געגעבן:

— דאָס איז תוספת׳ א קשיא אין קידושין, און תוספת אליין פאר־ענטפערט די משנה!

דאָס יונגע ציטערדיקע קול האָט דורכגעלעכערט די שטילקייט אינעם שאלאש. דער אלטער אפּטער רבי האָט פארחידושט געפרעגט: „ווער האָט זיך אָנגערופן? מען האָט מיך מחיה געווען״, „מען האָט מיך מחיה געווען״ — האָט ער א פּאָר מאָל איבערגעחזרט; אָבער דער ווארשעווער עילוי האָט זיך געגעבן א טונק אונטער צווישן דעם גרויסן עולם חסידים און קיינער האָט נישט געוווּסט, ווער עס האָט דעם ענטפער געגעבן.

ווען מען איז פארטיק געוואָרן מיטן אויסרופן דאָס „דרשה-געשאנק״, האָבן זיך פּלוצלינג באוויזן חברה „פארשטעלטערס״ פון די גאליציאַנער חסידישע קאָזאקן, זיי האָבן אויפן טיש פאָרגעשטעלט „א וויכוח צווישן א חסיד און א דייטש״.

דער דאָזיקער שפּיל איז צוגעגרייט געוואָרן מיט דער הסכמה פונעם רבין ר׳ יעקב שמעון דייטש, כדי אָנצוהייבן דורך אים דעם משפּט אויפן רבין ר׳ בונם.

איינער פון די „קאָזאקן״ האָט זיך פארשטעלט פאר א „בלינדן דייטש״ און נאָכגעמאכט דאָס קול פון דעם רבין ר׳ בונם, וועלכער איז געווען סוף ימיו א סגינהור.

דער שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן מיטן „וויכוח״ צווישן דעם „חסיד״ און דעם „בלינדן דייטש״. דער „בלינדער דייטש״ האָט דווקא געוואָלט באווייזן, אז דער עיקר תפילה איז די כוונה, נישט דאָס דאַווענען אליין. ער

האָט דערביי שטאַרק אָפּגעחוזקט פון אַלע אַנדערע רביים; אָבער דער „חסיד" האָט אויפגעוויזן דעם „בלינדן דייטש", אַז ער פירט אַראָפּ מיט זיין דרך די יידישע קינדער פון יידישקייט.

און יעדעס מאָל, ווען אַ „וויכוח" האָט זיך פאַרענדיקט און דער „חסיד" האָט מנצח געווען דעם „דייטש", האָבן אַלע פאַרשטעלטע געזונגען אַ לידל, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט די ווערטער:

„דער דייטש, דער בלינדער,
מאַכט קאַליע יידישע קינדער".

די פינף פּשיסכער זענען די גאַנצע צייט געווען אויסגעמישט צווישן דעם גרויסן עולם. זיי האָבן געציטערט פאַר כעס. דאָס בלוט האָט אין זיי געקאָכט. אָבער זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טון: צי וואַרטן ביז דער רבי ר' שמעון דייטש וועט אַרויס מיט זיינע טענות, צי שוין איצט געבן „זיי" אַן ענטפער.

אָבער פּלוצלינג, בשעת דער פאַרשטעלטער „חסיד" האָט ווידער אָנגעהויבן צו חוזקן פון דעם „בלינדן דייטש", איז מיטאַמאָל אַראָפּגעפאַלן אַ הענג־לייכטער פונעם סופיט און האָט שיער נישט געטראָפן דעם פאַרשטעלטן „חסיד" אין קאָפּ אַריין.

דער „חסיד" איז געבליבן שטיין אַ רגע פאַרגאַפט, ווי ער וואָלט אין דעם געזען אַן „אצבע אלוקים". אָבער דער רבי ר' שמעון דייטש האָט געגעבן אַ געשריי:

— דאַרפסט פאַר גאָר נישט מורא האָבן! די סיטרא־אחרא וועט אונדז נישט אָפּשרעקן מיט אַזעלכע שטיקלעך! מיר וועלן זיי גובר זיין!...

דאָ האָט זיך שוין דער יונגער וואַרשעווער עילוי מער נישט געקאָנט איינהאַלטן; ער האָט געגעבן אַ שפּרונג אַרויף אויפן טיש, זיך געגעבן אַ ריס־אויף דאָס העמד און אַ געשריי־געטון:

— פון מיין רבין ווילט איר חוזקן?! אונדזער דרך רופט איר אָן סיטרא־אחרא?!...

אין גרויסן שאַלאַש איז מיטאַמאָל זייער שטיל געוואָרן. די רביים האָבן אָנגעקוקט דעם אויסגעבלייכטן יונגנמאַן, וואָס שטייט אויפן טיש פאַר דעם אַפּטער רבין מיטן אַן אויפגעריסן העמד און פון זיינע אויגן גיסן זיך טרערן...

— ווער איז ער און ווער איז זיין רבי? האָבן זיך דערהערט קולות פון אַלע זייטן.

— קוקט אריין אין מיין הארץ, וועט איר זען, ווער מיין רבי איז!

דער אַלטער אַפּטער רבי, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן פאַר־טיפט אין מחשבות, ווי ער וואָלט זיך גאָר נישט צוגעהערט צום שפּיל פון די „פארשטעלטע״, האָט פּלוצלינג דערזען שטיין אויפן טיש דעם זעלבן יונגנמאַן, וואָס האָט אים פרייטיק, פאַר דער חופּה, געהאַט אָפּגעגעבן א „בעל־שמסקע קוויטל״, האָט ער אים א פרעג געטון:

— ווער איז דיין רבי?

— דער רבי ר׳ בונם פון פּשיסכע! — האָט דער וואַרשעווער עילוי געענטפערט שטאָלץ.

— זענען דאָ נאָך אַזעלכע תלמידים ביים רבין ר׳ בונם? האָט דער אַלטער אַפּטער רבי ווייטער געפרעגט.

דאָ האָבן זיך געגעבן א רייס אַדורך די אַנדערע פיר פּשיסכער חסידים: ר׳ פייוועלע גריצער, ר׳ זישע שעדליצער, ר׳ אליעזר בער גראַ־באָוויצער און ר׳ יששכר׳ל האָראָוויץ. זיי האָבן געגעבן א שטופּ־אַראָפּ די „פאַרשטעלטע״ און באַלד איז אויפן צווייטן עק טיש ארויסגעוואַקסן דער רבי ר׳ שמעון דייטש מיט ר׳ יאָסעלע יאַרטשאָווער, און עס זענען גלייך געוואָרן צוויי קעמפנדיקע מחנות.

דער משפּט האָט זיך אָנגעהויבן.

מען האָט אַראָפּגענומען אַלע כלים פון די טישן. עס זענען פּלוצלינג אָנגעצונדן געוואָרן א סך ליכט, עס האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעטון די חתונה־שטימונג.

איין חידוש איז נאָר פאַר אַלע געווען: פון וואַנען עס האָבן זיך אַהער גענומען אָט די פּשיסכער חסידים און ווען זענען זיי אָנגעקומען. אָבער דער רבי ר׳ שמעון דייטש האָט זיי גוט דערקענט, ווייל ער האָט גאַנץ שבת געהייסן אויף זיי האַלטן אַן אויג.

— זענען פאַראַן נאָך אַזעלכע תלמידים ביי דיין רבין? — האָט דער אַלטער אַפּטער רבי איבערגעחזרט די זעלבע שאלה.

— איך בין דער ייִנגסטער און דער קלענסטער פון אַלע תלמידים!

האָט דער וואַרשעווער עילוי געענטפערט, איך קום אפילו נישט צו די קנעכל פון זייערע פיס.

— גלויבט אים נישט! — האָט דער רבי ר' שמעון דייטש אויסגע־שריגן, — זיי זענען אפילו נישט קיין בני־תורה און זיי קאָנען נאָר חוזקן פון אנדערע רביים!

— אָט דער יונגערמאַן, — האָט זיך ר' אליעזר בער אָנגערופן, — האָט דאָך נאָר־וואָס דערמאָנט דעם תוספות וועגן דער שווערער מישנה, וואָס דער אַלטער אַפּטער רבי האָט געפרעגט, און ער האָט אפילו נישט געוואָלט ארויסגעבן זיין נאָמען!

דאָ איז זיי צוהילף געקומען דער קאָוולער רבי, ר' לייבעלע, אזוי ווי ער האָט זיי צוגעזאָגט. ער האָט זיך אָנגערופן:

— דער רבי ר' בונם איז א קדוש וטהור און א בעל־רוח־הקודש, מען טאָר נישט אויסטראַכטן אזא בלבול אויף אזא עדה יידן יראים ושלמים, און אויב ווער פון די יונגע חסידים חוזקט אָפּ פון די אנדערע רביים, ווייסט זיכער נישט דערפון דער רבי ר' בונם.

— מיר מוזן אָבער אויסהערן די טענות פון דעם צווייטן צד, כדי מקיים צו זיין דעם פסוק „ובערת הרעה מקרבך" — האָט דער אַלטער אַפּטער רבי געענטפערט, — איר האָט אפנים פארגעסן די גמרא ירושלמי אין שבת, סוף פרק ה', וועלכע דערציילט אונדז וועגן דער קו פונעם תנא רבי אליעזר בן עזריא, אז זי פלעגט ארויסגיין מיט איר בענדל (רצועה) צווישן אירע הערנער, וואָס איז פארבאָטן אום שבת, און דאָס פלעגט די חכמים גאָר שטארק פארדריסן. די ברייתא דערציילט דאָרט אפילו, אז די קו איז גאָר נישט געווען זיין אייגענע, נאָר זי האָט געהערט צו זיינעם א שכן, אָבער ווייל ער האָט געשוויגן און ניט פארווערט, האָט מען שוין די קו אָנגערופן אויף זיין נאָמען, גלייך ווי זי וואָלט געווען זיין אייגענע. די גאנצע מעשה מיט דער קו האָט מען אונדז דערציילט, נאָר כדי מיר זאָלן דארפן אָפּלערנען, אז אויב עמעצער איז בכוח אָפּצווענדן דאָס שלעכטע און ער טוט עס נישט, איז גלייך ווי ער אליין וואָלט עס געטון. טאָ לאָמיר טאַקע דערפאר הערן זייערע טענות, האָט דער אַלטער אַפּטער רבי אויס־געלאָזט.

דאָ האָט דער רבי ר' שמעון דייטש און ר' יאָסעלע יארטשאָווער־

נאָכאַמאָל פאָרגעלייענט א גאַנצן צעטל מיט טענות, אַז דער רבי ר׳ בונם מיט זיינע תלמידים פירן־איבער די יידישקייט, זיי מאַכן חוזק פון אַלע צדיקים פון אונדזער דור, זענען מקיל אין פאַרשידענע איסורים, דאַווענען ראש השנה גאַנץ פרי און מאַכן יעדן טאָג סעודהלעך, לערנען דערנאָך חקירה ספרים, שאַפן אָפּ די „שטאַנדן״ וואָס זענען פאַראַן אין יעדער קהלה, חוזקן אָפּ פון רבישע מופתים. עס קלאַפּן אויף זייער דרך די רביים ר׳ נפתלי הירש פון ראָפּשיץ, ר׳ הערשעלע זידיטשאָווער, ר׳ משה פון קאָזשעניץ. אויב מען וועט זיי באַצייטנס נישט דערוויייטערן פונעם כלל־ישראל — האָט דער רבי ר׳ שמעון דייטש זיך געהיצט, — וועט, חס־ושלום קומען צו אַ גרויסער כפירה. דערפאַר דאַרף מען די גאַנצע „כת״ מחרים זיין.

דער פשיסכער חסיד, ר׳ אליעזר בער, דער בעל־לשון, האָט אָבער אויך נישט געשוויגן; ער האָט אָפּגעוואָרפן אַלע טענות פונעם רבין ר׳ שמעון דייטש, אויפגעוויזן, אַז די מחלוקה ציט זיך נאָך פון די צייטן פונעם „חוזה״ אָן, און אַז זיי, ר׳ שמעון דייטש און ר׳ יאָסעלע יאַרטשאָווער, האָבן טאַקע א גאָר גרויסן חלק אין דער גאַנצער מחלוקה מיט זייערע מלשינות און מסירות נאָך אויפן „ייד הקדוש״, און פאַר גרויס התלהבות האָט ער פאַרגעסן, אַז ער שטייט פאַרן אַלטן אַפּטער רבין, און האָט דער־ציילט ווי אַזוי די פשיסכער חסידים ווערן אומעטום שטאַרק גערודפט, אַז זיי ווילן באַנייען דאָס בעל־שמסקע חסידות, אַז זיי זענען מקרב דעם המון־עם און דעם אָרימען. מענטשן, וואָס זענען דערהויבן געוואָרן צו א הויכער מדרגה אין די צייטן פון בעל־שם־טוב און זיינע תלמידים, און די לעצטע דורות האָט מען זיי צוריק פאַרשטופּט אין פּאָליש אריין, די רביים נעמען ביי זיי גרויסע פדיונות, זאָגן זיי צו צו באַווייזן מופתים און זייער שפּלדיקן מצב טראַכט מען גאָר נישט מער צו דערהייבן.

— אָט דערפאַר רודפט מען אונדז — האָט ר׳ אליעזר בער אויסגע־לאָזט — און אָט דערפאַר טראַכט מען אויף אונדז אויס פאַרשידענע בלבולים און אין א טייל שטעטלעך רודפן אונדז אויך אַפּטער חסידים.

דער אַלטער אַפּטער רבי האָט אויסגעהערט די טענות פוןביידע צדדים, א רגע האָט זיך געדאַכט, אַז אָט וועט ער אַרויסגעבן זיין האַרבן פּסק־דין קעגן דעם פשיסכער רבין, און אין א רגע שפּעטער האָט זיך ווי־

דער אויסגעדאכט, אז אָט באוועגט זיך די וואָגשאָל אויף דער צווייטער זייט און די פּשיסכער חסידים וועלן מנצח זיין...

אָבער ווי דער אַלטער אַפּטער רבי האָט דערהערט, אַז אויך זיינע חסידים רודפן די פּשיסכער חסידים, האָט ער געענטפערט:

— איך האָב גאָרנישט געוווּסט דערפון!

דאָ האָט אָבער ר' אליעזר־בער גראַבאָוויצער אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ „פּשיסכער חסיד", און ער האָט געגעבן אַ געשריי:

— ר ב י ד י ק ו א י ז א י י ע ר ע ! *)

אַלע רביים און די חסידים האָבן זיך זייער דערשראָקן, הערנדיק. די דאָזיקע ווערטער. ר' אליעזר־בער האָט דערשפּירט, אַז פון אַלע זייטן שטופּט מען זיך צו אים, אים קורע כדג זיין. ער האָט געגעבן אַ שפּרונג אַראָפּ פון טיש און איז אַרויסגעלאָפן דורכן פענסטער. ער איז אַוועק גלייך קיין פּשיסכע, עס זאָל אים נישט שאַטן די „הקפּדה" פונעם אַלטן אַפּטער־רבין. חסידים דערציילן, אַז ווען ער איז אָנגעקומען קיין פּשיסכע, איז ער זייער קראַנק געוואָרן. דער רבי ר' בונם האָט געזאָגט, אַז ער קאָן אים גאָר נישט העלפן, ווייל ער האָט פאַרגעסן דעם אָנזאָג פון די חכמים: „והוה זהיר בגחלתן של תלמידי חכמים, שלא תכוה"... און אַכט טעג שפּעטער איז ער טאַקע נפטר געוואָרן.

ווען דער רעש האָט זיך געהאַט איינגעשטילט, האָט מען דערזען, אַז דער אַלטער אַפּטער רבי האָט זיך שטאַרק פאַרמוטשט; אַלע רביים זענען געזעסן באימה ופחד און געוואַרט, וואָס דער אַלטער אַפּטער וועט זאָגן, וואָס פאַר אַ פּסק־דין ער וועט אַרויסגעבן. מען האָט געפילט אַז אין זיין איין וואָרט איז אָפּהענגיק דער גורל פון דעם פּשיסכער רבין און זיין מחנה

---

*) די ווערטער האָבן געהאַט אַ טאָפּלטן מיין: ערשטנס, האָט ער דעם אַלטן אַפּטער רבין געוואָלט דערמאָנען די ווערטער וועגן דער קו פונעם תנא רבי אלעזר בן עזריה, וועלכע דער אַפּטער רבי האָט פריער דערמאָנט, און צווייטנס, איז פאַראַן אַ פאָלקס־ווערטל, וואָס איז באַגרינדעט אויפן פאָלגנדיקן אַנעקדאָט: אַ רב האָט אַמאָל געהאַט געפּסקנט, אַז אַ קו טאָר מען נישט שבת אַרויסציִען פון אַ גרוב אין וועלכן זי איז אַריינגעפאַלן. אָבער ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז די קו איז טאַקע זיין אייגענע, האָט ער באַלד געענדערט דעם פּסק און גלייך מתיר געווען אַרויסצוציִען זי פונעם גרוב.

חסידים. אָט קאָן ער ארויסזאָגן בלויז דאָס איינע וואָרט „חיב" און דער פשיסכער רבי, וועט ווערן אָפּגעטיילט פון כלל־ישראל און דאָס וועט זיין א בכיה לדורות און ווען דעם אלטן אפּטערס הייליקע מויל זאָל ארויסזאָגן בלויז דאָס וואָרט „זכאי" — און דער „פשיסכער דרך" איז צוריק אריינגע־גומען געוואָרן אין כלל ישראל און פשיסכער חסידות וועט אָנהויבן וואַקסן.

אָבער פּלוצלינג האָט דער אלטער אפּטער רבי גאָר אָנגעהויבן צו זאָגן „תורה".

פתח האי סבא קדישא לאמר, — און דער אלטער אפּטער האָט אָנגעהויבן:

„די חז"ל זאָגן, אז דערפאר האָבן די ברידער פון יוספן אים געוואָלט רערהרגענען, ווייל זיי האָבן געזען ברוח־נבואה, אז עס וועט פון אים ארויסקומען ירבעם, הייסט עס דאָך, אז זיי האָבן אים געוואָלט דן זיין „על שם סופו", צוליב דעם, וואָס עס וועט שפּעטער קומען, און דאָס איז קעגן דער מידה פון קודשא־בריך־הוא, וועלכער איז דן די מענטשן נאָר לויט זייערע איצטיקע מעשים, ניט לויט די שפּעטערדיקע... דערפאר זאָגט אויף זיי דער מדרש, אז זיי זענען אוועק פון דעם אויבערשטנס מידות...

הערט וועגן דער מחלוקה, וואָס עס גייט אָן צווישן גאָט און דער „כנסת ישראל". גאָט זאָגט: „שובו אלי ואשיבה אליכם", (מלאכי ג' ז'.) אז די יידן זאָלן צוערשט טון תשובה; און די כנסת ישראל זאָגט: „השיבנו ה' אליך ונשובה" (איכה ה', כ"א), די יידן האָבן נישט קיין כוח תשובה צו טון, ביז גאָט אליין וועט זיי פריער נישט אויסלייזן פון גלות און זיי געבן פרנסה. איך אליין האַלט אויך מיט דער „כנסת־ישראל"; נו, לאָמיר־זשע הערן, וואָס דער אויבערשטער ענטפערט דערויף"...

און דער אלטער אפּטער האָט אויסגעשפּיצט אַן אויער, ווי ער זאָל וועלן אויפכאפּן די פארבאָרגענע טענער פון דער לופט... עס איז געווען אזוי שטיל א פּאָר רגעס, אז מען האָט נאָר געהערט דאָס צאַנקען פון די ברענענדיקע ליכט. די רביים, וואָס זענען געזעסן ביים טיש און האָבן געדאַרפט אויסהערן דעם פסק־דין, האָבן געציטערט פאר שרעק, און דאַן האָט דער אפּטער אויסגעלאָזט:

— איר ווילט וויסן, וואָס דער אויבערשטער ענטפערט? — ער האַלט מיט אונדז!...

דער אלטער אפּטער רבי האָט זיך ווידער אַפּגערוט א ווײַלע און זיך געווענדט צו די רביים און ער האָט צו זיי געזאָגט:

— נו, איר זענט אויך מסכים מיט מיר, אז מען קאָן זיי היינט נישט דן זיין, זייער דרך איז א גרויסער, דאָס איז דער דרך פון „השיבנו ונשובה", און דערפאַר וועלן מיר אויף זיי נישט לאָזן רעדן קיין שלעכטס... וואָס זאָגט איר דערצו, ר' ירחמיאל? — האָט ער זיך פּלוצלינג געווענדט צום „ייד־הקדושס" זון, וועלכער איז אויך געווען אויף דער חתונה, — איר קענט דאָך גוט דעם רבין ר' בונם, ער וווינט דאָך אין אייער שטאָט, און געווען א תלמיד מובהק פון אייער הייליקן פאָטער?

די פיר פּשיסכער חסידים, וועלכע האָבן געמיינט, אז זיי האָבן שוין מנצח געווען, האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער לעצטער פראַגע; זיי האָבן מורא געהאַט, אז דער רבי ר' ירחמיאל וועט נישט רעדן קיין גוטס אויפן רבין ר' בונם, ווייל די חסידים פון די צוויי רביים האָבן צווישן זיך געפירט א שטיקל מחלוקה.

אָבער דער רבי ר' ירחמיאל האָט געענטפערט דעם אלטן אפּטער רבין, אז ער האָט געהערט פון זיין פאָטער, פון דעם „ייד־הקדוש", אז דער רבי ר' בונם איז ביי אים „דאָס שפּיצל פון הארץ", און אז „דעם גאנצן אוצר פון יראת־שמים האָט ער אים איבערגעגעבן"...

— נו, — האָט זיך דער אלטער אפּטער רבי אָנגערופן, — מער דאַרפן מיר שוין נישט, מיר וועלן קיין שום מסירות מער נישט צונעמען. עס זענען פאַראַן בעלי מחלוקת און מחרחרי ריב, וואָס ווען זיי וואָלטן זיך אפילו געפונען אליין אין א וואלד, וואָלטן זיי זיך געקריגט מיט די ביימער...

— קאָוולער רבי! מיר זענען מיט אייך מסכים. מען וועט נישט אויסשניידן א לעבעדיקן אבר פונעם יידישן גוף, מען וועט נישט דער־ווייטערן אן עדה יידן, חסידים און יראים ושלמים, פונעם כלל־ישראל... מער זאָל מען נישט מאכן קיין מחלוקתן, און עס זאָל זיין שלום על ישראל!...

דער אפּטער רבי האָט גלייך דערנאָך געהייסן איינעם פון זיינע חסידים זינגען א טאנץ־ניגונדל, און ער אליין האָט זיך געלאָזט גיין א ריקוד צוזאמען מיט די רביים.

איבער אכציק רביים האָבן דעמאָלט צוזאמען געטאנצט מיטן אלטן אפּטער רבין. די שמחה איז געווען אין־לשער; די פּשיסכער חסידים האָבן זיך, פאר שמחה, שטארק צעווײנט און האָבן געטאנצט צוזאמען מיט דעם קאָוולער רבין, און אין מיטן טאנץ האָט דער אפּטער רבי אָנגעכאַפּט דעם ווארשעווער עילוי ביי דעם גארטל און מיט אים אזוי געטאנצט א לאנגע צייט...

און בעת די רביים האָבן געטאנצט מיט די חסידים אין שאָלאש, האָבן די פּשיסכער חסידים ארומגענומען דעם קאָוולער רבין און צוזאמען מיט ר׳ ירחמיאלן האָבן זיי אָנגעהויבן צו טאנצן פאררדבקהט, זינגענדיק שטיל דאָס אלטע פּשיסכער ניגונדל:

נישט געדאוונט, נישט געלערנט,
אבי דעם אויבערשטן נישט דערצערנט,
וואָס האָבן מיר צו זאָרגן,
וואָס ס׳וועט זיין מאָרגן,
לאָמיר בעסער פאררעכטן,
וואָס מיר האָבן קאליע געמאכט נעכטן...

און אזוי האָבן זיי צוזאמען געטאנצט ביז אין העלן טאָג אריין.

יב

די פּטירה פון רבין ר׳ בונם

דער פּשיסכער רבי ר׳ בונם האָט אָפּגעהאלטן אַ גרויסן נצחון אויף דער אסטיליער חתונה און כאָטש ער האָט וויטער געהאט קעגנער צווישן די רביים, האָט זיך דאָס פּשיסכער חסידות דאָך אלץ מער פארשפרייט אין פּוילן.

פון אלע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן האָבן געצויגן קיין פּשיסכע חסידישע יונגעלייט. א גאָר גרויסער כוח האָט דער רבי ר׳ בונם געהאט צוצוציען צו זיך די שארפע קעפּ־ און מוח־מענטשן. אין יעדער שטאָט און אין יעדער שטעטל האָבן זיך געעפנט פּשיסכער „שטיבלעך", ווו די פּשיס־כער חסידים האָבן געדאוונט, און דער עיקר עוסק געווען אין לערנען

חסידות. אָבער פּונקט דעמאָלט, ווען עס האָט אויסגעזען, אַז דער פּשיסכער דרך וועט איינגעמען גאַנץ פּוילן, איז דער רבי ר׳ בונם פּלוצלינג זייער קראַנק געוואָרן.

און כאָטש דער רבי ר׳ בונם איז שוין דעמאָלט געווען א בן־ששים, א היבשע פּאָר יאָר בלינד און א גרויסער חלוש, דאָך איז די קראַנקהייט פון דעם רבין ר׳ בונם פּאָרגעקומען פאר די חסידים אומגעריכט.

איז דאָך דער רבי ר׳ בונם ערשט געשטאַנען אין סאמע מיטן קאַמף פאר פארשפּרייטן זיין חסידישע שיטה איבער גאַנץ פּוילן, האָט ער דאָך ערשט געהאַט פּאַרענדיקט דעם וויכוח מיט די מתנגדים, וועלכע האָבן אָנגעגעבן א מסירה צו דער רעגירונג, מען זאָל פארשליסן אלע חסידישע קלויזן אין פּוילן, ווייל די חסידים זענען א מין געצנדינערישע סעקטע. די חסידים זענען דעמאָלט געווען געצוווּנגען צו האָבן א וויכוח מיט די מתנגדים פאר דעם באַקאַנטן גלח סטאַשיץ, און די חסידים זענען אַרויס מיט א גרויסן נצחון.

האָט דער רבי ר׳ בונם ערשט געהאַט פּאַרענדיקט זיין מעמאָראַנדום וועגן דעם עקאָנאָמישן מצב פון די יידן אין פּוילן. די פּוילישע אויטאָנאָמישע רעגירונג האָט דעמאָלט געהאַט אויסגעקליבן א ספּעציעלע קאָמיסיע, און פאַרן צווזמירער קרייז איז באַשטימט געוואָרן דער רבי ר׳ בונם.

דער רבי ר׳ בונם האָט אין פּויליש איבערגעגעבן דער רעגירונג אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן און דערביי אָנגעוויזן די מיטלען, וואָס מען דאַרף אָננעמען, כדי דעם מצב פון די יידן צו פאַרבעסערן.

און אינגאַנצן האָט דער רבי ר׳ בונם געפירט רביסטווע דרייצן יאָר, איז טאַקע דערפאַר דאָס פּלוצלינגע קראַנק ווערן פון דעם רבין ר׳ בונם געקומען פאַר זיינע חסידים אומגעריכט.

עס איז געווען א פּאָר טעג אין אלול פון יאָר תקפ״ז (1827) דער רבי ר׳ בונם איז אַלט געווען אינגאַנצן א פינף און זעכציק יאָר. אלע שאַרפע חסידים זענען זיך צונויפגעקומען קיין פּשיסכע, כדי צו זיין נאָענט צום רבינס בעט.

צווישן די הונדערטער חסידים האָט מען דעמאָלט געקאָן זען די גרויסע תלמידים זיינע: ר׳ יצחק וואָרקער, ר׳ מענדעלע טאָמאַשאָווער,

ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער, ר׳ הענעך פון אַלעקסאַנדער, ר׳ איטשע מאיר ווארשעווער און אַ סך אַנדערע שאַרפֿע תּלמידים.

דער רבי ר׳ בונם איז געלעגן שוין אַ פּאָר טעג זייער אָפּגעשוואַכט אין זיין בעט. די אַלע רפואות, וואָס מען האָט אים געוואָלט געבן, האָט ער אָפּגעשטופּט מיט דער האַנט.

— איך בין דאָך — האָט ער שטיל געזאָגט צו זיינע תּלמידים, וואָס זענען געשטאַנען אַרום זיין בעט — אַמאָל אַליין געווען אַן אַפּטייקער, און איך ווייס מיט וואָס מען היילט אַ חולה... נישט מיט אַזעלכע באַבסקע רפואות...

און בכלל האָט דער רבי ר׳ בונם איצט גערעדט אָפּגעהאַקטע זאַצן, יעדעס וואָרט איז געווען פייער, שאַרף ווי אַ חלף, און די תּלמידים זענען געשטאַנען אַרום אים און האָבן יעדעס וואָרט אויסגעהערט מיט דער גרעס־טער אויפמערקזאַמקייט, כדי עס זאָל גאָרנישט נישט פאַרלוירן גיין.

די קראַנקהייט האָט זיך אָבער פאַרשאַרפט פון טאָג צו טאָג. מען האָט צום רבין אַריינגעלאָזט נאָר יחידי־סגולה, די גאָר שאַרפע תּלמידים. דער רבי ר׳ בונם איז געלעגן מיטן פּנים אויסגעדרייט צו די חסידים, און ער האָט דערפילט, אַז אין דער זייט שטייט זיין תּלמיד ר׳ יצחק וואָרקער. ער האָט אים געהייסן צורופן און האָט צו אים געזאָגט מיט אַ שוואַכן קול:

— וואָס ביסטו אַזוי באַזאָרגט? דער עיקר מדרגה פון אַ מענטש איז פריער צו האָבן אַ ירידה, צו קאָנען דערנאָך מעלה זיין צו אַלע ניצוצין קדושין, די הייליקע פונקען, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער סטרא־אחרא; און קוים האָט מען דאָס שוין מתקן געווען, דאַרף מען זוכן צו שטייגן אַלץ העכער און העכער... און אַלץ נעמען פאַר ליב, ווייל אַזוי איז דער רצון הבורא. ווען מען וואָלט מיר געוועזן געזאָגט, איך זאָל מאַכן אַ טויש מיט אברהם אבינו — האָט ער אָנגעהויבן צו זאָגן אַ חסי־דישן מאמר — וואָלט איך אויך נישט געוועזן געוואָלט. ווייל סיי־ווי־סיי וואָלט גאָט נישט מער געוועזן געהאַט ווי איין אברהם אבינו און איין בלינדן בונם — טאָ וואָס איז דער חילוק ווער דאָס וואָלט געווען? שוין גלייכער איך זאָל בלייבן אַזוי ווי גאָט האָט מיך באַשאַפן...

און פּלוצלינג האָט ער זיך געווענדט צו זיינע תּלמידים און האָט געזאָגט: „איך האָב אַ סך יאָרן געבעטן ביים רבונו של עולם, ער זאָל מיר

צונעמען דאָס ליכט פון מײַנע אויגן, כדי ער זאָל מיר עפענען די אינעווייניקסטע אויגן, איך זאָל קאָנען דערזען דעם „אור הגנוז", איך זאָל קאָנען זיך פאַרטיפן און באַהעפטן מיטן „אין סוף"..."

דער רבי ר' בונם האָט אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך אַביסל וואַסער. ר' איטשע מאיר וואַרשעווער, וועלכער איז גראָד געשטאַנען דערנעבן, האָט דערלאַנגט אַ גלעזל וואַסער. דער רבי ר' בונם האָט אַרײַנגעשטעקט די פינגער, זיך צו וואַשן, דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— דאַכט זיך, אַז דאָס האָסטו מיר דערלאַנגט, איטשע מאירל? נו, וועל איך דיך עפּעס פרעגן, וואָס עס איז מיר איצט קשה: „פאַרוואָס איז דער „על־חטא" געמאַכט געוואָרן לויטן „אלף־בית"?"

— ווײַל ווען נישט דער „אלף־בית" — האָט ר' איטשע מאיר געענטפערט מיט אַ שמייכל — וואָלט מען נישט געוווּסט ווען אויפצוהערן צו קלאַפּן... אַ מענטש האָט דאָך אַזוי פיל חטאים...

— אמת, אמת! — האָט דער רבי ר' בונם געענטפערט, און אויף זײַן אויסגעגעלטן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ הנאהדיקער שמייכל.

צווישן די חסידים איז אויך אָן אַ זײַט געשטאַנען ר' מענדעלע טאָמאַשאָווער, אַ מיטלגעוויקסיקער, מיט אַ געדיכטער שוואַרצער באָרד און מיט זייער לאַנגע ברעמען, וואָס פון אונטער זיי האָט אַרויסגעשטראַלט אַ פייערדיקער, דורכדרינגענדיקער בליק. ער איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען פאַרטיפט אין מחשבות. אים האָט כסדר געגעבערט איין געדאַנק: ווי אַזוי ער זאָל איצט איבערלאָזן דעם רבין ר' בונם אַזוי קראַנק און פאָרן אויף דער חתונה פון זײַן זון ר' דודל, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען י"א אלול אין אָפּאַטשנאָ, ווו עס האָט געוואוינט דער פאָטער פון דער כלה, דער רבי ר' הירש דישקעס.

און אַזוי טראַכטנדיק האָט זיך פּלוצלינג אַרויסגעריסן אַ קרעכץ פון זײַן האַרץ.

— ווער קרעכצט דאָס? — האָט דער רבי ר' בונם געפרעגט. — עצבות? פע! האָט מען דען נישט געלערנט מיט אײַך, אַז דאָס איז אַ שלעכטע מידה?

און דער רבי ר' בונם האָט באַלד געוואָלט פאַרטרײַבן דעם טרויער, וואָס האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צווישן זײַנע תלמידים, און ער האָט געזאָגט:

— אז מען וועט מיך וועלן אריינפירן אין גיהנום אריין, ווייסטו, מענדעלע, וואָס איך וועל טון ?

ר' מענדעלע האָט געשוויגן.

— איך וועל ענטפערן — האָט ווייטער דער רבי ר' בונם געזאָגט — אז מען זאָל מיר ברענגען דעם רבין פון לובלין און דעם „ייד־הקדוש", ווייל די גמרא זאָגט (מכות דף י'): „תלמיד שגלה מגלין רבו עמו" — אז מען פארטרייבט א תלמיד, פארטרייבט מען זיין רבין מיט אים. נו מענדעלע, וואָלסטו געוואָלט זיצן אין אזא גיהנום ? וואָס ביסטו אזוי פאר־צערט ? — האָט דער רבי ר' בונם ווייטער געפרעגט.

ר' מענדעלע האָט זיך מער נישט געקאָנט צוריקהאלטן און ער האָט געזאָגט :

— איך דארף מאָרגן חתונה מאכן מיין זון און איך וויל נישט פאר־לאָזן דעם רבין.

— אזוי גאָר ? — האָט דער רבי ר' בונם זיך פארוווּנדערט — פאַר־זשע גלייך אויף דער חתונה און פארשטער נישט קיין שמחה ביי יידן. זיי נישט ביי זיך געפאלן, ווי עס שטייט אין פסוק „גדילים תעשה לך" (פרענדזן זאָלסטו דיר מאכן, דברים' כ"ב, י"א), איז דער פשט : זאָלסט אין זיך אריינמאכן גרויסקייט, נישט צו זיין ביי זיך געפאלן... נו, פאָר לחיים ולשלום און האָב א לוסטיקע חתונה...

דער רבי ר' בונם האָט אויסגעשטרעקט אין די לופטן זיין ציטערדיקע האנט, און ר' מענדעלע האָט זיך שוין געמוזט געזעגענען.

אָבער באלד, ווי נאָר ר' מענדעלע האָט פארלאָזט דעם פשיסכער, האָט זיך דער געזונט־מצב פון דעם רבין ר' בונם שטארק פארערגערט.

עס איז געוואָרן א רעש אינעם שטעטל, מען האָט געשיקט רופן נאָכן רבינס זון, ר' אברהם משהלע, וועלכער איז געזעסן א פאָר טעג אין זיין חדר מיוחד און נישט געוואָלט ארויסגיין ; און אפילו איצט, ווען ער האָט געהערט, אז דער פאָטער זיינער איז מסוכן קראנק, האָט ער אויך נישט פארלאָזן דעם חדר :

„איך וויל נאָך האָבן א טאטן, גלייך ווי אלע — האָט ער געזאָגט — איך וויל נאָך זיין א קינד, איך וויל נישט ארייגגיין צו אים. איך ווייס,

וואָס דער טאַטע וויל פון מיר, ער וויל מיר זיינע מדרגות איבערענטפערן, אָבער איך וויל נאָך אים דערהאַלטן ביים לעבן..."

דערווייל איז דער מצב געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. עס איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט פון י"ב אלול, די חסידים האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די שטובן און האָבן געזאָגט תהילים. פון צייט צו צייט האָט זיך דערהערט אַ ביטער געוויין פון אַ חסיד.

אין דעם שטאָטישן בית־המדרש און אין דער שול האָבן געברענט הונדערטער ליכט אין די הענגלייכטער. רחל די גבאיטע האָט צוזאַמענגענומען אַלע ווייבער פון דער שטאָט און געלאָפן „איינרייסן" אין דער שול אַריין. ר' אייזיקל, דער שטאָט־מלמד, האָט צונויפגענומען אַלע קינדער פון שטאָט און מיט זיי געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין — צו זאָגן תהלים.

אַזוי איז מען אויפגעווען ביים רבין ר' בונימס בעט אַ גאַנצע נאַכט. און פאַרטאָג, ווען די ערשטע זונשטראַלן האָבן אָנגעהויבן אַריינצודרינגען דורך די שפּאַרעס פון די פאַרמאַכטע פענסטער־לאָדנס, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ שטיל שעפּטשען פון דעם רבין ר' בונם. די גאָר שאַרפע תּלמידים, וועלכע האָבן זיך זייער נאָענט צוגעבויגן צום בעט, האָבן דערהערט ווי דער רבי שעפּטשעט: „ליכט, ליכט! מען האָט מיר צוגענומען דאָס ליכט פון די אויגן — האָב איך באַקומען דאָס ליכט פון דעם „אור הגנוז".

מען האָט דערהערט ווי דער רבי זאָגט „שמע ישראל", האָבן די תּלמידים אָנגעהויבן נאָכצוזאָגן. און ביים וואָרט „אחד" איז די הייליקע נשמה אַרויסגעגאַנגען...

דאָס איז געווען י"ב אלול, תקפ"ז.

פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך פון פּשיסכע, ווי נאָר די טרויעריקע בשורה פון רבין ר' בונמס פּטירה האָט דערגרייכט, איז מען געקומען צו פאָרן קיין פּשיסכע, צו דער לוויה, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן זעלבן טאָג פאַרנאַכט.

און באַלד אויפן צווייטן טאָג נאָך דער קבורה האָבן די שאַרפע חסידים אָנגעהויבן צו טראַכטן, וועמען צו מאַכן פאַר אַ רבין.

די חסידים האָבן געוואָלט, אַז שוין אויף ראש השנה זאָל מען האָבן צו וועמען צו פאָרן. זיי האָבן געוווּסט, ווי גרויס עס איז די שנאה פון די

ר׳ שמחה בונם פון פשיסכע



כתב־יד פון ר׳ שמחה בונם פון פשיסכע

אנדערע רביים צו פשיסכע, און זיי האָבן נישט געוואָלט, אז די פשיסכער־חסידים זאָלן זיך שפּאַלטן. מען האָט גערעכנט צו מאכן ר׳ מענדעלע טאָמאשאָווער פאַרן רבין, אָבער א טייל חסידים האָבן געהאַלטן, אז עס איז גלייכער, אז דעם פשיסכער רבינס זון, ר׳ אברהם משהלע, זאָל ווערן ממלא־מקומו, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אז דער צו שאַרפער דרך פון ר׳ מענ־דעלע טאָמאשאָווער, קאָן נאָך מער פאַרשטאַרקן די שנאה פון די אנדערע רביים צו זיי.

עס האָבן זיך געשאַפן צוויי מחנות. א טייל חסידים, מיט די שפּע־טערדיקע רביים, ווי ר׳ יעקעלע ראַדזינער, ר׳ פייוועלע גריצער (דער זיידע פון דעם אלעקסאַנדרער רבין) און ר׳ יצחק וואָרקער, האָבן געהאַלטן, אז ר׳ אברהם משהלע דאַרף ווערן רבי; און א טייל תלמידים ווידער, די מער שאַרפערע, מיט די שפּעטערדיקע רביים, ווי ר׳ הענעך פון אלעקסאַנדער, ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער און אנדערע, האָבן געוואָלט מאכן ר׳ מענדעלע טאָמאשאָווער פאַרן רבין. די חסידים פון ווארשע און פון דער ארומיקער סביבה האָבן גאָר געוואָלט, אז ר׳ איטשע מאיר זאָל ווערן רבי, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון.

און סיי די וואָס האָבן געהאַלטן פאַר ר׳ אברהם משהלען און סיי די וואָס האָבן געהאַלטן פאַר ר׳ מענדעלען האָבן נישט געוווּסט, צי איינער פון זיי ביידן. איז מסכים דערויף. ר׳ אברהם משהלע איז כסדר געווען פאַרשלאָסן אין זיין חדר מיוחד, ער איז געווען פון תמיד אָן פול מיט עצבות. נאָר אמאָל, ווען ער פלעגט באַקומען א שטאַרקע התעוררות, פלעגט ער זיך אוועקשטעלן אין מיטן שטוב און שפּילן אויף זיין פידל. דעמאָלט פלעגן די חסידים זאָגן, אז ווער עס האָט אים געהערט שפּילן, דער האָט געמוזט באַקומען א התעוררות צו תשובה. און אויך ר׳ מענדעלע טאָמאַשאָווער איז נאָך נישט געהאַט צוריקגעקומען פון זיין זונס חתונה.

איז מען דערווייל געזעסן בין־מנחה־למעריב אין פשיסכער בית־המדרש פאַרמרהשחורהט און מען האָט טרויעריק געשמועסט.

אין דער זייט איז געשטאַנען א קופּקעלע חסידים און גערעדט מיט ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער: וואָס מען זאָל טון, ווער עס זאָל ווערן רבי.

— ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן — האָט ר׳ וועלוועלע אפּטער זיך

אַנגערופן — אַז „ער", זכרונו לברכה, וועט נישט ברענגען משיחן? און דאָ האָט ער אונדז פּלוצלינג, אין מיטן דער מלחמה, איבערגעלאָזט...

— אין יעדן פון אונדז איז דאָ אַ ניצוץ, אַ פונק פון משיח בן דוד. דער צדיק הדור האָט נאָר דעם גרעסטן חלק, און ווען מען איז זיך מתדבק אָן אים, קאָן מען ברענגען משיחן — האָט ר' מרדכי יוסף געענטפערט.

— וואָס זענען מיר אַליין אָן אַ מנהיג? וואָס איז דער מענטש אָן עפר ואפר. מיר מוזן האָבן אַ רבין אַ מדריך, אַז נישט דרייען מיר זיך אַרום ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך.

— דער רבי זכרונו לברכה האָט געזאָגט — האָט זיך אָן אַלטער חסיד אָנגערופן — אַז יעדער מענטש מוז האָבן צוויי קעשענעס: אין איינער — אַז „צוליב מיר איז די גאַנצע וועלט באַשאַפן געוואָרן"; אין דער צווייטער — אַז „אנכי עפר ואפר". דערפאַר מוז יעדער יחיד צולייגן אַ פונק צום פּלעמל, וועט דערפון ווערן אַ העלישער פייער. אָבער אַז מען קומט מיט ליידיקע הענט, ווי אַזוי וועט זיך דאָס פייער צעפלאַקערן?

אַזוי האָבן זיך געפלאָכטן שאַרפע חסידישע שמועסן, און מען האָט אַלץ געוואַרט, ביז ר' מענדעלע טאָמאַשאָווער וועט אָנקומען.

און פּלוצלינג איז אָנגעקומען אַ ידיעה אין בית־המדרש אַריין, אַז ר' מענדעלע טאָמאַשאָווער איז געקומען צו פאָרן.

אַ פּאָר חסידים זענען אים אַקעגנגעגאַנגען, און די ערשטע זאַך וואָס ר' מענדעלע טאָמאַשאָווער האָט געטון, איז געווען — ער איז אַריינגעגאַנגען אין דעם חדר, וווּ דער רבי ר' בונם איז נפטר געוואָרן, ער האָט זיך דאָרטן פאַרשלאָסן אויף אַ שעה, און דערנאָך פון דאָרטן אַרויסגעקומען אינגאַנצן אַן אַנדערער. ווי נאָר ער האָט צוריק געעפנט די טיר פון בית־המדרש. און די חסידים האָבן זיך אָנגעהויבן צו שטופּן צו אים, צו געבן שלום־עליכם, האָט ער אַ געשריי געגעבן:

— וואָס איז ס'בייזע געלאָף אויף אייך?

און דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו ר' מרדכי יוסף:

„זיי מיינען, אַז ס'וועט אַזוי ווייטער גיין, דער רבי וועט פאַר זיי אַליין אַרבעטן. פון איצט אָן וועט יעדער מענטש מוזן האָבן אַליין אַ רצון, אָבער אַזוי שטאַרק ווע‏לן, ס'זאָל קיין האָר אפילו נישט זיין, וואָס וויל נישט..."

ר׳ מענדעלע טאָמאַשאָווער האָט דערזען ר׳ יצחק וואָרקער צווישן דעם עולם חסידים, האָט ער זיך צו אים געווענדט:

„איך ווייס, יצחק, אז דו האָסט אויף מיר תרעומות, וואָס איך בין אזוי שארף. אָבער האָט מען באמת ליב א ייד, מוז מען זען, ער זאָל זיין גרויס, מען מוז אים ביי די האָר פון בעט ארויסשלעפן און ארייַנשרייַען „שמע ישראל". און איז יעדער איינציקער גרויס, שאפט זיך אן עדה קדושה; אָבער א סך גאָרנישטן זענען נישט מער ווי איין גרויסער גאָרנישט..."

האָט ר׳ יצחק וואָרקער א שווערן זיפץ געגעבן און געזאָגט: „שוין דריי מאָל ווי איך בין איבערגעקנאָטן געוואָרן, און איצט, גיי אויף דער עלטער אויפסניי אין חדר אריין... איך האַלט אָבער — האָט ער זיך גע־ווענדט צו ר׳ מענדעלע טאָמאַשאָווער — אז מיט שארפקייט און בייזקייט טוט מען גאָרנישט נישט אויף; נאָר דורך גוטסקייט, דורך אהבה באהעפט זיך איינער מיטן צווייטן און עס ווערט א רבים. שטייט איינער אָפּ, שטופּט אים דער צווייטער אונטער; און ווען אלע האָבן איין ווילן און איין תשוקה, זענען זיי בכוח דאָס שלעכטס מיטן וואָרצל אויסצורייסן..."

ר׳ מענדעלע טאָמאַשאָווער האָט מער גאָרנישט געענטפערט. ער איז ארויסגעגאַנגען פון בית־המדרש און האָט געגעבן א געשריי:

„א וועלט אן אויסגעלייזטע, אָדער א מדבר זאָל זיין! און ווער עס קאָן זיך נישט אונטערגארטלען, דער זאָל בלייבן דאָ..."

עס זענען אים נאָכגעלאָפן די גאָר שארפע חסידים, מיט ר׳ מרדכי יוסף בראש, און זיי זענען באלד אָפּגעפאָרן פון פשיסכע קיין טאָמאַשאָוו.

אין גרויסן בית־המדרש זענען געבליבן שטיין הונדערטער חסידים מיט ר׳ יצחק וואָרקער און זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טון, וועמען איצט צו מאכן פאר א רבין. זיי האָבן זיך געלאָזט צו דער טיר, וווּ ר׳ אברהם משהלע האָט זיך געפונען אין זיין חדר המיוחד, און געוואָלט אים ארויסנעמען און קריגן פאר א רבין.

פּלוצלינג האָט זיך אויפגעריסן א פענסטער פון בית־המדרש און א חסיד האָט א געשריי אריין געטון:

„אין טאָמאַשאָוו ברענט א פייער, און איר קלערט נאָך אלץ!"

און די הונדערטער חסידים זענען געבליבן שטיין פארציטערטע...

יג

אין טאָמאַשאָוו ברענט א פייער

די חסידים, וואָס זענען געבליבן אין פּשיסכער בית־המדרש, צוזאַמען מיט ר׳ יצחק וואָרקער, נאָכדעם ווי ר׳ מענדעלע טאָמאַשאָווער האָט פאַר־לאָזט דעם בית־המדרש, האָבן זיך דערנענטערט צו דער טיר פון ר׳ אברהם משהלען. זיי האָבן געוואָלט אים מאַכן פאַר א רבין.

ר׳ אברהם משהלע איז בטבע געווען א טרויעריקער און תמיד געווען אָפּגעשלאָסן אין זיין חדר־מיוחד, זעלטן ווען גערעדט מיט א חסיד און דער איינציקער תענוג זיינער פלעגט זיין צו שפּילן אויף א פידל. חסידים פלעגן זאָגן, אז ווען מען הערט ר׳ אברהם משהלע שפּילן, דוכט זיך אז די סטרו־נעס וויינען...

ווען ר׳ יצחק וואָרקער, דער עלטסטער חסיד, איז צוזאַמען מיט א פּאָר ישישים צו צו דער טיר און זי געעפנט, האָבן זיי געטראָפן ר׳ אברהם משהלען שטיין ביים פענסטער מיטן פידל אין דער האנט און שפּילן עפּעס אזא טרויעריקע מעלאָדיע, אז קיינער האָט זיך נישט געוואגט נענטער צו־צוגיין, ביז ר׳ יצחק וואָרקער האָט זיך דערנענטערט צו אים און האָט צו אים געזאָגט:

ר׳ אברהם משהלע: יידן זענען אין בית־המדרש פאַרזאַמלט און זוכן א מנהיג.

ר׳ אברהם משהלע האָט איבערגעהאַקט דאָס שפּילן, ווי א סטרונע וואָלט פּלוצלינג איבערגעריסן געוואָרן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו די חסידים מיט פאַרטרערטע אויגן:

— וואָס ווילט איר פון מיר? א ייד האָט קיין פּרנסה נישט, דאַרף מען תפילה טון, א ייד האָט א חולה אין שטוב, מוז מען א גוט וואָרט זאָגן, ער האָט קיין קינדער נישט, דאַרף מען האָפענונג איינפלאַנצן, אָבער וואָס ווילט איר פון מיר? זאָל יצחק זיין רבי, ער איז מער ראוי פון מיר, איך בין דאָך א צעבראָכענער שאַרבן. דער פאָטער מיינער, זכרונו יגן עלינו, האָט אַלעמען פאַרזאָרגט, אַלעמען אין זינען געהאַט, נאָר זיין זון נישט.

ער, דער זון, האָט ער געזאָגט, מוז אליין ארבעטן איבער זיך, נו, זעט איר דאָך, וואָס פון מיר איז געוואָרן!...

עס האָבן זיך דערהערט פון אלע זייטן קולות: „זייט אונדזער רבי! זייט אונדזער מנהיג! האָט רחמנות אויף אן עדה יידן, וואָס זענען געבליבן בצאן בלא רועה און גארן נאָך א ליכטיק וואָרט!"...

און ר׳ יצחק וואָרקער האָט זיך געווענדט צו ר׳ אברהם משהלען:

— ענוות איז א גרויסע מידה, אז דער רצון פון אן עדה יידן איז אָבער, איר זאָלט זיין זייער רבי, זייער מנהיג ווערן, — פאר דער טובה פון כלל־ישראל, ווארפט אוועק די ענוות, אז אן עדה יידן זאָגן רבי — איז רבי, דער כוח פון רבים וועט אייך ביישטיין, איר זאָלט קאָנען אלץ אדורכ־פירן וואָס איז זייט מקבל אויף אייך!

ר׳ אברהם משהלע איז געבליבן שטיין פארצווייפלט, מיטן פידל אין דער האנט און געדעדט צו זיך אליין:

„יידן בעטן רחמים, קאָן איך אָפּזאָגן? וואָס טוט מען? רבונו של עולם, עפן מיר די אויגן, כ׳זאָל געפינען דעם ריכטיקן וועג!"

און ר׳ אברהם משהלע האָט צוריק אָנגעהויבן שפילן אויף זיין פידל, צוערשט האָט די פידל ארויסגעגעבן טרויעריקע, פארמרהשחורהטע מע־לאָדיעס, אָבער וואָס אמאָל האָט זיך געפילט וויניקער עצבותדיקייט און די טענער האָבן זיך אָנגעהויבן צו בייטן אויף חדוהדיקע, דאָס פנים זיינס האָט זיך אינגאנצן געענדערט און די מעלאָדיע איז פארוואנדלט געוואָרן אין א לויב־געזאנג צום אין־סוף.

די חסידים זענען געשטאנען אָן דער זייט און האָבן זיך צוגעהערט צום שפילן און ר׳ יצחק וואָרקער האָט צו די חסידים געזאָגט:

— אזוי איז אויך געווען דער דרך פון זיין פאָטער, זכרונו לברכה. ווען ער איז נאָך געווען אן אפטייקער, דערציילט מען, פלעגט ער מיט איין האנט מישן א רעצעפּט פאר א חולה, און מיט דער צווייטער האנט קלאפּן אויף א צימבל און לויט דער מעלאָדיע וואָס זיין האנט האָט אויסגעקלאפּט, האָט ער געוווסט, צי דער חולה וועט געזונט ווערן, צי נישט. און אויך איצט וויל ר׳ אברהם משהלע דערמיט זיך דערוויסן, וואָס ער זאָל טון.

ר׳ אברהם משהלע האָט אזוי געשפּילט א היבשע ווילע, ביז ער האָט אָנגעהויבן פּלוצלינג צו שפּילן א גאָר לוסטיק ניגונדל און אזוי שפּילנדיק

האָט ער זיך געלאָזט אַריינשפּאַנען אין בית־המדרש אַריין און געזאָגט צו זיך אַליין: „אויב דאָס איז דער רצון פון כּלל, איז עס אויך דיין הייליקער רצון, רבונו של עולם! גלוי וידוע לפניך, אַז כ׳טו עס נישט פאַר מיין כּבוד וועגן, נישט פאַרן כּבוד פון מיין טאַטן, זכרונו לברכה, נאָר פאַר דיין רצון, מרא דעלמא כּולא!״ און אַזוי שפּילנדיק איז ער אַריינגעקומען אין בית־המדרש אַריין, ווו עס זענען געווען פאַרזאַמלט הונדערטער חסידים.

ר׳ יצחק וואָרקער מיט די אַלטע ישישים זענען נאָכגעגאַנגען ר׳ אַברהם משהלע און ווען ר׳ אַברהם משהלע איז שוין אינמיטן פון בית־המדרש געווען, האָט ר׳ יצחק וואָרקער אַ געשריי געטון:

— מזל־טוב, רבי, זאָל דער זכות פון אייער הייליקן טאַטן, זכרונו לברכה, אויף אונדז מגין זיין.

— מזל־טוב, מזל־טוב, זאָל דער זכות פון צדיק הדור אויף אונדז מגין זיין! האָבן זיך געהערט קולות פון אַלע זייטן.

— אָמן, כּן יהי רצון! האָט ר׳ אַברהם משהלע געענטפערט.

עס איז באַלד אַריינגעקומען יידל משמש מיט אַ טאַץ לעקעך און בראַנפן און אָנגעהויבן טיילן די חסידים. עס איז אויך אַריינגעקומען די אַלטע רביצין. ר׳ יצחק וואָרקער איז צו איר צוגעלאָפן און איר געווונטשן מזל־טוב. חסידים האָבן געטרונקען בראַנפן און געגעבן ר׳ אַברהם משהלען „לחיים״ מעשה רבי, פון די אויגן פון דער אַלטער רביצין האָבן זיך פאַר פרייד געגאָסן טרערן. ר׳ אַברהם משהלע האָט ווידער זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן צו שפּילן אַ שמחהדיק ניגונדל און די חסידים, צוזאַמען מיט ר׳ יצחק וואָרקער, האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן פאַר שמחה.

אין דער זייט זענען געשטאַנען אַ פּאָר חסידישע יונגעלייטלעך, וועלכע זענען געוואָרן טאָמאַשאָווער חסידים און זיי האָבן אַ געשריי געגעבן: „מיר דאַרפן האָבן אַ רבין נישט קיין קלעזמער!״... און זענען גלייך פון בית־המדרש אַרויסגעלאָפן. ר׳ יצחק וואָרקער האָט אָבער מיט די הונדערטער אַנדערע חסידים ווייטער געטאַנצט פאַר גרויס שמחה, וואָס ר׳ אַברהם משהלע האָט מסכּים געווען צו ווערן רבי אויפן פאָטערס אָרט.

אַזוי איז ר׳ אַברהם משהלע געוואָרן רבי. פאַר די טויזנטער פּשיסכער חסידים. אָבער ער האָט געפילט, אַז ער איז צו שוואַך צו פירן אַזאַ עדה יידן, און ער האָט געוואָלט, אַז ר׳ מענדעלע טאָמאַשאָווער זאָל לכּל־הפּחות

אויפן ערשטן ראש־השנה קומען קיין פשיסכע, צוזאמען מיט אים פראווען
די רביסטווע. ר׳ אברהם משהלע אליין האָט צו אים א בריוו געשריבן,
אינעם בריוו שרייבט ער אים אז: „אזוי ווי איך האָב פון דיר געהערט,
ווען דו ביסט הי געווען, אז דו ווילסט אהער קומען אויף ראש־השנה, נאָר
פארשידענע שטרויכלונגען האלטן דיך אָפּ דערפון, בין איך דיר מודיע, אז
דער צאָרן האָט זיך שוין איינגעשטילט. אלע פיינט זענען געוואָרן פריינט,
על־כן אויב דיין רצון ברענט נאָך אין דיר, ווי פריער, בעט איך דיך, קום
אהער, אפשר דורך מנחמען (דער קאָצקער רבי האָט געהייסן מנחם מענדל)
וועל איך אויך געטרייסט ווערן!״...

אויפן בריוו זענען געווען אונטערגעשריבן, א חוץ דער רבי ר׳ אברהם
משהלע, א פאָר פון די אָנגעזעענסטע פשיסכער חסידים.

אָבער דער רבי ר׳ מענדעלע טאָמאשאָווער האָט נישט מער געוואָלט
פאָרן קיין פשיסכע, נאָר אָנגעהויבן פירן אליין רביסטווע און אין טאָ־
מאשאָוו.

ביידע רביים אָבער האָבן געוואָלט, אז ר׳ איטשע מאיר, דער וואר־
שעווער גאון און שפּעטערדיקער גערער רבי, זאָל ווערן זייער חסיד. דער
רבי ר׳ אברהם משהלע — ווייל אויף ר׳ איטשע מאירס וואָרט האָבן גע־
ווארט טויזנטער חסידים פון ווארשע און פון אומגעגנט און ר׳ מענדעלע
טאָמאשאָווער — ווייל ער האָט געזוכט א מנין אמתע שארפע קעפּ, כדי צו
קאָנען ברענגען משיחן און ער האָט ר׳ איטשע מאירן אריינגערעכנט צווישן
דעם מנין.

אָבער ר׳ איטשע מאיר האָט נאָך א לאנגן ישוב הדעת אָפּגעמאכט
ביי זיך: קודם־כל צו פאָרן קיין פשיסכע, צו זען ווי אזוי דאָרט זעט אויס
דאָס חסידות און דערנאָך וועט ער שוין וויסן צו וועמען צו פאָרן.

און ווען ר׳ איטשע מאיר איז אריינגעקומען אין פשיסכער בית־
המדרש, איז שוין געווען א שטיק נאָך מעריב. א טייל חסידים האָבן זיך
ארומגעדרייט איבער דער גאנצער לענג פון בית־המדרש, פארמרהשחורהט,
וואָס דער אלטער רבי פעלט און ר׳ אברהם משהלע איז נישט קיין מעורב־
בן הבריות. א פאָר חסידים, ישישים, זענען געזעסן ארום דעם גרויסן
אויוון, וואָס האָט געהאט פארנומען א האלבע מערב־וואנט, ביי א לאנגן
טיש, געטרונקען בראנפן און געווונטשן „לחיים״ עפּעס א חסיד, וואָס

האָט געהאט יאָרצייט. זיי האָבן אים געוווּנטשן אַז: די נשמה פון זיין פאָטער זאָל האָבן אַן עליה און ער זאָל האָבן אַ ישועה.

אויבנאָן איז געזעסן ר׳ יצחק וואָרקער און האָט געשמועסט חסידות מיטן עולם. עס האָבן זיך ביים טיש אויך געפונען חסידים, וועלכע זענען נאָך געפאָרן צום „חוזה״ פון לובלין און צום „ייד הקדוש״ און צווישן האָבן זיך אויך געפונען אַ פּאָר חסידים, וועלכע זענען בסוד געקומען קיין פּשיסכע ווערבירן חסידים קיין טאָמאַשאָוו.

און פּונקט אַזוי ווי אַמאָל, בשעת דער „ייד־הקדוש״ האָט אָנגעהויבן צו פירן רבישאפט ביים לעבן פון דעם „חוזה״, פלעגן קומען חסידים קיין לובלין און האָבן פון דאָרט „געשלעפּט״ עולם קיין פּשיסכע — אַזוי האָבן די טאָמאַשאָווער חסידים איצט דאָס זעלבע געטון, אָבער ר׳ מענדעלע טאָמאַשאָווער האָט דערפון נישט געוווּסט.

און געזוכט האָבן זיי, די טאָמאַשאָווער חסידים, דווקא די יונגע־לייטלעך, די גאָר שאַרפע מוחות, וועלכע זענען ראוי תופס צו זיין דעם בייעם געוואגטן דרך פון טאָמאַשאָוו.

זענען די חסידים געזעסן און גערעדט פונעם רבין ר׳ בונם און איין אַלטער חסיד האָט זיך אָנגערופן:

— דער רבי ר׳ בונם האָט געזאָגט, אַז דערפאַר שטייט „כל מעשיך יהיו לשם שמים״ (פּרקי אבות פּרק א׳), מיט אַ רבוי פון „כ״ צו לאָזן אונדז הערן, אַז אפילו דער „לשם שמים״ דאַרף אויך זיין לשם שמים, אַז עס טאָר קיין שום פּניה נישט זיין אין אַלע מעשים, וואָס דער מענטש טוט פאַרן רבונו של־עולם.

— אָבער ווי קאָן מען אויף אַזאַ דרך גיין? — האָט זיך אַ צווייטער אַלטער חסיד אָנגערופן. — מען קאָן דאָך זייער גרינג געשטרויכלט ווערן!

— האָט דאָך טאַקע דער רבי זכרונו לברכה געזאָגט — האָט דער ערשטער חסיד געענטפערט, — אַז דער וועג אויף דער וועלט איז גלייך ווי מען זאָל גיין אויף אַ שאַרף פון אַ שווערד, וווּ אויף ביידע זייטן איז אַ טיפער תהום און דער דרך החיים איז אינמיטן.

— שווער צו גיין אויף אַזאַ געוואגטן וועג — האָט זיך אַן אַנדער חסיד אָנגערופן. — מיר מוזן האָבן אַ רבין, וואָס זאָל אונדז לערנען ווי אַזוי צו גיין אויף אָט דעם שאַרף פון שווערד.

— ר׳ מענדעלע טאָמאַשאָווער וועט אייך לערנען — האָט זיך איי־בער פון די געהיימע טאָמאַשאָווער חסידים אָנגערופן.

אין בית־המדרש האָט געצאַנקט דער נר־תמיד ביים עמוד, וואָס האָט געוואָרפן גרויסע שאָטנס אויף די ווענט, אַזוי, אַז ווען ר׳ איטשע מאירל איז אריינגעקומען אין בית־המדרש אריין און זיך צוגערוקט צום טיש, האָט אים קיינער נישט באַמערקט.

דער חסידישער שמועס איז ווייטער געפירט געוואָרן און א חסיד האָט געזאָגט:

— ר׳ מענדעלע איז א בייזער און מיר ווילן א רבין, וואָס מען זאָל קאָנען דאָס הארץ פאר אים אויסגיסן, ער זאָל וועלן און קאָנען אונדז פארשטיין!...

— אויב אַזוי, איז ר׳ מענדעלע נישט פאר אייך, ווייל דאָרט אין טאָמאַשאָוו טרייבערט מען די אָדערן!... — האָט זיך ר׳ הירש טאָמאַשאָ־ווער אָנגערופן, וועלכער איז אויך אין געהיים געקומען קיין פשיסכע צו שלעפן חסידים קיין טאָמאַשאָוו.

ר׳ יצחק וואָרקער, וועלכער איז געזעסן די גאנצע צייט פארטראַכט, האָט דערהערט ר׳ הערש טאָמאַשאָווערס לעצטע ווערטער און ער האָט זיך אָנגערופן:

— מיט בייזן טוט מען גאָרנישט אויף, נאָר דורך אהבת ישראל קאָן מען די וועלט אויסלייזן. ר׳ מענדעלע שטעלט אָבער אלץ אויפן שפּיץ מעסער, אָדער אלץ אָדער גאָרנישט!

— אין טאָמאַשאָוו לערנט מען — האָט ר׳ הערש טאָמאַשאָווער ווייטער געענטפערט — מען זאָל ארויסרייסן דעם גאנצן שקר און עס זאָל בלייבן גאָרער אמת.

— און איך האַלט — האָט ר׳ יצחק וואָרקער געגעבן א געשריי, — אַז „טוב מעט בכוונה״ — יעדער ייד, אפילו נישט דער שאַרפער מוח, אויב ער מיינט עס נאָר בכוונה, איז שוין גוט.

און ר׳ יצחק וואָרקער האָט פאר די חסידים אָנגעהויבן צו דער־ציילן א מעשה:

— אמאָל האָב איך געלערנט אין וואָרקע מיט אַן עדה יידן דעם מדרש אויפן פסוק „לא תונו איש את עמיתו״, (ויקרא כ״ה, יז״) וועגן

דער גרויסער עבירה פון אָפּנאַרן אימיצן. האָט דאָס אויסגעהערט און ארענדאר און איז אהיימגעגאנגען צו זיין ווייב און האָט צו איר געזאָגט, אז זי זאָל מער נישט צוגיסן קיין וואסער אין דער מילך, וואָס זי פאַר־קויפט אין דער שטאָט, ווייל מען טאָר נישט אָפּנאַרן. דאָס ווייב האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון איר מאַן און האָט אָנגעהויבן צו ברענגען ריינע מילך אין שטאָט אריין. אין א פּאָר טעג ארום האָבן די יידן אויפ־געהערט ביי איר צו קויפן מילך. „די מילך — האָבן זיי געזאָגט — טויג נישט.״ איז דער ארענדאר אריינגעלאָפן צו מיר מיט א געוואלט, וואָס איך האָב געוואָלט פון אים האָבן, האָב איך אים געענטפערט: „ווי מיר זעען, קאָן די וועלט מיט דעם בלויז ריינעם קיין קיום נישט האָבן, טאָ נאר אריין א קליין ביסעלע וואסער אין דער מילך, וועלן די יידן אין שטאָט שוין צוריק אָנהויבן צו נעמען ביי דיר די מילך״. און כך הוה... די מילך איז שוין צוריק „גוט״ געוואָרן... און דאָס זאָג איך אויך אייך: מען מוז אריינטון א ביסעלע וואסער..., אז נישט, וועט די וועלט קיין קיום נישט האָבן...

דערווייל איז אריינגעקומען דער רבי ר׳ אברהם משהלע, זיין אויס־געבלייכט פּנים איז די לעצטע צייט נאָך בלייכער געוואָרן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט צווישן די חסידים, גלייך ווי ער אליין וואָלט געווען א חסיד. עס איז אריינגעקומען א דאָרפס־ייד מיט א ביטער געוויין, אז א מגפה איז אויסגעבראָכן צווישן זיינע קי; צען קי זענען אים שוין גע־פאלן, וויל ער אָפּגעבן א קוויטל, די לעצטע דריי קי זאָלן כאָטש בלייבן לעבן.

דער דאָרפס־ייד האָט געוואָלט גלייך צוגיין צו ר׳ יצחק ווארקער, וועלכער איז געזעסן אויבנאָן, און פאר אים אויסגיסן זיין ביטער הארץ, אָבער ר׳ יצחק וואָרקער האָט אים געגעבן א ווונק, אז דער רבי זיצט נאָר צווישן די חסידים. די ערשטע רגע האָט דער דאָרפס־ייד נישט פארשטאַ־נען, פארוואָס ר׳ יצחק וואָרקער וויל ביי אים דאָס קוויטל נישט צונעמען. אים האָט זיך אויסגעדאכט, אז די חסידים חוזקן גאָר אָפּ פון אים. אָבער אז ער האָט באמערקט ווי די אויגן פון אלע חסידים זענען געווענדט צו אברהם משהלען, איז ער צוגעגאנגען צו אים און האָט אים אָפּגעגעבן דאָס קוויטל און באלד זיך צעכליפּעט אויף א קול מיט גרויס געוויין.

ר׳ אברהם משהלע, וועלכער איז בטבע געווען זייער א שוואכינקער, האָט נישט געקאָנט פארנעמען דאָס געוויין פון א ייד, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון טיש און האָט צו אים געזאָגט:

— קאָנסט זאָגן תהילים?

— ניין — האָט דער דאָרפס־ייד פארשעמט געענטפערט. — איך קאָן נאָר זאָגן שמע־ישראל.

די חסידים האָבן זיך צעשמייכלט.

— לאַכט נישט פון קיין ייד — האָט ר׳ אברהם משהלע זיך געווענדט צו די חסידים. — זיין „שמע ישראל" קאָן אמאָל מער פועל זיין ווי אייער דאַווענען. וואָס זאָל ער נעבעך טון, אז ער קען נישט מער? א פּאָר קאַפּיטלעך תהילים קאָנען אים אָבער ראַטעווען, און אויב דו קאָנסט אליין נישט זאָגן קיין תהילים — האָט ר׳ אברהם משהלע ווייטער גערעדט צום דאָרפס־ייד — וועל איך מיט דיר זאָגן.

און ר׳ אברהם משהלע האָט זיך אויפגעשטעלט און אריין מיט דעם דאָרפס־ייד צו זיך אין זיין חדר המיוחד און באלד האָט זיך ארויסגעהערט א מוראדיק געוויין פון דעם דאָרפס־ייד און א טרויעריק תהילים־זאָגן פון ר׳ אברהם־משהלען, וואָס האָט צעבראָכן דאָס הארץ.

די חסידים זענען געבליבן זיצן אין בית־המדרש און האָבן זיך צוגעהערט צו דעם וויינענדיקן געבעט פון ר׳ אברהם משהלען און ר׳ יצחק וואָרקער האָט זיך אָנגערופן:

— ר׳ אברהם משהלע האָט א הארץ, וואָס ווייטיקט פארן כלל ישראל, וואָס ווערט דערציטערט פון יעדן יידנס א קרעכץ. ער וועט א שפע פון פרנסה אראָפּברענגען אויף דער וועלט.

— וויל מען ווייטער פרנסה, ווערים זיין, קאָן מען דאָ פארבלייבן — האָט ר׳ הערש טאָמאשאָווער זיך אָנגערופן. — מיר ווילן אָבער האָבן א רבין, וואָס זאָל אונדז נייע הימלען עפענען!...

אינצווישן איז ר׳ אברהם משהלע צוריק אריינגעקומען מיט אויסגעוויינטע אויגן צוזאמען מיטן דאָרפס־ייד. ער האָט אים אָנגעווונטשן, אז אין זכות פון זיין פאָטער, וועט ער זיכער געהאָלפן ווערן און געהייסן אים אהיימפאָרן „לחיים ולשלום".

ר׳ אברהם משהלע האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט צווישן די

חסידים. ער האָט דערפילט, אז א הייסער שמועס איז צווישן זיי אָנגע-גאנגען, האָט ער גענומען א ביסל בראנפן, וואָס איז נאָך איבערגעבליבן אין דעם כמעט אויסגעליידיקטן פלעשל, און האָט געגעבן א זאָג צו די חסידים:

— נו, פארוואָס איז אזוי אומעטיק? פארוואָס טאנצט מען נישט?

און באלד האָבן די חסידים פארפלאָכטן א ראָד און דער רבי ר' אברהם משהלע האָט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטן, דעם קאָפּ פארריסן, און האָט אָנגעהויבן צו זינגען:

„ווער עס וועט זיך באהאלטן
אונטער מיין באלקן —
איז א סימן, ער האָט ליב געהאט
דעם טאטן דעם אלטן"...

אין דער זייט איז געבליבן שטיין ר' הערש טאָמאשאָווער מיט א פּאָר יונגעלייט, טאָמאשאָווער חסידים. מיט אמאָל האָט ר' הערש דערזען ווי ביים אויוון שטייט אָנגעלענט ר' איטשע מאירל פארזונקען אין מחשבות, איז ער צו אים צוגעלאָפן, נישט געבנדיק אים אפילו קיין שלום-עליכם און האָט אויסגעשריען:

— איטשע מאיר! אין טאָמאשאָוו האָט זיך צעפלאקערט א פייער, וואָס וועט די וועלט פארלייכטן און דו ביסט גאָר אהערגעקומען?

ר' איטשע מאירל האָט זיך געגעבן א כאַפּ-אויף פון זיינע רעיונות און האָט אויסגעשריען:

— דאָרט ברענט א פייער און דאָ היילט מען קי!...

און די פּאָר טאָמאשאָווער חסידים זענען באלד צוזאמען מיט ר' איטשע מאירלען ארויסגעלאָפן פון בית-המדרש, איבערלאָזנדיק דעם רבין ר' אברהם משהלען טאנצן מיט די חסידים.

ר' יצחק וואָרקער האָט דערקענט דאָס קול פון ר' איטשע מאירלען און ער האָט א שטילן קרעכץ געגעבן:

— אויך איטשע מאירל האָט אונדז פארלאָזט!...

יד

אויפסניי אָנהויבן צו גיין אין חדר אריין

גלייך נאָכדעם ווי די עטלעכע פשיסכער חסידים צוזאַמען מיט ר׳ איטשע מאירלען האָבן פארלאָזן דעם פשיסכער בית־המדרש, האָבן זיי אין מארק געדונגען א גרויסע בויד און געהייסן דעם בעל עגלה זיי פירן קיין טאָמאשאָוו.

אין דער בויד האָבן זיך ארייננגעזעצט ר׳ הערש טאָמאשאָווער, ר׳ איטשע מאירל, און אנדערע שארפע יונגעליים.

די פערד האָבן זיך מיט א גאלאָפ ארויסגעלאָזט אין דער נאכט פון פשיסכער מארק אויף דעם פרייען פעלד ארויס. פון דערווייטנס האָט זיך געטראָגן דער אָפּקלאנג פון געזאנג, פון בית־המדרש:

„ווער ס׳האָט זיך באהאלטן
אונטער מיין באלקן,
איז א סימן: ער האָט ליב געהאט
דעם טאטן, דעם אלטן.״

די נייע טאָמאשאָווער חסידים האָבן פאר גרויס התלהבות, וואָס זיי פאָרן צום רבין ר׳ מענדעלע, אָנגעהויבן צו זינגען מיט די ווערטער וואָס די ערשטע טאָמאשאָווער חסידים האָבן באצייכנט דעם רבין ר׳ מענדעלעס נייעם דרך:

„אין טאָמאשאָוו ברענט א פייער,
ס׳גייט אויף אַן אור א נייער״...

זענען די ווערטער פארוואנדלט געוואָרן אין איין גרויס געזאנג, וואָס האָט אין זיך געטראָגן שטורעם, און זיך געזונגען גאָר אנדערש, ווי דער ניגון, וואָס האָט זיך ארויסגעהערט פון פשיסכער בית־המדרש.

איז מען אזוי געפאָרן איבער יידישע ישובים, אין יעדן יידישן שטעטל האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. האָט מען דערהערט אינעם שטעטל דאָס געזאנג פון דער פאָרנדיקער בויד, האָבן די פארשידענע פשיסכער

חסידים, וועלכע האָבן ביז אהער געפּפקט צו וועמען צו פאָרן, צי צו ר׳ אברהם משהלען קיין פשיסכע אָדער צו ר׳ מענדעלען קיין טאָמאַשאָוו, אויך געדונגען בוידן און זיך אַנגעשלאָסן אָן דעם גרויסן בוידן־צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין טאָמאַשאָוו.

נאָר ר׳ איטשע מאירל דער וואַרשעווער גאון איז געזעסן פאַר א ווײַלע אין דער בויד א פאַרטראַכטער, ער האָט שוין געוווּסט, אַז ר׳ אברהם משהלע קאָן נישט זײַן זײַן רבי, אָבער ער האָט זיך אויך געשראָקן פאַר טאָמאַשאָוו. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַן „הקפּדה" פון רבין ר׳ אברהם משהלען. ר׳ איטשע מאיר האָט שוין גוט געוווּסט, וואָס א צדיקס אַן הקפּדה הייסט, ווײַל ווען ער איז נאָך יונג געווען און פאַרלאָזט דעם רבין ר׳ משה פון קאָזשניץ און געוואָרן א פשיסכער חסיד, האָט זיך בײַ אים נישט גוט געפירט מיט קינדער. ער האָט שוין איינמאָל אפילו געהאַט אויפגעצויגן א קינד ביז פיר יאָר, דאָס קינד האָט געהאַט א גאָר גרויסן עילווישן קאָפּ, געקענט שוין חומש אויף אויסנווייניק, האָט דאָס ווײַב זײַנס אים געבעטן, ער זאָל רחמנות האָבן אויף איר איינאונאיינציק קינד און פאָרן צום רבין ר׳ משה פון קאָזשניץ, נישט פאָרן קיין פשיסכע, אָבער ר׳ איטשע מאירל האָט אויף גאָר נישט געוואָלט קוקן און איז ווייטער געפאָרן אויף שבת קיין פשיסכע. און ווען ער איז צוריקגעקומען פון פשיסכע, האָט ער געטראָפן דאָס קינד געפערלעך קראַנק און אין א פאָר טעג אַרום איז דאָס קינד געשטאָרבן.

האָט ר׳ איטשע מאירל גאַנץ גוט געוווּסט, ווער עס האָט אים מעניש געווען, אָבער דאָך, ווען דאָס ווײַב האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס גאָט שטראָפט זיי אזוי, האָט ר׳ איטשע מאירל איר געענטפערט:

— כדי אַנדערע זאָלן זײַן אמתע מאמינים, כדי אַנדערע מענטשן זאָלן חס ושלום נישט צווייפלען אין דער אמונה! ווען עס וועט זיך בײַ זיי, רחמנא לצלן, טרעפן אַן אומגליק, זאָלן זיי זיך קאָנען טרייסטן און זאָגן, אַז בײַ איטשע מאירלען זענען געשען גרעסערע אומגליקן.

ר׳ איטשע מאירל איז געזעסן אין דער פאָרנדיקער בויד און האָט געטראַכט: צי וועט ער מיט זײַן איצטיקן פאָרן נישט ברענגען צו א נײַער „הקפּדה" פונעם רבין ר׳ אברהם משהן.

ר׳ הערש טאָמאַשאָווער האָט באַמערקט ר׳ איטשע מאירלס שטילן צער און ער האָט זיך צו אים צוגעבויגן.

— כ׳ווייס נישט, וואָס מען דאַרף אַזוי איבערקלערן, אַלץ ווענדט זיך אָן דער הייליקער כוונה, מיר שעפּן פון אַ נייעם קוואַל.

— און פאַרוואָס איז דער פריערדיקער קוואַל שלעכט? — האָט ר׳ איטשע מאירל געפרעגט.

— ווייל אַ קוואַל, פון וועלכן יעדער איינער קאָן טרינקען, איז הפקר און אויף הפקר קאָן קיין קדושה נישט חל זיין. מיר וועלן מיט אונדזער דרך לעבערן הימלען! אָבער דער עיקר איז די כוונה...

און דאָ האָט ר׳ הערש טאָמאַשאָווער דערמאָנט ר׳ איטשע מאירלען, ווי אַמאָל איז דער רבי ר׳ בונם געפערלעך קראַנק געוואָרן, האָט מען גוזר תענית געווען אין פשיסכע, איז אַריינגעקומען אַ דאָרפס־ייד אין שטאָט אַריין, פאַרפאָרן פאַר אַ יידישער שענק און געהייסן זיך געבן אַ גלעזל בראַנפן, זאָגט מען אים, ער זאָל היינט נישט טרינקען, ווייל אַלע יידן פאַסטן פאַרן געזונט פון דעם רבין ר׳ בונם, רופט זיך אָן דער דאָרפס־ייד: אויב אַזוי, בעט איך דיך גאָט, דו זאָלסט תיכף שיקן אַ היילונג פאַרן רבין, ווייל מיר ווילט זיך זייער שטאַרק טרינקען אַ גלעזל בראַנפן. און באַלד זענען טאַקע אַ פּאָר חסידים אַרויסגעלאָפן פונעם רבינס חדר און אָנגעזאָגט די בשורה אין שטאָט, אַז דעם רבין איז מיטאַמאָל בעסער געוואָרן און מען קאָן שוין גיין עסן... און דערנאָך האָט דער רבי ר׳ בונם אַליין געזאָגט, אַז ער איז געזונט געוואָרן נאָר צוליב דעם דאָרפס־ייד, ווייל ער האָט געבעטן מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער אמתער כוונה, מחמת אים האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלט אַ גלעזל משקה... דערפון קאָן מען אָפּלערנען, אַז דער עיקר איז די כוונה — האָט ר׳ הערש טאָמאַשאָווער אויסגעלאָזט.

— דערפון קאָן מען אָבער אויך אָפּלערנען, אַז מיט משקה קאָן מען אויך אַ סך מתקן זיין — האָט אַ יונגער טאָמאַשאָווער חסיד אַריינגעוואָרפן אין שמועס — דערפאַר דאַרפן מיר טאַקע דאָ אַריינגיין אין דער יידישער קרעטשמע, כדי דאָס האַרץ צו דערכאַפּן מיט אַ קאַפּיטשקעלע משקה...

אַ פּאָר טעג האָט אַזוי געדויערט דאָס פאָרן קיין טאָמאַשאָוו. אין יעדן שטעטל איז צוגעקומען אַ בויד חסידים. און הגם די נייע טאָמאַשאָווער חסידים האָבן נישט מיטגענומען מיט זיך אַבי־וועמען, איז דאָך די

צאַל אַלץ מערער און מערער געוואקסן. ווען מען איז אין דער נאכט שוין אָנגעקומען אין דאָרף, וואָס געפינט זיך פאר טאָמאשאָוו, האָבן די חסידים, פאר גרויס שמחה, אויפסניי אָנגעהויבן צו זינגען דאָס ניגונדל מיט די ווערטער: „אין טאָמאשאָוו ברענט א פייער".

זענען די פויערים ארויס פון זייערע כאטקעס זען, וואָס עס פאָרן פלוצלינג אזוי פיל יידן, האָבן די חסידים גאָר אָנגעהויבן צו זינגען דעם זעלביקן ניגון מיט פוילישע ווערטער: „ו'טאָמאשאָוויע שיע פּאַלי"... האָבן די פויערים פארגאפט געקוקט אויפן יידישן שטעטל טאָמאשאָוו, וואָס איז איצט געלעגן שטיל איינגעזונקען אין שלאָף און זיי האָבן געצויגן מיט די פּלייצעס: „טאקא האָלאָטא"... און זענען צוריק אריין אין זייערע כאטקעס.

מיט א גאלאָפּ און געפילדער זענען די נייע חסידים אָנגעקומען קיין טאָמאשאָוו, זיי זענען פארפאָרן פאר דער גרויסער שאָפּע פון ברעטער וואָס איז נאָר וואָס אויפגעשטעלט געוואָרן פאר די חסידים, און גלייך האָט מען דערפילט, אז א נייער דרך ווערט דאָ געלערנט, און הגם ער איז דער המשך פון פּשיסכע — איז עס דאָך עפּעס אנדערש...

די שאָפּע, וואָס איז געשטאנען נעבן דעם רבין ר' מענדעלעס הויז, איז איצט געווען געפּאקט מיט חסידים, וועלכע זענען געווען צעוואָרפן אין קופּקעלעך און האָבן געשמועסט חסידות. צווישן די חסידים האָט זיך ארומגעדרייט ר' בער חסיד, האָט אָנשטאָט א קאַפּל געטראָגן א בלאָט קרויט אויפן קאָפּ און א גארטל פון שטרוי ארום די לענדן.

דער יונגער חסיד, ר' בער, איז גלייך צוגעגאנגען צו ר' איטשע מאירן, אויסגעשטרעקט די האנט און אים געזאָגט: „שלום עליכם, איטשע מאיר! ווען ביסטו געקומען?"

ער האָט נישט געזאָגט „ר'" נאָר גאָר פּשוט „איטשע מאיר", נישט אים געאירצט נאָר געדוצט, אזוי ווי ער וואָלט צוזאמען מיט אים פון קינדוויז אָן געווען געלערנט אין איין חדר.

אין דער זייט איז געשטאנען א חסיד, פארוקט דאָס גרויסע סאמע-טענע קאַפּל איבערן שטערן, ער האָט געמאכט און כוסע נאָך דער צווייטער און כסדר געמורמלט צו זיך: „לחיים בעליק!". אונטערן אויוון אויף א

באַנק איז געזעסן אַ חסיד איינער אַליין. ער האָט געצויגן פון אַ פלעשל און צווישן איין שלונג און דעם צווייטן געזאָגט: „לחיים גאָט!"...

צווישן די חסידים האָט זיך אַרומגעדרייט אַ ייד, וואָס האָט מיט זיין אויסזען זיך געוואָרפן אין די אויגן. ער האָט געהאַט אַ גאָר לאַנגע שוואַרצע באָרד, וועלכע איז געווען ריין און ציכטיק אויסגעקעמט. ער האָט געטראָגן אַ טוכענעם הויכן קאַפעליוש און אַ קורצע קאַפּאָטע. דאָס איז געווען ר' שלמה אייגער, דער זון פון גרויסן גאון ר' עקיבא אייגער. ער איז געקומען קיין טאָמאַשאָוו, אויפזוכן זיין זון, ר' לייבעלע אייגער, וועלכער איז אַנטלאָפן פון דער היים און געבליבן זיצן אין טאָמאַשאָוו.

ר' שלמה אייגער איז אַרומגעגאַנגען פון איין טיש צום צווייטן און האָט כסדר געפרעגט: „האָט איר אַמאָל נישט געזען, לייבעלע אייגער?" די חסידים האָבן אָבער זיך אויף אים נישט אומגעקוקט, נאָר ווייטער געטרונקען אָדער געשמועסט חסידות, ביז ער האָט אָנגעטראָפן אויף ר' בער חסיד. ער האָט אים די זעלביקע פראַגע איבערגעחזרט:

— איר האָט אַמאָל נישט געזען לייבעלע אייגער?

— איך ווייס נישט, וועמען דו מיינסט — האָט ר' בער חסיד געענטפערט און ווייטער געשפרייזט פאַרמוחט איבער דער שאָפע. ווען ער איז אָבער שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, איז ער צוריקגעלאָפן צו ר' שלמה אייגער און אים געפרעגט:

— ר' ייד, אפשר מיינסטו לייבל־שלמה־עקיבאס? אויב דו מיינסט אים, וועט ער באַלד אַריינקומען, מען האָט אים געשיקט נאָך אַביסל משקה.

די חסידים אין דער שאָפע האָבן ביסלעכווייז זיך דערוווּסט, אַז דער וואַרשעווער גאון ר' איטשע מאירל איז אָנגעקומען. האָבן זיך אַלע אָנגעהויבן שאַרן אַרום אים.

די חסידים האָבן זיך געשטופּט צום טיש, וווּ ר' איטשע מאירל איז געזעסן. ר' בער חסיד איז אַרויף אויפן טיש מיט זיין גאַנצן אויסטערלישן הילוך, מיט די שטרויענע לאַפּטשעס אויף די פיס און ער האָט זיך געווענדט צום וואַרשעווער גאון:

— הער נאָר, איטשע מאיר! דאַרפסט געבן תיקון! ביסט דאָך אָנגעקומען קיין טאָמאַשאָוו!

— ביסט גערעכט, בער! — האָט ר׳ איטשע מאיר געענטפערט, און ארויסגענומען פון דער קעשענע א פּאָר קופּערנע מטבעות.

אָבער פּלוצלינג האָט מען געהערט א מורמלען צווישן חסידים: „דער רבי גייט״, און יעדן איינעם איז מיטאמאָל באַפאַלן א שרעקלעכער פּחד. זיי האָבן זיך אַלע א לאָז געטון צו דער טיר, כדי וואָס פריער צו זען דעם רבין.

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן דער רבי ר׳ מענדעלע, א קליינינקער, א דאַרער, מיט א שוואַרץ בערדל און מיט א שאַרפן בליק. ער איז גע־גאַנגען אָנגעטון אין א וואַטענעם שפּענצער, כאָטש עס איז נאָך געווען גאַנץ וואַרעם אין דרויסן.

די חסידים האָבן זיך אַלע געשטופּט צו אים, אָבער פּלוצלינג האָט זיך דערהערט פון רבין א ווילד געשריי:

— פּראַים, וואָס שטופּט איר זיך! ווער האָט דעם ערב־רב מיר דאָ אהערגעבראַכט?

און מיט שנעלערע טריט איז דער רבי ר׳ מענדעלע געלאָפן איבער דער שאָפּע, אַזוי ווי ער וואָלט אימיצן געזוכט. די חסידים האָבן פאַר אימה זיך געשפּאַרט צו די ווענט. ביז דער רבי ר׳ מענדעלע האָט דערזען ר׳ איטשע מאירלען. ער איז צו אים צוגעלאָפן, אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און מיט גרויס שמחה א געשריי געגעבן:

— שלום עליכם, ר׳ איטשע מאיר! מיר האָבן אויף דיר אויס־געקוקט!

און תיכף האָט זיך דאָס פּנים ביים רבין ר׳ מענדעלע געענדערט, ער האָט זיך געזעצט צום טיש, פון גרויס פרייד כסדר געהאַלטן די האַנט פון ר׳ איטשע מאירלען. ער איז אויך מיטאמאָל געוואָרן גוט צו די חסידים און האָט זיך אויף זיי מער נישט געבייזערט, ווי זיין שטייגער איז געווען.

ר׳ בער חסיד איז דערווייל אָנגעקומען מיט א פלעשל בראַנפן, ארויף אויפן טיש און עס אוועקגעשטעלט פאַר ר׳ איטשע מאירלען.

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט זיך פאַרטראַכט. דערנאָך זיך געווענדט צו ר׳ איטשע מאירלען מיט א שטיל קול:

— מיר האָבן אייך ארומגעזוכט, מיר האָבן געוווּסט, אז איר וועט

קומען, אָבער מיר האָבן מורא געהאַט, אַז אויב איר וועט כסדר אַזוי פיל לערנען, וועט איר נישט האָבן קיין צייט צו קומען!

— איטשע מאיר האָט געהאַט ספקות אין אונדזער דרך — האָט דער רבי ר׳ מענדעלע ווייטער געזאָגט, — ער האָט געזוכט א תכלית, אָבער ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם פשט פון מדרש.

און דער רבי ר׳ מענדעלע האָט זיך ווידער פאַרטאָן און האָט פּלוצים אָנגעהויבן צו זאָגן תורה.

די חסידים, וועלכע האָבן פריער געהאַט א פּנים ווי זיי וואָלטן געווען אביסל שיכורלעך, זענען מיטאַמאָל אויסגעניכטערט געוואָרן. זיי האָבן זיך אַלע געשטופּט צום טיש. א טייל האָבן זיך אָנגעהאַנגען ביי די גאַרטלען אָן די האַקנס, וואָס האָבן געשטעקט אין די ווענט פון דער שאָפּע. אַלע האָבן זיך מיט התלהבות צוגעהערט צום רבינס שאַרפע, בליציקע ווערטער.

און דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אָנגעהויבן:

דער פסוק זאָגט: „ראמות לאויל חכמות" (חכמה־זאַכן קאָן א נאַר נישט דערגרייכן — משלי כ״ד, ז׳) זאָגט דערויף דער מדרש אין קהלת דריי משלים. איין משל איז, אַז ס'איז געגליכן: „לכיכר שהיה בשמי קורה" צו א ברויט וואָס איז געלעגן אויף א הויכן באַלקן און קיינער האָט אהין נישט געקאָנט דערגרייכן, ביז עס איז געקומען א חכם און האָט געזאָגט: „אני אקשר סולם בסולם" איך וועל צונויפבינדן א לייטער מיט א לייטער און אַרויפגיין אהין און דאָס ברויט אַראָפּנעמען". א צווייטער משל איז, אַז עס איז געגליכן: „למים יפים שהיו בבור עמוק", גוט זיס וואַסער איז געווען אין א טיפן גרוב און מען האָט נישט געקאָנט צום וואַסער דער־גרייכן, ביז עס איז געקומען א חכם און האָט געזאָגט: „אני אקשר חבל בחבל", איך וועל צונויפבינדן א שטריק מיט א שטריק, אַראָפּלאָזן אַן עמער און שעפּן דאָס וואַסער". א דריטער משל איז, אַז עס איז געגליכן: „למלך ששכר פועלים לשאת מים בחביות מנוקרות" — צו א מלך, וועל־כער האָט געדונגען אַרבעטער, זיי זאָלן שעפּן וואַסער אין געלעכערטע פעסלעך, האָבן די אַרבעטער געזאָגט צום מלך: ווי אַזוי, מלך, קאָנען מיר עס טון? וואָס פאַרא נוצן וועט עס ברענגען? ביז עס איז געקומען א חכם און האָט געזאָגט: „מאי איכפת לי שכרי אני נוטל" — וואָס אַרט דאָס מיך, אַבי איך באַקום מיין שכר!"

— דער אונטערשייד צווישן דריי חכמים, — האָט דער רבי ר׳ מענ־דעלע ווייטער געזאָגט, — איז אַזוי: דער ערשטער חכם האָט געזאָגט; אויב דאָס ברויט ליגט אויף אַ הויכן באַלקן — האָט דאָך עס אימיצער פריער געמוזט אַרויפליגן, נמצא, אַז עס איז יאָ פאַראַן אַ וועג ווי אַזוי צוצוקומען אַהין. נו, האָט זיך דער חכם געטראַכט — וועל איך זיך אויך באַמיען דעם וועג צו געפינען.

דער צווייטער חכם איז געגאַנגען נאָך ווייטער און ער האָט זיך אונטערגענומען צו געפינען אַ וועג אויך צום וואַסער אינעם טיפן גרוב, צו וועלכן עס איז נאָך קיינער נישט צוגעקומען און קיינער פאַר אים האָט נאָך דעם וועג נישט געוווּסט.

צום ווייטסטן אָבער פון זייביידן איז געגאַנגען דער דריטער חכם, וועלכער האָט אפילו מסכים געווען צו שעפּן וואַסער מיט געלעכערטע כלים, וואָרום נישט דאָס, וואָס די קליינע מענטשעלעך רעדן זיך איין, אַז עס איז אַ וועג — איז טאַקע אַ וועג און נישט דאָס, וואָס זיי האַלטן, אַז עס איז אַ תכלית — איז באמת דער תכלית...

און דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אויסגעלאָזט: „אָט דער דריטער חכם איז געווען דער קליגסטער פון זיי אַלע, ער האָט אויפגעבראָכן נייע דרכים... אָבער ווּ נעמט מען איצט אַזעלכע חכמים״? — האָט ער זיך געווענדט צו ר׳ איטשע מאירלען — „נו, ווּ נעמט מען זיי? יאָ, אַ סך רעדן זיך איין, אַז זיי זענען חכמים, אָבער זיי פאַרגעסן דעם פּסוק פון קהלת: „אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני״ (איך האָב געזאָגט: איך וועל קלוג ווערן: אָבער עס איז געווען ווייט פון מיר, ז׳ כ״ג) איז דער פּשט, אַז אויב אַ ייד רעדט זיך איין, אַז: „איך בין קלוג״ — איז אַ סימן, אַז: והיא רחוקה ממני: אַז די חכמה איז ווייט פון מיר...

— אוודאי איז אמונה אַליין אַ גאָר גרויסע זאַך — האָט דער רבי ר׳ מענדעלע אַ געשריי געגעבן, — אָבער ווי זאָגט דער פּסוק: שכן ארץ ורעה אמונה״... (תהילים ל״ז, ג.) מיינט מען: ליג אין דער ערד און פּאַשע זיך מיט אמונה... צו אמונה, יידן, דאַרף מען האָבן נאָך עפּעס — „השכל וידוע אותי... (מיט פאַרשטיין און קענען מיך, ירמיהו, ט׳, כ״ג). דער־קענען און משיג זיין דעם אלקות!...

און דער רבי ר׳ מענדעלע האָט אָנגענומען ר׳ איטשע מאירלען ביים לאַץ פון זיין קאַפּאָטע און ער האָט א זאָג געטון:

— בלויז איין מנין יידן דאַרף איך האָבן און — און מיר וואָלטן געקאָנט די וועלט אויסלייזן!

דער רבי ר׳ מענדעלע האָט דערנאָך גענומען ר׳ איטשע מאירלען פאַר דער האַנט, האָט אים אריינגעפירט צו זיך אין זיין חדר מיוחד אריין און זיך מיט אים פאַרמאַכט אויף א פּאָר שעה.

די חסידים אין דער שאַפּע האָבן געוואַרט אויף איטשע מאירלען, ער זאָל שוין אַרויסקומען און זיי דערציילן, וואָס דער רבי ר׳ מענדעלע האָט מיט אים געשמועסט, דערוויל האָט מען איבערגעחזרט דעם רבינס תורה און בער חסיד האָט געשריגן, אז ווער עס וועט אים איצט געבן אויף א טאָפּ מעד, דעם וועט ער זאָגן דעם אמתן פּשט פונעם רבינס תורה. אָבער דערנאָך, ווען ר׳ איטשע מאיר איז אַרויסגעקומען פון רבינס חדר־מיוחד, האָט מען באַמערקט, אז ער איז אינגאַנצן דורכגעווייקט פון שוויים. ווען די חסידים זענען צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל זיי זאָגן, וואָס דער רבי האָט מיט אים געשמועסט, האָט ער זיי גאָר נישט געוואָלט ענטפערן, ער האָט נאָר געזאָגט צום אַלטן חסיד ר׳ הערש טאָמאַשאָווער: „מען דאַרף אָנהויבן אויפסניי גיין אין חדר אריין! אוי, טרייבערט ער די אָדערן!" אָבער עס שאַדט נישט, איצט ערשט האָב איך געפונען מיין רבין, מיט וועמען איך וועל זיך קאָנען אינגאַנצן מתדבק זיין, עס ברענט דאָ טאַקע א פייער!"

און פאַר גרויס שמחה האָט ר׳ איטשע מאיר אָנגעהויבן צו טאַנצן מיט די חסידים אין דער שאַפּע. און מען האָט ווידער אָנגעהויבן צו זינגען מיט די ווערטער:

„אין טאָמאַשאָוו ברענט א פייער,
עס גייט אויף אַן אור א נייער".

ביז פּלוצלינג האָט זיך דערהערט א געשריי:

— גיט מיר אָפּ מיין זון!

דאָס האָט געגעבן א געשריי ר׳ שלמה אייגער, וועלכער איז געקומען אָפּנעמען זיין זון, ר׳ ליבעלען.

— וואָס איז דאָ, א שענק, — האָט ער ווייטער אויף א קול געשריגן.

די חסידים האָבן זיך אָפּגעשטעלט פון טאנצן. ר׳ בער חסיד האָט אים גלייך געוואָלט אריבערלייגן איבערן טיש און אים מאכן א „משכנתא״, אָבער ר׳ איטשע מאירל האָט געגעבן א ווונק, מען זאָל אים נישט טשעפּען. ער איז צו אים צוגעגאנגען און אים געפרעגט, וואָס ער וויל.

ר׳ שלמה אייגער האָט גוט געקענט דעם ווארשעווער גאון פון ווארשע, האָט ער אים פארחידושט געפרעגט:

— אויך איר, ר׳ איטשע מאיר, געפינט זיך צווישן זיי?

— יאָ, אויך איך בין צווישן זיי — האָט ר׳ איטשע מאירל געענט־פערט מיט א זיכער קול — און איר האָט א גרויסן טעות, ווען איר מיינט, אז דאָ איז חס-ושלום א שענק. ווייסט איר — האָט ער זיך פּלוצלינג געווענדט צו ר׳ שלמה אייגער — פארוואָס דער יצר־הרע ווערט אָנגערופן „כסיל״, אזוי ווי עס שטייט: טוב ילד מסכן וחכם, ממלך זקן וכסיל, בעסער אן אָרים ייִנגל א חכם, איידער אן אלטער מ־לך און א נאר, (קהלת, ד׳ י״ג), ווייל אין דער אמתן איז דער יצר־הרע א חכם מחוכם און כסיל — נאר, הייסט ער בלויז דערפאר, ווייל ער האנדלט מיט נאראָנים...

— ווויל געזאָגט — האָט ר׳ בער חסיד זיך אָנגערופן. און איידער ר׳ שלמה האָט צייט געהאט א טראכט צו טון, וואָס צו ענטפערן, האָט מען שוין אים ארייַנגענומען אין רעדל און מיט אים אָנגעהויבן צו טאנצן נאָך מיט מער התלהבות, ווי פריער:

„אין טאָמאשאָוו ברענט א פייער,
עס גייט אויף אן אור א נייער״...

כאָטש ר׳ איטשע מאירל איז שוין געוואָרן א טאָמאשאָווער חסיד, דאָך ווען ער איז צוריקגעקומען פון טאָמאשאָוו קיין ווארשע, האָט ער נישט געפונען קיין מנוחה אין זיין הארצן, דערפאר וואָס ער האָט מבייש געווען זיין רבינס זון ר׳ אברהם משהלע פון פּשיסכע, ער האָט ביי זיך געהאט אָפּגעמאכט א שטיקל צייט זיך אָפּצוהאלטן צו פאָרן קיין טאָ־מאשאָוו. דאָס האָט דערפילט דער רבי ר׳ מענדעלע און ער האָט אים געשריבן א בריוו בזה הלשון:

„החיים והשלום לכבוד יחיד ישראל וידיד נפשי, אהוב לב, הרב הגאון החריף... מוה״ר יצחק מאיר נ״י ויזרח.

„איך קאָן מיך נישט איינהאלטן און שווייגן, ווארום איך ציטער

דערפאר, וואָס איך האָב פון אייך שוין דריי חדשים נישט באקומען קיין בריוו.

„מיין נשמה איז שטארק פארטרויערט, און איך פיל זיך אליין אפילו צווישן ליבע פריינט, ווארום נישט זיי קאָנען מיך טרייסטן אין מיינע פארבאָרגענע הארץ־טראכטעניש.

„פון די אלע, וואָס זענען איבערגעבליבן פון פשיסכע פונעם רבין זצ"ל'ס מענטשן, זענען בלויז די יונגעלייט, וועלכע האָבן א שטארקן פארלאנג, מען זאָל זיי לייכטן אין דער פינסטערניש, געבליבן ביי זייער אמונה, און אלע איבעריקע זענען גאָרנישט.

„נאָר צו אייך גארט מיין נשמה, איר זאָלט מיך טרייסטן מיט א בריוו, ווייל איך בין אין צער און דער דעת איז פון מיר פארהוילן געוואָרן.

„דעם אמת וועל איך זאָגן נישט שעמענדיק זיך, אז עס זענען פאראן צייטן, וואָס איך האָב נישט צו באצאָלן פאר דער פאָסט, דערפאר באמי איך זיך צו שיקן בריוו אויף לענגערע צייטן.

„דברי אוהב נפשו ונפש ידידו הרוצה להתנחם בנחמה בכל טוב עולמים.

„מנחם מענדל מטאָמאשאָוו"*)

דער בריוו האָט ר' איטשע מאירלען שטארק גערירט. ער האָט שוין געוואָלט אָפּטרעטן פון זיין באשלוס, איז אָבער ביי אים ווידער גע־שטאָרבן א קינד, און ער האָט עס געהאלטן פאר א „הקפדה". ר' איטשע מאירל האָט דעריבער געטראכט זיך אָפּצוגעבן מיט דער ישיבה, וואָס ער האָט געגרינדעט אין ווארשע.

אין דער ישיבה האָבן געלערנט די בעסטע קעסט־קינדער פון וואר־שע. דער ווארשעווער גאון האָט שוין געהאט „איבערגעדרייט" א סך

*) דער בריוו האָט זיך געפונען ביי אן אַלטן קאָצקער חסיד אין ירושלים און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ספר „מאמר עיני הגולה". דער בריוו איז געשריבן אין לשון־קודש און מיר האָבן אים געגעבן, אַחוץ דעם טיטל און דער חתימה, אין דער יידישער איבערזעצונג.

יונגעלייט פאר חסידים פונעם פשיסכער דרך. אזוי איז געוואָרן א חסיד ר' אליעזר הכהן, דער זון פונעם אָנגעזעענעם ווארשעווער גביר ר' וואָלף לייפּציגער, און דער איידעם פון דעם גרויסן גאון, דער ליסער רב ר' יעקב לאָבערבוים (דער מחבר פון „חוות דעת", „נתיבות המשפט" און אנדערע ספרים). דער דאָזיקער יונגערמאַן, ר' אליעזר הכהן (געווען דער־נאָך רב אין מאַקאָוו, פּולטוסק, פּלאָצק און סאָכאַטשאָוו) איז אויסגע־וואַקסן א גרויסער גאון אין דער ישיבה, וואָס ר' איטשע מאירל האָט אָנגעפירט, דאָך האָט זיין פאָטער דווקא געוואָלט. אז זיין זון זאָל ווערן אוים חסיד, ווייל מען האָט געהאַלטן אין ווארשע, אז ר' איטשע מאירל פירט אראָפּ די יונגעלייט פונעם דרך הישר.

איינמאָל איז דער ליסער רב אליין געקומען קיין ווארשע, האָט אים אויך באזוכט ר' איטשע מאירל. זיי האָבן זיך שעהן לאַנג מפלפל געווען. איידער דער ליסער רב איז אָפּגעפאָרן, איז צו אים אריין דער מחותן זיינער, ר' וואָלף לייפּציגער, און האָט אים געבעטן, ער זאָל פּועלן ביי זיין זון דריי זאַכן: ערשטנס, ער זאָל נישט דאַווענען אין פשיסכער שטיבל; צווייטנס, ער זאָל נישט פאָרן קיין פשיסכע, און דריטנס, ער זאָל נישט לערנען ביי ר' איטשע מאירלען אין דער ישיבה. האָט דער ליסער גאון געענטפערט, אז די ערשטע צוויי זאַכן נעמט ער זיך אונטער צו פּועלן ביי זיין איידעם ר' אליעזר הכהן, אָבער די דריטע זאַך, זיך נישט צו חברן מיט ר' איטשע מאירלען, וועט ער נישט פארלאַנגען פון אים, ווייל ער האַלט, אז ער טוט זייער גוט, וואָס ער לערנט ביי אים. אדרבה, עס איז גאָר א מצווה צו האָבן ר' איטשע מאירלען פאר א חבר, ווייל ער איז מקיים די מצווה פון „קנה לך חבר".

דער ליסער רב האָט אָבער געהערט פון א סך ווארשעווער חסידים, אז ר' איטשע מאירל לערנט בפירוש מיט די יונגעלייט, אז מען זאָל נישט מדקדק זיין אויפן זמן תפילה און אמאָל מעג מען אפילו שטאַרק פאר־שפּעטיקן מיטן דאַווענען, אויב מען האָט נישט קיין גאָר ריינע כוונות. האָט דער ליסער רב געוואָלט אויסגעפינען, צי ר' איטשע מאירל איז טאַקע עובר אויף זמן תפילה.

גראָד איז דעמאָלט אויך געווען אין ווארשע נאָך א גרויסער גאון.

די צוויי גאונים זענען געוואָרן פאַרבעטן צום וואַרשעווער רב, דער „חמדת שלמה", און דאָרט איז אויך געווען ר' איטשע מאירל.

אַלע פיר גאונים האָבן אַ לאַנגע צייט געשמועסט אין לערנען. דערווייל האָט דער וואַרשעווער רב געהייסן אַריינברענגען כיבוד. ר' איטשע מאירל האָט אָבער נאָך נישט געהאַט געדאַווענט און ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל טון. נישט טועם זיין פונעם כיבוד, וועט ער דער־מיט באַליידיקן די גאונים; ווידער, זיי זאָגן, אַז ער האָט נאָך נישט געדאַווענט, וועלן זיי זיך צו אים טשעפּען, פאַרוואָס ער איז עובר אויף זמן תפילה.

דער ליסער רב האָט אָפּנים דערפילט, אַז ר' איטשע מאירל האָט נאָך נישט געדאַווענט, האָט ער געוואָלט זען, צי ער וועט עסן פאַרן דאַווע־נען; האָט דער ליסער רב געפרעגט ר' איטשע מאירלען, פאַרוואָס ער פאַרזוכט גאָר נישט פון דעם כיבוד. אָבער ר' איטשע מאירל איז געפאַלן אויף אַן המצאה. ער האָט אָנגעהויבן זיך מפלפל צו זיין וועגן דער ברכה, וואָס מען דאַרף מאַכן אויף איינגעמאַכץ, וואָס מען האָט דערלאַנגט צום טיש. דאָ האָט זיך צעפּלאַקערט אַ גרויסער פּלפּול צווישן אַלע גאונים און ר' איטשע מאירל האָט געזאָגט, אַז אין אַן אַלט ספר, אין אַ „ראשון" געפינט זיך בפירוש דער דין אַזוי ווי ער זאָגט. ר' איטשע מאירל האָט אָבער גוט געוווּסט, אַז דאָס דאָזיקע ספר איז נישט פאַראַן אין דער ספרים שאַנק פון דעם וואַרשעווער רב און אַזוי ווי אַלע דריי גאונים זענען געווען זייער נייגעריק צו זען דאָס ספר, האָט ר' איטשע מאירל מסכים געווען תיכף אַהיימצוגיין און ברענגען דאָס ספר פון זיין שטוב. ר' איטשע מאירל איז באַלד אַהיימגעגאַנגען, האָט דערווייל אָפּגעדאַווענט, דערנאָך מיטגענומען דאָס ספר און זיי אויפגעוויזן, אַז ער האָט געהאַט רעכט מכח דער שאלה, וואָס פאַר אַ ברכה מען דאַרף מאַכן אויפן איינגעמאַכץ און ער האָט שוין אויך געקאָנט טועם זיין פון דעם „כיבוד".

די מתנגדים אין וואַרשע האָבן אָבער נישט געקאָנט רוען, וואָס ר' איטשע מאירל נעמט צו די בעסטע יונגעלייט און מאַכט זיי פאַר פּשיסכער חסידים (הגם ס'איז שוין געווען נאָך דער פּטירה פונעם רבין ר' בונם, האָט מען דאָך נאָך זיי גערופן פּשיסכער חסידים) און מען האָט צוגעט־טראָגן די וואַרשעווער דיינים און פּרנסים, אַז ר' איטשע מאירל רעדט

אויף אַלע גאונים בשעתן לערנען מיט זײנע תּלמידים. דערפאַר האָבן זײ פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל צונעמען בײ ר׳ איטשע מאירלען אַלע תּלמידים.

די פּרנסים פון וואַרשע האָבן באַשלאָסן אַרויסצורופן ר׳ איטשע מאירלען אויף אַ משפּט, ער זאָל פאַר דעם וואַרשעווער בית־דין דער־קלערן, צי עס איז אמת, אַז ער חוזקט אָפּ פון די גאוני הדור און באַזונ־דערס פון דעם ווילנער גאון.

ר׳ איטשע מאירל האָט זיך גוט אונטערגעגאַרטלט, אײדער ער איז געגאַנגען צום בית־דין. ער האָט געוווּסט, אַז איצט שטײט אין קאָן דאָס גאַנצע פּשיסכער חסידות. אַ גאַנצן טאָג האָבן די דיינים אויסגעפרעגט ר׳ איטשע מאירלען. ער האָט אָפּגעלײקנט די אַלע בלבולים, וואָס מען האָט אויף אים אויסגעטראַכט, און ווען ער האָט דערהערט ווי אַ מתנגד האָט עדות־געזאָגט פאַרן בית־דין, אַז ר׳ איטשע מאירל חוזקט אָפּ פון די גאוני הדור, האָט ער זיך געוואָלט קריעה רײסן און טרערן האָבן אים געראָנען פון די אויגן.

די גאַנצע חסידישע שטאָט וואַרשע איז דעמאָלט געגאַנגען אויף רעדער. די פּשיסכער חסידים האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז נאָר אַ שפּיצל פון די מתנגדים, כּדי אַזוי אַרום אָפּצושוואַכן די השפּעה פון ר׳ איטשע מאירלען אויף די יונגעלײט. גלײכצײטיק האָבן די פּשיסכער חסידים אויך פאַרשטאַנען, אַז אויב דער פּסק־דין וועט אויספאַלן נישט גינסטיק פאַר ר׳ איטשע מאירלען, וועלן דערנאָך די אַנדערע חסידים פון וואַרשע טראַכטן, אַז זײ זענען גערעכט, וואָס זײ זאָגן, אַז דער פּשיסכער דרך פירט איבער די יונגעלײט, והראיה, אפילו די מתנגדים האָבן אַרויסגע־געבן אַ פּסק־דין קעגן ר׳ איטשע מאירלען. זענען די פּשיסכער חסידים געשטאַנען פאַרן וואַרשעווער בית־דין שטוב און מיט ציטער און אומ־געדולד געוואַרט אויפן פּסק־דין.

ר׳ איטשע מאירל האָט אָבער כּסדר צונישט געמאַכט אַלע בלבולים, וואָס מען האָט אויף אים אויסגעטראַכט, געענטפערט אויף אַלע שאלות זײער עניוות־דיק, אַזוי ווי אַ פּראָסטער בעל־דין, און ווען די דיינים האָבן אים צום סוף געפרעגט, צי עס איז אמת, אַז ער האָט מבזה געווען דעם ווילנער גאון, האָט ר׳ איטשע מאירל געענטפערט:

— איר רעדט וועגן ווילנער גאון און איך קען דעם ווילנער גאון.

אדרבה, זאָל מען הערן, ווער עס געדענקט בעסער פון אויסנווייניק אַלע חדושים, וואָס דער ווילנער גאון האָט איבערגעלאָזט אויף ש״ס...

און דאָ האָט ר׳ איטשע מאירל ארויסגעוויזן זיין גרויסע חריפות. ער האָט געפרעגט פשט ביי די דיינים אין דעם ווילנער גאונס אַן הגהה אויף אַ גמרא, און ער האָט אויסגעלאָזט:

— אויב איר נעמט זיך אַזוי שטאַרק אָן פאַרן כבוד פונעם ווילנער גאון, טאָג זאָגט מיר דאָ פשט!

די דיינים מיט די מתנגדישע פּרנסים האָבן זיך שעהן־לאַנג געמאַטערט צו געפינען דעם פשט, דערנאָך האָט זיך ר׳ איטשע מאירל אָנגערופן מיט אַ שמייכל:

— וואָלט איר אָבער געווען נעכטן ביי מיין שיעור, וואָלט איר געהערט דעם פשט און מער נישט געגלויבט אין די מסירות, אַז איך חוזק־אָפּ פונעם ווילנער גאון.

און ר׳ איטשע מאירל האָט אַריינגערופן איינעם פון זיינע תלמידים און יענער האָט גלייך געזאָגט דעם ריכטיקן פשט אויפן אָרט.

די דיינים האָבן דערנאָך שוין געמוזט ארויסגעבן אַ פּסק־דין לטובת ר׳ איטשע מאירלען.

די מתנגדים האָבן זיך געפילט שלעכט, וואָס זיי זענען דורכגעפאַלן און זיי האָבן באַשלאָסן, בסוד אַריינצושרייבן אין אַלטן וואַרשעווער פּנקס פון „ועד הקהלה״ אויף די ערשטע עמודים צווישן די לזכרון עולמס, אַז: „הרב החריף מו״ה יצחק מאיר מעיר וואַרשע עשה מעשה שלא כהוגן, כי יצאו מפיו דברי זלזולים נגד כבודו של הגר״א זצ״ל מווילנע״ (אויף יידיש: „דער רב יצחק מאיר פון דער שטאָט וואַרשע האָט געטון נישט קיין שיינע טאַט, ווייל ער האָט מזלזל געווען דעם ווילנער גאון״).

אַ סך יאָרן האָט זיך געפונען דער „לזכרון עולם״ אין דעם אַלטן וואַרשעווער פּנקס און קיינער האָט דערפון נישט געוווּסט, ביז איינמאָל, מיט פיל יאָרן שפּעטער, האָט קהל געהאַט באַשלאָסן דעם פּנקס איבערצושרייבן, ווייל די בלעטער זענען שוין געווען צו אַלט און דעם כתב־יד נישט גוט אָנגעזען.

האָט מען צוגענומען דעם וואַרשעווער מלמד, סיני ספיר, וועלכער

האָט געשמט פאר א ספרא־רבא און געהאט א גאַר שיין כתב, ער זאָל מעתיק זיין דעם פּנקס.

דער מלמד, סיני ספיר, איז אפילו געווען א קאָזשניצער חסיד, אָבער ער האָט גוט געקענט ר׳ איטשע מאירלען, ווען ער איז נאָך געפאָרן צו ר׳ משה קאָזשניצער, און ביים איבערשרייבן דעם „פּנקס" האָט ער דערפאר דעם דאָזיקן „לזכרון־עולם" נישט איינגעשריבן.

ווען די פּרנסים זענען געקומען איבערקוקן דעם נייעם פּנקס, צי ער איז גוט איבערגעשריבן געוואָרן, האָבן זיי דערזען, אז דער „לזכרון-עולם" איז אויסגעלאָזן געוואָרן. די פּרנסים האָבן באַלד גערופן אן אסיפה און באשלאָסן נישט צו באצאָלן דעם איבערשרייבער קיין איין גראָשן, ביז ער וועט נישט נאָכאמאָל מעתיק זיין דעם גאנצן פּנקס און אלץ איבערשרייבן, וואָס עס געפינט זיך דאָרט. גאָרנישט אויסלאָזן.

דער מלמד סיני ספיר האָט געהאט דערציילט ר׳ איטשע מאירלען, וואָס עס שטייט וועגן אים אינעם „פּנקס" און אז ער האָט ביים מעתיק זיין דעם פּנקס געוואָלט ארויסוואַרפן דעם פאלשן „לזכרון־עולם". און איצט וויל מען אים דערפאר קנסענען.

ווען ר׳ איטשע מאירל האָט דערהערט, וואָס די פּרנסים האָבן אים אָפּגעטון, האָט ער באַלד גענומען אלע זיינע תלמידים, וועלכע האָבן שוין דעמאָלט דערגרייכט די צאָל פון א פּאָר הונדערט, און איז מיט זיי אוועק אין דער קהלה. דאָרט האָט ער דערציילט וועגן דער דין־תורה, וואָס ער האָט מיט א פּאָר יאָר צוריק געהאט מיט די מתנגדישע פּרנסים און וועגן דעם פּסק־דין, וואָס איז דעמאָלט ארויסגעגעבן געוואָרן. די פּרנסים האָבן שוין דעמאָלט נישט געקאָנט מעיז־פּנים זיין פאר ר׳ איטשע מאירלען. מען האָט אויך באַלד ארויסגערופן די וואַרשעווער דיינים און זיי האָבן באַשטעטיקט אלץ, וואָס ר׳ איטשע מאירל האָט געזאָגט. דעמאָלט ערשט האָבן די ניי־אויסגעוויילטע פּרנסים מסכים געווען מער נישט איינצושרייבן אין דעם נייעם „פּנקס" דעם „לזכרון- עולם" קעגן ר׳ איטשע מאירלען.

אזוי ארום איז אראָפּגענומען געוואָרן דער שאַנד־פלעק, וואָס די מתנגדים האָבן געוואָלט ארויפוואַרפן אויפן יונגן גאון ר׳ איטשע מאירלען און אויף די פּשיסכער חסידים.

ר׳ איטשע מאירל האָט אזוי א לאַנגע צייט געפירט די ישיבה אין

וואַרשע און איז צו קיינעם נישט געפאָרן, אָבער זייענדיק א פּאָר חדשים אָן א רבין האָט ער צוריק אָנגעהויבן צו בענקען קיין טאָמאַשאָוו. עס איז אויך דעמאָלט אָנגעקומען ר׳ הענעך פון אַלעקסאַנדער, וועלכער איז געווען א גאָר גרויסער פּשיסכער חסיד (דערנאָך געוואָרן רבי, ווען ר׳ איטשע מאיר, דער גערער רבי, איז נפטר געוואָרן). ער האָט דערציילט ר׳ איטשע מאירלען וואָס מען זעט דאָרטן ביי ר׳ מענדעלען.

ר׳ איטשע מאירל האָט אים דערציילט, אז אויך אים בענקט זיך זייער קיין טאָמאַשאָוו און דאָס, וואָס ער פרעגט אים, וואָס מען זעט אזוינס דאָרטן, קאָן ער אים נאָר זאָגן, אז ער האָט דאָרטן געפילט, אז פּונקט אזוי ווי בשעת קבלת התורה אויפן בארג סיני איז געווען בקולות וברקים, אזוי ווערט איצט אויך געגעבן א נייע תורה איז טאָמאַשאָוו בקולות וברקים.

— צי איז עס נישט קיין סכנה פאַר דער וועלט? — האָט ר׳ הענעך ווייטער געפרעגט.

— וואָס פאַר א ברירה האָבן מיר? אז איך האָב דאָרטן געזען א וואַר שטיק פייער, האָב איך זיך אונטערגעלייגט.

— און אפשר וואָלט מען אויסגעקליבן אן אנדערן פאַר א רבין? — האָט ר׳ הענעך ווייטער געפרעגט.

ר׳ איטשע מאירל האָט געוווּסט, צו וואָס ר׳ הענעך צילט מיט אָט דער שאלה, אז דאָס מיינט מען אפשר אים, ווייל באַלד נאָך דער פּטירה פון רבין ר׳ בונם האָבן די פּשיסכער חסידים אין וואַרשע געוואָלט אים אויסקלייבן פאַר א רבין, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון.

— גלויבט מיר — האָט ר׳ איטשע מאירל געענטפערט — אז ווען איך וואָלט געוואָלט צולייגן איין האָר, וואָלט איך געהאַט דעם גאַנצן פּשיסכער עולם. אָבער ווען א גוטער ייד מיינט נאָר איין האָר זיך, קאָן עס אים חס ושלום אריינפירן מיט די י״ב חלהלעך אין גיהנום אריין!

טו

דער וואָרקער רבי פאָרט קיין טאָמאַשאָוו

די טאָמאַשאָווער חסידים האָבן זיך געמערט אין אלע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן.

אינצווישן איז דער רבי ר׳ אברהם משה, דעם פשיסכער רבינס זון, נפטר געוואָרן אין זאת חנוכה אין יאָר תקפ״ט. ער איז אינגאַנצן אַלט געווען אַ צוויי־און־דרייסיק יאָר.

די פשיסכער חסידים זענען געווען זיכער, אַז עס וועט איצט ווערן רבי זיין געטרייער חסיד ר׳ יצחק וואָרקער, ווייל די גאַנצע צוויי יאָר, וואָס דער יונגער פשיסכער רבי האָט געלעבט, איז ר׳ יצחק וואָרקער געווען דער פאַקטישער מנהיג, דער, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די חסידים. אָבער ר׳ יצחק וואָרקער האָט געזאָגט, אַז ער מוז קודם־כל פאָרן צום רבין ר׳ מענדעלע, זיך מיט אים דורכשמועסן, אפשר וועט אים גאָר געפעלן דער דרך פונעם רבין ר׳ מענדעלע, וועט ער ווערן זיין חסיד.

די אַלטע פשיסכער חסידים האָבן נישט געוואָלט מסכים זיין דערויף, אָבער ר׳ יצחק וואָרקער האָט צו זיי געזאָגט:

— דער פסוק זאָגט אין משלי: „אמת קנה ואל תמכור״ — דעם אמת קויף און פאַרקויף אים נישט (משלי י״ג, כ״ג), פרעגט זיך דאָך אַז דער וואָס וויל אַליין קויפן דעם אמת, וועט ער דאָך זיכער אים נישט וועלן פאַרקויפן — טאָ צו וואָס זאָגט דער פסוק „ואל תמכור״? נאָר דער פשט איז, אַז כל־זמן דו פילסט נאָך, אַז עס איז פאַראַן אַ פאַרוואָרפן ווינקעלע אויפן כדור הארץ, וווּ עס איז נאָך דאָ אַ טראָפּן אמת, זאָלסטו אַלץ נאָך נישט פאַרקויפן דיין אמת, וואָס דו האָסט דיר אָנגעזאַמלט, נאָר דו זאָלסט אַלץ ווייטער קויפן, ביז דו וועסט דערפילן, אַז עס איז שוין ערגעץ מער נישטאָ קיין אמת, נאָר ביי דיר אַליין, דעמאָלט ערשט מעגסטו אָנהויבן צו פאַרקויפן אויך אַנדערע פון דיין אמת... נו, לאָמיר טאַקע זען, צי עס איז נאָך עפּעס פאַראַן איינצוהאַנדלען אין טאָמאַשאָוו.

און ר׳ יצחק וואָרקער איז צוזאַמען מיט אַ פּאָר שאַרפע פשיסכער חסידים אָפּגעפאָרן קיין טאָמאַשאָוו.

ווען ר׳ יצחק וואָרקער איז אָנגעקומען קיין טאָמאַשאָוו, האָט ער דאָרטן געטראָפן ר׳ העניך פון אַלעקסאַנדער, ר׳ יצחק מאירל פון וואַר־שע, ר׳ הערש טאָמאַשאָווער, און נאָך אַ סך אַנדערע אַלטע פשיסכער חסידים:

ר׳ יצחק וואָרקער האָט זיך מיט זיי אַלע זייער שטאַרק דערפרייט.

ער האָט געגעבן א ברייטן „שלום עליכם" ר' איטשע מאירלען פון ווארשע און געזאָגט:

— ס'איז באמת א שמחה צו זיין צווישן היימישע. וואָס מאכט איר עפּעס?

— מען צעפלאקערט א פייער וואָס זאָל די וועלט פארלויכטן — האָט ר' איטשע מאירל געענטפערט.

— מ'זאָל זיך נאָר, חס ושלום, נישט אָפּבריען, — האָט ר' יצחק וואָרקער א זאָג געטון.

ר' יצחק וואָרקער האָט דערנאָך אוועקגענומען ר' איטשע מאירלען און ר' הערש טאָמאשאָווער אין א זייט און האָט מיט זיי אָנגעהויבן שמועסן וועגן דער פּטירה פונעם רבין ר' אברהם משהלען.

— מען מוז צוריק אויפשטעלן דאָס חדר, וואָס איז געווען ביים רבין ר' בונם, זצ"ל. אלע חסידים, וואָס זענען געפאָרן אהין, זאָלן פאָרן אהער קיין טאָמאשאָוו און עס וועט זיין שלום על ישראל.

— און ווער וועט זיין רבי? — האָט ר' איטשע מאירל געפרעגט.

— איך מיין טאקע, אז ער זאָל בלייבן רבי, — האָט ר' יצחק וואָר־קער אָנגעוויזן אויף דער טיר פונעם רבין ר' מענדעלעס חדר־מיוחד.

— ער וויל דאָך אָבער נישט אזא גרויסן עולם, ער וויל דאָך נאָר יחידי־סגולה, געקליבענע, — האָט ר' הערש טאָמאשאָווער געענטפערט.

— נישקשה, כ'וועל מיט אים רעדן, איך וועל אפשר אויספועלן, ער זאָל זיך אביסל צובייגן צום עולם, כדי יעדערער וואָס קומט זאָל קאָנען האָבן זיין הצטרכות, און וואָס איז דען, אז מען לאָזט זיך אראָפּ פון די מדרגות לטובת-הכלל? מוז מען טאקע דוקא זיין מיטן שפּיץ און דער כלל זאָל אפילו קיין אָנריר נישט האָבן?

— דאָרטן ווו מען זוכט דעם שפּיץ פון אמת, מוז אלץ זיין מיטן שפּיץ, — האָט ר' איטשע מאירל געענטפערט — איך מיין, אז ביים רבין וועט שווער זיין עפּעס אויסצופועלן, אָבער פּרווון שאדט נישט.

— מיר האָבן א כלל „פותחין בשלום" — האָט ר' יצחק וואָרקער געענטפערט.

דער שמועס צווישן ר' יצחק וואָרקער, ר' הערש טאָמאשאָווער און ר' איטשע מאירלען האָט זיך פארצויגן א ווייל, ביז פּלוצלינג האָט זיך

געגעבן אַן עפן־אויף די טיר און עס איז אַריינגעקומען דער רבי ר׳ מענ־דעלע אין אַ וואַטענעם שפּענצער און אַ גרויס קאַפּל אויפן קאָפּ.

די חסידים זענען זיך צעשראָקענע צעלאָפן אין אַלע זייטן.

דער רבי ר׳ מענדעלע איז גלייך צוגעלאָפן צו ר׳ יצחק וואָרקער, האָט אים געגעבן שלום און אים געפרעגט:

— וואָס זענט איר אַזוי פאַרזאָרגט, ר׳ יצחק?

— אונדזערע הערצער ווערן צעריסן אויף שטיקער! אונדזער רבינס זון, ר׳ אברהם משה, איז שוין אויפן עולם האמת.

— איך ווייס שוין דערפון — האָט דער רבי ר׳ מענדעלע טרויעריק געענטפערט — נאָר אויב הערצער ווערן צעריסן אויף שטיקער — האָט ער זיך געווענדט צו ר׳ יצחק וואָרקער — פאַרוואָס־זשע ווערן זיי נישט צעריסן, זעענדיק ווי די שכינה איז אין גלות און מענטשן דרייען זיך אַרום ווי אין אַ קעלער? מען האָט דעם ייד אַ נשמה פון אונטערן כסא־הכבוד געגעבן, לאָזט מען זי אין דער בלאָטע אַרומוואַלגערן, לויפן יידן גאָר צו רביים, ער זאָל זיי געבן פּרנסה.

ר׳ יצחק וואָרקער, וואָס האָט תמיד ליב געהאַט מלמד זכות צו זיין אויף יידן, האָט אָנגעהויבן זיך אויסצוטענהען מיטן רבין ר׳ מענדעלע, אַז יידן זענען פאַרנומען מיט דאגת־פּרנסה און עס איז דערפאַר געגוג, ווען זיי דאַווענען בלויז ווי עס דאַרף צו זיין.

— און וואָס קאָן מען פון זיי נאָך מער פאַרלאַנגען? — האָט ער געפרעגט דעם רבין ר׳ מענדעלען.

— ווייסט איר, וואָס דער טייטש איז: „הבוחר בשירי זמרה״?

— האָט דער רבי ר׳ מענדעלע אַ געשריי געגעבן — דער טייטש איז: גאָט קלייבט אויס די שיריים פון דער זמרה, דאָס איבערבלייבעכץ, וואָס קיין וואָרט איז שוין נישט בכח אַריינצונעמען אין זיך, וואָס קאָן שוין קיין לבוש נישט האָבן, נאָר עס זינגט אין דער נשמה, אין דער סאַמע נקודה הפּנימית. דאָס וויל גאָט, אַזאַ תפילה באַגערט ער...

— עס זענען אָבער דאָ יידן, וואָס האַלטן נישט ביי אַזעלכע מדרגות, וואָס זענען פּשוטע בעלי מלאכות, וואָס דאַרפן אַרבעטן אויף חיונה — האָט ר׳ יצחק וואָרקער שוין שאַרפער געענטפערט, — נו, זאָל מען זיי נישט היימן דאַווענען?

— מיר זאָגן גאָרנישט, מיר גיבן נישט קיין עצות, מיר גיבן נאָר אונטער פייער, אז יעדער איינער זאָל אויסגיין נאָכן אלקות, דערנאָך וועט ער שוין אליין וויסן דורכצוברעכן, עס זאָל קומען צו דעם, וואָס מוז קומען.

— א מנהיג הדור מוז אָבער געדענקען אין אלץ און אלעמען, אין יעדן פּרט, אפילו, וואָס יעדער ייד דאַרף טון, אזוי האָט אונדז געלערנט דער רבי אלימלך, דער חוזה און אונדזערע רביים דער „ייד־הקדוש" און דער רבי ר' בונם זצ"ל.

— מיר ווילן זיך דערמיט אָבער נישט פארנעמען, מיר געדענקען נאָר די דאָזיקע זאכן, וואָס דערוועקן צו אן אייגענעם רצון. איבערקייען שטרוי און פּאָיען פערד לאָז איך איבער פאר אנדערע... — האָט ר' מענדעלע א זאָג געגעבן.

— אונדזערע חכמים האָבן אָבער אונדז געוואָרנט: „צאי לך בעקבי הצאן" (גיי דיר אין די פוסטריט פון די שאָף, שיר השירים א, ח.) מען דאַרף גיין אין די וועגן פון די אבות... — האָט ר' יצחק וואָרקער געזאָגט.

— צו די אלטע וועגן דאַרף מען נישט קיין רביים — האָט ר' מענדעלע געענטפערט, — און ווער עס וויל זיין א רבי, מוז ער אויסהאקן נייע ליכטיקע וועגן. אָבער מען מוז אויך אינזינען האָבן דאָס אלטע, עס, חס וחלילה, נישט מבטל צו מאכן, נאָר עס איבערצואנדערשן, עס זאָל באקומען א חיות און מען זאָל זיך דערהויבן אלץ העכער און העכער, ביז מען וועט אויסלייזן זיך און די וועלט.

דער רבי ר' מענדעלע האָט גערעדט מיט התלהבות. גרויסע טראָפּנס שוויים האָבן באדעקט זיין פּנים. די חסידים זענען די גאנצע צייט געשטאנען פארדרוקט אין די ווינקעלעך און האָבן מורא געהאט זיך צו דערנענטערן. זיי האָבן געוווּסט, אז איצט ווערט געפירט א שארפער וויכוח צווישן רבין ר' מענדעלע און ר' יצחק וואָרקער. זיי אליין האָבן אין הארצן מתפלל געווען, אז ר' יצחק וואָרקער זאָל מנצח זיין, ווייל זיי האָבן געוואָלט האָבן א רבין, פאר וועמען מען זאָל קאָנען אויסגיסן דאָס ביטערע הארץ, פאר וועמען מען זאָל קאָנען דערציילן וועגן דער גרויסער דחקות, וואָס עס איז אין דער היים, און נישט מען זאָל תמיד ווערן

געדודפט און געזידלט דערפאר, וואָס מען האָט „איַנזינגען אזעלכע נאָ־ריטשקייטן", ווי דער רבי ר' מענדעלע זאָגט.

און פּלוצלינג האָט זיך דער רבי ר' מענדעלע א שטעל־אויף געגעבן און ער האָט געזאָגט:

— גלויבט מיר, ר' יצחק, אז איך האָב אזוי ליב די וועלט ווי איר אַלע. אָבער איך גיי נישט איַין אויף קיין פּשרה. די וועלט וועט דעמאָלט זיַין א וועלט, איז מיַין טענה, ווען זי וועט זיַין אן אויסגעלייטערטע. מען מוז דערפאַר די אויגן פאַרמאַכן, נישט מתעסק צו זיַין זיך מיט קליינע פּרטים, כדי מען זאָל גאָר נישט זען, נאָר דעם אור של משיח... איך ווייס, אז נישט אַלע קאָנען גיין אויף אָט דעם דרך, און דערפאַר זוך איך טאַקע נאָר די וואָס פאַרשטייען מיך און ווילן אין דעם דרך גיין!...

און דער רבי ר' מענדעלע האָט שנעל אויסגעשטרעקט די האַנט צו ר' יצחק וואָרקער, ווי ער זאָל זיך מיט אים וועלן געזעגענען, און באַלד האָט ער זיך געלאָזט צוריק אריַינלויפן אין זיַין חדר־מיוחד, ער איז אָבער א ווײַלע געבליבן שטיין אויף דער שוועל און געהערט ווי ר' יצחק וואָרקער זאָגט צו ר' הערש טאָמאַשאָווער: „מיַין האַרץ קאָן דאָס נישט איבער־טראָגן!"...

דערויף האָט דער רבי ר' מענדעלע אריַינגעשריגן: „דער וואָס וויל אויסלייזן א וועלט, מוז אַלע קאָנען!"... און ער האָט געגעבן א קלאַפּ צו די טיר.

די חסידים, וועלכע זענען געשטאַנען די גאַנצע צייט פאַררוקט אין די ווינקעלעך, האָבן זיך איצטער גענענט צו ר' יצחק וואָרקער, זיי האָבן געוואָלט, אז ר' יצחק וואָרקער זאָל מיט זיי פאַרבלייבן, וויַיל אויב דער רבי „האַלט אין איין טרייבערן די אָדערן", וועט דערפאַר ר' יצחק זיַין דער, וואָס וועט זיי טרייסטן און מיטהעלפן מיט זייערע אָנגעווייטיקטע הערצער. און ר' יצחק וואָרקער האָט זיך געווענדט צו ר' איטשע מאירלען:

— דאָס הייסט א מנהיג־הדור? אויף טרערן פון די יידן וויל מען בויען די גאולה? און איך זאָג, אז איך שטעל מיַינע פּלייצעס אונטער פאַר דעם גאַנצן כלל־ישראל און בעט דעם בורא עולם, אז אַלע צרות, וואָס דאַרפן טרעפן אַלע יידן, זאָלן פאַלן אויף מיַין קאָפּ.

— און אונדזער רבי זאָגט, — האָט זיך פּלוצלינג ר' בערל חסיד

אָנגערופן, דער, וואָס איז כסדר ארומגעגאנגען מיט א בלאָט קרויט אויפן קאָפּ, אָנשטאָט א קאפּל, מיט שטרויענע לאַפּטשעס אויף די פיס און א גארטל פון א סנאָפּ שטרוי און דערביי האָט תמיד א פּלעשל בראנפן ארויסגעשטייגט פון זיין קעשענע — אז „דרשו ד׳ בהמצאו" (ישעיה: נ"ה, ו׳.) — איז דער טייטש: אזוי שטארק ווי מ׳זוכט גאָט אזויפיל געפינט מען אים; מען דארף דערפאר זוכן גאָט אָן אן אויפהער, אָן הפסקות, תמיד דארף זיין „דרשו".

— אָבער די ווערטער זענען דאָך נישט פאר אלע גלייך — האָט ר׳ יצחק וואָרקער בייז געענטפערט — הערט מען זיך איין און מען האלט נישט דערביי, קאָנען די ווערטער נאָר שאטן, נישט צעאַקערן די נשמה און פון אים מאכן א בריה־חדשה. דער דרך איז נאָר גוט פאר דעם, וואָס פארשטייט, וואָס זעט דאָס גרויסע פייער, וואָס ברענט הינטער יעדן וואָרט. כדי אָבער דאָס צו זען, מוז מען שוין האָבן דורכגעגאנגען א וועלט מיט צרות, מוז מען זיך האָבן געבאָדן אין טייכן בלוט, מען זאָל שוין קאָנען מיט אלע אברים מרגיש זיין, וואָס פאר א ווערט די וועלט האָט. אָבער פאר דעם פּשוטן ייד איז דער דרך קיין דרך נישט, ער וועט אים נאָך דעם קאָפּ פארדרייען, ער וועט נישט תופס זיין די אמתע כוונות פון די ווערטער און ער וועט חס ושלום נכשל ווערן. די נסיונות זענען צו גרויס און געוואגט.

— און אונדזער רבי טייטשט אָבער — האָט ר׳ הערש טאָמאשאָווער געענטפערט — „ויקחו לי תרומה" (זיי זאָלן נעמען פאר מיר אן אָפּשיידונג, שמות כ"ה, ב׳) — איר זאָלט מיך נעמען יבדלדיק, אָפּגעשיידט פון דער גאנצער וועלט און פון אלעמען, וואָס האָט א שייכות צו דער וועלט.

— אוודאי איז דער דרך א גרויסער, — האָט ר׳ יצחק וואָרקער יאושדיק געענטפערט, — אָבער נישט פאר אונדז.

און ר׳ יצחק וואָרקער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. די פּשיסכער חסידים, וועלכע זענען מיט אים געקומען צו פאָרן, זענען אים נאָכגעגאנגען. אויך א סך טאָמאשאָווער חסידים, די וועלכע האָבן נישט געקאָנט משיג זיין דעם נייעם גרויסן דרך, די וועלכע האָבן געגארט נאָך

א רבין, וואָס זאָל זיי געבן עצות, וואָס זאָל אויסהעלפן אין אן עת־צרה, האָבן זיך צוגערוקט צו אים.

ר׳ יצחק וואָרקער האָט ארום זיך געשארט וואָס אמאָל א גרעסערן עולם און ווען ער איז שוין געשטאנען ביי דער טיר פון דער שאָפּע, האָבן די חסידים זיינע אים אָנגעהויבן צו בעטן:

— ווערט אונדזער רבי! זייט אונדזער מנהיג!

— כ׳האָב געמיינט, אז ס׳וועט מיר געלינגען צו פּועלן ביים רבי ר׳ מענדעלע, צוריק אויפצושטעלן דעם אלטן חדר; אָבער ער וויל גיין אויף נעוואגטע דרכים, וועל איך ביי אים צונעמען די מענטשן, וועלכע זענען ניט ראוי צו דעם דרך, און זאָל ער באווייזן וואָס ער קען!...

פּלוצלינג האָט זיך געגעבן אן עפן־אויף די אנטקעגנאיבערדיקע טיר פונעם רבין ר׳ מענדעלעס חדר־מיוחד און עס האָט זיך באוויזן דער רבי ר׳מענדעלע. די גאָר שארפע טאָמאשאָווער חסידים, וועלכע זענען געבליבן טריי דעם רבין ר׳ מענדעלע, האָבן געגעבן א לויף צו צום רבין ר׳ מענ־דעלעס טיר. עס האָבן זיך דערהערט קולות פון יענער עק טיר פון דער שאָפּע.

— מזל טוב, רבי!

האָט דער רבי ר׳ מענדעלע א געשריי געגעבן:

— נעמט מיר צו דעם ערב־רב, און מיר וועלן זיך קאָנען אויפהויבן צו אזא מדרגה, אז מיר וועלן קאָנען דערזען דעם אמתן פּרצוף פון דער וועלט און מקרב זיין די גאולה!...

און באלד האָט דער רבי ר׳ מענדעלע ווידער צוריק פארהאקט די טיר. און ר׳ יצחק וואָרקער איז צוריקגעפאָרן אין זיין שטעטל אריין און געוואָרן רבי. ער האָט צוגענומען דעם גאנצן עולם חסידים פון פּשיסכע און א היפּשן טייל חסידים פון ר׳ מענדעלען, באזונדערס די, וועלכע האָבן נישט געקאָנט מיטגיין מיט דעם גרויסן דרך פון טאָמאשאָווער רבין.

טז

די חסידישע קאָמונע אין טאָמאַשאָוו

ווען ר׳ יצחק וואָרקער איז געוואָרן רבי, זענען אין טאָמאַשאָוו פאַר־בליבן נאָר די יחידי סגולה, די פייערדיקע מוחות, וועלכע האָבן זיך געקאָנט אויסטון אינגאַנצן פון דער וועלט און זיך באהעפטן מיטן אין־סוף.

מיט דער צייט אָבער איז דער עולם חסידים ווידער וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער געוואַקסן.

הונדערטער יונגעלייט האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען און געפאָרן קיין טאָמאַשאָוו לערנען חסידות.

אין יעדן יידישן שטעטל האָבן זיך געפונען אַ פּאָר „לעבעדיקע אַלמנות", וועלכע האָבן באוויינט זייערע יונגע יאָרן און האָבן געמוזט אַליין פאָרן אויף יאַרידן, אַרבעטן שווער, כדי צו האָבן אויף אַ שטיקל ברויט, אויפצוהאָדעווען די קינדער.

צווישן די יונגעלייט, וועלכע זענען אַנטלאָפן קיין טאָמאַשאָוו, האָבן זיך אויך געפונען גבירישע איידעמלעך, קעסט־קינדער, וועלכע זענען געווען באַזאָרגט מיט פּרנסה אויף לאַנגע יאָרן, אָבער עס איז זיי נמאס געוואָרן דאָס מוזן זיצן אַ גאַנצן טאָג אין בית־המדרש און זיך שאָקלען איבער דער גמרא. עס האָט זיי געצויגן אהין, קיין טאָמאַשאָוו, וווּ מען קאָן זיך אויס־טון פון די אַלע גשמיותדיקייטן, מען איז עוסק אין חסידות. דערצו איז מען תמיד מלא שמחה, מען לעבט אין אחדות.

האָט יעדער גבירישער יונגערמאַן טאַקע באַלד ביים אָנקומען קיין טאָמאַשאָוו אוועקגעגעבן אין דער בשותפותדיקער קאַסע זיין ביסל געלט און דעם גאָלדענעם קייט־און־זייגער, וואָס ער האָט אַ מתנה פון זיין שווער באַקומען, און מען איז אויפגענומען געוואָרן אין דער „חברותא", וועלכע האָט זיך אויך גערופן „חבריא קדישא".

אָבער נישט אַלעמען האָט מען אַזוי שנעל אין דער „חברותא" אריינ־גענומען. מען האָט געמוזט זיין זייער שטאַרק אויסגעאַרבעט, מען האָט געמוזט קאָנען מותר זיין אויף דעם גאַנצן יש, זיין ביי זיך אַן אמתער

שפל-רוח, און זיך קאָנען טיילן מיט אַלץ און אַלעמען מיט אַלע חברים פון דער „חברותא".

זענען טאקע געווען אין טאָמאשאָוו צוויי־ערליי חסידים. אַזוינע וואָס זענען געקומען צום רבין בלויז אויף שבת און אַמאָל דאָרט פאַרבליבן אויף א וואָך אָדער צוויי, און אַזוינע וואָס האָבן פאַרלאָזט זייערע ווייבער און קינדער אויף לאַנגע חדשים, און זענען די גאַנצע צייט געזעסן אין טאָמאשאָוו.

אָט זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די „אמתע" טאָמאשאָווער חסידים, פאַר די „ברענענדיקע". זיי האָבן געקוקט מיט ביטול אויף די „טיש-זיצערס", וועלכע קומען כאַפּן אַ וואָרט תורה פון דעם רבין פאַר יוצא־ווערן, און מיינען אַז דאָס וואַרעמט זיי שוין אויף אַ היבשער צייט.

געלעבט האָבן די „אמתע" טאָמאשאָווער חסידים די ערשטע צייט פון „תיקון". איז געקומען אַ „פרעמדער" טאָמאשאָווער חסיד, האָט מען ביי אים קודם כל צוגעלקחנט דאָס טלית־ און תפילין־זעקל. כדי דאָס אויסצולייזן, האָט דער „פרעמדער" חסיד געמוזט געבן „תיקון". בערל חסיד האָט אויך שוין תמיד אויסגעפונען, אַז דער „פרעמדער" האָט יאָרצייט נאָך עפּעס אַ נאָענטן קרוב, און דער „פרעמדער" חסיד האָט ווידער געמוזט געבן אויף משקה.

האָט זיך געטראָפן אַמאָל אַ ייד אַן עקשן, האָט מען צו אים קיין אַנדער עצה נישט געהאַט, ווי אים צו מאַכן אַ „משכנתא" אויפן באַלע־מער. מען האָט אים דאַן איבערגעדרייט, מיט די פיס אַרויף, און אַזוי לאַנג מיט אים געשאָקלט, ביז די פּאָר זילבערנע מטבעות זענען ביי אים אַרויסגעפאַלן פון די קעשענעס.

אָבער אַזאַ „פרעמדער" טאָמאשאָווער חסיד האָט זיך דערנאָך גע־פילט אין טאָמאשאָוו צווישן דער חברותא ווי אַן אמתער פרעמדער.

מען איז שוין אים דערנאָך דערגאַנגען די יאָרן, כדי ער זאָל זיך וואָס פריער אָפּטראָגן פון טאָמאשאָוו. מען האָט שוין אויסגעפונען די אכסניא, וווּ ער איז איינגעשטאַנען, און מקנא זיין אים האָט מען שוין מער נישט געדאַרפט.

ביינאַכט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין אַכסניא אַ חסיד, און האָט אָנגעגאָסן זיינע שטיוול מיט וואַסער. דערנאָך איז אַריינגעפאַלן אין איין

אָטעם ר׳ הערש טאָמאשאָווער מיט א געוואלד, אז דער רבי דארף אים זייער נויטיק האָבן, ער זאָל זיך גלייך אָנטון. און אינדערפרי אין בית המדרש האָט זיך צו אים ווידער גענומען חיים ברוך סטריקאָווער, וועלכער איז געווען א גרויסער חריף, האָט אָבער געהאט א פראָסטן פארגרעבטן אויסזען, אז מען האָט געקאָנט מיינען, אז ער קאָן קוים אָפשעפּטשען א דאווענען.

חיים ברוך איז צוגעגאנגען צו דעם דאָזיקן „פרעמדן חסיד״ און האָט אים תמעוואטע געפרעגט פשט אין א משנה. דער „פרעמדער חסיד״ האָט געמיינט, אז ער האָט דאָ צו טון מיט א בור און האָט זיך געוואָלט אָפּטשעפּען פון אים, אָבער חיים ברוך איז צוגעשטאנען צו אים, פרעגנ־דיק כסדר איין קשיא נאָך דער צווייטער, און צווישן די פארשידענע נארישע קשיות האָט ער אויך אריינגעוואָרפן א קשיא פון א מהרש״א.

דערווייל האָט זיך ארומגעקליבן א קרענצל יידן, וועלכע האָבן ניי־געריק צוגעקוקט, ווי דער „פרעמדער חסיד״ מאטערט זיך נעבעך צו געבן צו פארשטיין אזא לייכטע זאך. אָבער חיים ברוך האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן. רק ער האָט געשאָטן מיט קשיות און דערביי דורכגעוואָרפן סברות פון ראשונים, און די חסידים ארום האָבן געקייכט פון געלעכטער, ביז דער פרעמדער חסיד האָט דערזען, אז ער האָט דאָ צו טון נישט מיט אזא גרויסן עם־הארץ ווי אים האָט זיך אויסגעדוכט. און דער סוף איז געווען, אז דער „פרעמדער חסיד״ איז שוין געבליבן שטיין פאר חיים ברוכן כעבדא קמאי מרא, ער האָט זיך שוין ביי חיים ברוכן געבעטן, ער זאָל אים זאָגן דעם פשט. דעמאָלט ערשט איז חיים ברוך ארויס מיט לשון און אויף אים ארויפגעפאלן: „נו, זעט איר שוין, אז ווען אפילו מען זיצט גאנצע טעג אן נעכט און מען טרינקט, קען מען נאָך אליץ מער פון דעם וואָס לערנט זיך אָן א פולן בויך. איר ווילט וויסן דעם אמתן פשט פון דער משנה? — גיט אויף משקה!״

און דער „פרעמדער חסיד״ האָט געהאט א ברירה: אָדער געבן כסדר „תיקון״, אָדער באלד פארלאָזן טאָמאשאָוו; ווייטער אזוי פארר־בלייבן האָט ער שוין נישט געקאָנט.

מיט דער צייט איז די „חברותא״ געוואקסן, און זיי האָבן שוין מער נישט געקאָנט לעבן פון דעם בלויזן „תיקון״, וואָס זיי האָבן גענומען

ביי די „פרעמדע" חסידים. עם האָט שוין גאָר אָפּט געטראָפן, אַז די חסידים האָבן גאַנצע טעג געפאַסט תעניתים, קיין לעפל וואַרעמס איז אין זייער מויל נישט אַריינגעקומען.

איז מען געוואָרן זייער באַזאָרגט. ר' מרדכי יוסף איזשביצער האָט איינגעזען, אַז מען מוז אָנהויבן אַרבעטן, כדי צו פאַרדינען אויף חיונה, כדי די בשותפותדיקע קיך, וואָס זיי האָבן געפירט, זאָל זיך נישט מער דאַרפן אויסהאַלטן פון כאַפּן אַ „תיקון" ביי אַ פרעמדן חסיד, נאָר פון דעם וואָס מען וועט אַליין פאַרדינען אויפן לעבן.

גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז די קהלה אין טאָמאַשאָוו האָט געוואָלט אויסבויען אַ געמויערטע שול, האָבן די „אמתע חסידים" אויסגעפועלט, אַז מען זאָל איבערגעבן זיי דעם בנין, זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט פון וואַרשע יידישע בעלי־מלאכות, מויערערס און סטאָליאַרעס, און די חסידים זענען געוואָרן די פשוטע פועלים.

בערל חסיד, ר' הערש טאָמאַשאָווער און ר' מרדכי יוסף איזשביצער זענען געווען די משגיחים. זיי האָבן יעדן טאָג אַרויסגעשיקט אַ פּאָר מנינים חסידים פון דער „חבריא" צו דעם בנין, און פאַרנאַכט, ווען די פועלים האָבן געבראַכט זייערע שכירות אין דער בשותפותדיקער קיך אַריין, האָט מען גלייך געשיקט קויפן קאַרטאָפל מיט בעבלעך, און פאַרן איבעריקן געלט האָט מען געבראַכט משקה.

די „חבריא־קדישא" האָט דעמאָלט, בעת זיי האָבן געבויט די שול, געלעבט אינגאַנצן אַנדערש פון די איבעריקע טאָמאַשאָווער חסידים. אחוץ דעם וואָס זיי האָבן געאַרבעט צוזאַמען, געגעסן צוזאַמען, זיך געטיילט מיט אַלץ און אַלעמען, האָבן זיי אויך געמאַכט אַ תקנה, אַז מען זאָל זיך טיילן גלייך אויף גלייך מיט די מצוות און עבירות.

יעדן ביינאַכט נאָך דער וועטשערע פלעגן זיך פאַרקלייבן די גאַנ־שאַרפע חסידים פון דער „חבריא־קדישא". איינער פלעגט פאַרן אַנדערן דערציילן אַלץ וואָס ער האָט אָפּגעטון אין משך פונעם טאָג. האָט זיך אימיצן אויסגעדאַכט, אַז ער האָט געהאַט אַ הרהור־עבירה, פלעגן אַלע צוזאַמען פאַר אים תשובה טאָן.

עס פלעגט זיך אויך אָפּטמאָל טרעפן, אַז אינמיטן דער וועטשערע, שפּעט ביינאַכט, איז דער רבי ר' מענדעלע פלוצלינג אַריינגעקומען אין

דער שאַפע, ער האָט זיך גלייך געזעצט צום טיש, דאָרט ווו ער האָט גע־פונען א פריי אָרט און טאקע דאָרטן איז באלד געוואָרן דער אויבנאָן.

דער רבי האָט געגעבן א כאַפּ־אָן דעם ערשטן חסיד, וואָס איז געזעסן לעבן אים און אים א פרעג געטון:

— וואָס האָסטו היינט געטון?

דער חסיד, וועלכער איז נאָך געגאַנגען אין די ארבעטס מלבושים, מיט דער לאַנגער, פארקאלכטער קאַפּאָטע, האָט הכנעהדיק געענטפערט.

— כ'האָב היינט געארבעט ביים בויען די שול.

— כ'פרעג דיך נישט, שוטה איינער, — האָט דער רבי אים געגעבן א טרייסל ביי די לאַצן פון זיין קאַפּאָטע, — וואָס דו האָסט געטון פאר דיין גוף, נאָר וואָס דו האָסט אויפגעטון כדי מקרב צו זיין די גאולה. א מענטש קאָן נישט זיין קיין עומד, אָדער א יורד אָדער אָן עולה, מען מוז שטייגן וואָס א טאָג אַלץ העכער און העכער, אז נישט פאַלט מען מיט איינמאָל אראָפּ אינעם שאול תחתית אריין!...

די חסידים זענען געבליבן שטיל און קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. דער רבי האָט זיי אַלע אָנגעקוקט מיט א ווילדן ברע־נענדיקן בליק און גערעדט צו זיך אליין מיט פייער:

— צו וואָס אַזויפיל חסידים? ווער דאַרף זיי? מיר דאַרפן דאָך נאָר איין מנין יידן, נאָר צען יידן גיט מיר, אָבער זיי דאַרפן זיין אַזוינע יידן, וואָס זאָלן לעבצן מיט אַלע זייערע אברים נאָך דער גאולה. ביי מתן תורה איז געווען „ההר בוער באש עד לב השמים" (און דער בארג האָט געברענט מיט פייער ביזן הארצן פון הימל, דברים, ד' י"א). איז דער פשט: דער בארג האָט געפלאַקערט אין פייער, ביז דאָס הארץ איז געוואָרן הימלדיק, אַזוי מוזן מיר די וועלט צעפלאַקערן אין איין ליכטיקן הימל, דעמאָלט ערשט וועט די וועלט זיין וועלט.

די חסידים האָבן מורא געהאַט א וואָרט זיך אָנצורופן, נאָר ר' הערש טאָמאשאָווער האָט זיך איינגעשטעלט און געפרעגט:

— אָבער, רבי, ווי אַזוי קומט מען צו אזא מדרגה?

— אויב מען וויל האָבן א וועלט אָן אויסגעוויילטע, מוז מען די אויגן פארמאכן, מען זאָל גאָר נישט זען, נאָר דעם אור של משיח!...

— און וואָס דאַרפֿן מיר טון? — האָט בערל חסיד געפֿרעגט, וועלכער איז שוין געווען אַ היבש ביסל בגילופֿנדיק.

— נישט דיך און נישט דיך — האָט דער רבי אָנגעוויזן אויף בערל חסיד און אויף ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער, וועלכער איז געזעסן — מיין איך, נאָר זעסט דאָרט אין דער זייט זיצן זלמן אַמשעגאָווער? הערסט זיינע קרעכצן, ווי ער שרייט „אוי״ און „מרא דעלמא כולא״? מיינט איר דאָך, אַז ער קרעכצט אויף גלות השכינה? און ער אַליין מיינט עס אפשר אין פלוג אויך אַזוי, אָבער איך קאָן אייך זאָגן, אַז כ׳ווייס בעסער וואָס ס׳טוט זיך ביי אים אין האַרצן, ווי ער אַליין, און איך ווייס, אַז אין זיין נקודה הפּנימית פֿונעם לב, אין זיין אינווייניקסטן פּינטל פֿון האַרץ, מיינט ער נאָר זיין ווייב און קינדער!... ער שרייט „אוי״ וואָס די וועלט איז אין גלות און האָט אינזינען, וואָס ער איז נישט אין דער היים, ביי זיין ווייב און קינדער און אַזוי טראַכט איר אפשר אַלע דאָ; איר קאָנט פּאָרט נישט אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך מיט איינמאָל דעם גאַנצן חומר.

די חסידים האָבן אַלע אָנגעהויבן צו קוקן אויפֿן ווינקל, וווּ זלמן אַמשעגאָווער איז געזעסן און זלמן אַליין האָט זיך גלייך אויפֿגעהויבן פֿונעם אָרט און איז מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ און פֿאַרווייַנטע אויגן צוגעגאַנגען צום רבין.

די חסידים האָבן דערנאָך שעהן לאַנג אַריינגעטייטשט יעדעס וואָרט, וואָס דער רבי האָט געזאָגט, האָבן מדקדק געווען אין יעדער תנועה, וואָס דער רבי האָט געמאַכט און פֿאַרטאָג ערשט, איז מען פֿאַרקראָכן אויפֿן בוידעם פֿון דער שאָפּע, זיך אַביסל צוגעלייגט, כדי צו קאָנען מאָרגן ווייטער אַרבעטן.

דער שם, אַז די טאָמאַשאָווער חסידים בויען אַליין אַ שול, האָט זיך צעשפּרייט איבער די אַרומיקע שטעטלעך פֿון טאָמאַשאָוו. אין יעדן שטעטל זענען געווען אַ פּאָר „לעבעדיקע אַלמנות״, וואָס זייערע מענער האָבן זיך געפֿונען שוין אַ היבשע צייט אין טאָמאַשאָוו. דאָס געוואַלט איז געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ביז איינמאָל האָבן זיך צונויפֿגענומען אַ פּאָר מניינים יידן פֿון פֿאַרשידענע שטעטלעך און זענען אַריינגעפֿאָרן קיין טאָמאַשאָוו אָפּנעמען זייערע זין און איי־

דעמס. עס זענען מיט זיי מיטגעפאָרן די פאַרלאָזטע יונגע ווייבלעך. זיי זענען אין טאָמאַשאָוו אַלע גלייך אריין אין דער שאָפּע.

די בהלה אין טאָמאַשאָוו איז דעמאָלט געווען אין לשער. א סך מענער האָבן בכלל מער נישט געוואָלט ווינען מיט זייערע ווייבער, טאָמאַשאָוו איז פאר זיי געווען א מקום־מקלט. א טייל, ווידער, האָבן זיך געהאט אינגאנצן אָפּגעווינט פון האָבן אן עול אויף זיך.

די יידן האָבן אָבער אָנגעהויבן צו סטראַשען, אַז זיי וועלן אוועק־שרייבן א פּאַסקוויל צום מלכות, זיי האָבן שוין אפילו מיט זיך מיט־געבראַכט א שריפט, וואָס זיי האָבן אָנגעגרייט אוועקצושיקן, אויב מען וועט זיי נישט צוריקגעבן זייערע קינדער.

א סך פון די „אמתע חסידים" זענען אַנטלאָפן אין די דערבייַ־איקע דערפער אריין, א סך האָבן זיך באַהאַלטן אויף די בוידעמער, אבי נישט אהיימצופאָרן.

דער רבי׳ ר׳ מענדעלע אליין האָט גאָר נישט געוווּסט, וואָס אין שטעטל טוט זיך אָפּ. איינמאָל האָט ער אפילו יאָ געהערט א געשריי אין דער שאָפּע, האָט אים ר׳ הערש טאָמאַשאָווער בארויקט, אַז עס זענען אָנגעקומען יידן, וועלכע ווילן זיך פּראָווען ביים רבין אויף פאַרשידענע חולאתן און ער לאָזט זיי צום רבין נישט צו.

האָט דער רבי דערפון זייער הנאה געהאט. אין דער אמתן האָבן די יידן זיך טאַקע געוואָלט אריינרייסן אינעם רבינס חדר־מיוחד אריין, נאָר ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער און ר׳ הירש טאָמאַשאָווער האָבן זיי אָפּגע־האַלטן דערפון. מען האָט זיי צוגעזאָגט, אַז מען וועט פּועלן ביי די יונגע־לייטלעך, זיי זאָלן צוריק אהיים פאָרן.

א פּאָר טעג האָבן די פרעמדע יידן מיט זייערע טעכטער און שנירן בסדר באַלאַגערט די שאָפּע. צו זיי זענען אויך צוגעשטאַנען די וואָרקער חסידים, וועלכע האָבן געוואוינט אין טאָמאַשאָוו. און כאָטש ר׳ הערש טאָמאַשאָווער און ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער האָבן געטון אַלע תחבולות, אַז צום רבין זאָל עס נישט צוקומען, האָט זיך דער רבי דאָך דערוווּסט דערפון. און כדי אויסצומיידן ווייטערדיקע מחלוקתן, האָט דער רבי ר׳ מענדעלע גלייך פאַרלאָזט טאָמאַשאָוו און זיך באַזעצט אין קאָצק.

יז

אינטריגעס אין קאָצקער הויף

געמיינט האָט דער רבי ר' מענדעלע, אז אין קאָצק וועט ער שוין האָבן מנוחה פון זיינע קעגנער און פון זיינע אייגענע חסידים. אָבער גראד דאָס, וואָס קאָצק איז געווען נאָענט צו ווארשע, האָט גורם געווען, אז זיינע חסידים האָבן זיך כסדר געמערט, און דער רבי ר' מענדעלע האָט דערפאר באשלאָסן, מער קיין סך נישט עוסק צו זיין. מיט די פשוטע חסידים, נאָר מיט די „געהויבענע".

אָבער, וויפל ר' מענדעלע קאָצקער האָט נישט אָנגעזאָגט זיינע חסידים, זיי זאָלן אים נישט פארדרייען דעם קאָפּ וועגן באווייזן זיי מופתים, האָבן זיך דאָך געפונען צווישן די חסידים אזעלכע, וואָס האָבן אריינגעשריבן אין די קוויטלעך פארשידענע גשמיותדיקע בקשות, איינער האָט א קראנק ווייב, דער צווייטער האָט זיך באקלאָגט אויף דער שלעכ־טער פרנסה, און אָט די דאָזיקע בקשות האָט דער קאָצקער רבי נישט געקאָנט סובל זיין.

— איטשע מאיר — האָט דער קאָצקער אמאָל געזאָגט אין א שמועס צום ווארשעווער גאון, — צי דערויף האָב איך געארבעט, כדי איך זאָל ווערן פאר זיי א מכשף? נאָר נסים באווייז זיי, ווער פאר זיי א זנאכער, א קונצנמאכער, און זיי ווייסן נישט, אז יעדער נס, וואָס גע־שעט מיט אונדז, ווערט פארצייכנט אין א באזונדער ספר און לעתיד־לבוא, ווען משיח וועט קומען, וועט מען עפענען דעם ספר הנסים און מען וועט דערזען, אז יעדער רגע איז מיט דער גאנצער וועלט געשען א נס, אז אלץ האלט זיך נאָר אויף נסים, אָבער זיי פארשטייען דאָס אלץ נישט און ווילן אזוינע נסים נישט דערזען!...

אויך די מחלוקה צווישן די וואָרקער און די קאָצקער חסידים האָט זיך וואָס אמאָל אלץ מער און מער פארשארפט און הגם דער וואָרקער רבי האָט געלעבט בשלום מיט דעם קאָצקער רבין און ער פלעגט אפילו יעדער יאָר קומען אויף א שבת קיין קאָצק, האָט עס אָבער גאָרנישט גע־

שטערט, אַז די מחלוקה צווישן די חסידים פון ביידע צדדים, זאָל ווערן מיט יעדן יאָר אַלץ שאַרפער.

איינמאָל, ווען דער רבי ר׳ יצחק וואָרקער איז געקומען אויף שבת קיין קאָצק, האָט ער געהאַט א שאַרפן שמועס מיטן קאָצקער רבין.

דער וואָרקער רבי האָט. וואָס אמאָל אַלץ מער פאַרטיפט זיין שיטה אין חסידות, צו זיין אן אוהב ישראל און גיין אינעם דרך פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער. ער האָט דעריבער נישט געקאָנט מסכים זיין מיט דער שיטה פון רבין ר׳ מענדעלע קאָצקער, וואָס האָט אַלץ געשטעלט אויפן שפּיץ מעסער און אַלץ האָט געמוזט זיין שאַרף ווי א חלף.

— ווייסט איר, ר׳ מענדעלע, — האָט דער וואָרקער רבי געזאָגט אין א שמועס מיטן קאָצקער רבין — א רבי דאַרף זיין ווי א בעל־עגלה, דער בעל־עגלה פאָרט טאָקע פון קאָצק קיין וואַרשע, נאָר דער דרך העולם איז, אַז ווען ער טרעפט אויפן וועג א גייער, וואָס פאָרט פון איין קרעטשמע אין דער צווייטער אריין, נעמט ער אים אויך אויף. דער בעל־עגלה שטעלט זיך נאָר אָפּ אויף א ווײַלע ביי דער קרעטשמע, לאָזט אַראָפּ פון וואָגן דעם גייער, גיט א שטאַרקן שמייס די פערד און פאָרט ווייטער! דאָס זעלבע איז אויך מיטן רבין — האָט דער וואָרקער רבי פאַרענדיקט — ער דאַרף טאָקע נישט פאַרגעסן צו דערפאָרן ביז צו דער לעצטער סטאַנציע, אָבער ער דאַרף קאָנען אויפנעמען אויפן וועג פאַרשידענע יידן...

אָבער דער רבי ר׳ מענדעלע איז אָבער געווען מער פאַרנומען מיט זיך און ער האָט געענטפערט:

— א ייד מוז קאָנען צוערשט זאָגן „אלהי אָבי וארממנהו"... (זה אלי ואנוהו, אלהי אבי וארממנהו", דאָס איז מיין גאָט און איך וועל אים באַשיינען: דער גאָט פון מיין פאָטער, איך וועל אים דערהייבן, שמות ט"ו, ב׳), דער ייד מוז מיט זיין אייגענעם דעת קומען צו דער דאָזיקער בחינה, אַז דאָס איז אלהי אבי... כדי ער זאָל אַליין קאָנען זאָגן: „זה אלי" דאָס איז מיין גאָט, קיין שום צוהעלפן וועט דאָ גאָר נישט פועלן!...

דערציילן אַלטע חסידים, אַז ביי אט דעם דאָזיקן שמועס זענען

שארפע קאָצקער חסידים געשטאַנען אין די פענסטער פון בית המדרש און האָבן אריינגעשריגן מיט לצנות: „שווארצער יצחק!"...

זיי, די קאָצקער חסידים, האָבן זיך גאָר נישט גערעכנט דערמיט, וואָס די צוויי רבנים לעבן צווישן זיך בשלום, פאר זיי איז גענוג געווען דאָס, וואָס דער וואָרקער רבי ווערט נישט קיין תלמיד פון קאָצקער רבין און גייט נישט אין זיין שיטה, כדי זיי זאָלן אים מבטל זיין און פון אים אָפּחוזקן.

און איז אמאָל שווער קראַנק געוואָרן דעם קאָצקער רבינס ווייב גליקע, האָט דער קאָצקער זי געשיקט קיין וואָרקע. איז זי דאָרט געווען ביים וואָרקער רבין איבער זעקס וואָכן, דער קאָצקער רבי איז דעמאָלט אויך געקומען אויף שבת קיין וואָרקע, דערציילן חסידים, אז שבת־צו־נאַכטס, נאָך הבדלה, זאָגט דער וואָרקער רבי צום קאָצקער רבין:

— דעם שבת זענען געווען קאָצקער חסידים צוזאַמען מיט וואָרקער חסידים און מען האָט זיך נישט געקריגט, דאָס זענען שוין סימנים, אז זיי וועלן מיט דער צייט מאַכן שלום.

— שלעכט, זייער שלעכט! — האָט דער קאָצקער דערויף געקרעכצט — איך האָב מורא, אז דאָס קאַפּעטשקעלע אמת, וואָס איז נאָך געווען ביי מיינע חסידים, וועט שוין אויך דערטרונקען ווערן אין דעם גרויסן שקר!...

אָבער די שרעק פונעם קאָצקער רבין איז דעמאָלט געווען נאָך פריי־צייטיק, ווייל די מחלוקתן צווישן די וואָרקער און קאָצקער חסידים האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן צו צעפלאַקערן. דאָס וואָס די קאָצקער חסידים האָבן דעם איינציקן שבת זיך פארהאַלטן אביסל רואיקער, איז געווען נאָר דער־פאר, ווייל זיי האָבן זיך נישט געוואָלט טשעפּען מיט די וואָרקער חסידים אין וואָרקע גופא, בעת דער קאָצקער רבי געפינט זיך דאָרט. וואָרום אזוי שנעל ווי דער קאָצקער איז אָפּגעפאָרן פון וואָרקע, איז גלייך אין א קרעטש־מע הינטער דער שטאָט אויסגעבראָכן א געשלעג צווישן די קאָצקער און וואָרקער חסידים. האָט דעמאָלט דער קאָצקער רבי אָנגעכאַפּט א וואָרקער חסיד און אים געפרעגט: „וואָס איז דאָס גדלות מיט דיר? דו ביסט א תמים? ווייסט פארוואָס עס שטייט אין דער תורה „תמים תהיה עם הד'" (דברים י"ח, י"ג) מיט א „ת' רבתא", מיט א גרויסער „ת" אין תמים? כדי אלע יידן זאָלן קאָנען אריינגיין אין דעם דאָזיקן „ת" פון תמים, א חוץ

א בעל גאווה, וואָס קאָן דאָרטן נישט אריין, ווייל ער האלט זיך דאָך נאָך גרעסער!"...

* * *

די קאָצקער רביצין איז נאָך א פּאָר וואָכן קראַנק זיין געשטאָרבן, און דער קאָצקער רבי איז געוואָרן אן אלמן.

פון פארשידענע זייטן האָט מען דעם רבי'ן אָנגעהויבן צו רעדן שדוכים. אָבער שווארצע וואָלקנס האָבן אָנגעהויבן צו פארדעקן דעם קאָצקער הימל און דער קאָצקער רבי וואָלט שוין זיכער מער נישט געוועזן חתונה געהאט, ווען נישט, וואָס די „הויף־לייט" האָבן באשלאָסן, אז דער רבי מוז נאָכאמאָל חתונה האָבן. באזונדערס האָט זיך פארלייגט ר' איטשע מאיר'ל, אז דער רבי זאָל נעמען זיין שוועגערין, ר' משה חלפנס טאָכטער פאר א ווייב.

דער קאָצקער רבי האָט אָבער גאָר נישט געוואוסט וואָס די „הויף־לייט" פּלאַנעווען וועגן אים הינטער זיינע פּלייצעס, ער איז געזעסן גאנצע טעג אָפּגעשלאָסן אין זיין חדר־המיוחד און ווען ער איז צו א מנחה־מעריב אריינגעקומען אין בית־המדרש אריין, איז ער געווען זייער פארמרה־שחורהט, אזוי אז מען האָט געזען, אז שווערע רעיונות מאטערן זיין מוח. ער האָט געזאָגט אזעלכע שארפע תורות, אז די גאָר געהויבענע חסידים האָבן מורא געהאט, אז די פּשוטע חסידים זאָלן זיך דערוויסן דערפון, און זיי פלעגן די יונגעלייטלעך אוועקשטופּן פון רבין.

— וואָס איז דער פּשט „ויאהב יעקב את רחל" (און יעקב האָט ליב געהאט רחלען, בראשית כ"ט, י"ח), — האָט דער קאָצקער אמאָל אָנגעהויבן זיין שמועס — יעקב האָט ליב געהאט רחלען, האָט ער דען רחלען ליב געהאט? — האָט דער קאָצקער זיך געמאטערט איבערן פּשט — ער האָט דאָך נאָר ז י ך א ל יי ן ליב געהאט, וואָרום, ווען איך זאָג, אז כ'האָב ליב העכט, האָב איך דען דעם העכט ליב? איך האָב ליב זיך אליין, טאָ וואָס דערציילט מיר די תורה, אז יעקב האָט ליב געהאט רחלען? איך האָב דאָך ליב זיך אליין און אלץ טו איך צוליב זיך!...

און ער האָט שוין ווייטער געפלאָכטן דעם געדאנק:

— טאָ וואָס איז ווידער דער טייטש פון „ואהבת את ד׳ אלהיך״? אז מען האָט ליב גאָט, האָט מען טאָקע ליב גאָט, צי אויך זיך אליין? און וואָס איז פאַרט דער חילוק צווישן „ויאהב יעקב את רחל״ און צווישן „ואהבת את ד׳ אלהיך״? (און זאָלסט ליב האָבן גאָט דיין גאָט, דברים ו׳, ה׳.) וואָס איז דער אונטערשייד צווישן „אהבה בין אדם לחברו״ און „אהבה בין אדם למקום״ די ליבשאַפט צווישן מענטש און מענטש און צווישן מענטש און גאָט?

אָט די אַלע שאַרפע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אינעם קאָצקער רבינס מוח, האָבן דאַרט אָנגעהויבן צו עגבערן און בויערן וואָס אמאָל אַלץ טיפער און טיפער...

די „הויף־לייט״ האָבן געוואָלט דעם רבין אָפּציען פון אַזעלכע שווערע מחשבותן, זיי האָבן דערפילט, אַז אַזעלכע רעיונות וועלן נאָך דעם רבין דערפירן צו התבודדות, אינגאַנצן זיך אָפּזונדערן פון דער וועלט, זיי האָבן געהאָפט, אַז דערמיט, וואָס דער רבי וועט חתונה האָבן מיט דער שוועגערין פון ר׳ איטשע מאירלען, וועלכע האָט, אגב, געשמט פאַר אַ גע־וואַלדיקע חכמת, וועט ער זיך צוריק באַהעפטן מיט די חסידים.

אָבער נישט אַלע שאַרפע חסידים האָבן מסכים געווען דערצו, אַז דער קאָצקער רבי זאָל ווערן ר׳ איטשע מאירלס שוואָגער. זיי האָבן געוואָלט, אַז דער רבי זאָל נאָכאַמאָל חתונה האָבן, אָבער נישט מיט ר׳ איטשע מאירלס שוועגערין, זיי האָבן נישט געוואָלט, אַז ר׳ איטשע מאירל זאָל באַקומען אַ גרויסע השפעה אויפן הויף.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן אינטריגעס אינעם קאָצקער הויף, ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער האָט זיך אָנגעהויבן צו בונטעווען קעגן ר׳ איטשע מאירלען. ער האָט געזוכט תחבולות, אַז דער רבי זאָל ווערן זיינס אַ קרוב. ער האָט גערעדט אַ שידוך דעם רבין מיט זיינס אַ געשוועסטער־קינד, אַן אלמנה.

דעם קאָצקער רבין איז דעמאָלט געווען אַ קליינע נפקא־מינה די גאַנצע זאַך, ווער עס וועט ווערן זיין ווייב, ער האָט דעמאָלט מער גע־שוועבט אין די עולמות העליונים. די „הויף־מענטשן״ האָבן נישט צוגע־לאָזן, אַז דער קאָצקער רבי זאָל ווערן אַ קרוב פון ר׳ מרדכי יוסף איזשבי־צער. און ווען ר׳ מרדכי יוסף האָט איינמאָל ביינאַכט ביי אַן אסיפה פון

די „הויף־מענטשן" דערציילט, אז ער וויל רעדן דעם רבין א שידוך מיט זיינע א קרובה, אן אלמנה, האָט ר' הערש טאָמאשאָווער, דער „לייב־מענטש" פונעם קאָצקער רבין, זיך אָנגערופן:

— אונדזער רבי איז בבחינת כהן־גדול, און א כהן גדול טאָר נישט נעמען קיין אלמנה!...

און אלטע חסידים האָבן דערציילט ביי דער אסיפה, אז ווען ר' משה חלפנס ווייב איז אמאָל געווען מיט איר טאָכטער חיה ביים רבין ר' בונם אין פשיסכע, האָט דער רבי ר' בונם שוין דעמאָלט, בשעתן לייענען דאָס קוויטל געזאָגט:

— פאַר חיהן ביז איך שוין אויסגעזאָרגט, פאַר איר זענען אָפן אַלע זיבן הימלען! זי וועט האָבן א תלמיד חכם, א צדיק און אויך גוטע קינדער".

און די חסידים האָבן געלערנט פשט, אז דער פשיסכער רבי האָט דעמאָלט דערמיט זיכער געמיינט דעם קאָצקער רבין.

עס האָבן זיך געשאָפן צווישן די שאַרפע חסידים צוויי „פּאַרטייען" אינעם קאָצקער הויף: די איזשביצער מיט ר' מרדכי יוספן בראש און די וואַרשעווער מיט ר' איטשע מאירלען בראש. שוין דעמאָלט, ווען מען האָט געזען אז דער קאָצקער רבי דערווייטערט זיך וואָס אמאָל מער פון די חסידים, האָט ר' מרדכי יוסף איזשביצער אָנגעהויבן צו לערנען „מדרש" אין קאָצק מיט אן עולם חסידים און ר' איטשע מאירל — א שיעור גמרא.

דאָס שטילע אמפערניש אינעם קאָצקער הויף איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אז ר' איטשע מאירל האָט זיך געווענדט צום וואָרקער רבין, ער זאָל אים בייהילפיק זיין אין דעם ענין און ער זאָל משפיע זיין אויפן קאָצקער רבין, ער זאָל זיך משדך זיין מיט זיין שוועגערין.

און פלוצלינג האָט דער קאָצקער רבי באַקומען א בריוו פון וואָרקער רבין, וווּ ער שרייבט אים:

„החיים והשלום וכל טוב לכבוד הרב הקדוש המפורסם וכו' כקש"ת מ' מנחם מענדל נ"י שיחי' לאוי"ט.

„הנה שמחתי בכבוד המשלוח הטוב להתוודע משלום כבוד מעלות קדושתו וב"ב שיחי' לאוי"ט".

„השי״ת יוסיף לו כוח ועוז להתחזק ולהתאמץ בשמחה ובטחון בזכות תפלות רבותינו הקדושים זצ״ל״.

„והנה אני מסרתי עצתי אשר אני שוקד לטובתו, היינו שיסע ידידי כבוד המוכ״ז נ״י לווארשי לגמור הנכבדות הידוע אשר כפי המובן פשוט וטוב, כאשר יספר בעל פה, הכל לנכון״.

„השי״ת יהי׳ בעזרתו להצלחה טובה לגמור למז״ט ולישועה וברכה לכולנו עם כל בני ביתו והנלווים לטובה ונכתב ונחתם לחיים טובים ולשלום בכלל ישראל״.

„דברי ידידו אוהב נפשו בלונ״ד המצפה לישועתו לכל הימים, הק׳ יצחק במוהר״ש ז״ל בק׳ וואָרקי״.

(איך האָב מיך זייער געפרייט מיט דעם גוטן גרוס וועגן זיין געזונט און דעם געזונט פון זיין בני־בית. גאָט זאָל אים מערן כוח און שטאַרקייט, ער זאָל זיך מתחזק זיין מיט שמחה, און בטחון אין זכות פון די תפילות פון אונדזערע הייליקע רביים. איך האָב איבערגעגעבן מיין עצה, וואָס מיין מיין איז צום גוטן, אז דער איבערברענגער פון דעם בריוו זאָל אריינפאָרן קיין וואַרשע און זאָל ענדיקן די באַוווּסטע זאַך, וועלכע איז זייער פּאַסיק און גוט אזוי ווי דער איבערברענגער וועט שוין אַלץ דערציילן בעל־פה. גאָט זאָל אים זיין צו הילף, אז ער זאָל ענדיקן דעם שידוך מיט מזל און עס זאָל זיין פיל גוטס פאר זיין גאַנץ הויזגעזינד און אלע וואָס זענען באַהאָפטן אין אים).

דאן קומט א צושריפט, א גרוס צום קאָצקער רבינס זון ר׳ דודלען, דעם שפּעטערדיקן קאָצקער רבין און א גרוס פאר אלע ידידים און גוטע פריינט און ער בעט צו שטעלן פאר אים שבת גוטן ווין ביים טיש און אים צו דערמאָנען צום גוטן.

דער משולח פון דעם בריוו איז וויזט אויס געווען ר׳ הערש טאָמאַ־שאָווער און דער דאָזיקער בריוו האָט איבערגעוויגן די וואָג־שאָל, ווייל ווען די אָנהענגער פון ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער האָבן דערזען, אז דער קאָצקער רבי האָט באַקומען א בריוו פון וואָרקער רבין, האָבן זיי אָנגע־שטעלט דעם קאָצקער רבינס זון, ר׳ דודלען, ער זאָל משפיע זיין אויפן פאָטער, ער זאָל מער נישט חתונה האָבן. אָבער קיינער האָט מער גאָרנישט

געקאָנט פּועלן ביים קאָצקער רבין. אזוי ווי ער האָט נאָר באקומען דעם בריוו פון זיין גוטן פריינט, דעם וואָרקער רבין, האָט ער געהייסן ר׳ הערש טאָמאשאָווער תיכף אריינפאָרן קיין ווארשע אָנקוקן די כלה, זען צי זי האָט נישט קיין מום און אָפּשמועסן דעם זמן־החתונה.

אזוי ארום האָט ר׳ איטשע מאירל אָפּגעהאַלטן א זיג איבער ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער.

פאר גרויס שמחה האָבן די שארפע קאָצקער חסידים שבת־צו־נאכט געמאכט א גרויסע מלוה מלכה. בראָנפן איז געווען ביליק, א קווארטירל א זעקסער, דערצו איז נאָך געווען אין קאָצק אויף שבת שמואל נאשעלסקער, האָט ער געהייסן מאכן די גאנצע מלוה־מלכה אויף זיין קאָסט.

האָט מען טאקע געמאכט א מלוה מלכה „כסעודת שלמה בשעתו״, מען האָט געהוליעט א גאנצע נאכט.

ווען די חסידים זענען געוואָרן שטארק „געהויבן״, האָט זיך אָנגע־רופן ר׳ הערש טאָמאשאָווער: „דער רבי האָט אמאָל געפרעגט א חסיד, פארוואָס טרינקט מען בראָנפן ביי יעדער דבר מצווה?

„האָט א חסיד געענטפערט, ווייל מען מאכט אויף בראָנפן א ברכה „שהכל נהיה בדברו״ (אלץ איז פון גאָט באשאפן דורך זיינע רייד).

„האָט דער רבי צוריק געפרעגט, קאָן מען דאָך טרינקען פּראָסטע וואסער?

„האָט דער חסיד נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

„נאָר — האָט דער רבי אליין פארענדיקט די קשיא, — אז מען גע־דענקט טאקע כסדר, אז אלץ איז פון השי״ת, — איז מען ווערט א טרונק בראָנפן!״...

און ר׳ שמואל נאשעלסקער האָט ווידער געעפנט דעם טייסטער און האָט ווידער אמאָל געשיקט נאָך משקה.

ערשט פארטאָג האָבן די חסידים ארויסבאגלייט ר׳ הערש טאָמאשאָ־ווערן וואָס איז געפאָרן קיין ווארשע אָנקוקן די כלה פארן רבין.

יח

דער קאָצקער רבי פאַרגעסט צו קומען צו זיין אייגענער חופּה

ר׳ הערש טאָמאַשאָווער איז אָנגעקומען קיין וואַרשע, אין שליחות פונעם קאָצקער רבין אָנקוקן די כלה, ר׳ איטשע מאירלס שווענערין, צי זי האָט נישט קיין מום, און צי זי איז ראוי צו זיין דעם רבינס ווייב.

דער שם, אַז דער קאָצקער רבי האָט זיך די לעצטע פאַר יאָר פּורש געווען פון דער וועלט, האָט שוין אויך געהאַט דערגרייכט צו דער כלה.

— איך וויל האָבן אַ מאַן גלייך מיט אַלעמען און אויפשטעלן אַ דור... און אויב כ׳וועל זיך דאַרפן פּדיונען ביי אַ רבין, וועל איך שיקן מיין מאַן זיך פּראַווען... איך וויל אויך האָבן אַ קינד! האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט.

איר שוועסטער, ר׳ איטשע מאירלס ווייב, האָט ביי איר געפּועלט, אַז זי זאָל אָפּוואַרטן מיטן געבן אַן ענטפער, ביז זי, ר׳ איטשע מאירלס ווייב, וועט אַריינפאָרן קיין קאָצק און אַליין איבעררעדן מיטן רבין, צי ער וויל בלויז חתונה האָבן, כדי מקיים צו זיין דעם מאמר אין דער גמרא: „כל יהודי שאין לו אשה אינו אדם" (יבמות ס"ג, א׳), צי ער מיינט טאַקע צו זיין אַן אמתער מאַן...

ר׳ איטשע מאירלס ווייב איז אַוועק צוזאַמען מיט איר מאַן קיין קאָצק, און הגם מען האָט קיינמאָל נישט אַריינגעלאָזט קיין ווייבער פּראַווען צום קאָצקער רבין, האָט אָבער דער משמש ר׳ הערש טאָמאַשאָווער דאָס מאָל געמאַכט אַן אויסנאַם, און זי איז צוגעלאָזט געוואָרן.

ר׳ איטשע מאירלס ווייב האָט דערציילט דעם רבין, אַז איר שוועסטער וויל דעם שדוך, „נאָר אַזוי ווי עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער רבי האָט זיך פּורש געווען פון אַלע גשמיותן, נאָכדעם ווי דער רבי האָט שוין אַ זון ר׳ דודלען, וויל די כלה, אַז דער רבי זאָל איר פריער צו־זאָגן, אַז זי וועט האָבן אַ קינד"...

דער קאָצקער רבי האָט איר גאָר נישט געענטפערט, ער איז די גאַנצע צייט, וואָס ר׳ איטשע מאירלס ווייב איז געווען אין שטוב, געשטאַנען

אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער וואנט. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן ארומ־צולויפן איבערן שטוב, די אויגן פארשטעלט מיט דער האנט, פארטיפט אין רעיונות. פלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי זיין משמש, ר׳ הערש טאָמאשאָווער, און צו אים א בייזן ברום געגעבן: „זאָל זי פאָרן צו א „זנאכער״, וועט זי וויסן, צי זי וועט האָבן א קינד! וואָס פארדרייט מען מיר דעם קאָפּ?... — האָט ער זיך אָנגעהויבן צו בייזערן אויף ר׳ הערש משמש, — פארוואָס לאָזט מען מיך נישט אליין, פארוואָס וויל מען מיך נאָר אראָפּציען צו די גשמיותדיקייטן?״...

אָבער ר׳ הערש משמש. איז גאָר נישט נתפעל געוואָרן פון קאָצקער רבינס דבורים און ער האָט געזאָגט צו ר׳ איטשע מאירלס ווייב אז: „אויב דער רבי זאָגט גאָר נישט ניין, איז שוין גוט: זיי וועלן מיט השם־יתברכם הילף האָבן קינדער!״

דער קאָצקער רבי האָט מער נישט געהערט, וואָס ר׳ הערש משמש האָט איר געענטפערט. ער האָט זיך צוריק פארמוחט און געשפּרייזט אויף און אָפּ איבער דער שטוב.

ר׳ איטשע מאירלס ווייב, האָט זיך אזש צעוויינט פאר פרייד, ווען זי האָט דערהערט דעם ענטפער פון ר׳ הערש משמש.

אז דער קאָצקער רבי האָט דערהערט איר געוויין, האָט ער צוגעגעבן: „טרערן פון שמחה... גאָר א גרויסע זאך... איך זאָג אייך צו, אז כ׳וועל די קינדער אליין פירן צו דער חופּה!״...

עס איז באלד געשריבן געוואָרן תנאים און אין א פּאָר וואָכן ארום איז שוין באשטימט געוואָרן דער זמן־החתונה.

פון אלע ווינקעלעך פון פּוילן איז מען זיך צונויפגעקומען אויף דער־חתונה פונעם קאָצקער רבין, אלע שארפע חסידים, צי אמתע תלמידים זענען געקומען צופאָרן. עס איז אויך געקומען מרדכי יוסף איזשביצער, כאָטש ער אליין האָט נישט געוואָלט, אז דער רבי זאָל חתונה האָבן מיט ר׳ איטשע מאירלס שוועגערין... בלויז דעם קאָצקער רבינס זון איז אוועק־געפאָרן אין א נעבנדיקער שטאָט אריין, ווייל ער האָט נישט געוואָלט זיין אויף דער חתונה פון זיין פאָטער.

די טויזנטער חסידים, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען אויף דער

חתונה, האָבן פון גרויס שמחה, נאָך מיט א פּאָר טעג פריער אָנגעהויבן צו טרינקען משקה און זיך משמח־צו־זיין.

די גרויסע נגידותטע. טעמערל פון ווארשע האָט מיטגעשיקט מיט די ווארשעווער חסידים א פּאָר פעסער וויין.

אַלע אכסניות אין קאָצק זענען געווען פול געפּאַקט מיט חסידים, אומעטום האָט מען געמאכט סעודהלעך, אין איין „גאָסטיניצע" איז איינגעשטאַנען ר' העניך פון אַלעקסאַנדער, און ער האָט געמאכט א סעודה פאר זיך. מען האָט זיך געגאָסן מיט משקה. אינמיטן טרינקען איז אריינגעקומען א ווארשעווער גביר, ר' שלום פרידמאַן, איז צו אים צו ר' העניך פון אַלעקסאַנדער און האָט פון אים פארלאַנגט „תיקון". דער גביר איז אָבער געווען א קמצן, האָט ער אינגאַנצן געגעבן א זעקסער. האָבן די חסידים אָנגעהויבן צו שרייען, מען זאָל איבער אים מקיים זיין דעם דין פון „כופין אותו עד שאומר רוצה אני" (מען זאָל אים נייטן ביז ער וועט זאָגן, איך וויל שוין), מען זאָל אים מאכן א „משכנתא", ביז ער וועט אליין געבן מער, אָבער ר' העניך האָט צו דעם נישט צוגעלאָזט, ער האָט צוגענומען דעם זעקסער און אליין צוגעלייגט פון זיין טאַש א זילבערנע מטבע, און מען האָט נאָכאַמאָל געשיקט נאָך משקה.

אז דער ווארשעווער גביר האָט זיך דערנאָך דערוווּסט, ווער עס האָט ביי אים געבעטן „תיקון", אז דאָס איז געווען ר' העניך פון אַלעקסאַנדער, האָט ער זייער חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך מיט אים געדונגען, אים געגעבן אזא קליינע מטבע, ער איז צוריק געלאָפן אויף דער אכסניה, וווּ ר' העניך איז איינגעשטאַנען און האָט זיך אָנגעהויבן צו בעטן, מען זאָל ביי אים נעמען א גרעסערן „תיקון", ווייל ער האָט נישט געוווּסט, ווער דער „מתקן" איז.

אָבער ר' העניך האָט מער נישט געוואָלט ביי אים נעמען געלט און האָט דערציילט די חסידים אזא מעשה:

„דער „ייד־הקדוש" איז, כידוע, געגאַנגען מיט ר' דודל לעלעווער אָפּריכטן „גלות" און צונויפנעמען נדבות פאר הכנסת־כלה.

איינמאָל זענען זיי אריינגעקומען אין א דאָרף צו א יידישן ארענדאַר און געבעטן א נדבה, דער ארענדאַר איז גראָד געווען א קאַרגער גביר, גיט ער א קוק אויפן „ייד־הקדוש" און טוט א זאָג: „דיר וויל איך נישט

געבן מער ווי א דרייער. אזא ייד ווי דו, וואָס איז געזונט קאָן גיין אַרבעטן, דער צווייטער וועט ביי מיר יאָ קריגן א שיינע נדבה.

די צוויי פאַרשטעלטע אורחים האָבן געהאַט גרויס צער, וואָס דער גביר האָט זיי מבייש געווען און זיי האָבן אינגאנצן מער נישט געוואָלט נעמען די נדבה. נאָך זייער אוועקגיין איז דער קארגער אַרענדאַר צופעליק געוואָר געוואָרן פון א דאָרף־ייד, וועלכער איז גראָד געווען אין דער קרעטשמע, ווער די אורחים זענען געווען. אז דער ייד, וואָס ער האָט געהייסן אַרבעטן, איז גאָר געווען דער „ייד־הקדוש", איז ער זיי נאָכגעלאָפן און זיי צוריק אַריינגעבעטן צו זיך אין שטוב אַריין. ער האָט זיי געוואָלט מפייס זיין, זיי איבערבעטן און זיי געבן שיינע נדבות, און צום „ייד־הקדוש" האָט ער זיך געווענדט מיט גרויס תחנונים, ער זאָל אים מוחל זיין.

רופט זיך אָן דער „ייד־הקדוש": „אז איר האָט נישט געוווּסט, ווער איך בין, האָט איר דאָך נישט געמיינט „מיך", האָב איך דאָך אייך נישט וואָס מוחל צו זיין, אָבער דעם „סתם־ייד", וואָס איר האָט באַליידיקט, דער ייד איז אייך נישט מוחל... איר האָט גלאַט מבייש געווען א „ייד" דער „ייד" איז איצט נישטאָ — ווער זשע זאָל אייך מוחל זיין?"...

דער קאַרגער אַרענדאַר האָט פון דער מעשה אָן קיין ייד נישט אָפּגעזאָגט קיין נדבה, יעדן ייד, וואָס ער פלעגט טרעפן גיין איבער די הייזער, פלעגט ער געבן א שיינע נדבה און בעטן מחילה... מען זאָגט נאָך: אז פאַר זיין טויט, האָט ער אָנגעזאָגט די זין זיינע, אז זיי זאָלן זיך אויך אַזוי פירן, יעדן אָרעמאַן געבן א „שיינע נדבה" און יעדן אָרעמאַן איבער־בעטן.

און ר' העניך פון אַלעקסאַנדער האָט ווייטער געזאָגט:

אויף דער דאָזיקער מעשה. האָט אונדזער רבי, זאָל לעבן, געזאָגט: דאָס איז א לימוד, אז אין יעדן ייד זענען דאָ צוויי „יידן": איינער א פּראָסטער, דער גשמיותדיקער, דער פּראָסטער אַרבעטער־ייד און ס'איז דאָ נאָך א „יד", א „רוחניותדיקער ייד", דער „צלם־אלקים־ייד", די נקודה היהודית, דאָס פּינטעלע ייד, דאָס וואָס ווערט אָנגעצונדן בשעת מען רעדט פון תורה. דאָס רוחניותדיקע יידעלע זעט מען נישט, דאָס ערשטע יידעלע גייט אין גאַס, האַנדלט, פּאָרט אויף יאַרידים, איז פאַרהאַוועט אין מסחרים, גיט א נדבה — אַלץ דאָס ערשטע „יידעלע".

דאָס אנדערע „יידעלע", זיצט אין „קדשי הקדשים" און לערנט, האָט אהבת הבורא, ווײל דינען דעם אויבערשטן, און ווען עס דערשפּירט אַ סביבה ארום זיך, פון זיינע אייגענע מענטשן, גייט עס ארויס און באַווייזט זיך, אַז דאָס צווייטע יידעלע, ס'ווערט דעמאָלט ליכטיק אין שטוב, ס'באַ־ווייזט זיך דער „אור אין סוף", און דאָס מיינט דער פּסוק „ויברא אלקים את האדם בצלמו — בצלם אלקים ברא אותו" (און גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש אין זיין געשטאַלט, אין דעם געשטאַלט פון גאָט האָט ער אים באַשאַפן (בראשית א', כ"ז). צוערשט איז „בצלמו", דערנאָך איז „בצלם אלקים", דאָס איז דער אמתער ייד".

און ר' הענעך האָט אויסגעלאָזט: אז ווען כ'האָב געזען, אז ר' שלום פרידמאנס „צווייטער יידעלע" האָט זיך נישט געוואָלט אנטפּלעקן, ווען אפילו ס'האָט דערזען אן אייגענע סביבה, טאָ צו וואָס נעמען סתם ביי א מענטש „תיקון"? אויב גלאַט געבן משקה, קאָנען מיר אליין אויך!

און די חסידים האָבן ווייטער אָנגעהויבן צו טרינקען.

אזוי האָט מען זיך כסדר משמח געווען ביז צום טאָג פון דער חתונה. די אמתע שמחה איז ערשט געווען אין טאָג פון דער חופּה.

באַלד גאַנץ פרי האָבן שוין די חסידים אָפּגעדאַוונט און אָנגעהויבן צו טרינקען בראַנפן.

די חופּה איז געווען אויפגעשטעלט אין דעם גרויסן קאָצקער הויף. מען האָט אריינגעזעצט די פיר חופּה־שטאַנגען אין דער ערד, און די חסי־דים האָבן געטאַנצט ארום דעם חופּה.

אויפן גאַניק פון קאָצקער רבינס הויז איז געשטאַנען ר' איטשע מאיר מיט א פּאָר געהויבענע חסידים און האָט געזונגען פרייליכע ניגו־נים. אָבער פּלוצלינג האָט זיך געגעבן א פּראַל־אויף די טיר און עס האָט זיך באַוויזן דער „חתן", דער קאָצקער רבי, אין א פּראָסטן וואַטענעם שפּענ־צער, און א גרויס קאַפּל אויפן קאָפּ, וואָס האָט דערגרייכט ביז איבער די אויערן; ער האָט צוזאַמענגעצויגן די ברעמען ביים אָנקוקן דעם עולם און געגעבן א דונער מיט זיין קול:

— וואָס איז די שמחה אויף אייך?

כהרף־עין זענען די טויזנטער חסידים וואָס האָבן געטאַנצט אויפן

הויף שטיל געוואָרן. דער קאָצקער רבי איז צוגעגאַנגען נענטער צום גאַניק און האָט געזאָגט מיט א ירגזון:

— „תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלקיך בשמחה ובטוב־לבב", שטייט אין דער תורה הקדושה ביים סוף פון דער תוכחה; איז דאָך אין פלוג קשה: קומט אזעלכע קללות בלויז דערפאַר, ווייל מען דינט נישט גאָט מיט שמחה? נאָר לא די, „אשר לא עבדת את ה׳ אלקיך", וואָס דו האָסט נישט געדינט גאָט „בשמחה ובטוב לבב" (מיט שמחה און מיט א פריילעך האַרץ, דברים, כ"ח, מ"ז.), מאכסטו זיך נאָך פריילעך מיט דיין פּריקת־עול, מיט דיין הפקרדיקייט, אָט דערפאַר איז די תוכחה צו ווייניק!...

און ווען דער קאָצקער רבי האָט דערזען ר׳ איטשע מאירלען, וועל־כער איז געשטאַנען אין איין ציטערניש, האָט דער רבי צו אים א געשריי געטון:

— איטשע מאיר! וואָס פאַר אן ערב־רב האָסטו מיר דאָ צונויפגע־שלעפּט?...

און איז באַלד צוריק אריין אין זיין חדר־מיוחד אריין.

די טויטע שטילקייט האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן אינעם גאַנצן הויף; די חסידים זענען געשטאַנען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ און פאַרקנייטשטע שטערנס. עס האָבן זיך דערהערט קרעכצן פון אַלע זייטן.

אָבער ר׳ איטשע־מאירל האָט זיך נישט פאַרלוירן; ער האָט זיך געווענדט צו דעם עולם חסידים און געזאָגט:

— מלאכים און שרפים פרייען זיך היינט, אונדזער רבי האָט חתונה, נו, זאָלן מיר זיך נישט פרייען?

און ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו וואַרפן פלעשלעך ווײַן צווישן עולם. דאָס האָט געהאַט א פּעולה. ס׳רוב חסידים האָבן געכאַפּט די פלעשער ווײַן און צוריק גענומען טאַנצן. אָבער די יחידי־סגולה האָבן זיך אָפּגערוקט אין די ווינקעלעך און זיך פאַרטראַכט איבערן רבינס לעצטער תורה...

די חסידים האָבן אזוי ווייטער געטאַנצט ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין; דער בדחן האָט שוין געהאַט באַזונגען די כלה, די מיידלעך האָבן שוין געהאַט אָפּגעטאַנצט פאַרן באַזעצנס, און ר׳ איטשע־מאירלס ווייב איז שוין אָנגעקומען מיט א כאַפּטע מחותנתטעס צו איר מאַן מיט א טענה, הלמאי דער „חתן" קומט נישט אריין צום באַדעקנס.

ר׳ איטשע מאירל האָט אַליין נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן, אָבער ער האָט זיי באַרואיקט, אַז דער רבי וועט מסתמא באַלד אַרויסקומען פון זיין חדר־המיוחד.

— דער כלהס בושה איז נישט צוצוקוקן. זי האָט דערצו שוין נישט קיין כוח צו פאַסטן און פאַלט בסדר אַוועק אין חלשות — האָט דער כלהס שוועסטער, ר׳ איטשע מאירלס ווייב געטענהט צו איר מאַן. — גיי אַריין צו אים, רעד מיט אים, זאָ, ער זאָל אַרויסקומען.

אָבער ר׳ איטשע מאירל האָט נישט געוואָלט אַריינגיין צום קאָצקער רבין. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער רבי איז אודאי פאַרטון אין שטאַרקע רעיונות, און ער האָט אים נישט געוואָלט שטערן. אויך האָט ער מורא געהאַט, אַז דער רבי זאָל ווידער נישט ברענגען איבערן מויל זיינע בייזע מחשבות, מיט וועלכע ער טראָגט זיך לעצטנס אַרום. עס האָט זיך אַריינגעמישט זיין שוואָגער, דער כלהס אַ ברודער, וועלכער איז געווען אַ פּשוטער סוחר אין וואַרשע, און ער האָט זיך אָנגערופן, אַז ער וועט אַריינגיין צום רבין.

האָט שוין ר׳ איטשע מאירל בעסער געוואָלט אַליין אַריינגיין.

אָבער ווי נאָר דער וואַרשעווער סוחר איז אַריין אין רבינס חדר־מיוחד, איז אים פּלוצלינג באַפאַלן אַזאַ פּחד, אַז ער האָט נאָר קוים געקאָנט אַרויסשטאַמלען דאָס איינציקע וואָרט:

"מחותן!"

דער קאָצקער רבי איז געשטאַנען ביי דער ספרים־שאַנק אויסגעצדרייט צו אים מיט דער פּלייצע, איין פוס האָט ער געהאַט אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטול, האַלטנדיק אין די הענט אַ גרויסן „דירענפאָרטער" רי"ף, וועלכער איז געווען געבונדן אין הילצערנע טאָוולען און איז געווען זייער שווער אין וואָג.

דער וואַרשעווער סוחר האָט נאָך אַ מאָל אַ זאָג געגעבן:

„מחותן!"

האָט זיך דער קאָצקער רבי געגעבן אַ דריי אויס צו אים און אים שפּיזיק, פון דער זייט אָנגעקוקט און געגעבן אַ געשריי:

— ס׳אַרא מחותן בין איך מיט דיר?!

דער וואַרשעווער סוחר האָט זיך פאַר די פאָר ווערטער אַזוי שטאַרק

דערשראָקן, אז ער איז קוים, האַלב־טויט, האַלב־לעבעדיק ארויסגעלאָפן פונעם רבינס חדר און האָט זיך דערנאָך געשעמט צו דערציילן ר׳ איטשע מאירלען, וואָס פאר א פסק ער האָט פון רבין געכאַפּט.

ר׳ איטשע מאירל האָט שוין אליין גוט פארשטאנען, וואָס פאר אן אָפּשניט ער האָט געכאַפּט פון רבין. זיין ווייב איז אָבער ווייטער געשטאנען פאר אים און געוויינט, אז עס איז א חרפה און א בזיון פאר דער כלה, ווייל דער „חתן" וויל נישט אריינקומען צום באַדעקנס, האָט זיך ר׳ איטשע מאירל גוט פארגארטלט מיט זיין גארטל די קאַפּאָטע, גלייכגעמאכט דאָס שטריימל אויפן קאָפּ און אריינגעגאנגען אינעם רבינס חדר־מיוחד, פאַמע־לעך מיט שטילע טריט, אזוי ווי ער וואָלט אויף גלאָז געשפּרייזט. ער האָט זיך אזוי שטילערהייט דערנענטערט צום קאָצקער רבין, וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאנען אויפן זעלביקן אָרט ווי פריער, ווען זיין שוואָגער איז ארויסגעלאָפן.

דער רבי האָט אָבער באַלד דערפילט, אז אימיצער איז אריין אין זיין חדר און האָט זיך האסטיק אומגעדרייט, דערזעענדיק ר׳ איטשע מאירלען, האָט ער זיך מיט אים זייער דערפרייט:

— גוט וואָס דו ביסט אריינגעקומען, שוין א פּאָר שעה, ווי איך זוך א תירוץ אויף אָט דעם הארבן רי"ף!

ר׳ איטשע מאירל האָט זיך אָנגעהויבן מפלפל זיין מיטן קאָצקער רבין, ביידע האָבן ארויסגעוויזן גרויס בקיאות און חריפות, און ביידע האָבן מיטאמאָל פארגעסן, אז ס'איז איצט פאר דער חופה און אז אין דרויסן וואַרט מען אויפן „חתן".

דער עולם איז אין הויף געוואָרן וואָס אמאָל אומגעדולדיקער. שלי־חים זענען געקומען צולויפן צו ר׳ הערש טאָמאַשאָווער, אז די כלה האַלט אין איין וויינען און קלאָגן פאר דער גרויסער בושה, וואָס דער חתן קומט נישט צו באַדעקנס, און וויל נישט גיין צו דער חופה. איז ר׳ הערש טאָמאַ־שאָווער, צוזאמען מיט א פּאָר געהויבענע חסידים אריין צום רבין און געוואָלט אים דערמאָנען אז „ס'איז שוין צייט צו גיין צום באַדעקנס".

אָבער דער קאָצקער רבי האָט זיך אויף אים געגעבן א בייזער:

— שטער מיר נישט, דו זעסט דאָך, אז איך האַלט אינמיטן לערנען!

ר׳ הערש טאָמאשאָווער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אָפּפּטרן און געזאָגט:

— די כלה וויינט!...

דאָ ערשט האָט זיך אויך ר׳ איטשע מאירל דערמאָנט נאָך וואָס, איינגנטלעך, ער אליין איז אריינגעגאנגען צום רבין און אויך ער האָט אָנגעהויבן אונטערצוהעלפן ר׳ הערש טאָמאשאָווערן.

דער קאָצקער רבי, וועלכער איז די גאנצע צייט געגאנגען אָנגעטון אין א וואָכעדיקן וואטענעם שפּענצער, האָט זיך געלאָזט איבעררעדן. ער האָט זיך ענדלעך געהייסן דערלאנגען די נייע, זיידענע מלבושים, ער איז מיטאמאָל געוואָרן שטארק שמחהדיק און זיך געווענדט צו ר׳ איטשע מאירלען און געזאָגט:

— די גמרא זאָגט אין קדושין (דף מ״ט, ע״ב), אז ווען איינער זאָגט צו אן אשה: „זיי צו מיר מקודשת, מיטן תנאי, אז איך בין א צדיק״, איז דער דין, אז ווען אפילו ער איז א רשע גמור, זענען די קדושין חל, ווייל טאָמער וועט ער מהרהר זיין און תשובה-טון אין הארצן — וועט ער דאָך זיכער זיין א צדיק. דאָס איז רעכט, ווען איינער זאָגט סתם „א צדיק״, — ווען אָבער אן אשה קלערט, אז דער, וואָס איז זי מקדש, איז א רבי, און באמת ווייסט ער ביי זיך, אז ער איז דאָס נישט, דארפן דאָך די קדושין נישט חל־זיין, וואָרום דורך תשובה ווערט מען נאָך נישט קיין רבי?!...

די אלע געהויבענע חסידים, וועלכע זענען געשטאנען ביים רבין אין חדר־המיוחד, האָבן הנאה געהאט, וואָס דער רבי איז געוואָרן אויפגע־לייגט און זיי זענען געווען נייגעריק צו הערן, וואָס ר׳ איטשע מאירל וועט ענטפערן דעם רבין.

און ר׳ איטשע מאירל האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט: אז א רבי מיינט מען דעם, וואָס האָט חסידים. די כלה האלט דעם רבין פאר א רבין צוליב דעם, וואָס די וועלט האלט אים פאר א רבין און דאָ וועט נישט פועלן דאָס, וואָס דער רבי וועט שרייען, אז ער איז נישט קיין רבי, „ווייל מיר וועלן כסדר שרייען פארקערט!״...

דער קאָצקער רבי האָט געגעבן א שמייכל פון ר׳ איטשע מאירלס ענטפער. ער האָט באלד דערנאָך אָנגעטון די זיידענע מלבושים און איז געגאנגען צום באדעקנס.

נאָך דער חופּה האָט מען חתן־כּלה אַריינגעפירט אין אַ יחוד־שטיבל. די חסידים זענען געשטאַנען אַרום דעם שטיבל און האָבן געטאַנצט מיט גרויס התלהבות, פּלוצלינג האָט מען אַרויסגעהערט שרעקלעכע קולות פונעם קאָצקער רבין, וועלכער האָט געזאָגט תהלים.

ר׳ איטשע מאירלס ווייב, צוזאַמען מיט ר׳ איטשע מאירלען, די אונטערפירערס און נאָך אַ פּאָר איינצלנע חסידים זענען אַריין אינעם יחוד־שטיבל. זיי האָבן געטראָפן ליגן די כּלה אַ פאַרחלשטע און דער קאָצקער רבי האָט זיך אַרומגעדרייט אין קאַפּטל פאַרדבקהט, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר נישט געוווּסט, וואָס אין שטוב קומט פאָר.

מען האָט די כּלה אַרויסגעפירט און זי קוים דערמינטערט. די כּלה האָט דערנאָך געזאָגט, אַז דער רבי האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרמוחט, אַז פאַר שרעק איז זי געפאַלן אין חלשות: „איך וויל האָבן אַ מאַן, און מיטן רבין האָב איך מורא אַליין צו בלייבן אין שטוב!״, האָט זיך די כּלה צעוויינט.

ר׳ הערש משמש און ר׳ איטשע מאירל האָבן זי געטרייסט, אַז דער רבי וועט צו איר זיין אַ גוטער מאַן. ערשט דערנאָך האָט מען געפּועלט ביי דער כּלה, זי זאָל אַריינגיין צו דער חתונה־סעודה.

יט

דער קאָצקער רבי און דער פּוילישער אויפשטאַנד פון יאָר 1830

די קאָצקער חסידים האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן און אין וואַרשע.

אין די וואַרשעווער אַרכיוון געפינט מען שוין אַ ביטע פון ר׳ איטשע מאירן וועגן דערלויבן אים צו עפענען אַ חסידים־שטיבל אויף גזשיבאָווסקע גאַס, וואָס איז דעמאָלט געווען דער נייער יידישער קוואַרטאַל.

קאָצקער חסידות האָט דעמאָלט געהאַלטן אין מיטן בליען. כאָטש דער קאָצקער רבי אַליין האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער דערווייַ־

טערט פון די חסידים טראָץ דעם וואָס דער רבי האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט. מיטאַמאָל זענען אָבער פאָרגעקומען אין לאַנד גאָר גרויסע געשעענישן, וואָס האָבן געצווונגען די גייסטיקע פירער פון די חסידים, זיי זאָלן נעמען א צד, ווייל די דאָזיקע געשעענישן האָבן געדאַרפט אנטשיידן דעם גורל פון פוילישן פאָלק און אויך פון די בערך דריי הונדערט צוויי און זיבעציק טויזנט יידן, וועלכע האָבן דעמאָלט געוווינט אין רוסיש־פוילן.

דאָס איז געווען אין דער נאכט פון דעם 29סטן נאָוועמבער, 1830, ווען גרויסע פייער־פלאַמען אויפן סאָליעץ און נאָוואָליפיע האָבן באַלויכטן וואַרשע און די גאַסן זענען מיטאַמאָל פול געוואָרן מיט מאַרשירנדע פוילישע זעלנער און שילער פון דער אָפיצירן־שול.

אויך יידן זענען צוגעשטאַנען צום פוילישן נאָוועמבער־אויפשטאַנד.

אין דעם זעלבסטשטענדיקן וואַרשעווער הערצאָגטום האָבן די יידן קיין סך נחת נישט געהאַט. די העלדנטאַטן פון בערעק יאָסעלעוויטש און פון זיינע חברים בעת דעם קאָסציושקאָ־אויפשטאַנד האָבן וויניק־וואָס געווירקט, אַז די באַציאונגען פון די פּאָליאַקן צו די יידן זאָלן זיך פאַרבעסערן; אָבער טראָץ דעם אַלעם, און אפילו קעגן די פאַלשע פאָראויסזאָגונגען פון א טייל פּאָליאַקן, אַז די יידן וועלן שטערן דעם אויפשטאַנד, — ווי, למשל, מאָכנאַצקי, וועלכער שרייבט, אַז „ווען די רעזידענץ פאַרמאָגט זייער א סך פאַרשידנאַרטיקע עלעמענטן; ווען צווישן 120 טויזנט איינוווינער זענען פאַראַן 80 טויזנט יידן, כמעט צוויי דריטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, איז ביי די איצטיקע באַדינגונגען נישט בלויז נישט וויכטיק, נאָר אפילו אין א סך הינזיכטן שעדלעך", — טראָץ אַט די אַלע שלעכטע מיינונגען פון א טייל פּאָליאַקן, האָבן זיך די יידן באַלד אריינגעוואָרפן מיטן גרעסטן ענטוזיאַזם אין אויפשטאַנד אריין.

קודם־כל זענען צום אויפשטאַנד צוגעשטאַנען די יידישע אַקאַדעמיקער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען די שילער פון דער ראַבינער־שול. זייער א סך יונגע יידן זענען אויך אריינגעטראָטן אין דער אַקאַדעמישער גוואַרדיע.

די אַקאַדעמישע גוואַרדיע האָט געקעמפט העלדנהאַפט און איז געווען די ערשטע אויף אַלע געפערלעכסטע מלחמה־פּאָזיציעס.

יידן אין דער פוילישער „נאציאָנאַלער גוואַרדיע"
בעת דעם אויפשטאנד פון 1830־1831

אויך האָט דער שריפטשטעלער סיני הערניש, צוזאַמען מיט יוזעף יאַסעלעוויטש, א זון פון בערעקן, גענומען אָרגאַניזירן א יידישן אויפשטאַנד־פּולק, לויטן מוסטער און אָרגאַניזאַציע פון בערעק יאָסעלעוויטש־פּולק. די דאָזיקע יידן האָבן זיך געווענדט מיט א ביטע צום דיקטאַטאָר כלאָפּיצקי, מען זאָל זיי דערלויבן צו אָרגאַניזירן. די דאָזיקע ביטע, וועלכע איז אונטערגעשריבן פון הערנישן אליין, איז געשריבן אין א גאָר שטאַרקן פּאַטריאָטישן טאָן. הערניש פאַרזיכערט אין דער ביטע, אז ער וועט אָנהויבן ווערבירן מיטגלידער פאַרן פּולק פון די „שענסטע פאַמיליעס" פון צווישן די יידן, כדי זיי זאָלן קאָנען דינען אלס ביישפּיל פאַר די נידריקע פאָלקס־שיכטן.

אויף דער דאָזיקער ביטע האָט כלאָפּיצקי געענטפערט, אז ווען די יידן וועלן העלפן די פּאָליאַקן אין זייער באַפרייאונג, וועלן דערנאָך די יידן מעגן פאַרלאַנגען גלייכע רעכט מיט אַלע בירגער פון לאַנד, — און דאָס איז אומדערלאָזבאַר; חוץ דעם פּאַסט זיך גאָר נישט פאַר דער וועלט, אז יידיש בלוט זאָל זיך אויסמישן אויפן שלאַכטפעלד מיט פּויליש־ שליאַכעצקע בלוט...

א טייל פון די פּוילישע אויפשטענדלער האָבן אפילו יאָ געוואָלט, אז די יידן זאָלן נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם אויפשטאַנד, — האָט אָבער דער קריגס־מיניסטער מאַראָווסקי דערקלערט, אז מען טאָר נישט צונעמען יידן צום פּוילישן מיליטער־דינסט.

אזוי איז געווען די באַציאונג פון די פּוילישע אָנפירער צו די יידן אין די ערשטע טעג פונעם אויפשטאַנד; אָבער ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אז דער צאַר האָט אַרויסגעשיקט א גרויסע אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל פּאַסקעוויטש, האָט מען זיך שוין פון דער יידישער הילף אזוי לייכט מער נישט געקאָנט אָפּזאָגן.

עס איז געשאַפן געוואָרן א באַזונדערע יידישע מיליטערישע אָפּטיילונג, וואָס איז באַשטאַנען פון איין עסקאַדראָן קאַוואַלעריע און א פּולק ליניע־מיליטער, וועלכע האָבן געדאַרפט אויסגעהאַלטן ווערן פון יידן.

די דאָזיקע מיליטערישע אָפּטיילונגען זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן פון פּוילישע און אויסלענדישע מיליטעריש־געשולטע יידן.

אויך די וואַרשעווער יידישע קהלה־פאַרוואַלטונג איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין די געשעענישן.

דער מיליטערישער הויפּט־שטאַב פון די פּוילישע אויפשטענדלער האָט נעמלעך געוואָלט פעסטשטעלן, צי דער „דאָזאָר בוזשניטשי" (די קהלה) האָט באַפולמעכטיקט יוזעפן און הערנישן צו פאַרנעמען זיך מיט אָרגאַניזירן יידישע מיליטערישע אָפּטיילונגען.

די יידישע „דאָזאָר־שטוב" האָט זיך צוליב דעם ווירקלעך געפונען אין אַ שווערער סיטואַציע. זי האָט מורא געהאַט, טאָמער וועלן זיך די יידן נישט אויסצייכענען אויפן שלאַכטפעלד מיט העלדישקייטן, דאַן וועט עס זיין אַ בזיון פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

די „דאָזאָר־שטוב" האָט געענטפערט האַלב־דיפּלאָמאַטיש, אַז זי איז קעגן „אָפּגעזונדערטקייט" און האַלט עס פאַר בעסער, אַז „די יידן זאָלן קעמפן צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן אונטער איין פאָן, וואָס דאָס וועט מיט־ווירקן צו דעם פאַראייניקונגס־געפיל און וועט נישט אָפּזונדערן די איינ־וווינער פון די באַזונדערע גלויבנס".

גלייכצייטיק מיט דער אָרגאַניזירונג פון דער יידישער מיליטער־אָפּטיילונג דורך יוזעף בערקאָוויטש, האָט זיך אויך פאַרנומען מיט שאַפן יידישע מיליטער־אָרגאַניזאַציעס דער שעף פון נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, אַנטאָני אָסטראָווסקי, וועלכער איז געווען אַ גרויסער פּראָגרעסיסט און קעגנער פון רעליגיעזע פאָראורטיילן.

די ערשטע זאַך, וואָס האָט זיך אים איינגעגעבן צו טון, איז געווען — צו פאַרשאַפן געלט ביי די יידישע קאַפּיטאַליסטן פאַר דעם אויפשטאַנד.

צווישן די דעמאָלטדיקע יידישע גבירים אין וואַרשע זענען שוין געווען אַ סך קאָצקער חסידים, און צווישן זיי ר' משה חלפן, דער שווער פון ר' איטשע מאירלען, דער גרעסטער קאָצקער חסיד אין וואַרשע. ר' משה חלפן האָט געוווינט אויף דער מעד גאַס, דאָרט האָט ער אויך געהאַט זיין באַנק.

איינמאָל, אין אַ זונטיק אין דער פרי, ווען ר' איטשע מאיר איז צוזאַמען מיט אַ פּאָר שאַרפע קאָצקער חסידים געזעסן ביי זיין שווער, ר' משה חלפן, קומט אַריינצולויפן אין שטוב אַריין דער גויאישער משרת,

דער הינקעדיקער יאַן, און זאָגט, אַז עפּעס אַ גענעראַל איז געקומען צו רייטן אויף אַ פערד און פרעגט זיך נאָך אויף דעם „גאַספּאַדאַזש".

ר' משה חלפן, וועלכער איז געזעסן ביי אַ סעודהלע צוזאַמען מיט די קאָצקער חסידים, האָט זיך די ערשטע רגע זייער דערשראָקן און האָט נישט געוווסט וואָס צו טון. אָבער נאָך איידער ער האָט באַוויזן אָנצוטון די נייע זיידענע קאַפּאָטע מיטן הויכן ספּאָדעק, איז שוין אַריינגעקומען דעם גענעראַל אָסטראָווסקיס אַדיוטאַנט און האָט אים מודיע געווען, אַז דער גענעראַל אָסטראָווסקי וויל באַזוכן דעם גאָספּאָדאַזש „מאָשקאַ כאַלפּאַן", און ער פרעגט זיך, צי דער באַלעבאָס איז אין דער היים.

ר' משה חלפן איז בטבע נישט געווען קיין גרויסער רעדנער, און דערצו האָט ער ווייניק געקענט פּויליש; דאַקעגן זיין איידעם, ר' איטשע מאירל, האָט יאָ געקענט רעדן און שרייבן פּויליש (לויט ווי עס ווערט געבראַכט אין ספר „מאיר עיני הגולה", האָט אים דער פּשיסכער רבי ר' בונם געלערנט פּויליש און דייטש און אויך שרייבן רעצעפּטן; מעגלעך איז אויך, אַז פאַר זיין חתונה האָט ר' איטשע מאירל געמוזט אָפּגעבן אַן עקזאַמען אין דער פּוילישער שפּראַך. לויט דעם דעמאָלטדיקן געזעץ האָט קיין יידישער בחור נישט געטאָרט פריער חתונה האָבן, איידער ער איז אַלט געוואָרן 30 יאָר; אַן אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן נאָר פאַר די, וועלכע האָבן אָפּגעהאַלטן עקזאַמען אויף דער פּוילישער אָדער דייטשער שפּראַך, האָט ער שוין דעמאָלט געמעגט חתונה האָבן, ווען אפילו ער איז געווען זייער יונג; אַזאַ עקזאַמען האָט אויך אָפּגעהאַלטן דער קאָצקער רבי ר' מענדעלע אין לעמבערג און דערנאָך האָט ער באַקומען אַ דערלויבעניש חתונה צו האָבן).

האָט ר' איטשע מאירל געהייסן די פּאָר קאָצקער חסידים אַרויסגיין דורך אַ הינטער־טיר. ער אַליין איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ און האָט אַריינגעבעטן דעם גענעראַל אָסטראָווסקי אין שטוב אַריין.

גענעראַל אָסטראָווסקי איז געגאַנגען מיט זיינע שווערע מיליטערישע שטיוול אויף די הילצערנע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט אין דער נגידיש־חסידישער שטוב פון ר' משה חלפן.

די שטוב איז געווען זייער רייך אויסגעמאָלט. ביי דער וואַנט זענען געווען אויסגעשטעלט גרויסע אַלמערס ספרים; אין דער זייט איז געשטאַ־

נען א שווערער קאָמאָד, באַשלאָגן מיט מעש, אויף אייזערנע רעדלעך, וועלכע מען האָט לייכט געקאָנט פירן פון איין אָרט אויפן צווייטן. די קאָמאָדע האָט מען אויך באַנוצט פאַר א פייער־קאַסע, און דאָרט איז גע־ווען באַהאַלטן כמעט דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון ר׳ משה חלפן: גאָלדענע דוקאַטן, פּערל, בריליאַנטן, משכנות און אויך נדנס, וואָס אָרימע כלה־מיידלעך האָבן ביי אים איינגעלייגט.

בא דער מזרח־וואַנט איז געשטאַנען א גרויסע שויבן־שאַנק, אין וועלכער עס זענען געווען אויסגעשטעלט פאַרשידענע טייערע חפצים: גאָלדענע און זילבערנע קידוש־בעכערס, בשמים־ביקסלעך, חנוכה־לעמפּלעך, זילבערנע מצה־קערות, מנורות, כתר־תורהס, יד׳ען, עלפאַנט־ביינערנע טאַבאַק־פּושקעלעך און פּערלמוטערנע „לכבוד־שבת"־מעסערס.

לעבן דער שויבן־שאַנק איז אויף דער וואַנט געהאַנגען א גרויסער זילבערנער „שויתי", וועלכער איז געווען אויסגעקלאַפּט און גראַווירט פון א גרויסן יידישן קינסטלער פון אמסטערדאַם.

אויפן טיש איז געשטאַנען א גרויסע זילבערנע פּושקע, אָנגעפילט מיטן טיטון, און פאַרשידענע ביינערנע טאַבאַק־פּושקעלעך.

אויף די ווענט זענען געהאַנגען פאַרשידענע לאַנגע געשניצטע ליול־קעס.

ווען דער גענעראַל איז אריינגעקומען, האָט זיך ר׳ משה חלפן פאַר אים טיף פאַרבויגן. ער האָט אראָפּגענומען דעם גרויסן ספּאָדעק און איז געבליבן שטיין אין א גרויסער סאַמעטענער קאַפּל, וואָס האָט אים דער־גרייכט אַזש ביז די אויערן.

ר׳ איטשע מאירל, דער איידעם פון ר׳ משה חלפן, האָט צוגערוקט א טיף־געבעטן פּליושענעם פאָטער־שטול.

גענעראַל אָסטראָווסקי האָט זיך געמיטלעך אוועקגעזעצט אויפן שטול: באַלד האָט ר׳ משה חלפן צוגעטראָגן הכנעהדיק א גרויסן ליולקע־ציבעק מיט א טייערן בורשטינענעם מונדשטיק, און האָט מכבד געווען דעם גענעראַל מיט א ליולקע טיטון; דערנאָך האָט ער געגעבן א באַפעל צו זיין יידישן משרת, דעם הויכן יוזעף, ער זאָל ארויפברענגען פון קעלער א טאָפּ טאָפּלטן מעד, וועלכער האָט נאָך געשטאַמט פון די צייטן פון דעם קאָשטשיושקאָ־אויפשטאַנד.

מען האָט ארויסגענומען גרויסע זילבערנע קידוש־בעכערס און מכבד געווען דעם גענעראַל מיט דעם טייערן מעד.

ווען דער גענעראַל האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען א פּאָר בע־כערס מעד און אויסגערויכערט א גאַנצע ליולקע טיטון, האָט ר׳ משה חלפן, מיט אַן אונטערטעניקן טאָן, געפרעגט ביי גענעראַל אָסטראָווסקי, מיט וואָס ער קען אים דינען.

דאָ האָט זיך גענעראַל אָסטראָווסקי גלייכגעמאַכט די וואָנסעס, זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטן, האָט געוואָרפן א בליק אויפן שויבן־שאַנק און אויף דעם אייזערנעם קאַסטן־אויף־רעדער, און האָט אָנגעהויבן שטיל, אָבער מיט א זיכערקייט אין טאָן:

— זיי ווייסן, מאָשקע, אַז דעם אויפשטאַנד, וואָס מיר, פּאָליאַקן, האָבן אויפגעהויבן קעגן די אונטערדריקער, די רוסן, האַלט שוין ביים פּולן נצחון; איך האָב תמיד געוווּסט אָפּצושאַצן די גרויסע פאַרדינסטן וואָס די יידן האָבן פאַר דעם פּוילישן פאָלק, און ערשט היינט האָב איך אויס־געפּועלט ביים מיניסטאָרן־ראַט אריינצונעמען א געוויסע קאַטעגאָריע יידן אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע; אָבער מיר דאַרפן איצט האָבן די הילף פון די יידן אין די קליינע שטעטלעך; מען דאַרף אויסשפּיאָנירן דעם שונא, געוואָר ווערן, ווו זיינע פּאָזיציעס זענען; און אַזוי ווי איך האָב זיך דער־ווּסט, אַז די דאָזיקע יידן געהערן עפּעס צו אַזאַ סעקטע, וואָס רופט זיך „חסידים״, און דו אליין געהערסט אויך צו זיי, וויל איך, אַז דער פירער פון אָט דער סעקטע, דער ראַבין, וועלכער וואוינט אין קאָצק, זאָל ארויס־געבן אַן אויפרוף צו זיינע אָנהענגער, זיי זאָלן אונטערשטיצן אונדזער אויפשטאַנד, און דיר אליין וויל איך זאָגן, אַז מיר ליידן איצט פון א גרויסן געלט־מאַנגל. מיר ווייסן, אַז דו, מאָשקע, האָסט ליגן א סך געלט, וויל איך, אַז דו זאָלסט אונדז אויסבאָרגן הונדערט טויזנט טאָלער.

ר׳ משה האָט ביים לעצטן זאַץ געגעבן א שטעל־אויף א פּאָר אויגן, אַזוי ווי ער וואָלט פלוצלינג געביסן געוואָרן פון א שלאַנג.

— וואָס זאָגט דער גענעראַל? — האָט ער איבערגעפרעגט, ווי ער וואָלט נישט געגלויבט זיינע אויערן, — הונדערט טויזנט טאָלער?

— יאָ, יאָ, הונדערט טויזנט טאָלער! — האָט דער גענעראַל איבער־געחזרט, — דאָס איז דאָך ביי דיר, מאָשקע, נישט קיין סך! אין איין ווינקל

ליגט דאָך ביי דיר א סך מער! כאַ־כאַ־כאַ! — האָט ער זיך אזוי שטאַרק צעלאַכט, אז ער האָט זיך אַזש פאַרהוסט פון געלעכטער.

ר' משה חלפן האָט אויך מיטגעשמייכלט, כדי נישט אויפצורעגן דעם גענעראַל, אָבער ער האָט ווייטער נישט געקאָנט רעדן; ער איז גע־בליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, ווי דאָס לשון וואָלט אים מיט אַמאָל גע־וואָרן אָפּגענומען.

— נו, נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען? — האָט דער גענעראַל מיט א שטאַרקערן טאָן איבערגעפרעגט, — נאָך אַלץ נישט צעקייט די ווערטער? טאָ זאָל דיר דער יונגערמאַנטשיק איבערזעצן אויף זיין יידיש דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, — האָט דער גענעראַל אָנגעוויזן אויף ר' איטשע־מאיר־לען, — ער איז דאָך מסתמא דיינס א זון און קען געוויס מער פויליש פון דיר.

— ניין, ער איז מיינער אַן איידעם, — האָט ר' משה חלפן שטאַלץ געענטפערט.

— דיינער אַן איידעם? אָ, ער געפעלט מיר! נו, אפשר וועסטו געבן צו פאַרשטיין דיין שווער, וואָס איך פאַרלאַנג? — האָט ער זיך געווענדט צו ר' איטשע־מאירלען.

— מיין שווער, גלויב איך, האָט אַלץ פאַרשטאַנען, — האָט ר' אי־טשע־מאיר געענטפערט, — אָבער איך מיין, אז אזוינע זאַכן קאָן מען אזוי שנעל נישט באַשליסן, און ווי איך זע, האַלט דער שווער, אז ער וועט זיך דאָס איבערלייגן, ער וועט מסתמא פריער אַריינפאָרן קיין קאָצק, אי־בערערעדן מיטן רבין, און זאָגן אין א טאָג־צוויי אַרום תשובה.

— אָט דאָס געפעלט מיר! דאָס זענען שוין גאָר אַנדערע דבורים! — האָט דער גענעראַל אויסגערופן, — נו, זאָל זיין אין א צוויי טעג אַרום, אָבער דו זאָלסט קומען צו מיר אין גענעראַל־שטאַב אַריין שוין מיט א קלאָרן ענטפער.

און ווען דער גענעראַל האָט געהאַלטן ביים פאַרלאָזן ר' משה חלפנס שטוב, האָט ער זיך צוריק אויסגעדרייט און געזאָגט:

— זעסט, מאָשקע, דאָס וויכטיקסטע האָב איך דיר אין גאַנצן פאַר־געסן צו זאָגן: אַלס משכון אויף דיין הלואה וועט מען דיר אָפּשרייבן דעם בנין פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט, דאָס גרויסע טעאַטער און די מיליטער־

רישע בנינים אויפן פשעיאזד... אָבער זע, אז דו זאָלסט די הלואה געבן און דיין ראבין פון קאָצק זאָל ארויסלאָזן אן אויפרוף צו זיינע אָנהענגער, זיי זאָלן אונטערשטיצן אונדזער אויפשטאנד!

און גענעראל אָסטראָווסקי האָט שנעל פארלאָזט ר׳ משה חלפנס הויז.

דעם זעלבן אויפדערנאכט האָט ר׳ איטשע־מאיר צונויפגערופן אן אסיפה אינעם הויז פון זיין שווער, ר׳ משה חלפן, כדי צו באטראכטן, צי די חסידים זאָלן געבן געלט אויף דעם פוילישן אויפשטאנד, און צי מען זאָל פארלאנגען פון קאָצקער רבין, ער זאָל ארויסגעבן א כרוז צו די קאָצקער חסידים, זיי זאָלן אונטערשטיצן דעם אויפשטאנד.

כ

די אסיפה איז הויז פון משה חלפן

ביי דער אסיפה איז די פראגע נישט געווען בלויז וועגן געלט, — הגם דער געפאָדערטער סכום אליין איז אין דער דעמאָלטיקער צייט געווען זייער א גרויסער, — דער עיקר פון דער פראגע איז געווען: צי קאָנען זיך די יידן דערלויבן איינרייסן מיט דער רוסישער רעגירונג? — דאָס אחריות־געפיל פון די יידן לגבי זייערע ברידער איז תמיד געווען זייער גרויס, און די יידן אין פוילן האָבן מורא געהאט, אז ווען אפילו די פאָליאקן וועלן זיגן אין דעם אויפשטאנד, וועט זיך די רוסישע רעגירונג דערנאָך נוקם זיין אין די יידן, וואָס וווינען אין רוסלאנד.

דערצו איז אין זעלבן טאָג אָנגעקומען קיין ווארשע דער רבי ר׳ יצחק וואָרקער, און ער איז אויך פארבעטן געוואָרן צו דער אסיפה. דער רבי ר׳ יצחק וואָרקער איז תמיד געווען א מליץ־יושר און א גרויסער שתדלן פאר אלע געפּלאָגטע, פארפאָלגטע און געפייניקטע יידן, איצט איז ער געקומען מיט א גוואלד, אז א גרויסער טייל פון די פוילישע „פּאָווסטאנצעס" באַגייען זיך גרויזאם מיט דער יידישער באפעלקערונג אויף דער פּראָווינץ און הענגען אויף כסדר אומשולדיקע יידן, בלויז פארן חשד, אז זיי זענען כלומרשט געדונגענע רוסישע שפּיאָנען.

א חוץ דעם וואָרקער רבין און די אנשים חשובים פון ווארשע, וואָס

זענען געקומען צו דער אסיפה, איז אויך געקומען א שליח מיוחד פון קאָצקער הויף.

דער יושב-ראש פון דער אסיפה איז געווען ר׳ איטשע־מאיר, הגם דער וואָרקער רבי איז געווען פיל עלטער. דער וואָרקער רבי האָט זיך גע־פיל זייער צעבראָכן נאָך די אלע עינויים און צרות, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען ביי די יידן אויף דער פּראָווינץ.

די חסידישע יידן, וועלכע זענען געווען פארזאמלט ביי דער אסיפה, האָבן ארויסגעוויזן גרויס חריפות נישט בלויז אין לערנען און אין חסידות, נאָר אויך אין מילי־דעלמא, אין וועלט־ ענינים.

ר׳ איטשע־מאיר דערציילט די פארזאמלטע יידן, אז אויך אין לאגער פון די פּוילישע אויפשטענדלער הערשט נישט קיין אחדות בנוגע דער רעוואָלוציע; אז די פּוילישע אריסטאָקראטיע, די טאָן־געבערין אין געזעלשאפטלעכן לעבן פון פּוילן, האָט גאָרנישט געטראכט וועגן דעם אויפשטאנד; אז איר אומצופרידנקייט האָט זי אויסגעדריקט העכסטנס אין דער פאָרם פון א לעגאלן „ברוגז" אין דעם פּוילישן סיים; די פּוילישע „שליאכטשיצעס" זענען צוגעבונדן צו די אמטן און העכערע שטעלעס, וואָס זיי האָבן באקומען פון דער רוסישער רעגירונג, און די פּוילישע פּרי־צים ווייסן אויך, אז אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע זענען אין געפאר זייערע פּריווילעגיעס און זייער פארמעגן. אזא ביישפּיל האָבן שוין די פּריצים נישט איינמאָל געהאט.

איצט פרעגט זיך, — האָט ר׳ איטשע־מאיר זיך געווענדט צו די פארזאמלטע, — וואָס זאָלן מיר טון? די דערפארונגען פון דער פארגאנ־גענהייט זענען געווען ביטערע; אין דעם זעלבסטשטענדיקן ווארשעווער הערצאָגטום האָבן די יידן קיין סך נחת נישט געהאט; מ'האָט די יידן כסדר גערודפט, זיי האָבן געהאט אויסצושטיין כלערליי נגישות פון די פּוילישע רעגירונגס־לייט. מיר דארפן דעריבער גוט באטראכטן, וואָס מיר זאָלן טון.

תיכף נאָך דעם, ווי ר׳ איטשע־מאיר האָט פארענדיקט זיינע רייד, האָט זיך אויפגעשטעלט א ווארשעווער פּרנס, וועלכער איז געווען א גרוי־סער ידען אין דער געשיכטע און איז גלייכצייטיק אויך געווען א הייסער

וואָרקער חסיד. דער דאָזיקער ייד — אַן אייביקער שתדלן אין די רעגי־רונגס־קרייזן, האָט געזאָגט:

— מורי ורבותי! צו וואָס זאָלן מיר אַריינלייגן אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקער בעט? מיר האָבן שוין געזען, וואָס די יידן האָבן באַקומען נאָך די העלדנטאַטן פון בערעק יאָסעלעוויטש און זיינע חברים בעת דעם קאָשטשיושקאָ־אויפשטאַנד און ביי אַנדערע קאַמפן; מען קאָן איצט זען זיין פאַרלאָזטן קבר נעבן קאָצק, וווּ יעדער שייגעצל האַלט עס פאַר אַ מצווה דעם קבר צו באַשמוצן, און די באַציאונג צו אונדז יידן האָט זיך ווייניק־וואָס פאַרבעסערט.

דערביי האָט דער חסידישער פּרנס גענומען רעדן גוט וועגן די צאַ־רישע סאַטראַפּן אין פּוילן.

— אָבער דער מאָסקאָל נאָוואָסילצעוו, — האָט זיך איינער פון די פאַרזאַמלטע אָנגערופן, — באַפרידיקט די יידישע בקשות נאָר אויף להכעיס די פּאָליאַקן און פאַר גאָר גרויסע מתנות.

— וואָס גייט אונדז אָן, פאַרוואָס ער טוט עס, — האָט דער פּרנס געענטפערט, — אַבי דער עול פון גלות ווערט אַ ביסל פאַרלייכטערט! וואָס קאָנען מיר מער דערוואַרטן אין ביטערן גלות?...

— האָט איר שוין פאַרגעסן, — האָט זיך אָנגערופן אַן אַלטער פּשיסכער חסיד, — אַז די רוסישע רעגירונג האָט מיט דריי יאָר צוריק אַרויסגעגעבן, רחמנא לצלן, די גזרה, אַז מען זאָל צונעמען די יידן צו מיליטער, בעת ביז דעמאָלט פלעגן מיר זיך אויסקויפן פון מיליטער־דינסט מיט געלט־אָפּצאָלונגען?

— איר דאַרפט אָבער איינזינען האָבן, — האָט ר' איטשע־מאירל אַ זאָג געטון, — אַז די משכילים און די סטודענטן פון דער ראַבינער־שולע אין וואַרשע נעמען שוין סאַי ווי סאַי אַנטייל אין דעם אויפשטאַנד, און ווען די פּאָליאַקן וועלן זיגן, וועט דער יידישער נצחון צוגעשריבן ווערן בלויז אויף זייער חשבון, דאַן וועט זיך דער כוח פון די מתנגדים, צוליב דעם זיג פון די משכילים, פאַרשטאַרקן.

— דער רבי ר' שניאור זלמן פון ליאַדי, זכותו יגן עלינו, דער „רב", האָט תמיד געהייסן גיין מיטן רוסישן מלכות! — האָבן זיך דערהערט קולות.

די קולות זענען וואָס אמאָל געוואָרן אלץ שטארקער און שטארקער; אלע האָבן גערעדט אויף איין מאָל ווי יעדער איינער זאָל וועלן איבער־שרייען דעם צווייטן.

ר׳ משה חלפן, וועלכער איז געזעסן אויף א געבעטער פאָטער־שטול, אנגעטון אין א געבלימטן כאלאט, אין די שטעק־שיך, אין בלויזן קאפּל און געריבכערט א לאנגע ליולקע, האָט זיך געבעטן, מען זאָל רעדן שטילער, ווייל ער האָט מורא, מען זאָל זיך, חס־ושלום, נישט דערוויסן אין דרויסן וועגן דער אסיפה. הגם דער גענעראל אָסטראָווסקי האָט געוווּסט, אז אזא אסיפה וועט אָפּגעהאלטן ווערן, דאָך האָט ר׳ משה חלפן מורא געהאט, טאָמער וועלן זיך אריינרייסן פּוילישע „פּאָוסטאנצעס" און וועלן זיך טשעפּען צו זיי.

אָבער אויב עס איז ר׳ משה חלפנען שווער געווען צו בארואיקן דעם עולם, איז עס מיט אמאָל שטיל געוואָרן, ווען מען האָט דערזען, ווי דער רבי ר׳ יצחק וואָרקער האָט זיך פּלוצלינג געגעבן א שטעל אויף און האָט א געשריי געטון:

— יידן! איר ווייסט נישט, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין די קליינע שטעטלעך!

דער וואָרקער רבי האָט אויסגעזען זייער צעבראָכן, זיין פּנים איז איצט געווען נאָך שווארצער ווי תמיד, און ער האָט מיט טרערן אין די אויגן ווייטער געזאָגט:

אומשולדיקע יידן ווערן געהאנגען און איר האָט זיך דאָ אוועקגעזעצט שמועסן און פּלוידערן וועגן זאכן, וואָס האָבן גאָרנישט קיין שייכות צום עצם־ענין! די חיילות, וואָס געפינען זיך אונטער דער אָנפירונג פון די גענעראלן פּישעט און שאָן, באגייען זיך אכזריותדיק קעגן יידן. מען איז יעדן איינעם חושד אין שפּיאָנאזש לטובת רוסלאנד, און אָן יעדער חקירה ודרישה ווערן זיי געהאנגען! אזוי האָט מען יענע וואָך געהאנגען א ייד אין פּיאסעטשנע, איינגעהילט אין טלית און תפילין, אזוי ווי די זעלנער האָבן אים געכאפּט, ווייל זיי האָבן געזאָגט, אז בעתן דאווענען, מאכנדיק מיט די הענט, האָט ער געגעבן סימנים צום שונא, — און איר, דאָ, זיצט זיך גאָר און רעדט דברים בטלים, צי מען זאָל יאָ געבן געלט פאר די פּאָוסטאנצעס, צי נישט!...

די גאַנצע צייט, בעת דער וואָרקער רבי האָט גערעדט, האָט געהערשט א טרויעריקע שטילקייט; אַלע האָבן זיך צוגעהערט מיט א געדריקטער שטימונג צו די דבורים פונעם וואָרקער רבין.

די לאַגע פון די יידן אויף דער פּראָווינץ איז דעמאָלט באמת געווען א מוראדיקע. נישט אומעטום זענען געווען אַזעלכע גוטע קאָמאַנדירן ווי גענעראַל אָסטראָווסקי. די אָנפירער פונעם אויפשטאַנד פלעגן אויף אַן אכזריותדיקן אופן הרגענען צענדליקער אומשולדיקע מענטשן. אזוי האָט מען אין אויגוסטאָווער וואָיעוואָדסטווע אויפגעהאַנגען צענדליקער שטילע, אומשולדיקע יידן, און ווען עס האָבן זיך געפונען אָפיצירן, וואָס האָבן געוואָלט די יידן פאַרטיידיקן, האָט מען זיי געדראָט מיט די האַרבסטע שטראָפן.

צום שטאַרקסטן האָבן די יידן געליטן דערפון, וואָס זיי זענען געווען דאָס כפּרה־הינדל פון ביידע זייטן. האָבן די רוסן ערגעץ־ווו געהאַט א מפּלה, האָבן זיי אין דעם דערבייאיקן שטעטל באַלד אויסגעלאָזט זייער כעס צו די יידן, באַשולדיקנדיק זיי אין שפּיאָנאַזש.

דאָס זעלבע האָבן אויך געטון די פּוילישע אויפשטענדלער; און ווייל אייניקע שטעטלעך זענען זייער אָפט אַריבער פון האַנט צו האַנט, איז די ערשטע אַרבעט געווען פון די אָדער יענע זיגער קודם־כל אָפּצו־רעכענען זיך מיט די יידן.

א כראָניקער פון יענער צייט שרייבט, אז יעדעס מאָל, ווען עס איז אַריין אין שטאָט א נייע אָפּטיילונג, האָט מען אויפן פּלאַץ, אין מיטן מאַרק, אויפגעפירט עקזעקוציעס. די פּוילישע אויפשטענדלער האָבן באַ־שטראָפט קערפּערלעך יעדן ייד, אויף וועמען זיי האָבן נאָר געוואָרפן דעם מינדסטן חשד, אז ער האָט געדינט די רוסן; און די רוסן ווידער האָבן געשלאָגן די יידן מיט דער נאַגייקע, האַלטנדיק, אז אַלע יידן שטיצן אונטער דעם פּוילישן אויפשטאַנד.

עס האָבן זיך נאָר געטראָפן אויסנאַמס־פאַלן, ווען עס האָט זיך איינגעגעבן די אָפיצירן פון פּוילישן מיליטער צו פאַרהיטן די איינגעגנומע־נע מקומות פון פּאָגראָמען אויף יידן. אזוי איז עס געשען אין לובלין, א דאַנק יאַן טשינסקי, א זון פון א משומד, וועלכער האָט פאַרטיידיקט די יידן. אָבער קיין סך טשינסקיס זענען דעמאָלט נישט געווען.

די מיליטערישע קאָמאַנדירן זענען הויפּטזאַכלעך באַשטאַנען פון דער פּוילישער שליאַכטע, און זייער טיפּישער פאָרשטייער איז געווען גענעראַל סקשינעצקי, וועלכער האָט אַ קורצע צייט פאַרטרעטן די שטעלע פון הויפּט־קאָמאַנדיר, — אַ רעאַקציאָנער און פאַרביטערטער קלעריקאַל, און אין דעם קריטישן מאָמענט, ווען פונעם אויפשטאַנד אין דער ליטע איז געווען אָפּהענגיק דער גורל פונעם גאַנצן אויפשטאַנד, האָט ער זיך אַנט־זאָגט אָנצופירן די אָנפירונג מיט דעם ליטווישן מיליטער דעב ענערגישן און טאַלאַנטפולן גענעראַל עלווינסקי, בלויז דערפאַר, ווייל ער שטאַמט אָפּ פון יידן, וואָס דאָס האָט זייער פיל בייגעטראָגן צום דורכפאַל פונעם אויפשטאַנד.

אָט וועגן די אַלע צרות האָט איצט, אויף דער אסיפה, דערציילט דער רבי ר׳ יצחק וואָרקער.

און די אסיפה האָט שוין געהאַט פאַרגעסן וועגן וואָס מען האָט געוואָלט רעדן, און אָנשטאָט צו באַטראַכטן די פראַגע וועגן באָרגן געלט די פּוילישע אויפשטענדלער, האָט מען שוין גאָר אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם טרויעריקן מצב פון די יידן. אייניקע יידן פון די פאַרזאַמלטע האָבן זיך באַקלאָגט, אַז אפילו אין וואַרשע האָבן שוין אַ סך יידן פאַרלוירן זייער גאַנץ פאַרמעגן באַלד ביים אָנהויב פונעם אויפשטאַנד; דער האַנדל איז אין גאַנצן געוואָרן אָפּגעשטאָרבן; יידן האָבן נישט פון וואַנען צו ציען זייער חיונה, אַלע וועגן זענען אָפּגעשניטן געוואָרן און פון די אָרומיקע שטעטלעך זעט מען נישט קיין פּויער אויף אַ רפואה.

די גמינע־פּרנסים האָבן זיך באַקלאָגט, אַז די גמינע האָט איצט אַ גרויסן מאַנגל אין הכנסה־קוואַלן, און דערצו מוז זי נאָך טראָגן אויף זיך די לאַסטן פון דעם נאָך אַלץ עקזיסטירנדיקן כשר־אָפּצאָל.

איצט האָט מען אַרויפגעלייגט נאָך אַ לאַסט, — דעם נייעם רעקרוטן אָפּצאָל און די פּליכט צוצושטעלן 1.547 פּעלצן, נישט רעכענענדיק שוין די אומבאַדינגט־נויטיקע „פרייוויליקע" נדבות און אָפּצאָלונגען, וואָס די פירערס פונעם אויפשטאַנד פאַרלאַנגען: און אויב דאָס אַלץ איז נאָך געווען ווייניק, האָט די קהילה גענומען אויף זיך נאָך אַן עול — צו צאָלן פאַר יעדן יידישן פרייוויליקן, וואָס וועט זיך שטעלן צום פּוילישן מיליטער, 150 גילדן.

עס האָט זיך שוין געדאכט, אז פון דער גאנצער אסיפה וועט גאָרנישט ווערן. עס האָבן זיך דערהערט קולות, אז ר׳ איטשע־מאירל זאָל גיין צו גענעראַל אָסטראָווסקי און אים בעטן, אז ער זאָל ארויסגעבן א באפעל צו די פּוילישע אָפיצירן, זיי זאָלן זיך באציען מענטשלעכער צו די יידן אויף דער פּראָווינץ.

ר׳ איטשע־מאירל האָט אָבער געטענהט, אז ער קאָן זיך נישט באווייזן פארן גענעראַל אָסטראָווסקי, אויב ער וועט מיט זיך נישט מיטברענגען, לכל הפּחות, די הלוואה פון די הונדערט טויזנט טאַלער, שוין נישט דערמאָנענדיק דעם אויפרוף, וואָס דער גענעראַל פאָדערט פון קאָצקער רבין, ער זאָל ארויסלאָזן צו אלע יידן צו אונטערשטיצן דעם אויפשטאנד.

— אויב אזוי, זאָל מען אים באָרגן דאָס געלט, אבי צו ראטעווען יידישע נשמות, — האָט זיך ר׳ יצחק וואָרקער אָנגערופן.

— יאָ, זאָל מען אים באָרגן דעם סכום! — האָבן זיך דערהערט איינצלנע קולות.

דאָ האָט זיך אָנגערופן ר׳ משה חלפן:

— אוודאי איז אייך גרינג צו זאָגן, מען זאָל אים באָרגן! אָבער איר זיצט שוין דאָ באלד א גאנצע נאכט און איר האָט נאָך אפילו קיין טראכט נישט געטון, פון וואנען מען וועט נעמען דאָס געלט.

— מילא, קיין געלט וועט נישט פעלן, — האָט זיך דער וואָרקער רבי אָנגערופן, איך מיין, אז אונדזער באַלעבאָס איז נאָך בכוח צו באָרגן אזא סומע.

— אוודאי בין איך בכוח צו באָרגן אזא סומע, הגם קיין סך אזוינע סכומים האָב איך שוין נישט; אָבער איך וויל וויסן, מיט וואָס איך בין זיכער, אז מען וועט מיר דאָס געלט צוריק אָפּגעבן?

דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט זיין איידעם, ר׳ איטשע־מאירל, און זיך אָנגערופן:

— איך האָב אליין געהערט פון גענעראַל אָסטראָווסקי, אז די פּוילישע רעגירונג וועט געבן הייזער פאר א משכון, אז מען וועט אָפּשרייבן דעם מאגיסטראט, דעם טעאטער־בנין און די קאָשארן אויפן פּשעיאזד.

— נו, וואָס האָט איר נאָך מורא צו האָבן? — האָט דער וואָרקער רבי געפרעגט ר׳ משה חלפנען, — אויב מ׳וועט נישט באצאָלן, באקומט

איר דאָך די אַלע בנינים, און מיר וועלן „פירן טיש״ שבת אין איינעם פון אָט די בנינים — האָט ער שוין צוגעגעבן בדרך הלצה.

שפּעט ביינאַכט, אַ פּאָר שעה נאָך „חצות״, זענען זיך די פאַרזאַמלטע פונאַנדערגעגאַנגען נאָך דעם, ווי זיי האָבן געטרונקען עטלעכע גלעזלעך מעד.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן בפה אחד, אַז ר׳ משה חלפן זאָל באָרגן דעם סכום געלט, וואָס גענעראַל אָסטראָווסקי פאַרלאַנגט, אָבער מען זאָל דערמיט אָפּוואַרטן, ביז ר׳ איטשע-מאירל וועט זיך באַראַטן מיטן קאָצקער רבין וועגן דעם „כרוז״, וואָס דער גענעראַל וויל, אַז דער קאָצקער רבי זאָל אַרויסלאָזן.

אין דער זעלבער נאַכט, ווען די אנשים חשובים זענען זיך צעגאַנגען, איז ר׳ איטשע־מאירל אָפּגעפאָרן קיין קאָצק, זיך שואל־עצה זיין מיטן קאָצקער רבין.

כא

ר׳ איטשע־מאירל ווערט אַרעסטירט אַלס שפּיאָן

דער וועג קיין קאָצק איז געווען אַ מסוכנדיקער. אויף אַלע זייטן האָבן זיך געצויגן אָפּטיילונגען פון פּוילישע מיליטערישע רעוואָלוציאָנערן.

ר׳ איטשע מאירל, וועלכער איז געפאָרן קיין קאָצק איינער אַליין, זיך שואל־עצה צו זיין מיטן רבין, צי די יידן זאָלן אונטערשטיצן דעם פּוילישן אויפשטאַנד, איז געזעסן אויפן שליטן איינגעוויקלט אין אַ גרויסן שאָפּענעם פּעלץ, און האָט די פאַרשידענע מיליטערישע פּאַטרולן אויפן וועג כסדר געדאַרפט אָפּגעבן דערקלערונגען, וווּהין ער פאָרט. יעדע פּאָר וויאָרסט איז דער שליטן פאַרהאַלטן געוואָרן פון רייטנדיקע פּוילישע פּאַטרולן, וועלכע האָבן שטאַרק דורכגעזוכט דעם שליטן און אָנגעהויבן חוקר ודורש צו זיין, ווער ר׳ איטשע־מאירל איז און וווּהין ער פאָרט איצט אַזוי פרי פאַרטאָג.

און יעדעס מאָל איז ר׳ איטשע־מאירל געווען אין גרויס געפאַר, ווייל דאָס פּוילישע מיליטער האָט כסדר חושד געווען די יידן, אַז זיי פאַר־

נעמען זיך מיט שפּיאָנאַזש; אָבער עס איז אים כסדר געלונגען זיך אויס־צודרייען פון זייערע הענט, ביז נאָענט פון קאָצק. נעבן קבר פון יוזעף בערעקאָוויטש איז דער שליטן פּלוצלינג אָפּגעשטעלט געוואָרן פון א פּאַטרול, וועלכער האָט נישט געוואָלט הערן פון קיין שום תירוצים. דער פּאַטרול האָט געגעבן א שטרענגן באַפעל צום פּוילישן פורמאַן, ער זאָל מיט דעם שליטן גלייך פאַרפאָרן אין דער מיליטערישער קאָמאַנדע אריין, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון קאָצק.

ר׳ איטשע-מאיר האָט געפּרוּווט מיט אַלערליי מיטלען אויפווייזן, אַז ער איז א בירגער פון וואַרשע, אַז זיין נסיעה איצט אַזוי פרי איז דערפאַר, ווייל זיין רבי וווינט אין קאָצק און אַז ער דאַרף אים גאָר נויטיק זען. דער מיליטערישער פּאַטרול האָט אָבער פון גאָרנישט נישט געוואָלט הערן און באַלד איז דער שליטן ארומגערינגלט געוואָרן פון פיר רייטערס, וועלכע האָבן נישט אראָפּגעלאָזט קיין אויג פון ר׳ איטשע־מאירלען, כדי ער זאָל חלילה נישט אַנטרונען ווערן פון זייערע הענט. ווארום פון דעם קורצן און שאַרפן ענטפער, וואָס ר׳ איטשע־מאיר האָט זיי געגעבן, זענען זיי געווען זיכער, אַז זיי האָבן דאָ געכאַפּט דעם „אמתן פויגל". בפרט נאָך, ווען ר׳ איטשע־מאיר האָט געזען, אַז זיי ווילן קיין שום ענטפער נישט הערן, האָט ער דערמאָנט דעם נאָמען פון גענעראַל אַנטאָני אָסטראָווסקי; דאָ זענען שוין די זעלנער געווען אינגאַנצן זיכער, אַז זיי האָבן געכאַפּט דעם ריכטיקן חברה־מאַן, ווייל וואָס פּלאַפּלט עפּעס אַזא „זשידעק" וועגן דעם גענעראַל אָסטראָווסקי?...

— הער אויף צו דרייען א קאָפּ מיטן גענעראַל אָסטראָווסקי, דו „פּאַרשיווער זשידלאַק", אַז נישט וועל איך דיר די מאָרדע אויסהאַקן! — האָט זיך דער עלטסטער פון דעם פּאַטרול צעשריגן — דו זאָג בעסער, ווו דער קאָמאַנדאַנט פון די מאָסקאַלעס איז און וויפיל פון אונדזערע באַטאַליאָנען דו האָסט שוין אויסגעגעבן!...

ר׳ איטשע־מאירל האָט געוואָלט די זעלנער דערציילן, ווי די יידן פון וואַרשע זענען פרייוויליק צוגעשטאַנען צו די פּוילישע פאָלקן און זיי קעמפן אויף א טייל פראָנטן האַנט־ביי־האַנט מיט די פּוילישע רעוואָלו־ציאָנערן, אָבער א רייטער האָט געגעבן א רייט־צו צו האַרט צום שליטן מיט זיין לאַנגער שפּיז, וואָס איז געווען אריינגעשטעלט אין דער ביקס,

אזוי אז ער האָט שיער נישט דורכגעלעכערט ר׳ איטשע־מאירס שאָפּענעם פּעלץ.

— האלט דעם פּיסק, האָט מען דיר געזאָגט — האָט ער זיך אָנגעצונדן — פּרעסן פּויליש ברויט, לעבן אויף פּוילישער ערד און זענען אונדזערע פאררעטער! דו „לײדאק" אײנער, אז מיר װעלן זיגן און האָבן א פרײע פּוילן, װעלן מיר זיך מיט אײך אָלעמען אָפּרעכענען!... עס װעלן דעמאָלט אױספּעלן בײמער פאר תּליות! זאָלן מיר נאָר קודם־כּל באזיגן די מאָסקאַלעס, װעסטו שױן זען, װי מיר װעלן דאָס אביסל א הוליע טון!...

ר׳ איטשע־מאירל האָט דערזען, אז װאָס מער ער װעט רעדן מיט די זעלנער, אַלץ ערגער װעט זײן, האָט ער אײנגאנצן אױפגעהערט מיט זײ אײנצוטענהן, האָט אָנגעהױבן צו טראַכטן. װי אזױ מען איז מודיע װעגן זײן מצב דעם קאָצקער רבין און קײן װארשע צו זײן שװער, ר׳ משה חלפן. דאָך האָט ער נאָך אמאָל געפּרוּװט זײן כּוח און געזאָגט:

— איר זאָלט װיסן זײן, אז איר װעט האָבן גרױסע אומאנגענעמלעכקײטן דערמיט, װאָס איר לאָזט מיך נישט פאָרן קײן קאָצק. איך דאַרף גאָך מאָרגן פאַרנאַכט זײן צוריק אין װאַרשע בײם גענעראַל אָסטראָװוסקי, און דאַרף...

די זעלנער האָבן אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן דעם זאַץ און אײנער פון זײ האָט געגעבן א רײט אַדורך לעבן דעם שליטן און געגעבן א שמיץ מיט דער נאַגאַיקע איבערן קאָפּ פון ר׳ איטשע־מאירן. נאָר א דאַנק דעם, װאָס ר׳ איטשע־מאירל האָט פלינק געגעבן א שטעק ארײן דעם קאָפּ אין זײן גרױסן פּעלץ, האָט ער אױסגעמיטן דעם שמיץ, און דער זעלנער האָט א זשמורקע געגעבן:

— הער מיר אױף צו דערמאָנען דעם נאָמען פון אונדזער פירער, דעם גענעראַל אָסטראָװוסקי, דו הינטישער זון, װען נישט, װעט מען דיר דאָ גלײך דײן רעכט טון!...

ר׳ איטשע־מאיר האָט שױן מער נישט גערעדט מיט זײ. ער האָט זיך אײנגעקאָרטשעט אין זײן פּעלץ און זיך צוגעהערט צום שמועס פון די זעלנער, װאָס האָבן גערעדט צװישן זיך, רײטנדיק ארום דעם שליטן, װעלבער איז געפאָרן אױף א זײטיקן װעג, װאָס פירט צו דער קאָמאַנדע.

— איך מײן, אז מען װעט אים נאָך הײנט אָפּפאַרטיקן!...

— וואָס דען, מען וועט זיך מיט אים שפּילן?
— ווי זיי פאַרשטעלן זיך אַזוי גוט, די יידעלעך, און קריכן אַריבער צו די מאַסקאַלעס.
— ערשט די וואָך געכאַפּט אַ זשיד, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ באָבע און געוואָלט אַריבערגיין צו „זיי". נו, האָט מען אים געכאַפּט און אויפגעהאַנגען.
— אין די באָבסקע מלבושים?
— ניין, מיר האָבן דאָך אים געכאַפּט, נאָך איידער ער האָט די באָבסקע קליידער אָנגעטון ...
— נאָך גוט, וואָס מען רייניקט זיי שנעל אָפּ!
—וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז זיי מערן זיך כסדר — יעדער זשיד אַ שפּיאָן.
— ערשט נעכטן אין דערבייאיקן שטעטל צוויי זשידאָווסקע שפּיאָנען געפונען. איינעם געכאַפּט שטיין אויף אַ גאַניק אין אַ ווייסן וואָלענעם ליילעך און לעדערנע רימענס אויף דער האַנט און אויפן קאָפּ. ער האָט געוווּנקען מיט די הענט צום שונא, און ער האָט נאָך געהאַט די חוצפּה צו זאָגן, אַז ער האָט זיך בלויז „געמאָדליעט" אַזוי. העי, הער נאָר דו!
— האָט ער זיך געווענדט צו ר' איטשע־מאירן — האָסט אויך אַזאַ ווייסן וואָלענעם ליילעך מיט שוואַרצע קעסטעלעך און לעדערנע רימענס צו געבן דערמיט סימנים אונדזער שונא? זיי זיך אליין מודה, אַז נישט וועט ערגער זיין פאַר דיר.
— לאָז אים איצט געמאַך. אין דער קאָמאַנדע וועלן מיר זיך שוין מיט אים אויסטענהן?...
ר' איטשע־מאיר האָט זיך צוגעהערט צו זייער גאַנצן שמועס, און דאָס בלוט איז אים פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן.
ווי נאָר דער שליטן איז אַריינגעפאָרן אין מיליטערישן לאַגער, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ פעלד נישט ווייט פון קאָצק, איז ער אַרומגערינגלט געוואָרן מיט כאַפּטעס זעלנער, וועלכע האָבן געשריגן: „שוין ווידער געכאַפּט אַ שפּיאָן? ווידער אַ זשיד?... אַי, וועט דאָס היינט זיין פריילעך!..."
ר' איטשע־מאירל האָט זיך נישט פאַרלוירן, ער האָט זיך געהייסן

גלייך צופירן צום קאָמענדאנט פון לאגער, כדי אים אויפצוקלערן דעם ענין.

אָבער די זעלנער האָבן זיך נישט געאיילט אים פאַרצושטעלן פארן קאָמענדאנט, זיי האָבן אים אריינגעפירט אין עפּעס א פויערישער כאטע און אוועקגעשטעלט ביי דער טיר א וואך פון צוויי זעלנער, אים צו היטן.

שפּעטער זענען צו אים אריינגעקומען עטלעכע זעלנער מיט אויפגע־שטעלטע ביקסן און אים געהייסן מיטגיין מיט זיי. זיי האָבן ר׳ איטשע־מאירלען צוגעפירט צו א הייזל, וואָס איז געווען פריש־ווייס אויסגע־קאלעכט.

דאָרט אין א צימער איז געזעסן א פוילישער אָפיציר, וועלכער האָט געגעבן א באפעל, מען זאָל ר׳ איטשע־מאירלען קודם כל גוט באזוכן און בשעת מעשה אים אויסגעפרעגט, פון וואנען ער איז, צו וואָס ער פאָרט קיין קאָצק און, דער עיקר, וואָס ער פּלאָנטערט עפּעס א מעשה מיטן גענע־ראל אָסטראָווסקי.

דערווייל האָט מען געטראָפן ביי ר׳ איטשע־מאירן אין דער בוזים קעשענע א פּעקל „כתבים", א גרויסע „תשובה", טיילן פון זיין ספר „חדושי־הרי"ם, וואָס ער האָט צוגעגרייט צום דרוק, די „תשובה" האָט ער געהאַט ערשט די לעצטע וואָך אָנגעשריבן וועגן אן עגונה און ער האָט געוואָלט אינאיינוועגס, זייענדיק ביים קאָצקער רבין, אים וויזן די „תשובה" — ער זאָל זי דורכלייענען און אויך מסכים זיין מיט זיין היתר...

אָבער ווען די זעלנער האָבן געפאקט די דאָזיקע „מציאה", האָבן זיי עס מיט פרייד גלייך צוגעטראָגן צום אָפיציר, אזוי ווי זיי וואָלטן נאָר אָפּגעוואָרט, וואָס פאר א באלוינונג זיי וועלן דערפאר באקומען, וואָס זיי האָבן דערטאפּט אזא געפערלעכן שפּיאָן.

דער אָפיציר האָט געקוקט אויפן בינטל „כתבים", ווי א האָן אין בני־אדם; ער האָט די פּאפּירן געדרייט אין אלע זייטן און האָט לסוף זיך געווענדט צו ר׳ איטשע־מאירלען:

— נו, וואָס איז דאָס? וואָס ווּעסטו זאָגן דערויף?

דער אָפיציר האָט געקוקט אויפן בינטל „כתבים", ווי א האָן אין חשיבות, ווי ער זאָל האָבן דעם גאנצן אוצר דאָ געכאפּט, ווי דאָ זאָלן זיך געפינען אלע מיליטערישע געהיימע באפעלן, וואָס וואָלטן זיכער אריינ־

געפאלן צום שונא אין די הענט אריין, ווען נישט זיין אויג און דאָס אויג פון זיינע געטרייע זעלנער וואכן אויף אלע וועגן און דערשמעקן מיט דער נאָז, ווו די יידישע שפּיאָנען האלטן זיך אויף.

— נו, וואָס איז דאָס? — האָט דער אָפיציר נאָכאמאָל געפרעגט.

ר׳ איטשע־מאירל איז געבליבן שטיין אין גרויס פארלעגנהייט. ער האָט אָנגעהויבן צו שטאמלען, נישט געפינענדיק אין פּויליש קיין פּאסיקן אויסדרוק וועגן א היתר פאר אן עגונה, וואָס ער האָט אָנגעשריבן.

— דאָס זענען רעליגיעזע שריפטן — האָט ר׳ איטשע־מאירל, נאָך א היבשער ווײַלע, געענטפערט.

— אזוי גאָר, נישט קיין שום געהיימער דאָקומענט? נו, פארוואָס איז עס געשריבן מיט אזא סודותדיקער שריפט, מיר זאָלן עס נישט קאָנען לייענען?

— ס׳איז געשריבן מיט דער הייליקער שריפט — לשון־הקודש.

— אויב אזוי, טאָ לייען־פאָר וואָס דאָרט שטייט — האָט דער אָפיציר באפוילן.

— איר וועט עס נישט פארשטיין — האָט ר׳ איטשע־מאירל שוין מיט א שמייכל געענטפערט.

און ווירקלעך, וואָס וואָלט דער פּוילישער אָפיציר געוווען פארשטאַנען, ווען ר׳ איטשע־מאירל לייענט פאר אים פאָר דעם פּשטל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן וועגן דער סוגיא „עד אחד״?

דער פּוילישער אָפיציר האָט אָבער פון גאָרנישט נישט געוואָלט וויסן, און א שטרענגן געשריי געטון:

— וואָס הייסט, מיר וועלן נישט פארשטיין? שמוציקער יידל! מן הסתם האָסטו מורא צו לייענען. נו, מיר וועלן שוין אליין געפינען עמיצן, וואָס וועט עס אדורכלייענען, און אָך און ווי וועט דעמאָלט צו דיר זיין, ווען מיר וועלן אויסגעפינען, אז ס׳איז נישט קיין סתם רעליגיעזע שריפט, ווי דו פּרוּווסט זיך פארטיידיקן!

ר׳ איטשע־מאירל איז געבליבן שטיין אין איין ציטערניש. מען האָט דערווייל ארײַנגעפירט פארשידענע פּויערים, וועלכע זענען געכאַפּט געוואָרן אויף די וועגן, מיטן חשד, אז זיי זענען שפּיאָנען.

ר׳ איטשע־מאירל האָט ארויסגעקוקט דורכן פענצטער און אין גרוי־

קיט פון פרימאָרגן האָט ער דערזען, ווי עס פאָרט־אָן א שליטן אין הויף אריין און עס שטייגט־אויס א ייד, וואָס האָט אין די אויגן פון ר׳ איטשע־מאירלען אויסגעזען „חצי־ייד, חצי־זעלנער״. ער איז געגאַנגען אָנגעטון אין א גרויען „קאָזשוך״ און א הויכן מיליטערישן צאָפּעק. און ווען ער האָט אויסגעטון דעם קאָזשוך און אים איבערגעלאָזט אויפן שליטן, האָט ער פלוצלינג באַקומען א צורה פון א יידישן אָרימאַן, וואָס גייט אין דער מדינה קלייבן נדבות.

ר׳ איטשע־מאירל האָט נישט געקאָנט פארשטיין, זעענדיק ווי דאָס אָרימע יידל מיט דעם געלן מערן־צימעס בערדל דרייט זיך ארום אין הויף פריי און לויפט פון איין הויז צום צווייטן, ווי ער וואָלט דאָ גאָר געווען א גאנצער „שמעלקע״.

און פלוצלינג האָט זיך געעפנט די טיר און צו ר׳ איטשע־מאירלס גרויס פארוווּנדערונג איז דאָס געלע יידל צוגעגאַנגען ברייט צום אָפיציר, וועלכער איז אים אנטקעגנגעקומען מיט א פריילעכן געשריי:

— אָ, בערקאָ, ווען ביסטו געקומען? נו, וואָס האָסטו געבראַכט?

—א סך זאכן און אלדאָס גוטס! — האָט בערקאָ, רייבנדיק די הענט, געענטפערט.

— נו, גוט, איך וועל באלד אָפּפּטרן די פּאָר שפּיאָנען, וועלן מיר דעמאָלט רעדן! — האָט דער אָפיציר געזאָגט, קלאַפּנדיק כסדר בערקאָן אויף דער פּלייצע פאר גרויס צופרידנקייט.

בערקאָ האָט זיך דערנענטערט צום טיש און דערזען ליגן א פּעקל לשון־קודשדיקע „כתבים״.

— און וואָס איז דאָס? — האָט בערקאָ געפרעגט ביים אָפיציר, ווי ער וואָלט געווען אויסגעקאָכט אין אלע סודות.

— דאָס זענען עפּעס געהיימע שריפטן פון א יידישן שפּיאָן, וואָס מען האָט היינט געכאַפּט. מיר וואַרטן טאקע, דו זאָלסט זיי איבערלייענען. אָט דאָרטן שטייט דער שפּיאָן — האָט דער אָפיציר אָנגעוויזן אויף ר׳ איטשע־מאירלען.

בערקאָ האָט זיך געגעבן א דריי־אויס צו ר׳ איטשע־מאירלען און ר׳ איטשע־מאירל האָט פּלוצלינג דערזען א פּנים, וואָס איז אים געווען שטארק קענטיק. בערקאָ איז צוגעגאַנגען נענטער צו ר׳ איטשע־מאירלען.

ער האָט פלוצלינג אַ געשריי געגעבן, פאַרברעכנדיק די הענט ווי אַ יידענע ביים „איינרייסן”: „וועמען זע איך דאָ? ר׳ איטשע־מאירל, ווי קומט איר אהער?”

און נאָך איידער ער האָט דערהערט דעם ענטפער פון ר׳ איטשע־מאירלען, האָט ער אָנגעהויבן ארומצולויפן איבער דער שטוב, ווי אַ מייזל אין אַ קלאַטקע. ער איז צוגעשפרונגען צום אָפיציר, דערנאָך צו ר׳ איטשע מאירלען און צוריק, געכאַפּט דאָס פּעקל כתבים, עס באַלד אָפּגעגעבן ר׳ איטשע־מאירלען און געהייסן אים גלייך ארויספירן צום שליטן.

דער אָפיציר האָט פאַרחידושט נאָכגעקוקט בערקאָן און צום סוף אים געפרעגט:

— וואָס טוסטו, בערקאָ? האָסט נאָר נישט קיין טעות? מען דאַרף זיין זייער פאָרזיכטיק!

— נישט דיין עסק! — האָט ער אויף אים אָנגעשריגן, ווי אויף אַ יינגל — מיש זיך נישט אריין!

און צו די זעלנער האָט ער זיך צעלאָזט אויף אַ קול:

— ווער האָט זיך דאָס געוואָגט צו פאַרטשעפּען אַזאַ הייליקן מאַן? אַ שוואַרץ יאָר וועלן זיי זיך אַלע אויסריכטן! קאַטעווען וועט מען זיי!... אָבער ווי עס האָט מיך היינט עפּעס אַזוי געטריבן אהער! מסתמא איז מיר באַשערט געווען די מצווה, איך זאָל אָפּראַטעווען דעם הייליקן צדיק! — האָט ער זיך צו ר׳ איטשע־מאירלען געווענדט.

און צופירנדיק ר׳ איטשע־מאירלען צום שליטן, האָט בערקאָ געזאָגט:

— איר פאַרט אוודאי קיין קאָצק? וועל איך אייך באַגלייטן און אינאייגוועגס אויך דאָרטן אָפּגעבן אַ קוויטל.

ר׳ איטשע־מאירל איז געגאַנגען אינגאַנצן מבוסם, ווי ער וואָלט אליין נישט געגלויבט, וואָס זיינע אויגן האָבן געזען; ווי ער איז אין איין רגע ניצול געוואָרן פון זיכערן טויט. ער האָט כסדר נאָכגעקוקט בערקאָן, ווי ער זאָל זיין אַ פאַרשטעלטער אליהו הנביא.

— וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? — האָט בערקאָ געפרעגט, בשעת ר׳ איטשע־מאירל האָט געהאַלטן ביים אריינזעצן זיך אינעם שליטן — איר

דערקענט מיך נישט? איך בין דאָך בערל חיימס פון קוזמיר! איך בין איצט בסוד ביי די פוילישע „פּאָווסטאַנצעס", דערפאַר גיי איך ארום אין אזא הילוך. איך כאַפּ זיך אָפּט אריבער אויף יענער זייט צו די מאָסקאַליעס, שפּיר אויס גוט דאָס, וואָס מען באַדאַרף, און דערצייל עס דערנאָך אין אונדזער לאַגער. אָבער איך טו אַלץ אָן געלט, נאָר פאַר געטרייקייט צו פוילן און פאַר שנאה צו די „קאַצאַפּעס"...

אויפן גאַנצן וועג, ביז דער שליטן איז אָנגעקומען קיין קאָצק, האָט בערל חיימס דערציילט ר' איטשע־מאירלען, וויפיל יידן פון די פאַרשידענע שטעטלעך האָבן זיך געמאָלדן פרייוויליק צו ווערן שפּיאָנען לטובת פוילן.

דער שליטן איז נאָך א פּאָר מאָל פאַרהאַלטן געוואָרן פון פוילישע מיליטערישע פּאַטרולן, אָבער תמיד, ווי נאָר בערל חיימס האָט געוויזן עפּעס א פּאַפּירל, האָבן זיך די זעלנער מיט גרויס דרך־ארץ פאַר אים פאַר־בייגט און זענען באַלד אָפּגעטרעטן.

ווי נאָר דער שליטן איז פאַרפאָרן אין קאָצקער הויף אריין, איז ר' איטשע־מאירל גלייך אריינגעגאַנגען צום רבין ר' מענדעלע און האָט זיך מיט אים פאַרמאַכט.

א פּאָר שעה האָט געדויערט ביז ר' איטשע־מאירל איז ארויסגע־גאַנגען פון רבין ר' מענדעלעס חדר־המיוחד, און באַלד האָט ער געהייסן דעם פורמאַן, צוריק שפּאַנען די פערד צו פאָרן שנעל קיין ווארשע. ער האָט קיינעם פון די חסידים, וועלכע האָבן זיך ארומגעדרייט אין קאָצקער בית־המדרש, נישט געוואָלט זען.

בערל חיימס פון קוזמיר האָט שוין באַגלייט ר' איטשע־מאירלען קיין ווארשע, און אזוי שנעל ווי ער איז אָנגעקומען קיין ווארשע, איז ער גלייך פאַרפאָרן צום הויז פון זיין שווער ר' משה חלפן, וועלכער האָט אים שוין אָפּגעוואַרט אויף דער שוועל. ר' איטשע־מאירל האָט נאָך פון שליטן אראָפּגעשריגן צו זיין שווער ר' משה חלפן: „געהייסן! געהייסן געבן! איך וועל אַלץ דערציילן..." און ער איז גלייך אריין, אינגאַנצן א פאַרפרוירענער, צום שווער אין הויז.

כב

דער קאָצקער רבי לאָזט ארויס אן אויפרוף צו שטיצן דעם פוילישן אויפשטאנד

דעם זעלבן אויפדערנאכט, ווען ר׳ איטשע־מאירל איז צוריקגעקומען פון קאָצק קיין ווארשע, איז ער, צוזאמען מיט זיין שווער, ר׳ משה חלפן, אריינגעגאנגען צום גענעראל אָסטראָווסקי. גענעראל אָסטראָווסקי האָט געהאט זיין הויפּט־קווארטיר אין דער קאזארמע אויפן פּשעיאזד.

ר׳ איטשע־מאירל און ר׳ משה חלפן האָבן זיך אָנגעטון די שבתדיקע זיידענע מלבושים און הויכע ספּאָדקעס אויף די קעפּ. זיי זענען געפאָרן אין דעם שליטן, וואָס ר׳ משה חלפן האָט געהאט. נעבן זיי זענען געזעסן צוויי יידן פון דער נאציאָנאלער גווארדיע, וואָס דער גענעראל אָסטראָווסקי האָט געשאפן. די צוויי יידישע גווארדיסטן זענען געווען א מין ערן־וואך, וואָס דער גענעראל אָסטראָווסקי האָט צו זיי געשיקט, זיי צו היטן אויפן וועג און גלייכצייטיק זיי אָפּצוגעבן דעם געהעריקן כבוד.

ר׳ איטשע-מאירל און ר׳ משה חלפן האָבן נישט לאנג געווארט אינעם לאנגן קאָרידאָר פון דער אלטער קאזארמע.

ווי נאָר דער גענעראל אָסטראָווסקי האָט זיך דערוווּסט, אז די צוויי יידן, וואָס ער האָט זיי באשטעלט, ווארטן אין קאָרידאָר, האָט ער זיי גלייך געהייסן אריינרופן.

דאָס צימער, ווו דער גענעראל אָסטראָווסקי איז געזעסן, איז געווען אלט. די דיקע, שטיינערנע ווענט זענען געווען באצירט מיט פארשידענע אלטע וואפן, גרויסע מאַפּעס, פּאָרטרעטן פון אלע פּוילישע נאציאָנאלע קעמפער און אויף דער וואנט הינטער דער שטול, ווו דער גענעראל איז געזעסן, איז געהאנגען א גרויסע, זיידענע, נאציאָנאלע פאָן, געשטיקט פון גאָלד.

דאָס איז געווען די פאָן פון דער יידישער, שטעטישער גווארדיע, וועלכע האָט געהאט אויסגעהאָפטן אינמיטן פון פּוילישן אָדלער דעם יידישן „שם הויה״ (די פאָן האָט זיך ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה

געפונען אין דער חפצים־זאמלונג פונעם דר. נ. דאווידזאָן אין ווארשע).

גענעראל אָסטראָווסקי האָט זיך דערפרייט, ווען ער האָט געזען אריינקומען ר׳ משה חלפן צוזאמען מיט ר׳ איטשע־מאירלען. ער האָט זיי ביידע געהייסן זעצן, באפוילן דעם דינער, ער זאָל אריינברענגען די אלטע, נאציאָנאלע פוילישע משקה: א טאָפּ טאָפּעלן־מעד און האָט זיי מכבד געווען אין גרויסע, זילבערנע בעכערס.

ווען דער גענעראל אָסטראָווסקי האָט אליין שוין געהאט אריינגע־צויגן א פּאָר גרויסע בעכערס, איז ער געוואָרן א ביסל לויזער אין זיין צונג, ער האָט אָנגעהויבן שטארק צו לויבן דאָס יידישע פאָלק און יעדע פּאָר מינוט זיך געשוואָרן „יאַק באָגא קאָכאַם" ווי איך האָב ליב די „זשיד־קעלעך", און אז ער איז געווען זיכער, אז מאָשקאָ כאלפאַן וועט באָרגן די הונדערט טויזנט טאָלער.

— איאָ, מאָשקאָ, כ׳האָב קיין טעות נישט געהאט? — האָט ער זיך מיט א גנביש שמייכעלע געווענדט צו ר׳ משה חלפן.

נאָר אָנשטאָט ר׳ משה חלפן זאָל אים ענטפערן, האָט אים געענטפערט ר׳ איטשע־מאירל, זאָגנדיק, אז: „דער שווער האָט באשלאָסן צו העלפן דעם פוילישן אויפשטאנד און ער וועט באָרגן דעם סכום, וואָס דער גענע־ראל פארלאנגט".

דער גענעראל איז געוואָרן נאָך מער אויפגעלייגט און האָט אָנגע־הויבן צו שפּאנען איבערן צימער זאָגנדיק:

— נו, איך האָב דאָך געוווּסט, אז ביי אייך יידן, וועט מען קאָנען באקומען געלט.

ר׳ איטשע־מאירל האָט מיט אמאָל דערפילט די גאנצע ביטול־באציאונג, וואָס דער גענעראל האָט צו די יידן, און ער האָט אים געענט־פערט:

— מיר גיבן נישט דאָס געלט בלויז דערפאר, ווייל דער גענעראל האָט פארלאנגט, נאָר ווייל מיר יידן זענען פאראינטערעסירט אין דעם אויפשטאנד פונקט אזוי, ווי דאָס פוילישע פאָלק אליין. אמת. געלט האָט מען ביי יידן תמיד באקומען, אָבער דאָס מאָל גיבן מיר מער ווי געלט, מיר גיבן אויך אונדזערע לעבנס.

— יאָ, איך ווייס דערפון, — האָט דער גענעראל אָסטראָווסקי גע־

ענטפערט, ווערנדיק אביסל אויסגעניכטערט צוליב די שארפע דיבורים פון ר׳ איטשע־מאירלען — און מיר איז באקאנט די העלדישקייט פון די יידן!

— איר, האָט ר׳ איטשע־מאירל ווייטער געזאָגט, — ווייסט דערפון, און פונדעסטוועגן ווילט איר נישט אנערקענען אונדזערע קרבנות. מען הענגט אין אלע שטעטלעך אומשולדיקע יידן, — האָט ר׳ איטשע־מאירל זיך צעוויינט, — אונטער דעם חשד אז זיי זענען שפּיאָנען. אויף דער פּראָווינץ איז דער ייד פּשוט הפקר. יעדער פּוילישער זעלנער קאָן זיך דער־לויבן צו טון מיט אים וואָס ער וויל; און אויב מיר גיבן טאקע געלט און מענטשן פאר דעם פּוילישן אויפשטאנד, ווילן מיר, אז מען זאָל אונדז לכל־הפּחות נישט האלטן פאר פאררעטער.

— אָבער עס קאָן דאָך נישט זיין, — האָט גענעראל אָסטראָווסקי שוין מיט א געהעכערטער שטים געזאָגט, — אדרבה, ווייזט פאקטן, ווו און ווען מען האָט יידן פארטשעפּעט.

— וואָס דארף איך ברענגען א סך ביישפּילן, — האָט ר׳ איטשע־מאירל ווירדיק געענטפערט, — אָט האָט עס פּאסירט מיט מיר אליין: ערשט מיט צוויי טעג צוריק, ווען איך בין פון דאנען געפאָרן קיין קאָצק, האָבן מיך אויפן וועג פארהאלטן פּוילישע סאָלדאטן, מיך ארעסטירט און ארייגעפירט אין א מיליטערישן לאגער. עס האָט שוין געהאלטן אפילו דערביי, מען זאָל מיך הענגען, ווען נישט א צופאל, וואָס איינער א ייד, וועלכער דינט פריוויליק אין דער פּוילישער ארמיי, האָט מיך צופעליק דערקענט און געהייסן מיך באפרייען.

— ווי הייסט דער ייד, — האָט דער גענעראל פארוווּנדערט גע־פרעגט, — און פארוואָס האָט מען אייך פארהאלטן? וואָס פאר א פאר־דעכטיקס האָט מען געפונען ביי אייך?

— פארוואָס מען האָט מיך פארהאלטן, ווייס איך אליין נישט, — האָט ר׳ איטשע־מאירל געענטפערט — דער איינציקער חשד איז געווען, ווייל איך פאָר אזוי פרי אויפן וועג, באָטש איך בין א ייד. געפונען האָט מען ביי מיר שריפטן וועגן רעליגיעזע ענינים, וואָס זיי האָבן דווקא געוואָלט אָננעמען פאר געהיימע מיליטערישע דאָקומענטן. ווי מען רופט דעם יידן ביי אייך אין דער ארמיי ווייס איך נישט, נאָר ביי אונדז הייסט ער בערל חיימס, און ער איז פון קוזמיר.

— אי, דאכט זיך מיר, — האָט דער גענעראַל א קלאַפּ געגעבן אין טיש אריין, אז דאָס איז בערקע. וואַרט נאָר א ווײַלע, איך האָב, דאכט זיך, היינט באקומען א ראַפּאָרט וועגן דעם „יאַק באָגאַ קאָכאַם", ווי דאָס הויבט אָן ווערן אינטערעסאַנט.

דער גענעראַל האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול, האָט מיט גע־שפּאַרנטע שטיוול צוגעשפּרייזט צום פייער־קאַסטן, ארויסגענומען א טעקע מיט געהיימע אקטן, אָנגעהויבן צו זוכן צווישן זיי, ביז ער האָט זיך אָפּ־געשטעלט אויף א פּאַפּיר, וואָס האָט געהאַט אויף דער צווייטער זייט א גרויסן זיגל פון טריפּוואַקס, ער האָט אָנגעהויבן שטילערהייט צו לייענען, אָבער באלד האָט ער אוועקגעלייגט די אקטן אויף א טיש און איז צוגעלאָפן צו ר' איטשע־מאירלען און פריילעך אויסגערופן:

— אך אזוי? איר זייט דאָס דער איציק מאיר, וואָס מען האָט פאַר־האַלטן אויפן וועג, מיט אייך האָט דאָס פּאַסירט, און איר זייט דאָס טאַקע דער איידעם פון מאַשקע חלפן, טאָ פאַרוואָס האָט איר מיר גאָרנישט גע־זאָגט דערפון? — האָט ער זיך פלוצלינג געווענדט צו ר' איטשע־מאירלס שווער, — פאַרוואָס האָט איר גאָר נישט דערציילט, וואָס פאַר א טייערן איידעם איר פאַרמאָגט און ווי אָנגעזען ער איז ביי יידן? אָט האָב איך דערהאַלטן דעם ראַפּאָרט וועגן אייער אַרעסט, — האָט ער צוריק אָנגע־הויבן רעדן צו ר' איטשע־מאירלען, — דער בערקאָ איז ביי מיר פריער געווען און האָט מיר אַלץ דערציילט. די סאָלדאַטן האָבן שוין באַקומען זייער שטראָף. ס'פריט מיך זייער, וואָס איר זענט גראָד דאָ ביי מיר אין צימער, ווייל איך האָב סיי־ווי גערעכנט צו שיקן אייך רופן, מיט אייך צו האָבן א שמועס. נאָר לאָמיר דאָס אָפּליינגן אויף שפּעטער. לאָמיר דערווייל דערלייידיקן איין ענין. אלזאָ, די הלוואה גיט איר, מאַשקאַ כאַלפאַן, דער איצטיקער פּוילישער רעגירונג? מיר וועלן דערפאַר אייך געבן א משכון די הייזער אין וואַרשע, אזוי ווי מיר האָבן שוין צוגעזאָגט. זיי זענען: דאָס טעאַטער, דאָס ראַטהויז. און די קאַשאַרן אויפן פּשעיאַזד. און דאָ האָט גענעראַל אָסטראָווסקי ארויסגענומען פון דער פייערקאַסע אן אָפּמאַך, וואָס איז געווען געשריבן אויף שטיקער פּאַרמעט, וואָס איז שוין געווען פון פריער צוגעגרייט.

ר' משה חלפן האָט פאַמעלעך און גענוי דורכגעלייענט דעם אָפּמאַך

און זיך אונטערגעשריבן. דערנאָך האָט זיך אונטערגעשריבן גענעראַל אַסטראָווסקי און געשטעמפּלט דעם אַפּמאַך מיט זיין זיגל־רינג.

גענעראַל אַסטראָווסקי האָט דערנאָך גענומען דעם אַפּמאַך, אים פאַרוויקלט ווי א מגילה און אריינגעלייגט אין א געשניצטער הילצערנער שייד. דאַן האָט ער אים מיט א פייערלעכן זשעסט איבערגעגעבן צו ר׳ משה חלפן.

ר׳ משה חלפן האָט צוגענומען דעם אַפּמאַך, אים אריינגעלייגט אין דער גרויסער בוזים־קעשענע. דערנאָך געבעטן דעם גענעראַל, מען זאָל אים מיטגעבן צוויי פאַרלעסליכע אָפיצירן, וואָס זאָלן ברענגען דעם גענע־ראַל דאָס קעסטל מיט די גאָלדענע דוקאטן.

ר׳ משה חלפן, צוזאַמען מיט ר׳ איטשע־מאירלען האָבן זיך שוין געהאט אויפגעשטעלט צום גיין, אָבער דער גענעראַל האָט געבעטן ר׳ איטשע־מאירלען, ער זאָל מיט אים בלייבן אויף נאָך א פּאָר מינוט.

ווען ר׳ משה חלפן איז ארויס, האָט דער גענעראַל אַסטראָווסקי דערמאָנט ר׳ איטשע־מאירלען זיין צווייטע בקשה, אז דער קאָצקער רבי זאָל צוזאַמען מיט ר׳ איטשע־מאירלען אונטערשרייבן אן אויפרוף צו די יידן, זיי זאָלן אריינטרעטן אלס פרייוויליקע אין דער יידישער גוואַרדיע און זיי זאָלן אונטערשטיצן דעם אויפשטאַנד, מיט וואָס זיי וועלן נאָר קאָנען.

דער גענעראַל האָט אויך דערציילט ר׳ איטשע־מאירלען, ווי אים איז אויסגעקומען שווער צו קעמפן מיט דער פּוילישער רעגירונג, ביז ער האָט אויסגעפּועלט א דערלויבעניש אריינצונעמען א געוויסע קאַטעגאָריע יידן אין דער פּוילישער גוואַרדיע. דאָס זענען די יידן, וועלכע באזיצן הייזער און סתם גבירים און בעיקר אזוינע יידן, וועלכע זענען מסכים זיך צו ראַ־זירן די בערד. איצט וויל ער אויך גרינדן א נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, וואָס זאָל באקומען אזא אויסשטאַטונג, ווי די אַלגעמיינע גוואַרדיע און דערצו האָבן די פּריווילעגיע צו מעגן טראָגן בערד, אזוי אז פרומע יידן זאָלן קאָנען דאָרט פרייוויליק דינען.

לויט די חסידים דערציילן, האָט דער קאָצקער רבי, צוזאַמען מיט ר׳ איטשע־מאירלען טאַקע אונטערגעשריבן אזא אויפרוף צו דער יידישער

באפעלקערונג אין פוילן, זיי זאָלן זיך פרייוויליק אָנשליסן אין דער פוי־לישער נאציאָנאַלער גווארדיע.

דאָס וואָס מען האָט ביז היינט נישט געפונען אזא אויפרוף, האָבן אַלטע חסידים דערקלערט, איז דערפאר, ווייל נאָכדעם ווי דער אויפשטאנד האָט געהאט א דורכפאַל, האָבן די חסידים אַליין פארניכטעט אַלע „כרוזים", כדי די רוסישע רעגירונג זאָל נישט וויסן דערפון.

עס זענען אין דער דאָזיקער נייער גווארדיע אריינגעטרעטן איבער אכט הונדערט יידן, די איבעריקע זענען פאררעכנט געוואָרן צו דער לאָ־קאַלער פארזיכערונגס־וואך און איינע ווי די אנדערע האָבן גלענצנד דער־פילט זייערע פליכטן.

דאָס קאָן מען אמבעסטן זען פון דעם, וואָס דער גענעראל אָסטראָווסקי אַליין דערציילט וועגן אָט דער גווארדיע:

„ווען דאָס אויג", שרייבט גענעראַל אָסטראָווסקי, „פלעגט פאלן אויף די דאָזיקע פאראָרימטע, כמעט־נאקעטע, איבערגעשראָקענע מענטשן, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלט שטענדיק פארפאָלגט די מאכט פון פאטאַ־ליזם, האָט מען געמוזט ארויסהעלפן דעם דאָזיקן אין אַלע הינזיכטן אמ־מערסטנס פארפאָלגטן טייל פון אונדזער געזעלשאפט אין לאנד".

און ווייטער:

„די יידן האָבן אומעטום געקעמפט ווי אמתע העלדן. כאָטש עס האָט זיך אויסגעדאכט, אז זיי זענען איבערגעשראָקענע מענטשן, זענען זיי אָבער קיינמאָל נישט אָפּגעשטאַנען, קעמפנדיק אין די פּאָזיציעס, צוזאַמען מיט דעם פוילישן מיליטער".

לײדער האָט נישט געהאָלפן דאָס מסירת־נפשדיקייט פון די יידן. דאָס פרייוויליקע אריינטרעטן פון די יידן אין דער פוילישער ארמיי האָט נישט געקאָנט איינשטילן די פארפאָלגונגען פון די פוילישע גווארדיסטן, אפילו נאָכדעם, ווי דער גענעראַל אָסטראָווסקי האָט ארויסגעגעבן א ספע־ציעלן באפעל צו דער ארמיי, — אזוי ווי ר' איטשע־מאיר'ל האָט פארלאנגט, אז אין אזא ערנסטן מאָמענט, ווען דאָס פאָטערלאנד איז אין סכנה, זאָל מען אויפהערן צו פּאָגראָמירן די יידישע באפעלקערונג.

און דער סוף איז געווען, אז דעם 30־טן מאי 1831 האָט דער סיים ארויסגעגעבן א געזעץ, אז די יידן ווערן באזייטיקט פון מיליטער, זיי מוזן

אָבער דערפאַר טראָגן די לאַסט פון צאָלן א געוויסן סכום פאַר נישט גע-הערן צום מיליטער.

דעם 8טן סעפּטעמבער 1831 האָט דער רוסישער גענעראַל פּאַסקע־וויטש, נאָך א גרויסער שלאַכט, איינגענומען וואַרשע.

אַלע פירער פון דעם אויפשטאַנד זענען באַצייטנס אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד און אויך דער קאָצקער רבי ר׳ מענדעלע, צוזאַמען מיט ר׳ איטשע־מאירלען האָבן געמוזט אַנטלויפן קיין לעמבערג.

ווי די חסידישע לעגענדע דערציילט, האָט איינער א חסיד זיי ביידן געמסרט צוליב דער שנאה, וואָס די גאַליציאַנער חסידים האָבן געהאַט צום קאָצקער דרך.

עס איז דורך א צופאַל געלונגען ר׳ איטשע־מאירלען צו אַנטלויפן פון תפיסה. ער איז באַלד אַוועקגעגאַנגען צום דעמאָלטדיקן לעמבערגער רב, ר׳ יעקב אָרענשטיין, דער מחבר פון „ישועת־יעקב״, און האָט מיט אים גלייך אָנגעהויבן צו שמועסן אין לערנען.

דער לעמבערגער רב איז נבהל ונשתומם געוואָרן פון ר׳ איטשע־מאירלס חריפות און ער האָט אים געפרעגט, ווער ער איז און פון וואַנען ער קומט. דערויף האָט אים ר׳ איטשע־מאירל געענטפערט, אז ער איז בלויז א תלמיד פון דעם רבין, וואָס זיצט אַרעסטירט דאָ אין דער לעמבער־גער תפיסה. דער לעמבערגער רב האָט אים געזאָגט, אז ער האָט ווייניק געהערט פונעם קאָצקער רבין, דערפאַר וויל ער וויסן, וועמעס אייניקל דער קאָצקער רבי איז.

האָט אים ר׳ איטשע־מאירל געענטפערט, אז נישט תמיד איז דער עיקר דער זיידע און ער האָט עס אים מרמז געווען מיט א פּסוק פון דער תורה: „עס שטייט אין פּסוק: „איש ראש לבית אבותיו הוא (במדבר א׳ ד׳), איז דער פּשט: נישט מיט דער הילף פון זכות אבות. זאָל ער ווערן א מנהיג, נישט מיטן כוח פון עשירות, נאָר ראש לבית אבותיו הוא, — ער אליין זאָל זיין ראוי דערצו, דער יחוס זאָל זיך אָנהויבן פון אים אליין...״

דער לעמבערגער רב האָט דערנאָך פאַרפירט א שמועס אין לערנען מיט ר׳ איטשע־מאירלען און ער איז געוואָרן אזוי דורכגענומען מיט ר׳ איטשע־מאירלס חריפות, אז ער האָט זיך גלייך משתדל געווען ביי דער רעגירונג, מען זאָל דעם קאָצקער רבין באַפרייען פון תפיסה.

* * *

נאָכדעם ווי די רוסישע רעגירונג האָט שוין געהאט איינגאנצן אונ־טערדריקט דעם אויפשטאנד, איז דער רבי ר' מענדעלע קאָצקער צוזאמען מיט ר' איטשע־מאירלען צוריקגעפאָרן קיין פּוילן, זיי האָבן זיך נאָר געענ־דערט די פאמיליען־נעמען, כדי טאָמער וועט אריינפאלן צו דער רעגירונג א „כרוז" וועגן אונטערשטיצן דעם אויפשטאנד, זאָל מען זיך נישט קאָנען טשעפּען צו זיי.

דער קאָצקער רבי האָט געענדערט זיין פאמיליע־נאָמען „האלפּערן", ווי ער האָט פריער געהייסן, אויף „מאָרגענשטערן" און ר' איטשע־מאירל האָט געענדערט זיין פאמיליע־נאָמען פון „ראָטענבערג", ווי ער האָט ביז דעמאָלט געהייסן, אויף „אלטער".

זינט דעמאָלט זענען שוין אלע אייניקלעך פונעם קאָצקער רבין פאר־בליבן ביים פאמיליע־נאָמען „מאָרגענשטערן" און די אייניקלעך פון ר' איטשע־מאירלען, „אלטער".

דער קאָצקער רבי האָט זיך צוריק באזעצט אין קאָצק און ר' איטשע־מאירל אין ווארשע.

כג

דער קאַמף צווישן די משכילים און חסידים אין ווארשע

ר' איטשע־מאירל האָט אין ווארשע צוריק געעפנט זיין ישיבה און ווערבירט חסידים קיין קאָצק, אָבער פּלוצלינג איז אויסגעבראָכן א שארפער קאמף צווישן די חסידים און די משכילים צוליב דעם אָנקומען פונעם „שר" משה מאָנטעפיאָרע קיין ווארשע.

די משכילים האָבן זיך געגרייט איבערצוגעבן דעם „שר" א מעמאָ־ראנדום וועגן איינפירן וועלטלעכע לימודים אין די יידישע חדרים און בכלל רעפאָרמירן דאָס גאנצע יידישע דערציאונגס־וועזן.

די חסידים, מיטן ווארקער רבין, קאָצקער רבין און ר' איטשע־מאירלען בראש, זענען ארויסגעטרעטן קעגן יעדער רעפאָרמאציע, וואָס

וואָלט לויט זייער מיינונג זיכער געווען געפירט צו אסימילאַציע, און דערנאָך שוין געמאַכט אַן אָפענעם וועג — צו שמד.

כדי אָבער בעסער צו פאַרשטיין, די שטאַרקע קעגנערשאַפט פון די חסידים אַריינצובריינגען רעפאָרמען אָדער בכלל וועלכע ס'איז נייעסן אין יידישן לעבן, איז נויטיק זיך נענטער צו באַקענען מיטן דעמאָלטיקן עקאָנאָמישן און קולטורעלן מצב פון די יידן אין פוילן:

נאָכן נאָוועמבער־אויפשטאַנד פונעם יאָר 1830 האָבן זיך די באַציאונגען צווישן די יידן און די פּאָליאַקן אין פוילן גאָר נישט פאַרבעסערט. עס איז נאָך אפילו נישט אינגאַנצן אַנטשוווּנדן געוואָרן דאָס געוויש פונעם געווער, און אין וואַרשע האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די קאַמפן וועגן אַזעלכע „וויכטיקע" ענינים ווי, למשל, וועגן די הייזער אין יענע ראַגעס, וואָס גייען אַרויס צו אַזעלכע גאַסן, וואָס זענען נישט דערלויבט די יידן צו וווינען (אין אַ גאַנצע רייע גאַסן איז דעמאָלט די יידן נישט געווען דערלויבט צו וווינען. די יידן האָבן זיך דעמאָלט קאָנצענטרירט אויפן גזשיבאָוו און אַרום דעם גזשיבאָוו), צי זאָל מען די הייזער באַטראַכטן אַזוי, ווי דער אַריינגאַנג וואָלט געווען זיין דורך דער גאַס, וווּ די יידן טאָרן נישט וווינען, צי זאָל מען אין אַזעלכע פאַלן מקיל זיין, ווייל דער אַריינגאַנג איז דאָך דורך אַ „דערלויבטער" גאַס, נאָר די פענצטער גייען אַרויס צו אַ „נישט־דערלויבטער" גאַס.

די יידן אין וואַרשע האָבן געדאַרפט אָנהויבן, לויט דעם אַלטן שטייגער, שטודירן מיט התמדה דעם פּלאַן פון דער פּוילישער רעזידענץ־שטאָט, כדי צו וויסן וועלכע גאַסן זענען פאַר יידן דערלויבט צו וווינען און וועלכע נישט.

און אין יאָר 1832 איז אַרויס אַ דערקלערונג פון דער רעגירונג, אַז די יידן, וואָס וווינען אין די הייזער פון די עק־גאַסן, זענען מחויב איינצוריכטן זייערע אויסגאַנגס־טירן נאָר צו די „דערלויבטע" גאַסן. דערפאַר מאַכט מען נישט קיין איבעריקע חומרות מיט די קראָמען פון אַזעלכע הייזער.

דערנאָך האָט אַ גרופּע יידן, וועלכע האָט זיך אַליין אָנגערופן: „דעפּוטאַטן פון די יידן פון קעניגרייך פּוילן" זיך געווענדט אין יאָר 1832 צום

באמיעשטשיק פּאסקעוויטש־עריוואנסקי מיט א ביטע צו פארברייטערן זייערע בירגערלעכע רעכט.

פּאסקעוויטש האָט זיך אפילו באצויגן סימפּאטיש צו דער יידישער ביטע און זי איבערגעשיקט צום צאר ניקאָלאַי מיט א באמערקונג, אז מען דאַרף זיך באציען צו דער יידישער ביטע מיט אויפמערקזאמקייט, ווייל פון צווישן די איינוואוינער פון פּוילן זענען זיי די אמטייסטן טריי דער „געזעצלעכער רעגירונג", — אָבער ס'איז דערפון גאָרנישט געוואָרן.

אָנשטאָט דעם זענען די יידן אויסגעגלייכט געוואָרן, מיט א פּאָר יאָר שפּעטער, מיט דער אלגעמיינער באפעלקערונג בנוגע דער שווערער פליכט צו דערפילן די מיליטער־דינסט.

לכתחילה האָט מען, צוליב דעם טרויעריקן צושטאנד פונעם מלוכה־בודזשעט אין פּוילן, איינגעפירט א קליינע תקנה, אז א חוץ דעם, וואָס די יידן מוזן דערפילן פּאקטיש די מיליטער־דינסט, זאָל מען ביי זיי ווייטער נעמען דעם רעקרוטן־שטייער, אָבער דאָס דאָזיקע געזעץ איז נישט אָנגענומען געוואָרן.

דאָס איינפירן די אלגעמיינע מיליטער־פליכט האָט אָבער ארויסגערופן ביי די רעליגיעזע יידן פיל זאָרג, ווייל דער עלטער פון מיליטער־דינסט איז באשטימט געוואָרן פון צוועלף יאָר אָן. די חסידישע און סתם רעליגיעזע יידן האָבן מורא געהאט, אז ווען מען וועט ביי זיי צונעמען די קינדער אזוי יונג, וועלן זיי דאָרט אָפּגעריסן ווערן אינגאנצן פון יידישקייט, און ווען זיי וועלן דערנאָך צוריקקומען „אויסגעדינטע", וועלן זיי זיין פארגרעבטע מענטשן, אינגאנצן ווייט פון יידישן דרך.

ר׳ איטשע־מאירל מיט א גרופּע חסידישע דאָזאָרעס פון וואַרשע האָבן זיך דערפאר געווענדט מיט א ביטע צו פּאסקעוויטשן, ער זאָל זיך רעכענען מיט די יידישע אייגנארטיקע באדינגונגען און נישט נעמען קיין יונגע יידישע קינדער צום מיליטער.

א דאנק די השתדלנותן פון די חסידישע דאָזאָרעס מיט ר׳ איטשע מאירלען בראש, האָט מען טאקע אויסגעפּועלט, אז די יידן וועט מען נעמען צו מיליטער־דינסט ערשט פון צוואנציק יאָר אָן.

אויף אזא אופן איז די חסידישע יידן פון וואַרשע געלונגען אויסצורווירקן, אז דאָס קאנטאָניסטן־סיסטעם זאָל נישט אָנגעווענדט ווערן בנוגע

די פּוילישע יידן, וואָס האָט געהאַט געבראַכט מיט זיך אַזעלכע גרויזאַמקייטן, און וואָס האָט פאַרסמט דאָס לעבן פון די יידן אין רוסלאַנד.

די יידן האָבן ווייטער געמוזט צאָלן דעם ספּעציעלן „כשר־אָפּצאָל", ווי ביז איצט מיטן מאָטיוו, אַז די יידן זענען נאָך אַלץ נישט קיין בירגער, הגם מען האָט זיי שוין גענומען אין מיליטער.

מיט דער פראַגע פון פאַרבעסערן די יידישע לאַגע אין פּוילן און אין גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט משה מאָנטעפיאָרע, און דעם ערשטן מערץ 1846 האָט מאָנטעפיאָרע באַזוכט פּעטערבורג, דערנאָך ווילנע און דאַן וואַרשע.

דער „שר" און שתדלן משה מאָנטעפיאָרע האָט אין אַ באַזונדערן מעמאָריאַל צו דער רעגירונג דעמאָלט געשילדערט די טראַגישע לעבנס באַדינגונגען פון די יידן אין פּוילן.

ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ גאַנצע רייע שטעט, ווו די יידן איז לחלוטין פאַרבאָטן צו וווינען: אין אַנדערע שטעט, ווידער, האָבן יידן דאָס רעכט צו וווינען בלויז אין איינצלנע גאַסן, זיי טאָרן אויך נישט וווינען אינעם גרענעץ־פּאַס. די יידישע האַנטווערקער זענען שטאַרק באַגרענעצט אין זייער אַרבעט, צוליב דעם וואָס זיי טאָרן זיך נישט באַנוצן מיט געזעלן און טאָג־אַרבעטער. זיי טאָרן אויך נישט אָנקומען אויף דער לערע צו קריסטלעכע מייסטערס, כדי אַליין דערנאָך אָנערקענט צו ווערן פאַר מייסטער. אַלס באַזונדערע לאַסט ליגט אויף דער יידישער באַפעלקערונג דער כשר־אָפּצאָל פון פלייש און עופות. פאַרן אַריינפאָרן קיין וואַרשע ווערט אויך פון די יידן איינגעמאָנט אַ באַזונדער אָפּצאָל.

די יידן געפינען זיך פּאַקטיש אין אַ סך ענינים אויסער יעדן געזעץ. אַזוי, למשל, קאָן נישט אַ ייד אויפטרעטן אין געריכט אַלס עדות קעגן אַ קריסט.

אין די רעגירונגס־קרייזן האָט מען זיך באַמיט, ווי אין רוסלאַנד אַזוי אויך אין פּוילן, אויפצוואַרפן די יידן, אַז זיי מיידן אויס צו טון פּראָדוקטיווע אַרבעט און פאַרנעמען זיך מיט קליין־האַנדל, פּילנדיק אַ ווידערווילן צו יעדער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט; זיי ווילן זיך אויך נישט פאַרנעמען מיט מלאכות, נאָר באַשעפטיקן זיך מיט קאָנטראַבאַנדע; שיידן זיך

א קאָצקער חסיד און זיין פרוי מיט הונדערט יאָר צוריק.

אַפּ פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג דורך זייער קליידונג, און זענען בכלל אַ פּינצטערע, אָפּגעשטאַנענע מאַסע.

דער „שר" מאָנטעפיאָרע האָט אָבער אין זיין מעמאָריאַל אויפגעוויזן, אַז עס געפינען זיך בעלי־מלאכות צווישן יידן אין אַ גרעסערן פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג און אַז די יידן פאַרנעמען זיך מיט דער שווערסטער אַרבעט. אַזוי האָט מאָנטעפיאָרע צווישן אַנדערס אָנגעוויזן, אַז עס זענען פאַראַנען צווישן די יידן אַ סך מוליאַרעס, שמידן און אַנדערע „שווערע" בעלי־מלאכות, און אַז די צאָל יידן, וואָס ווילן זיך פאַרנעמען מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט וואָלט זיך אָן ספק פיל פאַרגרעסערט, ווען עס וואָלטן אָפּגעשאַפט געוואָרן די רעכטלאָזע באַגרענעצונגען, וועלכע זיי באַגעגענען אויף יעדן שריט און טריט. דער גרעסטער באַוויז איז — האָט דער „שר" געשריבן אין זיין מעמאָראַנדום — אַז ווען אַלעקסאַנדער דעם ערשטנס רעגירונג האָט אויפגעפאָדערט די יידן, זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט, האָבן זיי זיך גערן אָנגערופן דערויף, נאָר דערפאַר וואָס די מאַכט האָט זיי געלייגט אויפן וועג פאַרשידענע אומגעהויערע שטערונגען, זענען די רעזולטאַטן נישט געווען גאָר קיין געהויבענע.

בנוגע דער באַזונדערער קליידונג — האָט דער „שר" געשריבן — האָט דאָך די פּוילישע רעגירונג אַליין געצוווּנגען דערצו די יידן מיט דריי הונדערט יאָר צוריק. ווי עס זאָל נישט זיין, נאָר צוליב דעם, וואָס דער מנהג פון טראָגן באַזונדערע מלבושים קאָן זיך נישט שטיצן אויף די פאָרשריפטן פון דער יידישער רעליגיע, וועלן זיך די יידן ביסלעכוויז אַליין אָפּגעוווינען דערפון.

דער „שר" מאָנטעפיאָרע האָט אָבער געוואָלט אַליין זיך באַקענען מיט די גרויסע יידישע קבוצים פון פּוילן, און דערפאַר האָט ער באַזוכט ווילנע און וואַרשע.

און ווען די יידן פון וואַרשע האָבן זיך דערוואוסט, אַז דער „שר" וועט באַזוכן זייער שטאָט, האָבן זיי זיך געגרייט אים מקבל פּנים צו זיין מיט דעם גרעסטן כבוד. עס איז דעריבער אָנגעגאַנגען אַ שטילער קאַמף צווישן די משכּילים און די חסידים. יעדער האָט געוואָלט געווינען דעם „שר" אויף זיין צד. די משכילים האָבן זיך געגרייט נושא־חן זיין אין די אויגן פונעם „שר", און די חסידים האָבן געוווּסט, אַז דער „שר" איז אַ

פרומער ייד, הגם ער ווייסט נאָך נישט וואָס עס איז אזוינס חסידות. די חסידים האָבן לכבוד זיין אָנקומען פארפאסט א „שיר תהלה" (לויב-ליד).

די חסידים האָבן דעמאָלט געקוקט אויף די משכילים ווי אויף מיסיאָנערן, וואָס ווילן אונטערברענגען דאָס יידישקייט, ווייל לויט די דעמאָלט־עקזיסטירנדיקע פארהעלטנישן און באדינגונגען האָט געדארפט קלאָר זיין, אז בעתן שטרעבן צו פארשפּרייטן בילדונג צווישן די יידישע מאסן, האָט געדארפט גלייכצייטיק געשווינט ווערן די הייליקייטן פון דער יידישער רעליגיע. מען האָט דעריבער געדארפט אויסמיידן יעדן קאמף, אפילו קעגן יענע מנהגים און איינרעדענישן, וועלכע האָבן מיט דער אמתער יידישער אמונה קיין שום שייכות נישט, גלויבנדיק, אז די אויפקלערונג אליין וועט א סך אָפּגעשטאַנענע מנהגים ענדערן. דער וועג וואָלט אפשר געווען א לענגערער, אָבער דערפאר א מער זיכערער.

די יידישע משכילישע אינטעליגענץ האָט אָבער געוואָלט אָפּהאלטן לייכטע נצחונות, און זי האָט זיך גלייך אָנגעהויבן צו חברן מיט דער רעגירונג, הגם זי האָט גוט געוווּסט, אז די רעגירונג איז נישט גינסטיק געשטימט צו די יידן און אז די „יידישע מאָראלישע ווידערגעבורט", וואָס די משכילים האָבן בכסדר געפּריידיקט, פארשטייט זי נישט אנדערש, ווי אלס אויסראָטונג פון יידישקייט בכלל אָדער בעסער געזאָגט, אלס מיטל צוצופירן די יידן צום הערשנדיקן גלויבן.

און עס האָט זיך טאקע דעמאָלט אָנגעהויבן ארויסצווייזן די נייגונג פון די מאסגעבנדע קרייזן צו מאכן פון יידן קאטויליקן.

עס איז דעמאָלט אפילו געגרינדעט געוואָרן אין ווארשע א „ביבלישע געזעלשאפט", מיטן צוועק פארשפּרייטן דאָס קריסטנטום צווישן די יידן. מען האָט געבראכט פון לאָנדאָן אָנגעזעענע יידישע מיסיאָנערן, וועלכע האָבן באקומען פארשידענע פּריווילעגיעס און באזונדערע רעכט.

די יידישע משומדים האָט מען אין דער העכסטער פּוילישער געזעלשאפט אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און זיי ארויסגעוויזן א באזונדערן כבוד. די יידישע משומדים האָבן חתונה געהאט מיט די גרעסטע פּוילישע אדלליט און זענען דערנאָך געקרוינט געוואָרן מיט פארשידענע אדעלישע טיטלען. עס איז געגנוג צו דערמאָנען די טעכטער פון דער בארימטער יהודית יאקובאָוויטש, וועלכע האָבן נאָכן אָפּשמדן זיך, חתונה געהאט מיט די

פאַרשטייער פון דער העכסטער פּוילישער און פראַנצויזישער אריסטאָקראַ־טיע.

און פיל יידישע משכילים האָבן זיך נישט געשעמט גאַנץ אָפן מודה צו זיין, אַז אונטערן וואָרט „אַסימילאַציע" פאַרשטייען זיי אַ פולשטענדיקע יידישע פּאָלאָניזירונג דורך אָפּשמדן זיך. עס איז דערפאַר קיין וווּנדער נישט, וואָס אַלע זייערע אונטערנעמונגען און מעשים האָבן ביי די ברייטע יידישע מאַסן און באַזונדערס ביי די חסידים אַרויסגערופן אומצופרידנקייט. נאָכמער, צוליב דעם, וואָס אַפילו יענע אינסטיטוציעס, וואָס זענען אפשר דעמאָלט שוין יאָ געווען נויטיק און נוצלעך פאַר דער יידישער באַפעלקע־רונג, האָבן אונטער זייער איינפלוס באַקומען אַזאַ כאַראַקטער, וואָס אַנט־שפּרעכט דורכאויס נישט זייער איינגנטלעכן ציל, ווי, למשל, די ראַבינער־שול אין וואַרשע, וועלכע האָט דערצויגן אַ דור מיט אַסימילאַנטן, וואָס זענען געווען פרעמד צו די יידן און האָבן גאָר פיינט געהאַט די יידישע אמונה.

דעריבער איז געווען אַזוי גרויס דער פּחד ביי די חסידים, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז דער „שר" משה מאָנטעפיאָרע קומט קיין וואַרשע און אַז די משכילים ווילן אים דערלאַנגען אַ פּעטיציע.

און אַזוי ווי דער „שר" מאָנטעפיאָרע האָט אין וואַרשע געהאַט אויפגענומען די אַלע רעגירונגסלייט, וואָס זענען געקומען אים באַזוכן, האָבן זיך געמאָלדן די משכילים, אַז זיי ווילן מיט אים רעדן וועגן דעם מצב פון די יידן אין פּוילן.

אָבער אויך די חסידים זענען נישט געשלאָפן.

ר' איטשע־מאיר האָט איינגערופן אַן אסיפה אינעם הויז פון זיין שווער, ר' משה חלפן, צו באַטראַכטן, וואָס צו טאָן.

עס זענען געקומען צו דער אסיפה דער וואָרקער רבי און אַ שליח מיוחד פונעם קאָצקער הויף.

אַ גאַנצע נאַכט איז מען געזעסן און געטראַכט: צי מען זאָל אַרויס־טרעטן קעגן די משכילים מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, אָדער מען זאָל זיך פריער דורכרעדן מיט זיי, ווייל טאָמער וועט דער „שר" פאָרט נישט פאַר־שטיין, וואָס אַזוינס חסידות איז.

דער וואָרקער רבי, וועלכער איז תמיד געווען אַ מליץ־יושר פאַר יידן,

האָט דאָס מאָל געהאַלטן, אַז מען דאַרף יאָ גיין צום „שר" און מיט אים רעדן.

ער האָט אויף דער אסיפה געזאָגט צו די חסידים: „איצט איז מיר ווידער קשה דער טייטש פון דער הגדה: „אילו קרבנו לפני הר סיני. ולא נתן לנו את התורה — דיינו..." איז דאָך די קשיא: אָן קבלת התורה, וואָס וואָלטן מיר געהאַט דערפון, וואָס מען האָט אונדז צוגעפירט צו דעם הר סיני, און וואָס איז דעריבער דער מיין פון דעם דאָזיקן „דיינו"? — נאָר די וויכטיקייט פון הר־סיני איז, א חוץ קבלת־תורה, באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל געשאַפן אחדות ביי יידן, ווי עס שטייט: „ויחן שם ישראל נגד ההר" (שמות י"ט, ב') — כולם כאיש אחד! דאָס גופא איז שוין א וויכטיקע זאַך געווען, און צוליב דעם אליין איז שוין „דיינו", איז שוין גענוג געווען. „אָבער בעונותינו הרבים." — האָט דער וואָרקער רבי אויסגעלאָזט, — „אַז דאָס אחדות צווישן יידן איז מער נישטאָ, בפרט נאָך צווישן די אנטרונענע, וועלכע ווילן זיך מער נישט לאָזן אריינרעכענען אינעם כלל ישראל, און וועלכע מערן זיך פון טאָג צו טאָג, איז טאַקע צוריק די קשיא, וואָס טויג מיר דער „דיינו"?

און אויף דער אסיפה איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער וואָרקער רבי צוזאַמען מיט ר' איטשע־מאירלען זאָלן באַזוכן דעם „שר" משה מאָנטע־פיאָרע און אים אויפקלערן, וואָס אַזוינס חסידות איז און ביי אים אויס־פועלן, ער זאָל נישט וועלן רעפאָרמירן די יידישע חדרים אין פוילן.

כד

דער „שר" מאָנטעפיאָרע און דער וואָרקער רבי

איידער ר' איטשע־מאירל איז צוזאַמען מיט דעם וואָרקער רבין געגאַנגען באַזוכן דעם „שר" משה מאָנטעפיאָרע, איז ר' איטשע־מאירל געגאַנגען צום משכיל מתתיהו ראָזען. ער האָט ביי אים געבעטן, ער זאָל נישט פאָדערן פונעם „שר", אַז מען זאָל רעפאָרמירן די חדרים. אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט פועלן.

מתתיהו ראָזען האָט גאָר גענעבן צו פאַרשטיין ר' איטשע־מאירלען,

אז די משכילים זענען די אמתע ידן, און נאָר זיי האָבן א רעכט צו רעדן אין נאָמען פון פאָלק.

נאָכן באזוך פון ר׳ איטשע מאירלען ביי דעם משכיל ראָזען האָט ר׳ איטשע־מאירל געשריבן וועגן דעם א בריוו צו דעם גביר ר׳ אברהם יאנאווער.

און אָט וואָס ר׳ איטשע־מאירל האָט אין בריוו געשריבן: „מאחר שהוא צדיק בעיניו, אף שעובר על כל התורה כולה, רוצה שגם אחרים יהיו צדיקים כמותו, מה נאמר ומה נדבר, אוי לנו שכך עלתה בימינו. ולא די להם מה שעוברים בפומבי על התורה ואין דובר להם דבר, אבל עוד בקוצים בעיניהם, אשר יזכר שם ישראל בעולם המחזיקים בתורת ד׳״ (ווייל ער האלט זיך — געמיינט ראָזענען — פאר א צדיק, כאָטש ער איז עובר אויף דער גאנצער תורה, וויל ער, אז אויך די אנדערע זאָלן זיין אזעלכע צדיקים ווי ער איז, וואָס זאָל איך זאָגן און וואָס זאָל איך רעדן? ווי איז צו אונדז, אז דאָס געשעט אין אונדזערע צייטן. און ס׳איז זיי נישט גענוג, וואָס זיי זענען אליין עובר עפנטלעך אויף דער תורה און קיינער זאָגט זיי נישט קיין וואָרט, איז נאָך ווי א דאָרן אין זייערע אויגן. יעדער איינער, וואָס דערמאָנט דעם נאָמען ייד אין דער וועלט און די, וועלכע האלטן זיך נאָך אָן גאָטס תורה).

דער „שר״ מאָנטעפיאָרע האָט שוין פון לאנג געהאט געהערט, אז אין פוילן עקזיסטירט א חסידישע סעקטע, וואָס נעמט ארום ס׳רוב פון די פאָלקס־מאסן און דער עיקר די אָרימע שיכטן. דער „שר״ האָט אָבער קיין גענויע פאָרשטעלונג נישט געהאט, וואָס אזוינס עס איז חסידות.

פון דער געשיכטע האָט ער געוווּסט, אז דאָס חסידות איז אויפגעקומען נאָך דער פראנקיסטישער באוועגונג, לויט דעם שוואכן אָפּקלאנג, וואָס דאָס חסידות האָט נאָך דעמאָלט געהאט צווישן די יידן אין מערב־אייראָפּע, האָט זיך דער „שר״ פאָרגעשטעלט, אז די חסידים זענען עפּעס א געהיימע מיסטישע סעקטע, וואָס ווערט אָנגעפירט פון די „צדיקים״, וועלכע זענען פאלשע נביאים, אָדער זנאכערס און נוצן אוים די פינסטערע אָפּגעשטאנענע עלעמענטן פאר זייערע אייגענע וועלט־אינטערעסן.

און ווען די צוויי ווארשעווער משכילים, די גבירים, מתתיהו ראָזען און עפּשטיין, זענען געווען ביים „שר״ אויף באזוך און האָבן אים געשיל־

דערט די לאַגע פון די יידן אין פוילן, האָבן זיי אים דערציילט וועגן דער סעקטע חסידים.

„מיך פאראינטערעסירט זייער שטארק צו זען די פֿאָרשטייער פון אָט דער סעקטע, — האָט דער „שר" אינעם שמועס געזאָגט — אַלץ, וואָס איך הער פון אייך וועגן זיי, איז מיר זייער אינטערעסאַנט, אָבער כ'וואָלט מיט זיי געוואָלט אַליין רעדן, באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיט אָט די פירער, זענען זיי טאַקע אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייטן? — האָט ער זיך גע־ווענדט צו די צוויי משכילים און גלייכצייטיק האָט ער צוגעגעבן: — אפשר קאָנט איר מיר אויפקלערן, ווער דער גרינדער פון דער דאָזיקער סעקטע איז געווען און צי זענען זיי טאַקע אָפּטריניקע פון דער הייליקער תורה.

— דער גרינדער פון דער סעקטע — האָט ראָזען מיט ביטול געענט־פערט און גענומען לערנען מיטן „שר" א פּרק אין חסידות — איז געווען עפּעס א דאָרפס־ייד מיטן נאָמען ישראל מעזשיבעזשער, וואָס האָט געהיילט ווייבער מיט פאַרשידענע קרייטעכצער, א מענטש א גראָבער יונג, אָבער ער האָט געהאַט אין זיך עפּעס א צוציאונגס־קראַפט און האָט ארום זיך געשאַפן א חברה גראָבע יונגען, עם־הארצים, מענטשן פון פּראָסטן המון־עם, ער האָט זיי א נאָמען געגעבן „חסידים" און אַליין האָט ער זיך גע־קרוינט מיט דעם באַשיידענעם נאָמען — האָט ער מיט א חוזק־שמייכעלע ווייטער געזאָגט — „בעל־שם־טוב", אָדער „בעש"ט" ווי זיי רופן אים היינט. זינט דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן צו מערן פאַרשידענע פירערס, אָדער בעסער געזאָגט, פאַרפירערס, וועלכע רופן זיך „צדיקים" אָדער „רביים", זענען אַלע, לא־עלינו, גרויסע עם־הארצים און לערנען די אָנהענ־גער פון זייער סעקטע אבערגלויבענישן.

אָבער נעכטן האָט מיך באַזוכט א פוילישער גראַף — האָט זיך אָנ־גערופן מאָנטעפיאָרע — וועלכער פאַרנעמט א גאָר אָנגעזעען אָרט אין דער רעגירונג און ווען עס איז געקומען צו א שמועס וועגן די יידן, האָט ער מיר דערציילט, אַז זיין פאָטער האָט אים געזאָגט, אַז ערגיץ אין א קליין שטעט־טעלע, דאַכט זיך, אַז ער האָט דערמאָנט דעם נאָמען קאָזניץ אָדער קאָ־זע־נעץ — האָט דער „שר" אויסגעצויגן דאָס וואָרט — האָט דאָרטן געוווינט א צדיק, א פירער פון אָט דער סעקטע, איז זיין פאָטער, דער גראַף, צו אים

תמיד געפאָרן, כדי זיך מיט אים שואל־עצה צו זיין אין פאַרשידענע ענינים. וואָס דער צדיק האָט אים געזאָגט, אַזוי האָט ער געטון, ווייל דער צדיק איז געווען א שטיק נביא, האָט דער גראַף מיר דערציילט.

— דאָס איז געווען א רב, וועלכער האָט זיך גערופן: „קאָזשניצער מגיד" — האָט דער משכיל עפּשטיין גאָר נישט ניחאדיק געענטפערט — ער האָט צופעליק יאָ געקאָנט א סך לערנען און איז געווען זייער קלוג, דערפאַר איז אים געלונגען אָפּצונאַרן די פּוילישע אדל־לייט און צו אים זענען טאַקע געפאָרן גראַפן און פירשטן, וואָס ער האָט דורך פאַרשידענע תחבולות זיי אַריינגענאַרט און זיי געגעבן כלערליי עצות וועגן מסחרים, וואָס ער אליין האָט דערפון גאָרנישט געוווּסט.

— און וואָס איז דער „וווּנדער־ראַבינער" פון קאָצק, וועגן וועלכן א פּוילישער גראַף האָט מיר נעכטן דערציילט, אַז ער זאָל עפּעס זיין א גאָר אינטערעסאַנטע פּערזאָן?

— עפּעס א צעדרייטער נפש — האָט עפּשטיין שנעל געענטפערט — האָט צוזאַמענגעשלעפּט א המון מיט מענטשן און פּראַווועט דאָרט מיט זיי זיינע אויסטערלישע שטיק.

— מיך וואָלט זייער פאַראינטערעסירט זיי צו זען, — ווען וועל איך האָבן א פרייען טאָג? — האָט ער זיך פּלוצלינג געווענדט צו זיין סעקרע־טאַר דר. לעווי, — וואָלט איך וועלן אַריינפאָרן קיין קאָצק און אליין שמועסן מיט דעם „וווּנדער־ראַבינער". איך וועל גלייך וויסן, וואָס פאַר א פּאַרשוין ער איז.

די צוויי משכילים זענען שוין געווען אין איין ציטערניש, זיי האָבן מורא געהאַט, אַז טאָמער וועט גאָר דער קאָצקער רבי מיט זיינע שאַרפע רייד און זיין פייערדיק מויל מאַכן א גוטן איינדרוק אויפן „שר", האָבן זיי מיט האַלב־אָפענע מיילער געוואַרט אויף דר. לעוויס ענטפער.

דר. לעווי אליין איז אָבער אויך געווען א שטיק משכיל און ער האָט שוין פון פריער געהאַט א ווידערגעפיל צו אַט די אַלע חסידים און רביים, דערפאַר האָט דר. לעווי אַרויסגענומען זיין סעקרעטאַרישן ביכעלע און האָט אָנגעהויבן צו לייענען: מאָרגן קומט דער און דער גראַף, פאַרנאַכט באַזוכן מיר אַנשטאַלטן, א וויזיט ביים שטאָט פּרעזידענט.

ער האָט אים אַזוי אויסגערעכנט א גאַנצן צעטל מיט וויזיטן און

פארענדיקט: „מיר דאכט זיך, אז מיר וועלן שוין מער נישט האָבן קיין צייט זיך אריבערצוכאפּן קיין קאָצק.

— א שאָד, א שאָד! — האָט דער „שר" געענטפערט. דערביי גע־נומען דאָס עלפאנט־ביינערנע טאבאק־פושקעלע און צוגעפירט פאמעלעך צו דער נאָז. ער האָט לייכט א פּאָר געגעבן מיטן געעפנטן טאבאק־פושקעלע איבער דער נאָז, הין און צוריק, און האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאנגען צום פענסטער אביסל פארטראכט.

פּלוצלינג האָט דער „שר" א רוף־געגעבן: „דר. לעווי!" קומט נאָר אהער, זעט נאָר דעם צוזאמענלויף, וואָס עס איז אויף דער גאס, שלאָגט מען חס־ושלום יידן? שיקט תיכף א שליח מיוחד צום גובערנאטאָר זיך דערוויסן וואָס ס'איז געשען, — האָט דער „שר" מיט שרעק גערעדט.

אלע דריי, דר. לעווי און די צוויי משכילים זענען צוגעלאָפן צום פענסטער און זיי האָבן געזען:

א שווארצע מאסע פון מענטשן שטופּן זיך ארום א קאָטש, וועלכע פּאָרט זייער פאמעלעך, אין דער קאָטש זיצן דריי יידן, צוויי אויבנאָן און איינער קעגנאיבער זיי און ארום דער קאָטש הענגען הונדערטער יידן און יונגעלייט, וועלכע ווערן געוואָרפן פון אלע זייטן און צווישן זיי אלע זעט מען עטלעכע צענדליק פּאָליציאנטן, וועלכע טרייבן דעם גרויסן המון אויף אן אכזריותדיקן אופן.

דאָס זענען איצט געפאָרן דער וואָרקער רבי מיט ר' איטשע־מאירלען, באזוכן דעם „שר" מאָנטעפיאָרע. אלע אלטע פשיסכער חסידים, וואָרקער און קאָצקער, וואָס האָבן געוווינט אין ווארשע, זענען געווען אויף דער גאס, זען דעם וואָרקער רבין.

די חסידים זענען נאָכגעלאָפן נאָך דער קאָטש, האָבן זיך אָנגעהאנגען אויף די רעדער און ארום זיי זענען געלאָפן פּאָליציאנטן און האָבן זיי גע־האלטן אין איין שלאָגן, ווייל ס'איז געווען א באפעל, אז מען זאָל נישט דערלויבן קיין יידישע דעמאָנסטראציעס אין גאס בשעת דער „שר" מאָנ־טעפיאָרע וועט זיין אין שטאָט.

האָבן די פּאָליציאנטן געהאלטן אין איין שלאָגן, אין איין טרייבן דעם עולם, אָבער די חסידים האָבן אויף גאָר נישט געקוקט, אזוי ווי זיי וואָלטן גאָר נישט געווען געפילט די קלעפּ, וואָס זיי האָבן געקראָגן. זייערע

אויגן זענען געווען געווענדט צו דער קאַטש, ווו דער וואָרקער רבי איז געזעסן.

ווען די קאַטש האָט זיך שוין געהאַט דערנענטערט צום הויז, ווו דער „שר" איז איינגעשטאַנען, האָבן די צוויי משכילים דערקענט דעם וואָרקער רבין און ר' איטשע־מאירלען און זיי האָבן בארויאיקט דעם „שר".

— דאָס זענען צוויי פירער פון די חסידים, צוויי „צדיקים" און אזוי זעען אוים די חסידים, אזוי פארשווארצן זיי אונדז אונדזער פּנים אין די אויגן פון די קריסטלעכע איינוווינער, זיי לויפן נאָך זייערע רביים, ווי א מחנה ווילדע מענטשן.

— אָבער זיי מוזן דאָך זיין גרויסע פּערזענלעכקייטן, ווען זיי קאָנען צו זיך צוציען אזוי פיל מענטשן, וואָס לויפן זיי נאָך מיט אזא באגייסטע־רונג. אָט די מענטשן פילן דאָך אפילו נישט ווי די פּאָליציאַנטן שלאָגן זיי און פארוואָס זאָל טאקע די פּאָליציי זיי שלאָגן? — האָט דער „שר" גע־פרעגט. — די אויפגאבע פון דער פּאָליציי איז דאָך נאָר צו מאכן אָרדענונג, נישט צו שלאָגן רואיקע בירגער. א בארבאריש לאנד דאָ, מיט בארבארישע זיטן, — האָט דער „שר" ווי צו זיך אליין געזאָגט. — און צום דר. לעווי האָט ער זיך געווענדט — אויב די „צדיקים" זענען געקומען מיך זען, טאָ לאָז זיי גלייך אריין.

פארן הויז, ווו דער „שר" מאָנטעפיאָרע האָט געוווינט, זענען גע־שטאַנען פארשידענע פירשטלעכע קאָטשן. פון צייט צו צייט איז ארויסגע־קומען אן אנדערע גרעפין, וועלכע האָט באזוכט די פרוי פון מאָנטעפיאָרען — יהודיתן. דינערס מיט ווייסע פאריקן און ווייסע הענטשקעס זענען גע־שטאַנען פאר די קאָטשן און האָבן געעפנט די גאָלדענע טירן פון די קאָטשן און צוגעפירט די גרעפינס און די הויפישע דאמען.

דער וואָרקער רבי מיט ר' איטשע־מאירלען זענען כמעט ווי אריינ־געטראָגן געוואָרן פון דעם גרויסן עולם חסידים, אָבער אריינגעלאָזט אינעם טויער פונעם הויז, ווו מאָנטעפיאָרע האָט געוווינט, האָט מען נאָר די צוויי מענטשן, וואָס זענען געזעסן אין קאָטש און די גרויסע מחנה חסידים איז געבליבן שטיין אין דרויסן.

אין פּאָרצימער פון מאָנטעפיאָרעס וווינונג האָבן זיך געפונען א סך יידן פון ווארשע און די ארומיקע שטעטלעך. זיי זענען געקומען זען דעם

ייִדישן „שר" און פאַר אים אויסגיסן זייערע ביטערע הערצער, און דער סעקרעטאַר, דר. לעווי, האָט פאַר אַלעמען געהאַט איין ענטפער: „אייער „שר" מאָנטעפיאָרע איז נישטאָ אין דער היים!" און ווען דער סעקרעטאַר האָט דערזען דעם וואָרקער רבין, האָט ער אים געהייסן אַביסל צווואַרטן, זאָגנדיק אים אין דער שטיל, אַז באַלד וועט ער קאָנען אַריינגיין.

האָט דאָס שטאַרק ווי געטון דעם וואָרקער רבין, וואָס מען נאַרט אָפּ די פרעמדע ייִדן, און ער האָט אַ ביטערן שמייכל געטון:

„איצט", זאָגט דער וואָרקער רבי צום סעקרעטאַר, דר. לעווי, „איז מיר פאַרענטפערט די גמרא: „גדולה הכנסת אורחים מהקבלת פּני השכינה" (שבת קכ"ז, ב׳). וואָרום ביי משה רבינו, בעת ער האָט דערזען די שכינה, שטייט: „ויסתר משה את פּניו" (שמות ג׳, ו׳.) ער האָט בלויז דאָס פּנים באַהאַלטן, די גבירים אָבער, אַז זיי דערזען אַן אורח, אַן אָרימאַן — באַהאַלטן זיי זיך אינגאַנצן!"

דר. לעווי האָט דערפילט דעם שטאָך, האָט אַ געצוווּנגענעם שמייכל געגעבן, ער איז באַלד צוריק פאַרשווונדן אין צימער, ווו דער „שר" איז געזעסן.

„זאָלן זיי אַריינקומען!" האָט דער „שר" אַ באַפעל געגעבן צו זיין סעקרעטאַר, דר. לעווי.

די צוויי משכילים האָבן הפּנים געוואָלט בלייבן אין צימער, בשעת די חסידישע דעלעגאַציע וועט זיין ביים „שר", אָבער דר. לעווי האָט זיי אַ ווונק געגעבן, זיי זאָלן אַריינגיין אינעם דערבייאיקן צימער, ווייל דער „שר" וויל קיינמאָל נישט, אַז פרעמדע מענטשן זאָלן זיין דערביי, ווען ער נעמט אויף געסט.

די צוויי משכילים זענען אַריינגעגאַנגען אין דעם נעבנדיקן צימער און האָבן דאָרטן געוואָלט וואַרטן, ביז די רביים וועלן אַרויסגיין, כדי דערנאָך צונישט צו מאַכן זייערע טענות.

דר. לעווי האָט אַריינגעפירט צום „שר" אין צימער אַריין דריי ייִדן און האָט געמאָלדן: דאָס זענען די רביים, און איז אַרויס.

דער „שר", דערזעענדיק דאָס משונהדיקע אויסזען פון די ייִדן, מיט זייערע לאַנגע, זיידענע מלבושים, האָט זיך פאַר דרך־ארץ וועגן אויפגעשטעלט פאַר זיי און געהייסן זיי זעצן.

פאר דעם „שר" איז געשטאנען דער וואָרקער רבי, קליין, אויסגע־דאַרט, מיט א שווארץ פּנים, מיט א נאָך שווארצערער, גערדיכטער באָרד, וואָס האָט זיך דורכגעוועבט ווי מיט זילבערנע פעדים־האָר און מיט גרויע ברעמען, אָנגעטון אין א הויכן ספּאָדיק מיט א ברייטן אטלאסענעם גארטל ארומגעוויקלט אויף דער זיידענער בעקעשע. נעבן אים, זיין גבאי, משה — א הויכער ייד, מיט א בייז־שטרענג פּנים, מיט א געלע בארשטן־באָרד און מיט צוויי לאנגע הענט, וואָס קאָנען יעדע מינוט פּאטשן, אויב ס'וועט ווער וועלן פּוגע בכבוד זיין דעם רבין: ביי דער רעכטער האנט — ר' איטשע־מאירל, וועלכער האָט מיט זיין פיגור דערוועקט ביי יעדן איינעם רעספּעקט צו זיך.

„זענט איר אלע רביים!" האָט דער „שר" געפרעגט, נאָכדעם ווי אלע האָבן זיך געהאט אנידערגעזעצט.

„ניין!" האָט ר' איטשע־מאירל געענטפערט. „בלויז דער ייד," — האָט ער אָנגעוויזן אויפן וואָרקער, — „איז א רבי, און דער צווייטער איז א גבאי, און איך בין קוים א חסיד."

לויט דעם אלעם, וואָס דער „שר" האָט זיך פריער אָנגעהערט, האָט ער איצט דערזען גאָר אן אנדער בילד. עפּעס זענען דאָס נישט סתם קיין זנאכערס, וואָס פארפירן אָפּגעשטאנענע מענטשן, — האָט ער זיך גע־טראכט — ניין! דאָס מוזן זיין טיף־דענקענדע מענטשן. אזעלכע פּנימער און אזוינע אויגן האָבן נישט קיין שווינדלער.

— מיט וואָס קאָן איך אייך דינען? — האָט דער שר געפרעגט.

— מיר האָבן געהערט וועגן אייער גרויסקייט און איבערגעבנקייט צו יידן, — האָט דער וואָרקער רבי אָנגעהויבן. מיר האָבן געהערט וועגן אייער נסיעה קיין רוסלאנד צום צאר, משתדל צו זיין זיך פאר דעם יידישן פּאָלק, און מיר האָבן מתפּלל געווען צו גאָט, איר זאָלט, גרויסער „שר", נושא־חן זיין אין די אויגן פון צאר און פון אלע שרים, וואָס רינגלען אים ארום. און דערפאר זענען מיר געקומען אייך בעטן, איר זאָלט מבטל מאכן די גזירה וועגן איינפירן נייע מנהגים אין אונדזערע חדרים, וואָס איז געווען דער איינציקער יסוד פאר אונדזער קיום ביז היינט.

— וואָס? — האָט מאָנטעפיאָרע מיט א בייזן טאָן א פרעג געטון — איר ווילט טאקע ווייטער, אז דאָס פּאָלק זאָל גאָרנישט קענען לערנען, כדי

איר זאָלט קענען עס נאָך מער האַלטן אין פינסטערניש און פאַרשפּרייטן אייער סעקטאַנטישע לערע, דאָס חסידות, וואָס איז קעגן דער תורה?

— אדרבה, — האָט ר׳ איטשע־מאירל געענטפערט געלאַסן, כדי אים צו בארואיקן, — מיר ווילן דאָך טאַקע, אַז מען זאָל נישט איינפירן קיין רעפאָרמען, כדי מען זאָל קאָנען היטן די תורה מיט אַלע מצוות, אַזוי ווי אונדזערע אבות האָבן זיי אָפּגעהיט.

— און איר מיט אַלע חסידים האַלט איר זיך טאַקע אָן די געזעצן פון דער תורה? זענט איר נישט עובר אויף די חוקים פון דער תורה הקדושה? — האָט דער „שר" געפרעגט, איבערחזרנדיק דאָס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון די צוויי משכילים, וועלכע זענען פריער געוועזן.

— מיר באַמיען זיך מקיים צו זיין די תורה — האָט הכנעהדיק גע־ענטפערט דער וואָרקער רבי.

— און לערנען קענט איר כאָטש? — האָט דער „שר" ווייטער געפרעגט.

— מיר באַמיען זיך צו קענען, — האָט דער וואָרקער רבי געענט־פערט.

און דאָ האָט דער וואָרקער רבי מיט ר׳ איטשע־מאירלען אָנגעהויבן פאַרצולייגן זייערע טענות פאַרן „שר". דער שר האָט זייער שלעכט פאַר־שטאַנען זייער יידיש, און לסוף האָט ער געהייסן דעם סעקרעטאַר, דר. לעווי, ער זאָל אַריינקומען און זיין דער איבערזעצער. דער וואָרקער רבי האָט פאַרענדיקט דעם שמועס: „נישט מיר ווילן האַלטן די יידן אין גלות, אדרבה, מיר ווילן, אַז מען זאָל דערפילן, אַז די שכינה און די כנסת ישראל זענען אין גלות. אַזוי ווי אונדזער רבי ר׳ בונם פון פשיסכע האָט גע־טייטשט: והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים (שמות ו׳, ו׳), „סבלות" איז פון לשון „סבלו"... דער ערגסטער גלות איז, ווען מען הערט אויף צו פילן דעם גלות, ווען מען ווערט צוגעוווינט צו דעם שעבוד און הכנעה. „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים" — אויב איר האַלט שוין ביי אַזאַ מצב, אַז איר קאָנט שוין סובל זיין דעם גלות און עס אַרט אייך שוין גאָר נישט — דאַן טאָר מען מער נישט וואַרטן, דאַן איז שוין די העכסטע צייט, האָט גאָט געזאָגט, אייך אַרויסצופירן פון דאָרט!"

דר. לעווי האָט די תורה איבערגעזעצט פאַר דעם „שר”, וועמענס אויגן האָבן אויפגעלויכטן פאַר פרייד.

און דער „שר” האָט געזאָגט צו דר. לעווי: „רוף אַריין די צוויי געסט, וואָס זענען פריער דאָ געווען, זאָלן זיי אויך הערן וואָס מען רעדט דאָ און לאָמיר זען, וואָס זיי וועלן ענטפערן דערויף:

די ערשטע רגע האָט זיך ר' איטשע־מאירל דערשראָקן, דערזעענדיק די צוויי משכילים, אָבער ער האָט זיך באַלד באַרויקט, און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצוטענהן פאַרן „שר”:

דעם גאַנצן וויכוח, וואָס דער וואָרקער רבי און ר' איטשע־מאירל האָבן געפירט מיט די משכילים, האָט דער „שר” נישט צוגעהערט, נאָר ער האָט נאָכגעקוקט די תנועות פונעם וואָרקער רבין. ער האָט פאַר זיך דערזען אַ מענטש, וואָס לעבט אין אַן אַנדער וועלט, אַ מיסטישע, אַ סודותפולע, וואָס אים איז עס פרעמד — נאָר דרך־ארץ האָט ער באַקומען פאַר אים.

און ווען די משכילים האָבן כסדר געשריען, אַז די חסידים זענען מבטל לומדים, די תורה־לערנער, האָט דער וואָרקער רבי געענטפערט:

„צוויי חשובע בערג זענען פאַראַן: דער הר סיני, אויף וועלכן די יידן האָבן מקבל געווען די תורה, און דער הר־המוריה, אויף וועלכן אברהם האָט געפירט יצחקן צו דער עקידה. איז דאָך אַ פּלוג קשה: פאַרוואָס האָט מען דעם בית־המקדש געבויט אויפן הר־המוריה און נישט אויפן הר־סיני, אויפן באַרג, וווּ מען האָט אונדז געגעבן די תורה? איז דער תירוץ: דאָס אָרט, וווּ אַ ייד איז גרייט צו שטערבן דעם האַלדז פאַרן אויבערשטן, איז ביים רבונו־של־עולם פיל חשובער פונעם אָרט, וווּ מען האָט געגעבן די תורה... תורה, לומדות — איז אַוודאי גוט, אָבער דער עיקר איז האָבן מסירת־נפש פאַר יידישקייט!”

דער „שר” האָט זייער אַ הנאה געהאַט פונעם וואָרקער רבינס תורה, און ווען ער האָט זיך מיט זיי געזעגנט, האָט מען געמיינט, אַז דער וואָרקער רבי האָט מנצח געווען די משכילים און דער „שר” האַלט מיט זיי.

אָבער דעם „שר” איז פּאָרט געווען פרעמד דאָס חסידות. ער אַליין האָט זיך נישט געקאָנט פונאַנדערפּלאָנטערן צווישן דעם קאַמף, וואָס עס ווערט געפירט צווישן די משכילים מיט די חסידים. ווען דער „שר” האָט איבערגעגעבן דעם מעמאָראַנדום וועגן „דעם צושטאַנד פון דער יידישער

בילדונג אין רוסלאנד און פוילן,״ האָט ער זיך גאָר נישט גערעכנט מיט די בקשות פון דער חסידישער דעלעגאַציע.

כה

דער קאָצקער רבי נאָך דער צווייטער חתונה

נאָך דער חתונה פונעם קאָצקער רבין מיט ר׳ איטשע־מאירלס שוועגערין איז דער קאָצקער רבי געוואָרן מער צוגעלאָזן צו די חסידים. שאַרפע קאָצקער האָבן אַליין נישט געקאָנט פאַרשטיין, פון וואַנען דער שנוי איז געקומען, האָט מען געקוועטשט מיט די פּלייצעס און קיין תשובה האָט מען נישט באַקומען.

און פאַר די פּשוטע חסידים איז איצט געוואָרן קאָצק א גן־עדן. דער רבי איז געוואָרן גוטמוטיקער, ער האָט שוין געלאָזט רעדן צו זיך בשעת מען האָט אים א קוויטל אָפּגעגעבן, און ער איז בכלל געוואָרן רואיקער, שוין נישט געיאָגט די חסידים ווי פריער. ער האָט אויך צוריק אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין בית־המדרש אַריין, געשמועסט מיט די חסידים, נאָכגעזאָגט זיי א גלייכווערטל פון זיין רבין ר׳ בונם פון פּשיסכע, און א שמייכל האָט זיך אַפילו פון צייט צו צייט באַוויזן אויף זיין אָנגעשטרענגט פּנים.

די חסידים האָבן שוין געמיינט, אַז זיי האָבן צוריק באַקומען זייער אַמאָליקן רבין. א טייל חסידים האָבן זיך שוין דערלויבט אים צו פרעגן עצות וועגן גשמיותדיקע זאַכן.

אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט אייזיקל אַמשינאַוווער, וועלכער איז געווען א קאָצקער חסיד, אָבער נישט קיין גרויסער למדן. איינמאָל איז ער אַריינגעקומען און דעם רבין אָפּגעגעבן א קוויטל, און ווי דער שטייגער פלעגט זיין אין קאָצק, האָט ער נאָר אַריינגעשריבן: „לרפואת־הנפש וליראת־שמים״. און ווען דער קאָצקער רבי האָט אים אָנגעוואונטשן, איז אייזיק געבליבן שטיין נאָך א רגע. מאַכט צו אים דער רבי: „אייזיק, וואָס ביסטו אַזוי פאַרמרהשחורהט?״ אייזיק איז געבליבן שטיין אין איין שרעק און האָט מורא געהאַט צו ענטפערן, אָבער פּלוצלינג האָט ער זיך צעוויינט, פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט דער פאַטשיילע און האָט דעם רבין

דערציילט, אז שוין א פּאָר וואָכן, ווי ס'ווייב זײַנס איז קראַנק אויף די פיס און ער אַליין קאָן נישט פירן קיין מסחר. אַמאָל פלעגט זי פאָרן אויף די יאַרידים און ער איז געזעסן אין קלויז, און איצט ליגט זי כסדר אין בעט מיט געשוואָלענע פיס און ער האָט נישט אויף קיין מזון סעודה אחת.

ווי נאָר אייזיק האָט זיך אָפּגערעדט פאַרן רבין זײַן ביטער הארץ, האָט ער שוין חרטה געהאַט דערויף, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז דער רבי וויל קיינמאָל נישט הערן אַזוינע בקשות. ער האָט געמיינט, אַז מסתמא וועט ער אים איצט אויך א סוף מאַכן. אָבער ווי דערשטוינט זענען געוואָרן אַלע חסידים, וואָס זענען בשעת־מעשה געווען אין דעם רבינס פּראַוועשטיבל, ווען זיי האָבן דערהערט, ווי דער רבי פרעגט זיך איבער נאָכאַמאָל ווי זײַן פרווי הייסט, וואָס די שלאַפקייט איז און הויבט אָן קרעכצן: „דײַן אשה איז קראַנק, א חולאת אין שטוב, וויי! וויי!" און צום סוף אים אָנגעוווּנטשן א רפואה.

האָט זיך תיכף פאַרשפּרייט א קלאַנג איבערן קאָצקער הויף, אַז מען קאָן דעם רבין פרעגן עצות וועגן גשמיותדיקע ענינים. האָבן חסידים אָנגעהויבן פרעגן דעם רבין עצות — ווער וועגן פּרנסה, ווער וועגן קינדער, און דער רבי האָט זיי אַלעמען געלאָסן אויסגעהערט און אַלעמען געענטפערט און אָנגעוווּנטשן.

די הויף־מענטשן האָבן שוין אָנגעהויבן צו שמועסן צווישן זיך, אַז דאָס אַלץ האָט פּאַראויסגעזען ר' איטשע־מאיר'ל, דערפאַר האָט ער אַזוי שטאַרק צוגערעדט צום שידוך מיט זײַן שוועגערין און אַזוי שנעל צוגעיאָגט צו דער חתונה. ווייל געזאָגט האָבן די הויף־מענטשן, אַז דער קאָצקער רבי האָט זייער א סך געליטן פון זײַן ערשטער ווייב. ער, וועלכער האָט אַלץ געשטעלט אויפן שפּיץ־מעסער, ער, וועלכער האָט געוואָלט האָבן נאָר חסידים יחידים, וועלכע זאָלן מיט אים מיטגיין אין זײַן געוואַגטן דרך אין חסידות, האָט נישט געקאָנט סובל זײַן זײַן ווייב, וועלכע איז געווען א פּשוטע רביצין, וואָס האָט אים גאָרנישט פאַרשטאַנען, נאָר כסדר אים פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט אירע קליינלעכע הויז־ענינים. דערצו איז זי נאָך געווען א בייזע און האָט תמיד געוואָלט באַווייזן, אַז זי האָט איבער אים די איבערהאַנט, אַז דאָס, וואָס די שאַרפסטע חסידים האָבן ביי אים נישט געקאָנט פּועלן, וועט זי פּועלן. האָט זי אים טאַקע זייער אָפט פאַרביטערט

די טעג. און די הויף־מענטשן האָבן דערציילט, אז זיי ווייסן, אז ווען דער קאָצקער רבי איז נאָך געווען א תלמיד פונעם רבין ר׳ בונם, איז ער איינמאָל דאָרט אין פשיסכע אָפּגעווען דריי יאָר נאָכאַנאַנד. גערעדנקען זיי, אז ווען ער איז אהיים געקומען, האָט זיין ווייב אים נישט געוואָלט אריינלאָזן אין שטוב, שרייענדיק: „גיי צוריק אהין, ווו דו ביסט געווען ביז איצט!״

דער קאָצקער רבי האָט דעמאָלט געמוזט גיין צו זיין חבר, דעם שפּעטערדיקן חסיד, ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער, אים בעטן, ער זאָל אריינגיין צו זיין ווייב, ביי איר פּועלן, זי זאָל אים צוריק אריינלאָזן אין שטוב אריין, אים נישט אָנמאכן קיין חרפּות און בושות אין שטאָט. אָבער פיר וואָכן צייט האָט אים זיין ווייב איבער דער שוועל נישט געלאָזט, און ער האָט די גאנצע צייט זיך געמוזט אויפהאלטן ביי ר׳ מרדכי יוספן.

ערשט נאָך פיר וואָכן, ווען דאָס ווייב זיינס האָט שוין געוואָלט, ער זאָל צוריק אהיימקומען און זיין צו איר א מאן ווי אלע מענער — איז דער קאָצקער רבי שוין מער נישט געווען אין שטאָט. עס האָט זיך אים ווידער געהאט פארבענקט צו זען זיין רבין, און ער איז צוזאמען מיט ר׳ מרדכי יוספן געפאָרן קיין פשיסכע. זיי האָבן אפילו בדעה געהאט דאָרט צו פארבלייבן ביים רבין בלויז א פּאָר טעג, אָבער עס האָט זיך שוין אזוי געמאכט, אז פארלאָזט פשיסכע האָבן זיי ערשט נאָך פיר חדשים.

און די הויף־מענטשן האָבן צווישן זיך געשמועסט, אז דעם רבינס צווייטע ווייב איז בטבע א גוטע און האָט געוואָלטיק דרך־ארץ פארן רבין. זי טוט נישט קיין שום זאך, איידער זי פרעגט נישט פריער ביי איר שוואָגער, ר׳ איטשע־מאירלען.

די רביצין איז אויך געווען א גרויסע חכמת און האָט פארשטאנען ווי צו פירן א „הויף״. זי האָט איינגעפירט א נייעם מנהג, אז אזוי ווי איר מאן, דער קאָצקער רבי, האָט קיינמאָל נישט גענומען קיין פּדיון, איז זי, דאָס יונגע ווייבל זיינס, געזעסן אין דער פאָדערשטוב און יעדער חסיד פלעגט איר אוועקגעבן די פּדיונות אויף אויפהאלטן דעם הויף. זי פלעגט דאָס געלט שאַרן אין פארטוך אריין און דערנאָך בינדן קניפּלעך. די חסידים האָבן אפילו געזאָגט, אז דער רבי אליין האָט נישט געוווּסט דערפון, נאָר ווען אפילו ער זאָל זיך יאָ געווען דערוויסן דערפון, וואָלט ער אויך

גאַרנישט געווען געזאָגט, ווייל אַלץ, וואָס זיין רביצין האָט געטון, איז אים געווען ניחא.

האָט טאקע דערפאר די לעצטע צייט געווימלט און געשוויבלט אין רבינס הויף מיט ארענדארן און רייכע דאָרפס־יידן, וועלכע זענען געקומען צום רבין זיך פּראווען, בעטן רפואות פאר זייערע קראנקע ווייבער, קינ־דער. ווייל אין דער גאנצער געגנט איז שוין פארשפּריים געוואָרן דער שם, אז דער קאַצקער רבי נעמט אָן דעם המון־עם און לאָזט צו צו זיך ארענדארן און ער איז געוואָרן א גרויסער בעל־רחמנות. אזוי ווייט האָט מען שוין דערציילט, אז עס טרעפט זיך אָפט, ווען א ייד לאָזט פאר אים א טרער, ווײנט ער מיט, און אמאָל האָט ער געזאָגט צו א חסיד, אז א מאַן, מעג ער זיין א חסיד, דארף צוהעלפן זיין ווייב אין דער פּרנסה!

די „יושבים" ביים רבין, די „אייביקע באנק־קוועטשערס" — ווי די דאָרפס־יידן האָבן זיי גערופן — וועלכע האָבן זיך גאנצע חדשים אויפ־געהאַלטן ביים רבין און זענען בלויז אויף א פּאָר וואָכן אין יאָר אהיים געפאָרן צו זייערע ווייבער און קינדער, האָבן אָנגעהויבן צו לעבן א גוטן טאָג. זיי האָבן געהאַלטן אין איין נעמען „תקון" ביי די ארענדארן און ביי די רייכע דאָרפס־יידן. דער המון־עם האָט זיי אקעגנגעטראָגן די מטבעות מיט גרויס שמחה, דערפאר, וואָס די „שטעטישע" חסידים ווילן זיך מיט זיי חברן.

האָט זיך געטראָפן, אז עס איז געקומען א פרישער יונגערמאנטשיק, א רייכער איידעם, און האָט געוואָלט ווערן א „יושב" ביים רבין, האָט מען קודם־כל פון אים אראָפּגעצויגן די גאָלדענע קייט און זייגער, אים געמאכט א „משכנתא" אויפן טיש, אויסגעליידיקט זיינע קעשענעס און דערנאָך ערשט האָט מען אים פארעכנט פאר אן אמתן „יושב". ער האָט שוין געלעבט פון דער בשותפותדיקער קאסע, וואָס ר' הערש טאָמאשאָווער האָט געהאַלטן, און געגעסן פון דער קיך, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן ביים בית־המדרש.

אין בית־המדרש האָט זיך אויך תמיד ארומגעדרייט ר' איטשע־מאירל פארטיפט אין לערנען. ער פלעגט פון צייט צו צייט צוגיין צום טיש פון די „יושבים", הערן זייערס א „תורה", א גלייכווערטל, מיט זיי טרינקען „לחיים" און דערנאָך ווייטער זיך פארטראכטן אין לערנען. די חסידים

פלעגן שוין אויף אים קוקן, זינט ער איז געוואָרן דעם קאָצקער רבינס שוואָגער, מיט מער חשיבות, ווי אמאָל, הגם דער קאָצקער דרך איז תמיד געווען מבטל צו מאכן דעם „יש" אין זיך און ביי יענעם.

און איינמאָל, ווען ר' איטשע־מאירל האָט זיך ארומגעדרייט מיט ר' מרדכי יוסף איזשביצער איבערן בית־המדרש און געשמועסט חסידות, זענען זיי אזוי צוגעגאנגען צום טיש, ווו ר' הערש טאָמאשאָווער איז געזעסן מיט אן עולם חסידים.

זיי האָבן זיך געזעצט אין דער זייט, „געדוצט" אן אלטן פשיסכער חסיד: „דו, רוק זיך אוועק", און אויך גענומען צו ביסעלעך בראנפן, וואָס ר' הערש טאָמאשאָווער האָט געטיילט פון א פלאַש, פאַרוויקלט אין א פאטשיילע, כדי מען זאָל נישט זען וויפיל ס'איז נאָך פאראן אין דער פלאַש און וואָס איז אויך א סגולה, ס'זאָל אריין די ברכה. און ר' הערש טאָמאשאָווער האָט די „יושבים" געגעבן צו פארשטיין דעם ענין פון טרינקען בראנפן.

„אָט וועל איך אייך דערציילן א מעשה", האָט ר' הערש טאָמאשאָ־ווער געזאָגט. „מיר זענען אמאָל געזעסן אין פשיסכע, אונדזער רבי זאָל לעבן, איך און דער „שווארצער יצחק (דער וואָרקער רבי), אין בית־המדרש און מיר האָבן געטרונקען צו קאפיטשקעלעך בראנפן. פלוצלינג קומט אריין אן אלטער דאָרפס־ייד און שטופּט זיך צום רבינס טיר. פרעגט אים אונדזער רבי זאָל לעבן: „ר' ייד, וואָס שטופּט איר זיך אזוי, מסתמא איז ביי אייך א קו אין שטאַל א „קשה־לילד?" „ניין!" ענטפערט דער דאָרפס־ייד, און ער דערציילט א מעשה, אז ער וויל נאָר פרעגן ביים רבין אן עצה, אז אזוי ווי ער איז שוין אן אלטער ייד, לאָזן אים די קינדער מער נישט אר־בעטן אין פעלד, ווייסט ער נישט וואָס צו טון גאנצע טעג. רופט זיך אָן אונדזער רבי: „וועגן דעם דאַרפט איר נישט אריינגיין צום רבין. מיר קאָנען אייך אויך געבן אן עצה. קויפט אייך א תנ"ך מיט עברי־טייטש און לערנט א גאנצן טאָג תנ"ך.

דער ייד האָט איבערגעלאָזט א שיינע מטבע, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעגרייט צו געבן דעם רבין א פדיון, און מיר האָבן נאָכאמאָל געשיקט נאָך משקה.

„מיט א פּאָר וואָכן צוריק", דערציילט ווייטער ר' הערש טאָמאשאָ־

ווער, „נאָכדעם ווי מען האָט זיך דערוווּסט אין דער גאַנצער געגנט, אַז דער רבי ר׳ מענדעלע לאָזט צו זיך צו פּראָסטע יידן, דערזע איך פלוצלינג, ווי אַן אַלטיטשקער דאָרפס־ייד שטופּט זיך ביי דער טיר און וויל אַריינגיין צום רבין. פרעג איך אים, וואָס איז דאָס געלאָף? ענטפערט ער מיר, אַז ער דאַרף נויטיק זען דעם רבין. גיב איך אויף אים אַ שטאַרקן קוק און דערזע, אַז דאָס איז דער זעלבער דאָרפס־ייד, וואָס איז געווען אין פשיסכע. פרעג איך אים: וואָס איז ווידער געשען? שוין אויסגעלערנט דעם גאַנצן תנ״ך?

„ניין", ענטפערט ער מיר, „איך בין בלויז געקומען דאַנקען דעם רבין, ווייל כ׳האָב ערשט דערנאָך דערזען, פאַרוואָס דער רבי האָט מיר געהייסן לערנען תנ״ך. עס איז מיר גאַנץ גוט צוניצגעקומען".

„און דער אַלטער דאָרפס־ייד האָט דערציילט: אַז איינמאָל איז ביי אים שווער קראַנק געוואָרן זיינס אַן אייניקל, אַזוי אַז אַלע האָבן שוין געמיינט, אַז דאָס קינד שטאַרבט. האָט זיך פלוצלינג דער אַלטער דערמאָנט אָן דער מעשה פון אלישע הנביא און ער האָט אויך דאָס זעלבע געטון: ער האָט זיך ארויפגעלייגט אויפן קינד, אויסגעשפּרייט האַנט אויף האַנט, פוס אויף פוס און פּנים אויף פּנים און „וואָס זאָל איך אייך זאָגן?" האָט דער דאָרפס־ייד פאַרענדיקט, „מיין אייניקל איז מיר געזונט געוואָרן! דערפאַר האָב איך געוואָלט דאַנקען דעם רבין פאַר זיין עצה טובה".

ר׳ איטשע־מאירל, וואָס האָט אויך געהערט די מעשה, האָט זיך אָנגערופן:

— אָט דאָ זעט מען טאַקע, אַז דער עיקר איז אַלע מאָל נאָר די אמתע כוונה. עס קאָן טאַקע זיין, אַז דער פּשוטער דאָרפס־ייד איז באותו הרגע געקומען צו דער מדרגה פון אַ נביא, צו „בבחינת אלישע..."

— אויב אַזוי, — האָט זיך ר׳ הערש טאָמאַשאָווער אָנגערופן — אויב דער עיקר איז טאַקע נאָר די אמתע כוונה, טאָ קאָנען מיר דאָך דורך אַ גלעזל בראַנפן אויך קומען צו דער זעלבער מדרגה.

— זיי דאַרפן אָבער זיין ריין, — האָט זיך אַ יונגער „יושב" אָנגערופן, — אי די כוונה און אי דער בראַנפן.

— אוודאי ריין — האָט ר׳ הערש טאָמאַשאָווער צוגעשמייכלט — און לאָמיר טאַקע טרינקען לחיים.

די יושבים איז שטאַרק געפעלן געוואָרן ר׳ הערש טאָמאַשאָווערס

װערטל און זײ האָבן געגומען צו ביסלעך בראַנפן, מען איז דערנאָך געגאַנ־
גען א טענצל, און װען מען האָט זיך צוריק אװעקגעזעצט צום טיש, האָט
זיך ר׳ הערש טאָמאַשאָװער אָנגערופן צו ר׳ יעקב משה קוטנער:

— גיב אהער א פּאָר קאַרבן אויף משקה.

ר׳ יעקב משה איז געװען א ייד אַן עושר, א תלמיד־חכם, נאָר א
פּראַצענטניק און א קאַרגער, האָט ער זיך געקװענקלט באַלד צו געבן. זאָגט
צו אים ר׳ הערש טאָמאַשאָװער: „איצט איז מיר שױן פאַרענטפערט דער
פּשט אין פּסוק: „את כספך לא תתן לו בנשך״ (װיקרא כ״ה, ל״ז.) װאָרום,
װאָס איז דער טײטש „בנשך״? זאָלסט נישט בײסן. װאָס מײנט די תורה
מיטן װאָרט „בײסן״? און אז אײנער נאַרט גלאַט אזױ אָפּ א ייד, הײסט
דאָס נישט געביסן? װאָס עפּעס נאָר ביי פּראָצענט האָט די תורה געזאָגט
דאָס װאָרט בײסן?

„נאָר כדי צו פאַרשטײן דעם פּשט פון פּסוק, װעל איך אײך דער־
צײלן א מעשה:

„בשעת די יידן זענען אַרױסגעגאַנגען פון מצרים, האָבן זײ אָנגע־
באָרגט ביי די מצרים א סך זילבערנע און גילדערנע כלים. נישט יעדער
ייד האָט אָבער באַקומען געבאָרגט. האָט זיך געטראָפן א ייד א למדן, װאָס
האָט א סך זאַכן אָנגעבאָרגט בײ די מצרים, און װען די יידן זענען געװען
אין מדבר, האָט זיך דער ייד געמאַכט א קרעמל פון גאָלדװאַרג, פון טײערע
פינגערלעך, טײערע אױרינגלעך, טײערע בעכערס, און א סך יידן, װאָס
האָבן געדאַרפט האָבן פון די זאַכן, האָבן געמוזט אָנקומען צו אים.

„אין דער מדבר איז אָבער נישט געװען קײן געלט מיט װאָס צו
באַצאָלן, און װען אײנער האָט געװאָלט האָבן א פּאָר אױרינגלעך פאַר זײן
װײב, צי א פינגערל, איז ער געקומען צו דעם ייד, װאָס האָט געהאַלטן דאָס
קרעמל. דער ייד האָט אָבער נישט געװאָלט געבן סתם אויף באָרג, איז ער
געפאַלן אויף א פּלאַן און גענעבן אויף א שטר, און יעדער אײנער, װער
עס האָט געװאָלט עפּעס קויפן, האָט גענעבן א שטר, אז אין ארץ ישראל
װעט ער באַצאָלן דעם מלוה פאַרן חפץ מיט פּראָצענט.

דער מלוה האָט געמאַכט א סך „מסחרים״, גענעבן אויף שטרות
מיט פּראָצענט.

„אָבער בשעת משה רבינו האָט מקבל געװען די תורה אויפן באַרג

סיני און דערנאָך זי איבערגעגעבן די יידן, האָט משה גוט געקענט אַלע יידן פונעם מדבר, און אַז משה רבינו איז געקומען צו דעם פּסוק: „את כספך לא תתן לו בנשך", האָט דער מלווה געטון אַ געשריי: „איך באָרג מער נישט קיין חפצים!"

„דערנאָך האָט דער מלווה זיך צוגעטשעפּעט צו משה רבינו — ער איז דאָך געווען אַ ייד אַ למדן און ער האָט געוווּסט פון אַ „היתר עיסקא." האָט ער געוואָלט משה רבינון אָנווייזן, אַז על־פּי־דין מעג מען מיט „היתר־עיסקא" נעמען פּראָצענט.

„זאָגט צו אים משה רבינו: „קום אהער, וועל איך דיר מפרש זיין דעם פּסוק: „את כספך — דיין זילבער, „לא תתן" — זאָלסטו נישט געבן „בנשך" — צו בייסן. אפילו ווען דו נעמסט אַ „היתר־עיסקא", ווען דו מאכסט זיך אַ הכשר, זאָלסטו נישט בייסן, אַז יענער, דער באָרגער, זאָל אויף דיר אַרבעטן, הגם דו וועסט זיצן און לערנען און פאָרן צו אַ רבין", האָט ר' הערש טאָמאַשאָווער אויסגעלאָזן, „און בייסן פון גרייטן".

ר' יעקב משה האָט שוין געוואָלט אַרויסנעמען דעם טייסטער געלט און געבן אויף משקה, נאָר עס איז אונטערגעלאָפן אַ יונגער „יושב", אַ וואַרשעווער גבירס אַ זון, און ער האָט אַרויסגענומען עטלעכע קערבלעך און מען האָט נאָכאַמאָל געשיקט נאָך משקה.

ר' איטשע־מאירל, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן ביים טיש צוזאַמען מיט ר' מרדכי יוסף איזשביצער, האָט זיך אָנגערופן צו ר' מרדכי יוספן, בשעת יענער האָט זיך געהאַלטן אין אויפשטעלן:

— עס קומען צוריק די פּשיסכער „טישן", איצט, מיין איך, וועסטו שוין איינגאַנצן מודה זיין אינעם רבינס דרך!'

— ניין! — האָט ר' מרדכי יוסף מיט רוגזה זיך אָנגערופן, — בשום אופן נישט! איך האָב נישט געקאָנט מסכים זיין, ווען דער רבי האָט זיך געוואָלט פּורש זיין פון די חסידים און געגאַנגען זיך זיין אייגענעם דער־הויבענעם וועג, און איך בין נישט מסכים אויך איצט, ווען דער רבי האָט שוין יאָ צוריק געעפנט די טירן — ווייל איצט האָט ער זיי געעפנט פאַר דאָרפס־יידן, אַרענדאַרן, פּראָצענטניקעס, כדי די רביצין זאָל קאָנען שאַרן געלט אין פאַרטוך אַריין. איך האָב אָבער געמיינט, אַז דער רבי וועט זיך

אראָפּלאָזן צו די חסידים, כדי זיי צו דערהויבן צו זיך, זיי זאָלן קומען צו העכערע מדרגות...

— אי, מרדכי יוסף, מרדכי יוסף! — האָט ר׳ איטשע־מאירל געענטפערט, — קיינמאָל קאָן מען פאר דיר נישט יוצא זיין.

— וואָס עפּעס יוצא זיין? — האָט ר׳ מרדכי יוסף זיך צעשריען — געדענקסט, וואָס דער רבי פלעגט זאָגן: יוצא־זיין? קיינמאָל נישט, אָדער אינגאנצן, אָדער — גאָרנישט. דער רבי „ווייבערט" זיך אָבער די לעצטע צייט צו שטארק...

און זיי זענען זיך ברוגזדיקע צעגאנגען.

כו

דער איזשביצער רבי אין קאָצק

ווען די יונגע רביצין פונעם קאָצקער רבין אין געקומען אין די העכערע חדשים אריין, איז זי וואָס אמאָל געוואָרן נערוועזער און קאפּריזנער. ביי יעדער מינדסטער אויפרעגונג האָט זי באקומען ספּאזמען, אזוי אז מען האָט געמוזט צו איר ארויסרופן איר שוועסטער, ר׳ איטשע-מאירלס ווייב פון ווארשע, און זי איז שוין פארבליבן אין קאָצק ביז איבער דער קימפּעט.

און אינעם קאָצקער הויף האָט מען זיך אָנגעהויבן צו גרייטן צו דער רביצינס קימפּעט. דאָרפס־יידן האָבן געבראכט הינער, גענדז און אינדיקעס, און דער גאנצער הויף איז מיט אמאָל געוואָרן פול מיט א קוואָקעריי פון לעבעדיקע עופות.

די חסידים, וועלכע זענען די לעצטע צייט געוואָרן צעהוליעט, האָבן בשום אופן נישט געקאָנט רואיק צוקוקן ווי אין הויף דרייען זיך ארום פראנק און פריי די צוויי־פיסיקע עופות. בונם נאשעלסקער האָט געהאלטן אין איין שרייען צו ר׳ יחיאל מאירלען גאסטינינער, אז ער קאָן נישט רואיק זיצן אין בית־המדרש און לערנען, ווייל ס׳דאכט זיך אים כסדר אויס, אז די עופות זוכן א תיקון... „אז זיי בעטן זיך פשוט: קוילעט מיך!" — האָט בונם נאשעלסקער איינגעטענהט מיט ר׳ יחיאל מאירלען און מיט די „יושבים", אָבער די „יושבים" האָבן מורא געהאט אָנצוהויבן מיט דער

רביצין און זיי האָבן כסדר געקוקט מיט קנאה אויף די קאַמערן, ווו די עופות האָבן זיך געפונען.

ביז איינמאָל, שבת צו־נאַכטס, פאַר א מלווה־מלכה, האָבן זיך א פּאָר יונגע „יושבים״, מיט בונם נאַשעלסקער בראש, אריינגעגנבעט אין דער עופות־קאַמער און האָבן צוגעלקחנט די פעטסטע אינדיקעס, פאַרבונדן זייערע לאַנגע שנאָבלען מיט רויטע פאַטשיילעס, די פליגלען מיט זיידענע גאַרטלען און זיי זענען הענדום־פּענדום מיט זיי אוועק צום שוחט.

דער שוחט האָט געהאַלטן אין מיטן זאָגן „ויתן לך״, ווען די חסידישע יונגעלייטלעך זענען צו אים אריינגעפאַלן און פאַרלאַנגט, ער זאָל זיי שעכטן די אינדיקעס, איז אָבער דער קאָצקער שוחט געווען א ייד א קפּדן, האָט ער זיך איינגעעקשנט, אז ער וועט די עופות נישט שעכטן, ביז ער וועט נישט וויסן, פון וואַנען זיי קומען.

— א דאָרפס־ייד האָט זיי געבראַכט אויף מלווה־מלכה — האָט א יונגער „יושב״ געגעבן א געשריי און געמיינט, אז דערמיט האָט ער שוין געפּטרט דעם גאַנצן ענין, אָבער דער קאָצקער שוחט, וועלכער האָט געקאָנט אַלע דאָרפס־יידן פון ארום קאָצק, ווייל ער איז אויך געווען א דאָרפס־שוחט, האָט זיך נישט געלאָזט אָפּפּטרן מיט סתם א זאָג אין דער וועלט אריין: „א דאָרפס־ייד״ און ער איז דווקא געווען א בעלן צו וויסן, וועלכער דאָרפס־ייד, ווי ער הייסט און פון וועלכן דאָרף ער איז.

— זייוול מוכסניק, — האָט זיך איינער אָנגערופן.

דאָ האָט זיך אָבער דער קאָצקער שוחט צעלאַכט און האָט אונטער־געברומט:

— אזוי גאָר, איבער נאַכט איז ביי זייוולען אויסגעוואַקסן אזוינע פעטע אינדיקעס... — ווייל דער קאָצקער שוחט האָט געוווּסט, וואָס ביי יעדן דאָרפס־ייד געפינט זיך אין דער שטאַל און אין דער עופות־קאַמער.

די „יושבים״ האָבן שוין קיין אנדער ברירה נישט געהאַט, און זיי האָבן זיך מודה געווען, אז די אינדיקעס האָבן זיי צוגענומען פון דער עופות־קאַמער, וואָס געפינט זיך אינעם הויף.

דער קאָצקער שוחט האָט זיך אויפגעשטעלט פון טיש, ארויסגענומען פון דער בוזים־טאַש א פּאָר חלפים, וועלכע זענען געלעגן אין לעדערנע און אין הילצערנע פוטערפעסלעך און גענומען אָנשטעלן די חלפים, געגאָסן

טראַפּנס וואסער אויף א הארטן שלייפשטיין און די „יושבים" האָבן גע־מיינט, אז אזוי ווי ער וועט נאָר „שטעלן" דעם חלף, וועט ער שעכטן די עופות, אָבער בעת דער שוחט איז רואיק איבערגעגאנגען מיט זיין נאָגל איבערן חלף, האָט ער זיך בנעימותדיק אָנגערופן:

— איך וועל די עופות נישט שעכטן. זיי זענען גנבה, און מען טאָר איבער זיי ביי דער שחיטה קיין ברכה נישט מאכן!...

האָבן די „יושבים" אָנגעהויבן איינצוטענהן מיטן שוחט, אז ס'איז בכלל קיין גנבה נישט געווען, אז די אינדיקעס זענען פּשוט אין בית־המדרש אריינגעפלויגן און האָבן אויסגעשטרעקט די העלדזער און זיך געבעטן: „נא, שעכטס אונדז!" וואָס האָבן מיר געזאָלט טון? — האָט בונם נאשעלסקער געגעבן דעם שוחט צו פארשטיין.

אָבער דער שוחט איז געווען א גרויסער עקשן, האָט ער זיך געשפּיגלט אין דער שארף פונעם חלף און געזאָגט: — איך וועל איבער די עופות קיין ברכה ביי דער שחיטה נישט מאכן, זיי זענען גנבה.

זענען די יונגע „יושבים" געבליבן שטיין שטארק מבולבל, זיך שוין געהאט געריכט אויף א גוטע מלווה־מלכה, און דאָ גאָר, טאָר מען די אינדיקעס נישט שעכטן.

— צוליב א ברכה זאָל א גאנצע עדה יידן נישט האָבן קיין מלווה־מלכה — האָבן זיך א פּאָר פון די „יושבים" געוואָרפן אויפן שוחט — וואָס ביסטו א ליטוואַק, צי א חסיד?

אָבער דער שוחט האָט זיך נישט געוואָלט רירן פונעם אָרט.

ביז איין „יושב" איז געפאלן אויף א המצאה: ער איז ארויסגעלאָפן אין פּירהויז, געגעבן א שפּרונג ארויף אויף א לייטער און שוין איז ער געווען אויפן שוחטס בוידעם און ביי דער עופות־שטייג, ער האָט ארויס־געכאפּט א גרויסן האָן און מיט אים אראָפּגעלאָפן צוריק צום שוחט מיט א געשריי:

— נא, איצט קאָנסטו שוין שעכטן! איצט וועסטו שוין מאכן א כשרע ברכה... ס'איז דיין אייגן עוף...

און דער שוחט האָט שוין געמוזט שעכטן, און די „יושבים" האָבן דעמאָלט געהאט א גאָר פעטע מלווה־מלכה.

אָבער דערפון האָט זיך באלד דערוווּסט די יונגע מעוברתדיקע רביצין.

מען האָט איר אויך געוואָלט איינרעדן, אז א דאָרפס־ייד האָט געבראכט אינדיקעס צו דער מלווה־מלכה, האָט מען זיי באלד אָפּגעקאָכט אין דער „יושבים קיך". אָבער די רביצין האָט זיך נישט בארואיקט און זי האָט געזאָגט צו דער קעכין, זי זאָל אריינגיין אין דער עופות קאמער זען, ווי עס האלט דאָרט. איז טאקע די קעכין צוריקגעקומען מיט א גוואלד:

— א בראָך איז מיר און א ווייטאָג איז מיר! די אינדיקעס־שטייג איז פּוסט! — האָט זי זיך געקניפּן די באַקן.

איז די יונגע רביצין, א פארוויינטע, באלד אריינגעלאָפן צום קאָצקער רבין מיט א געשריי, אז די חסידים האָבן ביי איר די בעסטע אינדיקעס צוגענבעט.

דער קאָצקער רבי איז דעמאָלט געהאט געזעסן פארטיפט אין א שטיקל „מהר"ל", פון איר געשריי האָט ער זיך מוראדיק דערשראָקן. אים האָט זיך אויסגעדאכט, אז דאָס שרייט נישט זיין ווייב, נאָר איר שוועסטער, זיין שוועגערין, און אז מסתמא גייט די רביצין שווער צו קינד: אָבער אז ער האָט דערזען, ווער עס מאכט די משונהדיקע קולות און צוליב וואָס דער גוואלד איז אזוי גרויס, האָט ער א געשריי געגעבן:

— וואָס ווילסטו פון מיר האָבן? אינדיקעס זאָל איך דיר שוין גאָר היטן?!...

און מער האָט מען שוין נישט באדאַרפט. די רביצין האָט אָנגעהויבן שטארק צו ציטערן פאר שרעק און ספּאזמירן. עס איז באלד אריינגעלאָפן די שוועסטער אירע און מען האָט זי אריבערגעפירט א פארחלשטע אין איר צימער אריין.

איבער אלע שטיבער האָט זיך געטראָגן א יללה, ווייל מען האָט מורא געהאט פאר דער רביצין, זי זאָל, חס-ושלום, נישט באקומען קיין ווייען פאר דער צייט.

און ווען ר' איטשע־מאירל איז דערנאָך אריינגעקומען צום קאָצקער רבין אין שטוב אריין, האָט ער אים געטראָפן ארומדרייען זיך א שטארק צעטראָגענעם, דאָס שטריימעלע האָט ער געהאלטן אין דער האנט און מיטן גרויסן קאפּ האָט ער זיך כסדר געריבן איבערן קאָפּ.

דער קאָצקער רבי איז ר' איטשע־מאירלען אנטקעגנגעלאָפן און האָט אָנגעהויבן אויף א קול צו זאָגן:

„ותפתח ותראהו את הילד והנה נער בוכה ותחמול עליו ותאמר, מילדי העברים זה", (שמות ב׳, ז׳) — אז מען עפנט און דעמאָלט דערזעט מען ערשט, אז מען וויינט, איז א סימן, אז „מילדי העברים זה", — א ייד וויינט אין הארצן, נישט אויף א קול...

ר׳ איטשע־מאירל האָט מיטאמאָל צוריק דערזען דעם פריערדיקן „קאָצקער", מיט זיינע שפּיזיקע דיבורים, ווי ער שפּרייזט אויף און אָפּ איבער דער שטוב און רעדט מער צו זיך:

„אז מען האָט מיך ארייגעכאפּט! פון איין זייט האָב איך זינען אינדיקעס, און פון דער אנדערער זייט גיב ברכות פאר קראנקע קי, און איך האָב געמיינט, אז כ׳וועל האָבן נאָר ד׳ מאות אנשים, מיט זיי גיין אין וואלד אריין, עסן מן און דערזען דעם כח פון זיין מלכות... מתקן זיין דעם מלכות־שדי"...

און פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט ר׳ איטשע מאירלען:

— וואָס איז די שמחה דאָרט? וואָסערע מלווה־מלכה׳לעך פּראוועט מען דאָרט ווייטער?

און דער קאָצקער רבי איז שנעל צוגעלאָפן צו דער טיר, איז אריין אין בית־המדרש און מיט אן אימפּעט געגעבן זיך א ריס צום טיש.

די „יושבים" האָבן זיך געהאט געפּאָרעט איבער גרויסע פאנען מיט געבראָטענע אינדיקעס: איין „יושב" האָט גראָד געכאפּט א שטיק פּאָלקע, און ווען דער רבי איז ארייגעקומען, איז דער „יושב" געבליבן אזוי שטיין פארגאפט מיט דער פּאָלקע אין דער האנט, ווי ער וואָלט זיך מיט א ביין געקרעקט.

דער קאָצקער רבי האָט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן; ווו זיין אויג האָט זיך געווענדט, האָט ער געזען זיצן יידן מיט שטיקער ביילעקעס און פּאָלקעס אין די הענט.

האָט דער קאָצקער רבי א געשריי געטון:

— וואָס פאר א שמחה איז עס אויף אייערע קעפּ? ווען גאָט האָט געשאָלטן דעם נחש, שטייט: „על גחונך תלך ועפר תאכל" (בראשית ג׳, י"ד), זאָגט דערויף די גמרא: „ומזונותיו עמו", — א שיינע קללה פארן נחש, וואָס אומעטום, ווו ער קערט זיך, האָט ער צו עסן! נאָר דער פּשט

איז אזוי: גאָט זאָגט צום נחש: „פרעס דיך אָן, כ׳וויל אפילו דיין קרעכץ נישט הערן!" — און דאָס איז די גרעסטע קללה!...

און דער קאָצקער רבי איז צוריק ארייגעלאָפן אין זיין חדר־מיוחד.

זינט דעמאָלט איז שוין דער קאָצקער רבי געבליבן א פּאָר וואָכן פארמאכט אין זיין חדר־מיוחד און האָט ווידער קיינעם צו זיך נישט צוגעלאָזט.

די יונגע רביצין פלעגט יעדן טאָג וויינען פאר איר שוואָגער, פאר ר׳ איטשע־מאירלען, אז דער רבי איז ווידער אריינגעפאלן אין אן עצבות, אז ער רעדט נישט מיט קיינעם, יאָגט פון זיך די חסידים, און אפילו אויף איר, וואָס אמאָל פלעגט זי קאָנען אלץ פועלן, קוקט ער זיך אויך מער נישט אום.

האָט ר׳ איטשע־מאירל ערשט איצט דערזען, אז דאָס חתונה מאכן דעם קאָצקער רבין האָט גאָר נישט געפועלט; אז דאָס, וואָס ער האָט זיך געהאט בארואיקט די ערשטע צייט, מיט זיין גוטסקייט און שטילקייט, איז געווען ווי די שטילקייט פאר א שטורעם, און סוף־כל־סוף וועט עס אויסברעכן, און אפשר מיט נאָך מער פייער ווי פריער...

בפרט האָט זיך ר׳ איטשע־מאירל געשראָקן פאר ר׳ מרדכי־יוספן, דעם שפּעטערדיקן איזשביצער רבי, וועלכער האָט זיך שטילערהייט כסדר געבונטעוועט קעגן דעם קאָצקער רבין און נישט מסכים געווען מיט זיין יחידישער שיטה.

האָט ר׳ איטשע־מאירל מיט אנדערע הויף־מענטשן געזוכט כל־המיני תחבולות, ווי אזוי צו מאכן, אז אלץ זאָל בלייבן אין די ד׳ אמות פון דעם רבינס חדר, און קיין שום פרעמדער זאָל זיך דערפון נישט דערוויסן.

די הויף־לייט האָבן שוין אפילו געהאט געפונען אן עצה, ווי אזוי אָפּצוזונדערן דעם רבין פון די חסידים, — קיינעם נישט צוצולאָזן צו אים, א חוץ געציילטע מענטשן; אָבער וואָס טוט מען מיט מרדכי יוספן? — האָבן זיי געטראכט, — ווי אזוי מאכט מען, אז אויך ער זאָל גאָר נישט וויסן דערפון וואָס אין רבינס חדר טוט זיך אָפּ? און צי וועט דען דער רבי אליין מסכים זיין דערויף? מרדכי־יוסף איז דאָך צווישן די יחידי־סגולה, וועמען דער רבי לאָזט תמיד אריין!

איז ר׳ איטשע־מאירל ארומגעגאנגען א פארמרה־שחורהטער איבערן

קאָצקער בית־המדרש און ער האָט ארויסגערופן גרוים חשד ביי די יונגע „יושבים".

ביז איינמאָל, אין א שבת־צו־נאכטס, איז איינער, אן אלטער פשיס־כער חסיד, צוגעגאנגען צו אים און האָט אים אָפּגעשטעלט:

— הער נאָר, דו, איטשע־מאירל! עפּעס ביסטו מיר היינט נישט מיט אלעמען! וואָלט איך נאָך געהאַט די אמאָליקע יונגע כוחות און מיין אמאָליקע חברותא, וואָלט איך דיר באלד דערפאר געמאכט א „משכנתא" פאר דיין עצבותדיקייט, אָבער, אזוי ווי איך בין געבליבן איינער אליין און דו ביסט דערוויל אויסגעוואקסן דער „פּוילישער גאון", וועט גענוג זיין, אז איך וועל דיך דערפאר קנסנען, דו זאָלסט געבן א טאָפּ מעד.

ר' איטשע־מאירל האָט גלייך אָנגענומען דעם קנס, ער האָט באלד געגעבן תיקון און מען האָט געשיקט נאָך מעד. ער האָט זיך געפילט לייכטער, וואָס אין קאָצק געפינט זיך נאָך אזא אלטער פשיסכער חסיד: עפּעס האָט זיך אים אויסגעדאכט, אז אויב עס זענען נאָך פאראן אין קאָצק אזוינע חסידים, וועט מען נאָך אלץ קענען פאררעכטן: אָבער דאָך האָט אים דאָס הארץ געשניטן פאר ווייטיק, דערמאָנענדיק זיך די ערשטע צייט אין טאָמאשאָוו, ווען מען האָט זיך אָפּגעריסן פון פשיסכער נאָך דער פּטירה פונעם רבין ר' בונם, ווען ר' מרדכי־יוסף איז נאָך געווען פון די ערשטע, וואָס האָט צוגעלייגט שפּענער צום פייער... ווען מען איז נאָך געגאנגען בארג־ארויף... און איצט האָט זיך דער רבי פון אלעמען אָפּגע־ריסן, ווי א פייערדיקע לאַווע... ער אליין שטייגט וואָס אמאָל אלץ העכער, — און די חסידים?...

דאָ האָט זיך ר' איטשע־מאירל אומגעקוקט, וועד די איצטיקע חסידים זענען, מיט וועמען ער האָט „צום טיש צו גיין"... און זיין טרויער איז נאָך שטארקער געוואָרן...

די „יושבים" האָבן אָבער דאָס אלץ נישט באַמערקט: זיי האָבן זיך ווי דאָרשטיקע צוגעכאַפּט צום מעד, שוין אין גאנצן פארגעסן דעם רבינס לעצטע „תורה" ביי דער מלווה־מלכה, און זיי האָבן גענומען טרינקען איין כוסע נאָך דער צווייטער, ביז דער אלטער פשיסכער חסיד אליין איז גע־וואָרן „פארשנאָשקעט" און ער איז צוגעגאנגען צו ר' איטשע־מאירלען, ער האָט גוטמוטיק ארויפגעלייגט זיין האנט אויף דער פּלייצע, און האלטנ־

דיק אין דער צווייטער האנט א בעכער מעד, האָט ער, מיט פאַרטרערטע אויגן, צו אים א זאָג געטון:

— ביסט נאָך, הפּנים, אַלץ א יונגערמאַן, איטשע מאיר לעבן! דו האָסט פּאָרט נישט מיטגעמאַכט דאָס, וואָס איך! וואָס זאָל איך נאָך זאָגן? — האָט ער פּלוצלינג אָנגעהויבן צו וויינען, בעת דער כוס מעד האָט אים געציטערט אין דער האַנט, — וואָס זאָל איך נאָך זאָגן? איך בין דאָך נאָך געווען ביים אָנהויב, ווען דער חדר האָט זיך ערשט געהאַט געשטעלט, ווען דער „ייד־הקדוש”, זכרונו לברכה, האָט זיך ערשט געהאַט אָפּגעריכן פון לובלין און אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן זיין נייעם דרך... מיר האָבן דעמאָלט געמיינט, אַז משיח שטייט אזוי נאָענט, אַז מען דאַרף נאָר די האַנט אויס־שטרעקן... און אזוי האָט מען מיך שוין צום דריטן מאָל געקנאָטן... נו, וואָס זאָל איך נאָך זאָגן?

— איז דען טאַקע דעמאָלט אַלץ געגאַנגען כשורה?... — האָט ר׳ איטשע־מאירל געפרעגט, — האָט זיך חס־ושלום, קיין עצבות נישט אריינ־געכאַפּט?

— עצבות? ביי יעדן יחיד זענען דאָ עליות און נפילות: מכל־שכן ביי א כלל! אָבער מיט א קאַפּיטשקעלע משקה האָט מען אַלע וואָלקנס פאַרטריבן, — האָט זיך דער אַלטער פּשיסכער חסיד מיטאַמאָל צעלאַכט און אויסגעטרונקען דעם כוס מעד.

די ווערטער פון דעם אַלטן פּשיסכער חסיד האָבן אפילו געהאַט מחזק־געווען דעם „חידושי הרי״ם”. אָבער אַז ער האָט זיך שפּעטער ארומ־געקוקט איבער דעם גרויסן בית־המדרש, וואָס די רייכע חסידים האָבן געהאַט אויפגעשטעלט, און דערזען, ווי אין אַלע ווינקעלעך זיצן קופּקעלעך חסידים פאַרמרהשחורהט און איינצלנע חסידים דרייען זיך ארום פאַרמוחט און פּיפּקען לאַנגע ליולקעס, און איבער אַלעמען הענגט די זעלבע פראַגע: ווען וועט שוין דער רבי אָנהויבן אריינצולאָזן? — זענען די טרייסט־ווערטער פון דעם אַלטן פּשיסכער חסיד צוריק צערונען געוואָרן און אַן אומעט האָט זיך צוריק אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים. ווייל שוין א היפּשע פּאָר וואָכן, ווי דער רבי האָט קיינעם נישט אריינגעלאָזט און קיינעם נישט אָפּגעזעגנט: איז געבליבן זיצן דער גאַנצער עולם, וואָס איז נאָך געקומען

צום רבין מיט עטלעכע וואָכן פריער, און האָט נישט געקאָנט צוריק אַהיימפאָרן.

האָבן זיך די חסידים געזאַמלט פאַר דעם רבינס טיר, און יעדעס מאָל איז דער משמש, ר׳ הערש טאָמאַשאָווער, אַרויסגעקומען מיט דער זעלבער תשובה:

— דער רבי געזעגנט היינט נישט!

עס האָט אַפילו געפּרוּווט אַריינגיין ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער, וועלכער איז געהאַט געקומען אויף שבת און געבליבן זיצן אַ פּאָר טעג אַ נישט־געזעגנטער מיט אַלע חסידים צוגלייך, אָבער אויך ער האָט באַקומען דעם זעלבן ענטפער:

— דער רבי איז ביחידות און וועט היינט קיינעם נישט געזעגענען!

ביז איינמאָל, שפּעט ביינאַכט, ווען ר׳ מרדכי־יוסף איז געבליבן זיצן אין בית־המדרש מיט זיינע אָנהענגערס און גערעדט וועגן דעם רבינס בייעם דרך, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַריינגעגאַנגען אין דער גבאים־שטוב, כדי נאָכאַמאָל צו פּרוּוון אַריינצוגיין צום רבין. ער האָט גערעכנט, אַז אים וועט דער רבי יאָ אַריינלאָזן, אויב ער וועט זיך שטאַרק איינשפּאַרן, — זענען זיי דאָך ביידע אַמאָל געווען שטאַרק בידידות, ער מיטן קאָצקער רבין, בימי פּשיסכע און טאָמאַשאָוו, ווען זיי ביידע זענען נאָך געווען יונגעלייט, — אָבער פאַר דער טיר האָט אים ר׳ הערש טאָמאַשאָווער פאַרשטעלט דעם וועג זאָגנדיק אים:

— וועסט גאָרנישט פּועלן, ער וויל נישט געזעגענען!

— און וואָס וועט געשען מיטן עולם? ס׳איז דאָך אַ רחמנות צו קוקן אויף זייער צער!

— ווייסט? — האָט ר׳ הערש טאָמאַשאָווער געענטפערט, — ערשט באַר וואָס, ווי כ׳האָב געהאַלטן ביים לייגן זיך שלאָפן, האָט „ער“ פּלוצלינג געעפנט די טיר, איז געבליבן שטיין מיט אַ ברענענדיק ליכט אין דער האַנט, אָנגעטון אין אַ גראָבן שפּענצער, לאַנג געקוקט אויף מיר און געזאָגט, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף זיין האַרץ:

„הערש, קרוין! דאָ טוט ווי, און „זיי“ פאַרדרייען מיר נאָך דעם קאָפּ מיט זייערע וואָכעדיקע דאגות“...

ר׳ מרדכי־יוסף האָט אָבער נישט געוואָלט אויסהערן ביז צום סוף,

וואָס ר׳ הערש טאָמאַשאָווער האָט דערציילט, נאָר ער איז צוריק אריינגע־לאָפן אין בית־המדרש אריין מיט א גוואלד:

„אים אליין טוט וויי? אונדז אלעמען טוט וויי!״...

און פון דעמאָלט אָן האָט ר׳ מרדכי־יוסף אָנגעהויבן צו זאמלען ארום זיך חסידים אין קאָצק גופא.

כז

דער שארפער שמועס

עס איז פארגאנגען א שטיקל צייט, אין קאָצקער הויף האָט זיך ווידער אויסגעגלייכט אן אומעט. דער עולם איז ארומגעגאנגען פארמרה־שחורהט. מען האָט נישט מער געזונגען ווי אמאָל; מען האָט זיך אפילו מער נישט פארמוחט ביחידות, ווי דער קאָצקער דרך איז געווען. דאָרפס־יידן האָבן אויפגעהערט צו קומען. אז מען לאָזט מער נישט אריין צום רבין, אז מען קאָן זיך מער נישט פראווען — צו וואָס קומען קיין קאָצק? געבן סתם תיקון די „יושבים״, זיי זאָלן האָבן צו מאכן סעודהלעך, האָבן די דאָרפס־יידן נישט געוואָלט.

שארפע קאָצקער חסידים האָבן זיך דערציילט וווּנדירים פונעם רבין: אז ער וויל מער נישט זען אפילו די נאָענטסטע מענטשן; און ווען הערש טאָמאַשאָווער וויל ארויסטראָגן די שיריים פון זיין סעודה פאר די חסידים, לאָזט דער רבי אויך נישט, נאָר ער עפנט דאָס פענצטער פון זיין חדר המיוחד, וואָס פירט צו א האלב־דעכל פון זיין הויז, און די שיריים ווארפט ער פאר די פייגל...

און ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער האָט געזאמלט וואָס מער חסידים ארום זיך. ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן פאר זיי תורה, זיי מדריך צו זיין, און זיך צו פירן מעשה־רבי.

„מ׳קאָן נישט לאָזן אן עדה חסידים אויף הפקר״, האָט ר׳ מרדכי־יוסף איינגעטענהט מיט די מוח־מענטשן. „מיר האָבן א שרף, וואָס וויל זיך אויף קיין איין מינוט נישט אראָפּלאָזן פון זיינע מדרגות, אָבער — נישט קיין רבין!...״

עס האָבן אָנגעהויבן קומען ווייבער פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אָפּנעמען זייערע מענער, האָט ר' מרדכי יוסף געשריגן: מען דאַרף צעלאָזן דאָס חדר!..."

„אהיים פאָרטס!" — איז ר' מרדכי יוסף אמאָל אריינגעקומען צו־לויפן אין בית־המדרש אריין מיט א געוואלד, „איר זיצט דאָ און קעכלט זיך מיט יושבים־סעודה־לעך, און אויף אייך זאָלן אייערע ווייבער ארבעטן? טראָגן דעם גאנצן עול פּרנסה? ווו איז גידול־בנים? ווען זענט איר מקיים די מצווה פון „ולמדתם אותם"?... איר האָט זיך פארקוקט אויף „דאָרט" — האָט ער אָנגעוויזן אויפן קאָצקער רבינס חדר־המיוחד — און ער וויל גאָר אייך נישט האָבן. ער האָט אינגאנצן פארגעסן, אז עס שטייט „סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה", אז נאָר דעמאָלט קאָן מען אָנשפּאַרן מיטן קאָפּ אין הימל, ווען „סולם מוצב ארצה", ווען מען שטייט מיט די פיס אויף דער ערד, ווען מען וויל זיך נישט מיט איין מאָל אָפּרייסן אינ־גאנצן פון אלע גשמיותדיקייטן!..."

און די דאָרפס־יידן, די פּראָסטאקעס, פאר וועמען אפילו דער פּשוטער דרך פון ר' מרדכי יוסף איזשביצער איז שוין געווען צו־שאַרף, האָבן זיך געטוליעט ארום ר' יחיאל מאירל גאָסטינינער, וועלכער האָט זיי אַלעמען געטרייסט.

איז געקומען א דאָרפס־ייד מיט אן אָנגעווייטיקט הארץ און געוואָלט אריינקומען צום רבין זיך פּדיונען, פלעגט אים ר' יחיאל מאירל זאָגן, אז „ביז צו דער קרעטשמע דאַרף מען אויך א טרונק בראָנפן", אז ביז דער רבי וועט אריינלאָזן, דאַרף מען אויך זאָגן א קאַפּיטל תהילים. פלעגט זיך ר' יחיאל מאירל אוועקשטעלן אין א ווינקל פון בית־המדרש מיט א קופּ־קעלע דאָרפס־יידן און אָנהויבן צו זאָגן מיט זיי תהילים. פלעגט ווערן א יללה אין בית־המדרש, אזוי ווי מ'זאָל איינרייסן פאר א מסוכן־קראנקן, ביז עס זענען אָנגעקומען צו לויפן א פּאָר שאַרפע קאָצקער און געמאַכט א געוואלד: „וואָס איז דאָ א ווייבער שול?" און מען פלעגט ר' יחיאל מאירל גאָסטינינער מיט די דאָרפס־יידן פארטרייבן אין פּאָליש אריין. אָבער דאָך האָבן אלע חסידים געהאלטן פון ר' יחיאל מאירלען צוליב זיין תמימות און גוטסקייט. און קיינער פון די געהויבענע קאָצקער האָט מיט אים נישט געטשעפּעט.

דערציילט מען דאָך, אַז איינמאָל, ווען ר׳ יחיאל מאירל איז געזעסן מיט א בינטל דאָרפס־יידן, איז אריינגעקומען א חסיד פון זיין שטעטל און אים דערציילט, אַז ר׳ יחיאל מאירלס ווייב האָט באקומען א פסק־דין פון געריכט, זי זאָל גיין זיצן אויף דריי חדשים, ווייל אין דעם געוועלבל, וואָס זי האָט געפירט, האָט זי געהאַלטן א יידישן משרת, האָט יענער געגעבן איינמאָל א פאַלשע וואָג צו א רוסישן אָפיציר. דער אָפיציר האָט זיך גע־כאפט, נאָכאמאָל איבערגעוואויגן און דערזען, אַז די וואָג איז א פאַלשע. האָט ער אָנגעקלאָגט זיין ווייב. מוז זי איצט גיין זיצן דריי חדשים, הגם די פאַלשע וואָג האָט געגעבן נישט זי, נאָר איר יידישער משרת.

הערט ר׳ יחיאל מאירל אויס, וואָס דער חסיד דערציילט און רופט זיך אָן: „אוודאי דארף זי גיין זיצן; אַז מען גיט א פאַלשע וואָג, דארף מען זיצן!...״

— אָבער נישט אייער ווייב האָט דאָך די פאַלשע וואָג געגעבן, — גיט אים דער חסיד צו פארשטיין, — נאָר איר משרת.

— נו, וועט זי אפשר גיין פארמסרן א ייד?...

אזוי האָבן זיך די חסידים געטיילט אין דריי מחנות. די גאָר פראָסטע האָבן זיך געהאַלטן ביי ר׳ יחיאל מאירלען. די סתם־חסידים — ביי ר׳ מרדכי יוספן און די גאָר שארפע האָבן געקלעפט אָן דער טיר פון דעם רבינס חדר־המיוחד און האָבן געוואַרט, אַז ר׳ איטשע־מאירל זאָל אויס־פועלן ביים רבין, ער זאָל צוריק אָנהויבן אריינצולאָזן.

און ווען ר׳ איטשע־מאירל איז איינמאָל אריינגעקומען אין בית־המדרש אריין, האָט ער דערזען ווי די שארפע חסידים לויפן־צו צו אים, און אויף אַלע פנימער האָט זיך אויסגעליינט די איינציקע פראַגע: „וואָס וועט זיין? ווען וועט מען אָנהויבן פראוועז?״

אָבער ר׳ איטשע־מאירל האָט געשארט פון זיך דעם עולם, און זיינע אויגן האָבן ארומגעזוכט אין גרויסן בית־המדרש ר׳ מרדכי־יוספן. און אזוי ווי ער האָט אים גלייך נישט דערזען, האָט ער זיך געפרעגט:

— איז מרדכי יוסף דאָ?

— יאָ, ער איז מיט אונדז. אויך אים האָט מען נאָך נישט אָפגעזעגנט.

ר׳ איטשע־מאירל האָט דערנאָך דערזען ר׳ מרדכי יוספן זיצן אין א ווינקל מיט א פאָר חסידים. ער האָט דערפילט, אַז ער וועט דאָ האָבן א

שטאַרקע מלחמה מיט ר׳ מרדכי יוספן, אז עס וועט אים אַזוי לייכט נישט אָנקומען איינצוהאַלטן ר׳ מרדכי יוספן אין קאָצקער בית־המדרש, ביז דער רבי וועט צוריק עפענען די טירן...

אָבער דער ערשטער רצון פון ר׳ איטשע־מאירלען איז געווען — קודם־כל אַריינצוגיין אין רבינס חדר־המיוחד און זען וואָס דער רבי טוט.

ווען ר׳ איטשע־מאירל האָט דורכגעשפּרייזט שנעל דורך דער לענג פון בית־המדרש צו דער טיר, וואָס האָט געפירט אין דער שמשים־שטוב אַריין, האָט ר׳ מרדכי יוסף אים נאָכגעשריגן אויף אַ הויך קול, אַז אַלע חסידים זאָלן דערהערן:

— מען האָט שוין „אים" ווידער אַראָפּגעבראַכט. ער מיינט, אַז דאָס איז אַ האַרבער רמב"ם, וואָס ער וועט פאַרענטפערן מיט זיין גאונישן מוח. דאָ גייט וועגן תוך־זאַכן, וועגן אמתן אמת פון דער וועלט. און קיין שום קונציקע פּשטלעך וועלן דאָ נישט פּועלן!...

ר׳ איטשע־מאירל האָט געטראָפן אין דער שמשים־שטוב ר׳ הירש טאָמאַשאָווער זיצן פאַראָבלט. ער האָט געוואָלט צולייגן די האַנט צו דער קליאַמקע פון רבינס טיר. אָבער ר׳ הערש טאָמאַשאָווער האָט אים אַ ווונק געגעבן, ער זאָל עס נישט טון. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו ר׳ איטשע־מאירלען, אים געגעבן טרויעריק שלום־עליכם און אים געזאָגט:

— „ער" האָט מיר אָנגעזאָגט קיינעם נישט אַריינצולאָזן.

ר׳ איטשע מאירל האָט זיך אַ ווײַלע געזאַמט, דערנאָך איז ער צוריק אַריינגעגאַנגען אין בית־המדרש און געזאָגט: „נו, וועט מען מאָרגן אַריינגיין!"

ווען ר׳ איטשע־מאירל איז צוריק אַריינגעקומען אין בית־המדרש, האָט ער געטראָפן שטיין ר׳ מרדכי יוספן אַרומגערינגלט מיט אַן עדה חסידים פון די גאָר ברענענדיקע יונגעלייט און ער האָט צו זיי גערעדט:

— יעדער דרך, ווען ער איז אין דער התחלה, איז ער ניי. איז ער ממילא אמת. עס איז נישטאָ די רגילות: וואָס מען טוט, טוט מען מיט דער נקודה הפּנימית, מיטן אייגענעם רצון. אָבער מען דאַרף עס טון בציבור, נישט ביחידות, נישט אַליין. מיר וועלן עס טאַקע טון בשותפות,

און זאָל מען „דאָרטן" — האָט ער אָנגעוויזן אויף דער פּאַרשלאָסענער טיר — פּראַווען התבודדות.

ר' איטשע־מאירל האָט זיך דערנענטערט צו דעם רעדל חסידים און האָט זיך אָנגערופן:

— מען מוז אָבער זיין פריער א טאָמאַשאָווער רבי, אז נישט קאָן מען האַלדז־און־נאַקן ברעכן. א קליייניקייט שאַפן א פרישן דרך!

— שאַפט מען נייעס, ווערט מען העכער, שטאַרקער האָט ר' מרדכי יוסף געענטפערט, — אָבער אַלץ מוז זיין בגלוי, אָפן פאר דער גאַנצער וועלט. מען מוז אָבער צו־וואַרטן, זען וואָס פון „דאָרטן" וועט אַרויס־קומען: אפשר וועט „ער" אונדז זאָגן אזא וואָרט, וואָס וועט דער וועלט פאַרלייכטערן. מיר ווילן נישט לעבן פונעם גרייטן. מיר ווילן נישט לעבן פון שיריים, מען זאָל אונדז צו־וואַרפן ברעקלעך אויסגעבאַקענע תורה. צוזאַמען ווילן מיר אויסשאַרפן דאָס וואָרט, צוזאַמען באַשאַפן דעם אור...

ר' איטשע מאירל האָט שוין גאָרנישט מער געענטפערט, נאָר ער האָט א שטאַרקן קרעכץ געטון, געזאָגט מער צו זיך אַליין, ווי צו ר' מרדכי יוספן:

— שווער צו זיין א מנהיג־הדור! מען מוז זיך גוט אונטערגאַרטלען. מען מוז האָבן גאָר שטאַרקע כוחות...

די חסידים האָבן זיך דערוויייל געשאַרט אין דער זייט. זיי האָבן זיך צערוקט און געמאַכט א וואַרע פאר ר' איטשע־מאירלען, און באַלד זענען ביידע שוין געשטאַנען אינמיטן א ראָד, אַרומגערינגלט פון דעם גרויסן עולם.

ר' מרדכי יוסף האָט ווייטער געפירט דעם שמועס. עס איז געווען קענטיק, אז ער וויל דווקא דערציילן ר' איטשע־מאירלען מיט וואָסערע מחשבותן ער טראָגט זיך די לעצטע וואָכן אַרום, כדי מען זאָל עס שוין וויסן אינעם גאַנצן קאָצקער הויף.

און ער האָט געענטפערט ר' איטשע־מאירלען אויף זיין לעצטן זאָג:

— האָט מען וואָס מחדש צו זיין, קריגט מען כוחות למעלה מן הטבע!

— מ'איז דאָך אָבער א בשר ודם, מיינט מען אמאָל, אז מען זאָגט

עפּעס, און לסוף איז עס גאָרנישט, מען פּלאַפּלט בלויז. און דעמאָלט לויערט דער שאול תחתיה.

— פון שקר שמועסט קיינער נישט — האָט ר׳ מרדכי יוסף געענטפערט. — אָבער האָט מען מורא, חס ושלום, קומט צו גאָרנישט. אַ מענטש מוז קאָנען שטעלן אויף זיך.

— מ׳קאָן אמאָל פאַרפירט ווערן אפילו בלאַ־יודעים — האָט ר׳ איטשע־מאירל געענטפערט. דעריבער טאָר מען נישט שטעלן אויף זיך, נאָר הערן וואָס דער רבי זאָגט.

— אוודאי איז גוט צו הערן וואָס דער רבי זאָגט — האָט אים ר׳ מרדכי יוסף צוריקגעזאָגט. — אָבער וואָס הערן מיר דאָ? שוין וואָכן און וואָכן, ווי דער רבי האָט זיך פאַרמאַכט. מען זעט אים נישט און מען הערט קיין וואָרט תורה נישט. ליגט מען צו אַן אויער צו דער טיר פון זיין חדר, הערט מען אַ מוראַדיק ברומען, וואָס מאַכט דאָס האַרץ ציטערן. פרעגט מען ר׳ הערש טאָמאַשאָווער, ענטפערט ער גאָרנישט. נו, אדרבה, וואָס זאָל מען טאָן? דו האָסט דאָך אַ דריסת הרגל אהינצו און דערצו נאָך אַ שטאַרקן צד ביים טיש...

— איך אליין בין נאָך „דאָרטן" נישט געווען. אָבער איך האַלט, אַז מען מוז צו־וואַרטן. אַלץ פריער פרעגן ביי „אים" — האָט ר׳ איטשע־מאירל געענטפערט. — ווען שמואל הנביא האָט דערהערט דאָס קול פון גאָט ברוך הוא, איז ער אויך צוערשט צוגעגאַנגען צו זיין רבין, צו עלי הכהן, פרעגן וואָס ער זאָל טון. די סטרא־אחרא האָט אַ סך דרכים ווי אַזוי צו פאַרפירן.

— יעדן טאָג ווערן געשאַפן נייע וועלטן — האָט ר׳ מרדכי יוסף געענטפערט, און ער האָט דערפילט, אַז די חסידים זענען וואָס־אַמאָל מער גוטה אויף זיין זייט. יעדן טאָג — קומען אַראָפּ נייע השגות. דאָס וואָס מען האָט נעכטן געהאַלטן פאַרן העכסטן שטאַפּל פון אמת, האָט היינט שוין אויפגעהערט צו זיין אמת... מיט דעם דאָזיקן כוח איז טאַקע געשאַפן געוואָרן דער פשיסכער דרך. ווען נישט דאָס, וואָלטן מיר נאָך אַלע געווען געשטעקט אין דעם לובלינער נוסח, און מען וואָלט אונדז נאָך אַלץ געוועזן געפּאַשעט מיט מופתים און נביאותן.

— וואָס־זשע, ווילסט אפשר פאַרגלייכן אונדזער איצטיקן עולם צום פּשיסכער? — האָט שוין ר׳ איטשע־מאירל מיט א הויך קול א זאָג געטון.

— יעדער דור איז מסוגל פאר א נייעם דרך, אויב דער מנהיג איז נאָר ראוי און פּירט זיין דור, האָט נישט בלויז אין זינען זיך אליין... — האָט ר׳ מרדכי יוסף געענטפערט.

— ס׳מאַכט זיך אמאָל, אז א רמב״ם איז הארב — האָט ר׳ איטשע־מאירל ווייטער געפירט דעם שמועס — נו, איז וואָס, ארבעט מען, זוכט מען תירוצים, ביז ער ווערט פאַרעפנטפערט. מען מוז זיך שטענדיק אָנשטרענגען, זיך נויטן צו געפינען דעם ריכטיקן פּשט.

— דאָס וואָס ס׳איז געגנוּיט, בדוחק — איז גאָרנישט ווערט, — האָט ר׳ מרדכי יוסף אים איבערגעשלאָגן. — אלע אברים דאַרפן משיג זיין דעם אמת. אלע אברים דארפן אקעגן טאנצן מיט שמחה דעם אמת. דערשפּירט מען א שטיקל ספק, מוז מען זוכן. נישט פארענטפערן. אזוי לאנג זוכן, ביז מען דערזעט — אַן אור איז זיך מתגלה.

— דו מיינסט אפשר, אז עס וואלגערן זיך ארום אורות אין די גאסן? מען דארף ארבעטן דערויף. מען דאַרף האָבן הכנות דערצו! — האָט ר׳ איטשע־מאירל שוין געשריגן.

— וועט מען ארבעטן! וועט מען זוכן! אונדז קאָן מען נישט אָפּשרעקן. ווען מיר זענען אוועק פון פּשיסכע, האָבן מיר אין טאָמאַשאָוו זיך אוועקגעלאָזט נאָך אויף שארפערע דרכים — האָט ר׳ מרדכי יוסף נאָך מיט א העכער קול געענטפערט.

ר׳ איטשע־מאירל איז מיט כעס אוועקגעגאנגען. ר׳ מרדכי יוסף האָט, הפּנים, אליין דערשפּירט, אז זיין שמועס האָט נישט געטאָרט געפירט ווערן אָפן, לפני כל עם ועדה, און ער האָט אויסגעלאָזט צו די חסידים, וועלכע האָבן אים געהאט ארומגערינגלט:

— ער וויל אלץ פארגלעטן. ער האָט דאָך אויך אמתע כוונות. אָבער מען קאָן נישט איבערלאָזן אַן עדה יידן כצאן בלא רועה. כסדר פארשלאָסן וועט מען נישט טאָרן פארבלייבן... דערווייל וועט מען צוּוואַרטן, וואָס „ער״ וועט פון „דאָרטן״ ברענגען. „אים״ וועט מען דאָך יאָ אריינלאָזן!... לאָמיר טאקע צוּוואַרטן ביז מאָרגן.

די חסידים צוזאמען מיט ר׳ מרדכי יוספן זענען ביסלעכווייז אוועק

אויף זייערע אכסניות, און אין בית־המדרש איז נאָר געבליבן זיצן ר׳ יחיאל מאירל צוזאַמען מיט אַ פּאָר אַלטע פּראָסטע יידן, וועלכע האָבן מיט אַ געיאָמער געזאָגט תהילים.

כח

דער קאָצקער רבי אין זיין חדר־המיוחד

ווען ר׳ איטשע־מאירל איז דערנאָך אריינגעקומען אין דער שמשים־שטוב, איז ער צוגעגאַנגען צו ר׳ הערש טאָמאשאָווער, וועלכער איז געזעסן אין אַ ווינקל אַ פאַרטרויערטער און געפּיפּקעט אַ פּייקע.

— מען קאָן אריינגיין? האָט ר׳ איטשע־מאירל געפרעגט.

— וואָס ווייס איך? — האָט ר׳ הערש טאָמאשאָווער אָפּגעלאָזן געענטפערט — אַז דו ווילסט — פּרוּוו, איך וועל מיך שוין מער נישט איינשטעלן.

ר׳ איטשע־מאירל האָט זיך שטאַרקער פאַרגאַרטלט מיט זיין גאַרטל, האָט זיך גלייך געמאַכט די פּאות, געגעבן מיט די פינף פינגער אַ קעם די באָרד און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ פּאַמעלעך געעפנט די טיר פון דעם רבינס חדר.

אינעם רבינס שטיבל איז געווען שטאַרק אָנגערויכערט. עס האָט געברענט אויפן טיש אַ גרויס ליכט, וואָס האָט געוואָרפן שאָטנס אויף די ווענט.

דער קאָצקער רבי איז געשטאַנען אין אַ גרויס קאַפּל און אין אַ וואַטענעם שפּענצער ביים עק טיש איבערגעבויגן איבער אַ ספר.

און כאָטש ר׳ איטשע־מאירל האָט זייער שטיל געעפנט די טיר, דאָך האָט דער קאָצקער רבי באַלד דערהערט, אַז עמיצער איז אריינגעקומען. זיינע אויערן זענען געוואָרן לעצטנס אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז יעדן שאָרך האָט ער דערהערט.

דער רבי איז גלייך אויפגעשפּרונגען פון טיש און האָט געגעבן אַ בייזן ברום:

— וואָס וויל מען שוין ווידער?

אָבער אַז ער האָט דערזען שטיין אין דער טיר ר׳ איטשע־מאַירלען א דערשראָקענעם, האָט זיך באַלד ביי אים געענדערט זיין קול און ער האָט ווייך און גוטמוטיק געזאָגט:

— איטשע־מאירל, דו ביסט עס? גוט וואָס דו ביסט געקומען!

דער קאָצקער רבי האָט אים געגעבן שלום־עליכם און אים צוגעפירט צום טיש.

אויפן טיש זענען געלעגן אָנגעוואָרפן פאַרשידענע ספרים, האַלב־געעפנטע און מיט א סך קנייטשן. נעבן זיי זענען געלעגן צעוואָרפענע בייגעלעך פאַפּיר מיט א סך געגנדזענע פעדערס.

ר׳ איטשע־מאירל האָט די ערשטע רגע דעם קאָצקער רבין נישט דערקענט, אַזוי האָט ער זיך פאַרענדערט אינעם אויסזען; דער גלאַנץ פון זיינע אויגן איז געוואָרן פאַרצויגן מיט א טרויעריק פייערל, די פּאות זענען געווען ווילד צעשויבערט, די רעכטע האַלבע גראָלעכע באָרד איז געווען אָפּגעלעגן, פון האַלטן כסדר די רעכטע האַנט אָנגעשפּאַרט אויף דער גאָמבע. דער הויכער שטערן איז געווען פאַרצויגן מיט א סך קנייטשן און אין זיין קול האָט זיך עפּעס געפילט א פרעמדקייט, ווי עס וואָלט פון א וויטן אָרט געקומען...

ר׳ איטשע־מאירל האָט געמיינט, אַז נאָך די ערשטע גוטמוטיקע ווערטער, וואָס דער קאָצקער רבי האָט אים געזאָגט, וועט ער מיט אים ווייטער קענען שמועסן, איז ר׳ איטשע־מאירל געשטאַנען און געוואַרט, דער רבי זאָל אים עפּעס פרעגן. אַליין האָט ער מורא געהאַט אַרויסצורעדן א וואָרט, ווייל יעדער דבור קאָן אים נאָך אפשר וויי טון. אָבער דער קאָצקער רבי האָט מער נישט גערעדט מיט ר׳איטשע־מאירלען. ער האָט זיך פּלוצלינג פאַרטון, געוואָרן פאַרמוחט און אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ר׳ איטשע־מאירל געפינט זיך דאָ. ער האָט אָנגעהויבן שנעל צו שפּאַנען איבערן חדר און גערעדט צו זיך אַליין נישט פאַרשטענדלעכע ווערטער: „איז ווי האַלטן מיר?... גיין ווייטער, צי אָנהויבן אויפסניי?"...

מען האָט פון די פּאָר ווערטער געקאָנט זען, אַז זיי זענען געקומען נאָך א לאַנגן המשך פון שנירלעך געדאַנקען, וואָס דער קאָצקער רבי ציט־אויף אין זיין מוח שוין א היבשע צייט.

דער קאָצקער רבי האָט זיך ווייטער געדרייט שנעל אויף־און אָפּ

איבערן חדר. פּלוצלינג האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען מיט עפּעס א פרעמד קול: „נו, וווּ איז דער אויסוועג? קומט מען דאָך ווידער צו צום זעלבן!... וועט מען טאַקע כסדר מוזן זיין אינעם תהו ובוהו, פון „בונה עולמות ומחריבם?", וועט טאַקע קיינמאָל נישט קאָנען קומען צו קיין סדר?..."

ר' איטשע־מאירל איז אויפגעציטערט געוואָרן, ווען ער האָט דער־הערט די דאָזיקע ווערטער. ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען, פאַר וואָס דער רבי וויל קיינעם נישט זען, און מיט וואָס פאַר א מחשבות ער טראָגט זיך ארום. ר' איטשע־מאירל האָט זיך פאַררוקט אין א זייט, הינטער דער שטול, און האָט שטיל מיט אימה און פּחד געוואָלט אָפּוואַרטן, ביז דער רבי וועט אים צוריק דערזען.

אָבער פּלוצלינג האָט זיך דער קאָצקער רבי אָפּגעשטעלט נעבן אים, אויף אים געגעבן א שטאַרקן קוק און געזאָגט:

— ווער ביסטו, הא? ווער דערוועגט זיך צו מיר אריינצוקומען? וואָס ווילן פרעמדע מענטשן פון מיר האָבן? זאָג, ווער ביסטו?

א שוידער איז דורכגעלאָפן ר' איטשע־מאירלען. גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן ארויסגעזעצט אויף זיין שטערן און ער האָט מיט א ציטער־דיק קול געענטפערט:

— וואָס ווייס איך, ווער איך בין?...

דאָ האָט זיך דער קאָצקער רבי צוריקגעכאַפּט און ווי ער וואָלט פּלוצ־לינג פון א הויכן באַרג אראָפּגעשליידערט געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן מיטאמאָל צו רעדן מיט א צעבראָכענער שטימע:

— איך בין פאַרביטערט, איטשע־מאיר לעבן, זייער פאַרביטערט.

און ער איז פון גרוים שוואַכקייט אוועקגעפאַלן אויף דער שטול.

ר' איטשע־מאירל האָט אים געגעבן אביסל וואַסער. דער רבי האָט בלויז באַנעצט די ליפּן, אָפּגעווישט זיך מיט א גרויסער געבלימטער פאַ־טשיילע דעם שווייס פון פּנים, און ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט א שווערע עבודה אָפּגעטון, אזוי האָט אים פאַרמאַטערט דאָס טראַכטן.

ווען דער קאָצקער רבי האָט זיך שוין געהאַט אביסל אָפּגערוט, האָט ער אָנגעהויבן שמועסן מיט ר' איטשע־מאירלען אויף אזא אופן, ווי ער וואָלט זיך וועלן פאַר אים מתוודה זיין, אויסרעדן פאַר אים זיין האַרץ.

— מען קאָן נישט קומען צו קיין אויסוועג — האָט דער קאָצקער

רבי מיט א געבראָכענעם קול אָנגעהויבן — ביידע צילן מיר צו איין נקודה, איך און מענדל לובאַוויטשער, דער חילוק איז נאָר, וואָס מיר האָבן אָנ־געהויבן ביים הארץ און זיי — ביים מוח. פּשיסכע האָט אָנגעהויבן ביים נקודת־הלב, ביים פּינטעלע פון הארץ, און חב״ד האָט אָנגעהויבן ביים מקור פון מוח, און בעת אונדז האָט עס געצויגן ארויף צום מוח־צו, האָבן זיי זיך געלאָזט אראָפּ צום הארץ־צו, און איצט האָבן מיר זיך ביידע באַ־געגנט. יעדער איינער האָט זיך געגריבלט אין זיין דרך, ביז מיר האָבן זיך צונויפגעטראָפן. פון צוויי פארשידענע דרכים זענען מיר געקומען און מיר האָבן זיך אין מיטן וועג באגעגנט און איצט ווייסן מיר ביידע נישט ווו ווייטער צו גיין.

דאָ האָט זיך דער קאָצקער רבי ווידער פארמוחט. ר׳ איטשע־מאירל האָט נאָכגעטראכט נאָך דעם חסידישן וואָרט, וואָס אן אלטער פּשיסכער חסיד האָט אמאָל געזאָגט, ווען ער האָט געזען דעם לובאַוויטשער רבין: „מענדל, מענדל לגזירת שוה *) — האָט דער אלטער פּשיסכער חסיד גע־זאָגט — ביידע ווילן דאָס זעלבע, נאָר דורך פארשידענע דרכים״.

דער קאָצקער רבי האָט ווידער געגעבן א קוק אויף ר׳ איטשע־מאיר־לען מיט א פרעמדן בליק, אָבער אים אפנים באלד דערקענט און ווייטער געפירט זיין שמועס:

— אָבער אים, ר׳ מענדעלע לובאַוויטשער, איז בעסער, ער גייט צום הארץ־צו און דאָס הארץ האָט קיין גרונט נישט, אָבער ווי ווייט קאָן מען דערגיין מיט אונדזער אָרימען שכל?...

ר׳ איטשע־מאירל איז געשטאַנען מיט אן אראָפּגעבויגענעם קאָפּ און נישט געענטפערט קיין וואָרט, ווי דאָס לשון וואָלט ביי אים אָפּגענומען געוואָרן.

— און בעת איך מאטער מיך שוין וואָכן צו געפינען אן אויסוועג, פארדרייט מען מיר דעם מוח מיט עצות — האָט דער קאָצקער רבי ווייטער געזאָגט.

---

*) דער קאָצקער רבי האָט געהייסן ר׳ מענדעלע און דער ליובאַוויטשער רבי האָט אויך געהייסן ר׳ מענדעלע.

— און דערפאַר האָט זיך דער רבי פאַרמאַכט ? — האָט ר׳ איטשע־מאירל נישט דרייסט געפרעגט.

— ווער זאָגט דיר, אז איך האָב זיך פאַרמאַכט ? — האָט דער קאָצ־קער רבי זיך צעשריגן — איך וויל נאָר קומען צו זיי מיט א ניי וואָרט.

— צי דען איז דער דרך ביז איצט נישט גוט געווען ? — האָט ר׳ איטשע־מאירל ווייטער געפרעגט, ווען ער האָט דערזען, אז דער רבי איז וויליק מיט אים צו שמועסן.

— ער איז גוט, אָבער ער פירט צו גאָרנישט. איך ווייס אָבער, אז ווען איך וועל שוין יאָ געפינען דאָס נייע ליכטיקע וואָרט, וועט מען מיך נישט וועלן הערן. איצט ווילט איר, איך זאָל ארויסגיין צו „זיי" און ווען איך וועל שוין יאָ וועלן ארויס, וועט איר מיך נישט לאָזן !... אפילו דו אליין, איטשע־מאירל וועסט נישט לאָזן.

מען דאַרף אָנהויבן פון דאָס ניי. איצט דערזע איך ערשט זאכן, וואָס איך האָב ביז איצט גאָר נישט געזען, מען דאַרף דערזען דעם „אור הפנימית", אָבער מען האָט ביז איצט אזוי פיל אָפּגעפּאַסקודיעט ארום דעם „אור הפנימית", אז מען זעט שוין דעם אור בכלל נישט ארויס. זעסט דעם בארג ספרים, וואָס ליגט דאָ אויפן טיש ? אלע הילן נאָר איין דעם אור, נישט זיי שיילן אָפּ די קליפות. דאַרף מען דערפאַר שרייבן אזא פירוש, וואָס זאָל אנטפּלעקן דעם אור. בלויז איין בלעטל איז גענוג פאַר אזא פירוש.

דאָס קול האָט זיך ביים קאָצקער רבין אין שמועס וואָס אמאָל אלץ מער און מער געבויטן, און פּלוצלינג איז ער צוגעלאָפן צום טיש און א שליידער אראָפּ געגעבן מיט כעס אלע ספרים, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש. ער האָט געכאַפּט א שטיקל פּאַרמעט אין דער האנט אריין און אָנגע־הויבן צו שרייען : „אָט דאָס איז דער נייער פּירוש, וועלכער הייסט : „זה תולדות האדם". אין איין בלעטל קאָן מען דערפילן די גאנצע תורה — האָט ער מיט א ווילדן קול געשריגן — און דאָ פּאַשעט מען אונדז כסדר מיט מעשיות ווי משה רבנו האָט געהייסן ציילן שיקסעם, מעשיות מיט בנות צלפחד !...

ר׳ איטשע־מאירל האָט זיך צוגעהאַלטן די אויערן, דערהערנדיק די

לעצטע ווערטער פונעם קאָצקער רבין, ער האָט זיך אראָפּגעבויגן און שנעל אויפגעהויבן אַלע ספרים, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד.

אינצווישן איז דער קאָצקער רבי ווידער געקומען צו זיך און ער האָט זיך אַליין אראָפּגעבויגן און צוגעהאָלפן אויפהויבן די ספרים, געקושט יעדעס ספר באַזונדער און מיט פאַרווּנדערונג געפרעגט:

— ווער האָט זיי אראָפּגעוואָרפן?

אָבער אַז ר׳ איטשע־מאירל האָט גאָר נישט געענטפערט, האָט דער קאָצקער רבי, אפּנים, פאַרשטאַנען, ווי אַזוי דאָס איז געשען און ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

— איטשע־מאיר לעבן! דער גוף ווערט מיר פאַרברענט פונעם פייער; דאָס האַרץ ווערט מיר צעריסן אויף שטיקער פון אַזוי פיל ספקות; עס טאָטשעט דאָרט אין דער נשמה ווי אַ וואָרעם און לאָזט נישט במנוחה.

— דער רבי האָט דאָך אָבער קיינמאָל נישט געוואָלט איינגעמען דעם כלל, דער דרך איז דאָך תמיד געווען אויסגעשטעלט פאַר יחידים?

— אַוודאי האָב איך דאָס תמיד געוואָלט — האָט דער קאָצקער רבי געענטפערט — אָבער וואָס זאָל מען טון, אַז זיי האָבן זיך אָנגעזעצט אויף מיר ווי פליגן. וויפיל מען זאָל „זיי" פון זיך נישט טרייבן, קומען זיי ווידער צוריק, וועל איך דערפאַר איצט צו „זיי" קומען מיט אַזאַ נייַ־וואָרט, אַז אַלע די, וואָס וועלן נישט וועלן מיטגיין מיט מיר, וועלן אַנטלויפן הינטער די הרי חושך, אַבי מיך נישט אָנצוקוקן.

— און צי איז דאָס טאַקע געווען דער דרך פונעם בעל־שם־טוב הקדוש?

— אַוודאי איז דאָס געווען דער דרך. ער האָט קודם כל אָפּגערייניקט דאָס פסולת, און געמאַכט אַ וועג פאַר זיינע תלמידים, נאָר מען האָט גע־דאַרפט ווייטער רייניקן און רייניקן....

אָבער אין מיטן שמועס האָט דער קאָצקער רבי געגעבן אַ שטרעק־אויס די האַנט צו ר׳ איטשע־מאירלען און צו אים געזאָגט:

— נו, גענוג געשמועסט, מען טאָר נישט אַלץ דערציילן. אַליין מוז מען אַלץ דערטראַכטן און קומען מיט אַ דבר־שלם, דערווייל גיי לחיים ולשלום, אַליין מוז מען אַלץ אויססּפּקענען.

און ר׳ איטשע־מאירל האָט פאַרלאָזט דעם רבינס חדר.

אויף דער צווייטער זייט טיר. זענען שוין געשטאנען הונדערטער חסידים און אפגעוואַרט ר׳ איטשע־מאירלען, צו הערן, וואָס ער וועט פון „דאָרטן" דערציילן. אָבער ר׳ איטשע־מאירל איז שווייגנדיק אדורך צווישן גרויסן עולם און איז אריין אויף זיין אכסניא, איבערטראַכטן וואָס צו טון.

ער האָט נאָך געהערט ווי ר׳ מרדכי יוסף האָט אים נאָכגעשריען:

— נו, פאַר וואָס דערציילט ער נישט? ער האָט דאָך כסדר געשריגן, אַז מען מוז ביי אים פרעגן. ער קומט דאָך איצט פון דאָרט, פאַר וואָס וויל ער אונדז נישט זאָגן, וואָס ער האָט מיט אים געשמועסט?

און ווען ר׳ איטשע־מאירל האָט שוין געוואָלט ארויסגיין פון בית־המדרש, האָבן אים פארהאַלטן א מחנה חסידים, אים געריסן ביי דער פּאָלע און זיך געבעטן:

— דערצייל, איטשע מאיר, וואָס דו האָסט מיט אים געשמועסט? מיר ווילן וויסן, ווו מיר האַלטן איין דער וועלט. ווען וועט דער רבי שוין צוריק אָנהויבן צו געזעגענען, מיר ווילן וויסן, ווען מיר וועלן „אים" קאָנען זען!" — האָבן זיך דערהערט קולות פון אַלע זייטן.

— נישט איצט, מאָרגן וועל איך מיט אייך רעדן, אייך אַלץ דער־ציילן, איך בין איצט מיד, לאָזט מיך גיין. אַלץ מאָרגן! — האָט זיך ר׳ איטשע־מאירל ביי זיי געבעטן, און אַזוי, א פארזאָרגטער, פאַרלאָזט דאָס בית־המדרש. ר׳ איטשע־מאירל האָט געטאָפּטשעט אין א גרויסער בלאָטע, וואָס איז געווען ארום דעם קאָצקער הויף און ער האָט געטראַכט וואָס צו טון:

„מען קאָן דאָך דעם עולם נישט לאָזן אויף הפקר, — האָט ר׳ איטשע מאירל געטראַכט — שטייט דאָך גרייט מרדכי יוסף איזשביצער צו רייסן צו זיך דעם עולם, אויב „ער" וועט נישט באַלד ארויסגיין. און ווידער „אים" ארויסלאָזן מיט אַזעלכע דבורים? די וועלט וועט דאָך אויפגעצי־טערט ווערן. און דאָ קוקן אַלע ארום אויף מיר, וואַרטן אָפּ, אַז איך זאָל זיי דערציילן, וואָס „דאָרטן" טוט זיך. אָבער וואָס קאָן איך זיי זאָגן?"

און מיט אַזוינע שווערע מחשבות איז ר׳ איטשע־מאירל אהיים גע־קומען אויף זיין אכסניא און געטראַכט, אַז מאָרגן וועט ער אַלץ איבער־שמועסן מיט ר׳ הערש טאָמאַשאָווער און מיט אים אָפּהאַלטן אַן עצה וואָס צו טון.

כט

די חברה „היטערס" אין קאָצקער הויף

אויפן צווייטן טאָג האָט ר' איטשע־מאירל זיך מער נישט באוויזן אין בית־המדרש, ווי ער האָט געהאט זיינע חסידים צוגעזאָגט, נאָר ער האָט געשיקט רופן נאָך ר' הירש טאָמאשאָווער, דער לייב־מענטש פונעם „קאָצקער", מיט אים אָפּצוהאַלטן עצה, וואָס צו טון.

ר' הערש טאָמאשאָווער איז געקומען אויף דער אכסניא, ווו ר' איטשע־מאירל איז איינגעשטאַנען, האָט זיך פאַרמאַכט מיט ר' איטשע־מאירלען אין א קליין שטיבל און אָנגעזאָגט די חסידים, אז קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן אַריינצוקומען אָדער אונטערשטעלן אַן אויער הינ־טער דער טיר.

ווען ר' איטשע־מאירל האָט געהאט פאַרריגלט די טיר און איז גע־בליבן אַליין מיט ר' הערש טאָמאשאָווער, האָט ער אָנגעהויבן צו זאָגן מיט א טרויעריק קול:

— הערש, כ'בין נעכטן „דאָרטן" געווען, איך האָב זייער מורא פאַר „זיין" נייעם דרך.

— וואָס האָט איר אַזוינס „דאָרטן" געזען? — האָט ר' הערש געפרעגט.

— וואָס כ'האָב געזען און געהערט, קאָן איך נישט איבערחזרן, אָבער כ'האָב מורא, אז קיין גוטס וועט דערפון נישט אַרויסקומען, — האָט ר' איטשע־מאירל מיט א קרעכץ געענטפערט.

— אָבער וואָס פּאָרט האָט איר „דאָרטן" געזען? — האָט ר' הערש נייגעריק געפרעגט.

— „ער" האָט אַראָפּגעוואָרפן אַלע ספרים פונעם טיש — האָט ר' איטשע־מאירל אים איינגערוימט א סוד.

— דאָס אַלץ, וואָס איר האָט געזען? — האָט ר' הערש מיט א חוזק־שמייכעלע געפרעגט.

— ער האָט אויך געזאָגט ווערטער, וואָס א פּשוטער בשר־ודם טאָר

זיי נישט הערן, — האָט ר׳ איטשע־מאירל מיט פּחד אים אריינגעשעפּטשעט אין אויער.

— דאָס איז אַלץ, וואָס איר האָט געזען און געהערט? — האָט ר׳ הערש איבערגעפּרעגט — און דערפאַר האָט איר שוין מורא? און וואָס זאָל איך נאָך זאָגן, אז איך קום אריין צוויי מאָל א טאָג מיט עסן און ער זאָגט מיר אַזוינע דיבורים, וואָס מען דאַרף קריעה רייסן, ווען מען זאָל עס וועלן אָננעמען אַזוי פּשוט. אָט ערשט נעכטן, ווען כ׳בין אריינגעקומען מיט א שיסעלע קאַשע, זאָגט „ער" צו מיר: „הערש, מיינסט באמת, אז דער נייער דרך פון בעל־שם־טוב איז געווען, מען זאָל ווייטער דרייען א קאָפּ וועגן „שור שנגח את הפרה", וועגן דעם ווי אַן אָקס האָט געשטויסן א קו? איך האָב זיך גאָרנישט אָנגערופן און געשטאַנען אין איין ציטער־ניש, קוקט „ער" אַזוי אויף מיר און זאָגט, „נו, הערש, האָסט נישט קיין ענטפער, טאָ וועל איך דיר זאָגן. דער בעל־שם־טוב האָט דאָס זיכער נישט געמיינט, ער האָט געוואָלט בייטן דעם גאַנצן סדר, משנה זיין מעשה־בראשית, נאָר ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם צו שטאַרקן קטרוג. האָט ער עס איבערגעלאָזט פאַר זיינע תלמידים. א סך נאָך אים האָבן טאַקע גע־פּרוּווט דאָס משלים צו זיין, אָבער זיי זענען צו פרי געקומען צום עולם. מיין נישט, אז איך בין מיך פּורש, ווייל כ׳וויל נישט קומען צווישן די חסידים, ניין, איך וויל קודם־כל אליין אויסגליען יעדעס וואָרט, וואָס כ׳וועל זאָגן און דערנאָך, ווען כ׳וועל קומען צו זיי, זאָל עס זיין געלייטערט; זאָל עס זיין אַזוי שאַרף און גליענדיק, אַז די אַלע פּראָסטאַקעס זאָלן זיך אָפּבריען און אַנטלויפן. בלייבן זאָלן נאָר די יחידים, וואָס זענען ראוי צו הערן די נייע תורה". און „ער" האָט פאַרענדיקט: „יעדער ייד קאָן קומען צו דער מדרגה פון משה רבנו, מקבל צו זיין די תורה פון גאָט"

— נו, וואָס זאָל איך נאָך זאָגן — האָט ר׳ הערש קרעכצנדיק אויסגעלאָזט.

— ס׳איז זייער ביטער, מען דאַרף געפינען אַן עצה — האָט ר׳ איטשע־מאירל זיך געדרייט אויף און אָפּ איבערן שטיבל.

— אָבער איך האָב נישט קיין מורא, — האָט ר׳ הערש זיך גע־שטאַרקט. — מען דאַרף האָבן התחזקות, אַז מען האָט זיך איינגעשפּאַנט אין וואָגן, דאַרף מען קאָנען דערשלעפּן דעם גאַנצן וועג, נישט בלייבן שטיין אינמיטן.

— אָבער מען קאָן דאָך אונדז פאַרפירן — האָט ר' איטשע־מאירל אויפגעציטערט, — האָט זיך שוין נישט געטראָפן אזוינס, אז דער מנהיג האָט געמיינט, אז ער ווייסט אַלץ, די תלמידים זענען אים בלינד נאָכגע־גאנגען און דער מנהיג מיט די תלמידים זענען פארפירט געוואָרן אין אזא בלאָטע,אז קיינער האָט זיי שוין פון דאָרט נישט געקאָנט ארויסשלעפּן...

— אַל תפתח פה לשטן — האָט ר' הערש א דערציטערטער זיך אַ בייזער געגעבן — אז מען האָט נישט קיין אמונה אינעם מנהיג, דאַרף מען שוין אנטלויפן. איך אָבער האַלט מיך אָן אין זיין גאַרטל און וואָס ס'וועט זיין מיט „אים", וועט זיין מיט אונדז אַלע.

— אוודאי האָב איך אמונה — האָט ר' איטשע־מאירל צו זיך אַליין גערעדט. די ספקות פון מרדכי יוסף איזשביצער זענען מיר פרעמד, אָבער דער חילוק צווישן מיר און דיר איז, וואָס דו געפינסט זיך כסדר אין קאָצקער הויף און ווייסט נישט וואָס מען רעדט מאחורי הפרגוד, איך אָבער בין אין וואַרשע, קום צווישן פרעמדע חסידים, און מיין נישט, אז מען ווייסט נישט, וואָס דאָ טוט זיך אָפּ, ווענט האָבן אויערן, מען דער־ציילט זיך אָן אין די פרעמדע „הייף" אויסטערלישע זאַכן וועגן „אים". א סך רביים פון גאַליציישע הייף, די וואָס האָבן נאָך געוואָלט דעם רבין ר' בונם לייגן אין חרם אריין, גייען איצט ארום און פּאַטשן זיך די בייכער פאר פרייד, זיי ווייזן אויף, אז זיי האָבן רעכט געהאַט, עס האַלט שוין אזוי ווייט, אז זיי ווילן צוזאַמענרופן אן אסיפה און דאָרטן אונדז אַלע דן זיין מיט דער הארבסטער שטראָף, וואָס קיין ייד טאָר דאָס גאָר איבערן מויל נישט ברענגען און דאָ לייגט נאָך צו מרדכי יוסף שייטלעך האַלץ צום פייער און וויל דווקא, אז „ער" זאָל וואָס פריער ארויסגיין, אָנהויבן צוריק צו געזעגענען און זאָגן לפני עם ועדה, דאָס וואָס „ער" טראַכט ביחידות, נו, ווי קאָן מען „אים" ארויסלאָזן?

— מיר מוזן אַלץ טון, ווי אזוי „ער" וועט וועלן. מיר טאָרן זיך גאָר נישט אקעגן שטעלן, נאָר אזוי לאַנג ווי מיר וועלן קאָנען פארהיטן, וועלן מיר פארהיטן.

— אָבער וואָס טוט מען דערווייל? זיי וואַרטן דאָך אין בית־המדרש אויף אן ענטפער? — האָט ר' איטשע־מאירל ווייטער געפרעגט — איך האָב דאָך זיי צוגעזאָגט. צו דערציילן, וואָס ער האָט מיט מיר גערעדט?

— אזוי‏לאנג מען וועט קאָנען, זאָל מען מדחה זיין. לאנג וועט עס דאָך שוין נישט דויערן, „ער" האָט דאָך מסתמא דיר אויך געזאָגט, אז בקרוב וועט ער צוריק עפענען די טיר?

— אויב אזוי — האָט ר׳ איטשע־מאירל פארענדיקט דעם שמועס, קאָן מען שוין צוריקגיין אין בית־המדרש אריין.

עס איז שוין געווען שפעט פארנאכט. אין קאָצקער בית־המדרש האָט מען נישט אזוי שטארק מקפיד געווען אויפן זמן תפילה און בצבור, זענען טאקע געשטאנען רעדלעך חסידים צעוואָרפן איבערן בית־המדרש און האָבן געשמועסט חסידות. ביים בעלעמער איז געשטאנען ר׳ מרדכי יוסף ארומגערינגלט פון אן עולם חסידים. ער האָט געפירט א חסידישן שמועס וועגן דעם ענין, וואָס דער מנהיג־הדור דארף זיך נישט פורש זיין פונעם צבור, נאָר אלץ טון צוזאמען מיטן עולם.

ווען ר׳ איטשע־מאירל איז אריינגעקומען אין בית־המדרש אריין, האָט ער זיך נישט באמערקטערהייט צוגערוקט צו דעם עולם חסידים, וואָס האָט ארומגערינגלט ר׳ מרדכי יוספן און ער האָט געהערט ווי ר׳ מרדכי יוסף האלט ביים דערציילן א מעשה:

— איך וועל אייך דערציילן א מעשה, — האָט ר׳ מרדכי יוסף אָנגעהויבן, כדי מחזק צו זיין זיינע פריערדיקע ווערטער, — וואָס האָט זיך פארלאָפן מיטן רבין ר׳ אלימלך פון ליזשענסק. איינמאָל קומט מען אריין זאָגן דעם רבין ר׳ אלימלך, אז אין קלויז האָט זיך באוויזן א ייד, וואָס נייט אָנגעטון אין א זאק, פאסט שוין יאָרן גאנצע און איז כסדר געזעסן אין א הייל פארשלאָסן, אָפּגעזונדערט פון דער גאנצער וועלט.

— איך וויל אים נישט זען, — האָט דער רבי ר׳ אלימלך א געשריי געטון. — אין פסוק שטייט: „אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו" (ירמיהו כ"ג, כ"ד). — איז דער טייטש: אויב א מענטש וועט זיך באהאלטן אין א הייל און וועט זיך פורש זיין פון דער גאנצער וועלט, — „ואני לא אראנו" — וועל איך אים נישט זען, — זאָגט גאָט.

און דער רבי ר׳ אלימלך האָט דעמאָלט אויסגעלאָזט, — האָט ווייטער ר׳ מרדכי יוסף דערציילט, — אז פראוועז התבודדות הייסט נישט, אז מען זאָל זיך אָפּזונדערן פון דער גאנצער וועלט און מיט איר קיין שום מגע ומשא נישט האָבן, נאָר דאָס אמתע התבודדות איז: ווען א מענטש

געפינט זיך אין א שטוב אינאיינעם מיט טויזנט מענטשן און דאָך פילט ער זיך, ווי ער וואָלט דאָרטן געווען איינער אליין — אָט דאָס איז די העכסטע מדרגה פון התבודדות...

ר׳ איטשע־מאירל האָט גוט פארשטאנען דעם נמשל פון ר׳ מרדכי יוספס מעשה, צו וואָס ער צילט. ער האָט אים שוין געוואָלט ענטפערן, אָבער פלוצלינג האָט זיך דערהערט א מוראדיקע יללה פון דעם פּאַליש ארויס, וואָס האָט אויפגעציטערט דאָס הארץ. איז ר׳ איטשע־מאירל באלד ארייננעלאָפן אין פּאַליש אריין, זען, וואָס דאָרט איז געשען און גע־טראָפן האָט ער דאָרטן שטיין ר׳ וועלוועלע דיין, ארומגערינגלט פון אן עדה חסידים. אלע האָבן געהאַלטן אין איין שרייען און קלאפן זיך אין הארצן אריין, אזוי ווי ביי א ראש־השנהדיקער שמונה־עשרה.

דאָס איז געווען די נייע חברה „היטערס״, וואָס ר׳ וועלוועלע דיין האָט צונויפגענומען, זינט דער רבי האָט זיך פארמאכט אין חדר־המיוחד און האָט אויפגעהערט צו פראווען.

די „היטערס״ האָבן געפראוועט תעניתים, זיך אנגעטון כל־ערליי סגופים, געפראוועט פרישות, נישט אהיימגעגאנגען ביינאכט שלאָפן, נאָר אויפגעווען אין בית המדרש און האלבע נאכט אנגעטון זעק איבער די פּלייצעס, געשיט אש אף די קעפּ, אָפּגעריכט חצות; זיי פלעגן ארומגיין ארום דעם רבינס הויז און היטן די טיר. ר׳ וועלוועלע דיין, א ייד א דארער און א לאנגער ווי א לולב, מיט א געל לימענע פּנים און א בורשטין־פּאר־ביקע באָרד, האָט שוין געהאט געפונען א זוהר, וואָס איז בפירוש מרמז, אז אין דעם יאָר וועט א נייער אור נתגלה ווערן.

— ווארום, ווען דער רבי וועט די טיר עפענען, — האָט ר׳ וועל־וועלע מיט א יאָמערדיק געוויין געשריגן, — און וועט וועלן אונדז דעם בייעם אור מגלה זיין, וועלן מיר נישט ראוי זיין דעם אור צו דערזען. דער רבי האָט זיך פורש געווען פון דער גאנצער וועלט, ווייל דורך אים וועט דער נייער אור נתגלה ווערן. דארפן מיר אויך האָבן א תקנה דערצו, דארפן מיר זיך אויך לייטערן, תשובה־טון, כדי מיר זאָלן זיין אנגעגרייט דעם אור צו דערזען. האיי־יאָר שנת ת״ר איז א יאָר פון אתחלתא דגאולה, אזוי ווי דער זוהר הקדוש איז אונדז מרמז אין דער פרשה „וירא״ (קי״ז): „בשית מאה שנין לשתיתאה יתפתחון תרעי דחכמתא״... דאָס האָט ר׳ שמעון בן

יוחאי געמיינט האי־יאָר, און נאָר דורך „אים" — האָט ער אָנגעוויזן אויף דער טיר פונעם קאָצקער רבינס חדר המיוחד, — וועלן געעפנט ווערן די אַלע קוואלן פון חכמה און נאָר דורך „אים" וועט זיך אנטפּלעקן דער נייער אור, דערפאר, — האָט ער אויסגעלאָזט מיט א גרויס געוויין, — דאַרפן מיר פאסטן, זיך רייניקן און תשובה טאָן...

ר' איטשע־מאירל איז צוגעלאָפן צו ר' וועלוועלע דיין און האָט אָנגעהויבן צו שרייען:

— ווער דאַרף פאסטן? דער חסידישער דרך איז קעגן דעם, דער בעל־שם־טוב האָט אָפּגעשאַפט תעניתים, פּשיסכע האָט נישט געהאַלטן דערפון. דער קאָפּ דאַרף נאָר נישט ליגן אין הבלי־עולם־הזה, — אָבער תעניתים? חס ושלום.

— אָבער מיט תעניתים קאָן מען דאָך א סך פּועל זיין, — האָט א יונגער חסיד זיך אָנגערופן.

— אז מען פאסט, — האָט ר' איטשע־מאירל געענטפערט — האָט מען שוין אינזינען דעם גוף, מען וויל אים פּייניקן, מכניע־זיין, אָבער אָן אָרט פארנעמט ער שוין, ער ווערט א שטיקל „יש", בעת אין דער אמתן דאַרף מען דעם גוף אינגאנצן נישט אינזינען האָבן; ער דאַרף בכלל גאָר נישט תופס־מקום זיין... מען דאַרף אים אינגאנצן מבטל זיין.

און ר' איטשע־מאירל האָט פארענדיקט:

— א תענית איז גוט פאר א פרומען און מיר זאָגן: א פרומער איז א קרומער. און א כלל איז ביי אונדז פאראַן; אז א מתמיד האָט נישט קיין צייט צו קאָנען לערנען, און א פרומער קאָן נישט געדענקען אין גאָט ברוך־הוא, ווייל ער איז תמיד פול מיט ספקות; אפשר א וואָרט נישט גוט ארויסגעזאָגט, די הענט נישט גוט געוואַשן, די יאַרמעלקע נישט גענוג פאררוקט... פארגעסט ער דערווייל אָן דעם גרויסן אמת און אָן דער גאולה שלימה...

— אדרבה, מיר ווילן זיך דאָך צוגרייטן צו דער גאולה שלימה! — האָט ר' וועלוועלע דיין געשריגן מיט א גרגרת־קולכל, — מיר ווייסן דאָך, אז ווען ער וועט די טיר עפענען, וועט זיך דאָס גרויסע ליכט באַווייזן און מיר וועלן עס נישט קאָנען דערזען, דערפאר דאַרפן מיר זיך טאַקע צוגרייטן

דערצו, — און ער האָט אויסגעלאָזט; „חברה, ס'איז שוין געקומען דער זמן פון פאר חצות, לאָמיר לויפן אין מקוה אריין פארן חצות אָפּריכטן!...

און די חברה „היטערס", א מחנה פון עטלעכע מנינים יונגעלייט און עטלעכע יידן, זענען ארויסגעלאָפן פון פּאָליש אין מקוה אריין.

ר' איטשע־מאירל האָט זיך אוועקגעשטעלט ביי א פּאָליצע ספרים מיט א פארקלעמט הארץ. ער האָט געטראכט, אז אלץ ווערט עפּעס מיט אמאָל צעפאָרן. „דאָרט" אינעם חדר־המיוחד — האָט ער ווי צו זיך אליין גערעדט — זיצט דער „עמוד האש" און שפּריצט מיט פייערדיקע פונקען, וואָס קאָנען, חס ושלום, יעדן קלענערן בר־דעת פארברענען און אים אין פוסטן אָפּגרונט אריינשליידערן; דאָ לערנט ר' מרדכי יוסף, אז מען דארף צעלאָזן דאָס חדר און אָנהויבן אויפדאָסניי; יחיאל מאיר גאסטינינער איז געוואָרן א יידענע און בראָקט תהילים מיט די דאָרפס־יידן, און וועלעוועלע דיין גרייט זיך צו מיט אזעלכע כוונות און מיט אזעלכע דרכים, וואָס מען קאָן זיך, השם ישמרנו, זייער שטארק אויסגליטשן... און צווישן זיי דרייט זיך ארום א המון חסידים, וואָס ווייסט נאָר נישט וואָס צו טון. מען האָט פארלאָזן די היימען. מען וואַרט אָפּ, ביז מען וועט צוריק עפענען די טיר און אָנהויבן צו געזעגענען און „דאָרטן", דאָרטן, אין חדר־המיוחד זיצט „ער" פארשלאָסן און ער גרייט צו א נייע תורה, וואָס וועט חס־ושלום די וועלט פארשרפענען און אלע זיצן נאָך און ווארטן אויף מיר, איך זאָל דערציילן, וואָס „ער" האָט מיט מיר גערעדט.

פאר גרויס צער און מידקייט איז ר' איטשע־מאירל אנדרימלט געוואָרן ביי דער ספרים־פּאָליצע, אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אויף א ספר, ביז די חברה „היטערס" זענען צוריקגעקומען פון דער מקוה און גענומען אָפּריכטן חצות.

ל

מען צעטרייבט די חברה „היטערס"

פון דער מקוה זענען די קאָצקער חברה „היטערס" באַלד צוריקגע־לאָפן אין בית־המדרש אַריין, זיי האָבן זיך פאַרקליבן אין דער ווייבערישער שול, כדי די אַנדערע חסידים זאָלן זיי נישט טשעפּען.

אין דער ווייבערישער שול האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. יעדע פּאָר מינוט איז אַריינגעקומען אַן אַנדערער פון די „היטערס" מיט אַ זאַק אויף דער פּלייצע, אַ ליכטל אין דער האַנט און מיט אַ קרעכץ זיך אַוועקגע־זעצט אויף דער ערד.

אויסגעזעצט האָבן זיי זיך אין אַ קרייז. אין מיטן האָט זיך אַנידער־געזעצט ר' וועלוועלע דיין און אַלע צוזאַמען האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס פאַרטריבן געוואָרן פון ירושלים.

און ר' וועלוועלע דיין האָט אָנגעהויבן רעדן:

„איידער מיר גייען אָפּריכטן הצות, וויל איך אייך מודיע זיין, אַז די ישועה איז שוין זייער נאָענט, אַז גאָר אינגיכן וועט זיך די טיר פונעם רבינס חדר עפענען, און דער „אור" וועט זיכער נתגלה ווערן. מיר הערן שוין די טריט פון משיחן, אָבער מיר זענען נאָך גאָר נישט צוגעגרייט דערצו... פאַר מתן־תורה האָבן געמוזט זיין שלושת ימי הגבלה. דריי טעג האָט מען געמוזט זיין אָפּגעשיידט, איצט מוזן מיר זיין נאָך ריינער ווי בשעת מתן תורה, ווייל איצט וועט שוין קומען די אמתע גאולה, דעריבער מוזן מיר זיין אינגאַנצן אָפּגעשיידט, אַזוי לאַנג, ביז דער אור וועט נתגלה ווערן. אויך „ער" — האָט ר' וועלוועלע דיין אָנגעוויזן אַף דער טיר פונעם קאָצקער רבינס חדר־המיוחד — האָט זיך נאָכאַמאָל אינגאַנצן פּורש געווען. דאַרפן מיר דאָס זעלבע נאָכטון, וואָס מער פּרישות, וואָס מער סגופים, וועלן מיר אַלץ מער פאַרגיכערן די טריט פונעם גואל צדק!"

און באַלד איז די קאָצקער ווייבערישע שול אָנגעפּילט געוואָרן מיט געוויין, אַזוי ווי ערב יום־כפור פאַר כל־נדרי.

יעדער „היטער" באַזונדער, האָט געפונען אַן אַנדער אופן, ווי אַזוי זיך אָנצוטון יסורים. איינער איז געזעסן אויף שפּיציקע שטיינדלעך, אַ

צוויטער האָט זיך אריינגעלייגט ארבעס אין די שטיוול, און אנדערער האָט זיך אָנגעטון א הארטן זאק אויפן הוילן לייב און אויפן זאק דאָס העמד, כדי קיינער פון די חסידים זאָל נישט וויסן דערפון. איינער א „היטער״ האָט אויף זיך גענומען נישט צו רעדן צו קיינעם קיין וואָרט, נאָר בלויז ענטפערן, אויב עמיצער וועט אים פרעגן און א צוויטער האָט ביי זיך אָפּגעמאכט תמיד צו שטיין די גאנצע צייט, ווען ער וועט אויפזיין און צו שלאָפן זיצנדיקערהייט.

יעדער איינער האָט געוואָלט דעם צווייטן איבעריאָגן. זיי האָבן שוין געפונען פאַרטלען ווי אזוי זיך צו פייניקן, און אלע זענען געווען זיכער, אז דערמיט העלפן זיי צו דערנענטערן די טריט פונעם גואל...

די חברה „היטערס״ האָבן באלד נאָכן אָפּזאָגן חצות, גענומען זאָגן תהלים. ר׳ וועלוועלע דיין האָט זיך געשטעלט אינמיטן און געזאָגט פסוק ביי פסוק מיט משונהדיקע קולות און אויסטעלישע העוויות, אז דאָס הארץ איז פאר ווייטיק שיער נישט צעריסן געוואָרן. די פאסטערס האָבן געגאָכן מיט באָכן טרערן און די גאנצע ווייבער־שול איז געוואָרן פול מיט יללות.

ר׳ איטשע־מאירל, וועלכער איז געשטאנען א לאנגע צייט אין פאַרליש פאַרטיפט אין א ספר, האָט דערהערט די ווילדע קולות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער ווייבער־שול און ער האָט דערפילט, אז אויב מען וועט די חברה „היטערס״ אזוי ווייטער לאָזן אין הפקר, וועט דערפון קיין גוטס נישט ארויסקומען. ער איז באלד אריינגעלאָפן אין בית־המדרש אריין און צונויפגערופן א פּאָר צענדליק יונגע לייט און מיט זיי ארויף אין דער ווייבערישער שול מיט א געוואַלט:

— משוגעים — האָט ר׳ איטשע־מאירל א געשריי געטון — וואָס רעוועט איר? איר ווילט מאכן פון דער קאָצקער קלויז א ווייבערישע שול? שוין זאָל מען אויפהערן צו וויינען? איך זאָג אייך צו, אז דער רבי וועט בקרוב צוריק אָנהייבן פירן טישן און געזעגענען! אמת, מען דאַרף זיין צוגענרייט, אָבער נישט אויף אזא אופן. מען דאַרף נישט האָבן קיין ווייבערישע הערצער, מען דאַרף דאָס הארץ שטארקן ווי א שטיין, אז עס זאָל קאָנען אלץ איבערטראָגן, אָבער מיט אזא דרך וועט איר צו ווייט פאַרפאָרן און מי יודע, צי איר וועט זיך קאָנען ארויסקאָפּען, אויב איר וועט זיך נישט באצייטנס כאפּן, ווי ווייט איר זענט שוין פארקראָכן״...

און די חסידים, וואָס זענען זיך צוזאַמען געלאָפן פון בית־המדרש אין דער ווייבערישער שול אריין, האָבן אָנגעהויבן צו פאַרטרייבן די פרומע פאַסטערס מיט גאַרטלען און האַנטיכער.

די „היטערס" זענען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן, און אין אַלע ווינ־קעלעך האָט מען זיי געטריבן: „אַרויס פון קאָצקער בית־המדרש!" — האָבן זיך געהערט קולות פון אַלע זייטן — „איר האָט דאָ נישט וואָס צו טון! נישט אין קאָצק איז אייער אָרט!" און אַ פּאָר יונגעלייט האָבן אַ כאַפּ געטון ר' וועלוועלע דיין און אים גלייך אויפן אָרט מקיים־פּסק געווען:

מען האָט אים געבונדן די פיס און די הענט מיט גאַרטלען און אים געמאַכט אַ „משכנתא", אים געשלאָגן מיט נאַסע האַנטיכער. דערנאָך האָט מען אים געעפנט דאָס מויל, אין אים אַריינגעגאָסן אַ גלעזל ריינעם אָקעוויט און אים געשטופּט צו איבערבייסן.

— ער האָט דאָך נאָך היינט נישט געדאַוונט! — האָבן עטלעכע חסידים געשריגן.

— אדרבה, איז בעסער — האָבן זיך דערהערט קולות — זאָל ער כאָטש וויסן, מיט וואָס ער האָט געזינדיקט, פאַר וואָס ער דאַרף תשובה טון!...

אָבער ר' וועלוועלע דיין האָט אַלץ אָנגענומען באהבה און ער האָט בשעת מעשה, ווען די חסידים האָבן אים געשמיסן, זיך געהאַלטן אין איין שלאָגן אין האַרצן, מורמלענדיק מיט בלייכע ליפּן: „אשמנו, בגדנו, זאָל עס זיין אַן אָפּקומעניש פאַר מיינע זינד און זאָל מיין נשמה דורך דעם געלייטערט ווערן, איך זאָל קאָנען בעסער משיג זיין דעם רבינס שיטה, זיין נייעם אור דערזען...

* * *

נאָכדעם ווי די חסידים האָבן גוט מקיים פּסק געווען די חברה היי־טערס, האָט ר' וועלוועלע דיין צעלאָזט די חברה און יעדער איינער האָט אָנגעהויבן צו פאַסטן ביחידות. ר' וועלוועלע דיין האָט זיך אָפּגערוקט אַן אַ זייט, ער פלעגט זיך זעלטן ווען באַווייזן אין דער קלויז. חסידים האָבן געזאָגט, אַז ער קלייבט צונויף בסוד יחידי־סגולה און גייט מיט זיי אין די

וועלדער אריין און דאָרט פּראָוועט ער ווייטער זיינע שטיק און גרייט זיי צו מקבל צו זיין מיט געלייטערטע נשמות דעם נייעם אור, וואָס דאַרף פון דעם רבינס חדר־המיוחד ארויסשיינען.

אָבער דאָס רוב פון די פריערדיקע היטערס און פאַסטערס האָבן זיך ארומגעוואַלגערט אין גרויסן בית־המדרש און האָבן גוט געהונגערט. דאָרפס־יידן זענען שוין וואָס אמאָל אלץ ווייניקער געקומען אין קאָצקער הויף אריין, זעלטן ווען מען האָט ביי א ייד באַקומען תיקון. איז אמאָל געקומען א ישובניק קיין קאָצק, זענען די חברה „יושבים" אים באַפאַלן ווי פליגן. מען האָט געזוכט כּלערליי עצות, ווי אזוי פון אים ארויסצוקריגן א פּאָר מטבעות אויף תיקון.

דער גרעסטער מומחה דערויף איז אָבער געווען ר' לייבוש סאָכאַ־טשאָווער, א יונגערמאַן וואָס האָט געהאַט א רייכן שווער און איז תמיד געווען א קעסט־קינד. ער האָט שוין געפונען פארשידענע תחבולות, ווי אזוי צו פארשאַפן עופות, צו מאַכן א סעודהלע.

אמאָל האָט ער זיך פארשטעלט פאַר א רבין און געזאָגט א דאָרפס־ייד, וועלכער איז געקומען אין קאָצקער הויף אריין אָפּגעבן דעם רבין א קוויטל, אז „אזוי ווי דער רבי לאָזט נישט אריין, בין איך געוואָרן זיין ממלא־מקום. און איך וועל אָננעמען דאָס קוויטל". דער דאָרפס־ייד האָט געגלויבט, וואָס לייבוש סאָכאַטשאָווער האָט אים געזאָגט, בפרט נאָך, ווען ער האָט אליין געזען, ווי א סך יידן שטופּן זיך צו אים, אויך מיט קוויטלעך אין די הענט, — וואָרום לייבוש האָט זיי געהאַט אָנ־געשטעלט, — האָט דער דאָרפס־ייד אויך שוין אים געגעבן א קוויטל מיט א גרויסן פּדיון, פאַר אים אָנגעהויבן וויינען און קלאָגן, אז די קי האָבן אויפגעהערט געבן מילך, און ער וועט בדיל־הדל ווערן, אויב די קי וועלן נישט צוריק אָנהויבן געבן אזויפיל מילך, ווי זיי האָבן ביז איצט געגעבן.

— א גרויסע חוצפּה פון דיינע קי דאָרטן — האָט לייבוש מעשה רבי א זאָג געגעבן — וואָס הייסט זיי ווילן נישט געבן קיין מילך? און פארוואָס האָבן זיי ביז היינט געגעבן? אויב זיי זענען ביז היינט געווען בהמות, בין איך אויף זיי גוזר, זיי זאָלן ווייטער בלייבן בהמות...

אָבער כדי זיינע ברכות זאָלן מקוים ווערן, האָט ער זיך אויסגעבעטן, אז דער דאָרפס־ייד זאָל גלייך ברענגען א מתנה א פּאָר עופות קיין קאָצק

פאַר די חסידים; אויב נישט, וועלן די ברכות, וואָס ער האָט אים געגעבן, אויף אים נישט חל זיין.

דער דאָרפס־ייד, וואָס האָט געהאַט דעם יונגנמאַן אָנגענומען פאַר א רבין, האָט אים, פארשטייט זיך, אַלץ געגלויבט, און ער האָט באַלד גע־בראַכט פאַר די חסידים עטלעכע הינער.

און אַמאָל פלעגט אים איינפאַלן אָפּצוטון א שפּיצל די חסידים גופא: ער פלעגט זיך פארשטעלן פאַר א רבין, און ווען עס איז געקומען אַן ארענדאר זיך פּראווען, האָט ער אים געזאָגט, אז ער זעט באַשיינפּערלעך, אז דער ארענדאר קאָן נאָר דעמאָלט געהאָלפן ווערן, ווען ער וועט פאַר־בעטן צו זיך אין דאָרף אריין א פּאָר מניינים חסידים און פאַר זיי מאַכן א סעודה, אָבער נאָר א מילכיקע. דער ארענדאר האָט אַלץ געטון, ווי דער „פארשטעלטער רבי" האָט אים געהייסן, און גלייך האָבן זיך די חסידים דערוווּסט, אז לייבוש סאָכאטשאָווער האָט פארשאפט א גרויסע סעודה ביי אַן ארענדאר אין א נאָענטן דאָרף.

אָבער לייבושן איז מער געגאַנגען אין אָפּטון א שפּיצל די חסידים ווי אין דער סעודה אליין. האָט ער פאַר זיינע לעצטע פּאָר גראָשן, וואָס ער האָט נאָך געהאַט, געקויפט ביים קצב אין דער יאטקע א לעבער, געלאָזט אים אָפּבראָטן אין אויוון. ווען די חסידים האָבן זיך ארויפגעזעצט אויף דער פור צו פאָרן אין דער נאָענטסטער קרעטשמע אריין, האָט לייבוש, מעשה גוטער־ייד, געטיילט די חסידים בראָנפן און געבראָטענעם לעבער. און ווען די חסידים זענען אין א האַלבער שעה ארום אָנגעקומען אין דער קרעטשמע אריין, און שוין געוואָלט זיך געבן א כאַפּ צום עסן, איז זיי פּשוט פינצטער געוואָרן אין די אויגן: אַלע טישן אין קרעטשמע זענען געווען געדעקט מיט כל־טוב, מיט די בעסטע מאכלים כיד המלך, נאָר — אַלץ איז געווען פון מילכיקע שפּייזן, און זיי, די חסידים, וועלכע האָבן געגעסן שטיקלעך לעבער, זענען געבעך געזעסן מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ און האָבן פון אַלץ גאָרנישט געקאָנט טועם זיין, געמוזט וואַרטן זעקס שעה, ביז זיי וועלן מעגן עסן מילכיקס...

אָבער מיט דער צייט איז אויך לייבושן נמאס געוואָרן דאָס אויס־בעטלען ביי די דאָרפס־יידן אויף א סעודה, און ער איז ארומגעגאַנגען א

פארקלעמטער מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ביז איינמאָל איז ר׳ איטשע־מאירל צוגעגאנגען צו אים אין בית־המדרש און אים געזאָגט:

— לייבוש, דו זעסט דאָך אויס, ווי דו וואָלסט זיך ארומגעדרייט אויפן עולם התוהו.

— איך קאָן מיר קיין אָרט נישט געפינען.

— וואָס איז געשען?

— כ׳בין קיין מענטש נישט — האָט לייבוש נישט דרייסט געענטפערט.

— שעם זיך נישט, זאָג — האָט ר׳ איטשע־מאירל ביי אים געצויגן די ווערטער.

— כ׳קלער איבער וועגן דער היים — האָט לייבוש מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן געענטפערט.

— וואָס עפּעס פּלוצלינג?

— כ׳ווייס אליין נישט — האָט לייבוש זיך אראָפּגערעדט פון הארצן — ווען איך בין געקומען קיין קאָצק, האָט די ערשטע צייט די גאנצע וועלט ביי מיר אויסגעזען ווי א שטות. איך האָב קיינמאָל וועגן דער היים נישט איבערגעקלערט, נישט געזאָרגט, די לעצטע צייט אָבער קאָן איך פאר זיך קיין אָרט נישט געפינען.

ר׳ איטשע־מאירל האָט זיך שטארק איבערגענומען מיט לייבושס פּשוטע און תמימותדיקע ווערטער. ער האָט איצטער נאָך שטארקער דער־פילט, וואָס פאר א שווערע וואָלקנס עס רוקן זיך אָן אויף קאָצק, און ער האָט אים אָפנהארציק געזאָגט:

— וואָס מיינסטו, ביסט א בן־יחיד?

— כ׳ווייס, דער רבי זאָגט, — האָט זיך ר׳ לייבוש באַקלאָגט, — אז מען וויל שטארק, אז מען האָט דעם אמתן רצון, קאָן מען אלע מניעות גובר זיין. בין איך אָבער אזא קאַליקע, אז איך קאָן שוין נישט וועלן...

— יעדער גייט דורך אזעלכע שטרויכלונגען — האָט ר׳ איטשע־מאירל אים גענומען טרייסטן. און מען האָט געפילט אין זיינע ווערטער, אז ער וויל דערמיט אויך זיך אליין טרייסטן. — מ׳מוז זיך אָבער אליין העלפן. דו ביסט נישט קיין בן־יחיד דאָ. צו צרת־רבים וועט מען מוזן געפינען אן עצה.

— מיין האַרץ ווערט אָבער די לעצטע צייט אַזוי צעריסן פון ספקות. מרדכי יוסף לערנט אונדז אַ נייעם דרך און זאָגט: „דער רבי מיינט, אַז יעדער ייִד איז אַזוי משיג די שפלות פון דער וועלט ווי ער; ער מיינט, אַז אין יעדן איינעם ברענט אַזאַ אש של גאולה ווי ביי אים... דאָס קליינ־וואַרג דאַרף אָבער נאָך דרדקי־מלמדים, און איצט: היים, בני־בית — ווי־נים מען זיך אַן עצה?"

פלוצלינג האָט זיך געעפנט די טיר פון בית־המדרש, און מען האָט דערזען אַ קאָפּ פון אַ פאַרעלטערטער פרוי, איינגעוויקלט אין אַ פאַטשיילע. דאָס איז געווען לייבושס ווייב. זי איז געבליבן שטיין אַן איינגעבויגענע ביי דער טיר אײַנגאַנצן אַ פאַרציטערטע. דערנאָך האָט זי גענומען רופן מיט אַ שוואַכער שטים: לייבוש, לייבוש!

לייבוש איז צוגעלאָפן צו דער טיר. ער האָט דערזען זיין ווייב און זי דערשראָקן געפרעגט:

— ווען ביסטו געקומען?

— ערשט איצט.

— וואָס עפּעס פלוצלינג? — האָט ער אין איין ציטערניש געפרעגט.

— אַן אומגליק, — האָט זי קורץ געענטפערט, און די טרערן האָבן זי שוין גענומען שטיקן.

— וואָס איז געשען?

— דער טאַטע, נעבעך, — האָט זי מיט אַ וויינענדיק קול אָנגעהויבן דערציילן — דער טאַטע, אַ מליץ יושר זאָל ער פאַר אונדז זיין...

אָבער ווייטער האָט זי שוין נישט געקאָנט רעדן, און די טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן.

— ברוך דיין אמת — האָט לייבוש געמורמלט, און דבורהלע זיין ווייב האָט ווייטער דערציילט:

— ער איז געווען קראַנק אַ שיינע פּאָר וואָכן. דאָס גאַנצע פאַרמעגן פאַרקרענקט. ווי לאַנג איך האָב נאָך געקאָנט, האָב איך דיר נישט געוואָלט שטערן. מסתמא פאַרשטייסטו דאָך בעסער פון מיר... איצט האָב איך שוין אָבער קיין אַנדער עצה נישט...

— וואָס זאָל איך טון? וואָס קאָן איך העלפן? — האָט לייבוש אָנגעהויבן זיך בעטן ביי זיין ווייב.

— וועסט אהיימפאָרן, א שטיקל פּרנסה זוכן, זאָלסט אונדז קאָנען מפרנס זיין.

— אהיימפאָרן? — האָט ליבוש ווי צו זיך גערעדט — און דאָס וועט זיין מיין תכלית? לעבעדיקערהייט זיך לייגן אליין אין דער בלאָטע אריין?

— דו מוזט! עס איז נישטאָ קיין אנדער עצה. איך בין שוין מער נישט בכוח עפּעס צו טון. די קרענק פון טאַטן, אין גן־עדן זאָל ער רוען, האָט מיך שוין אויס מענטש געמאכט, און דערצו דאַרף איך א גאנצן טאָג ארומגיין מיט שלמהלען.

ליבוש האָט זיך ביי דעם וואָרט דערמאָנט, אז דאָס רעדט זי איצט וועגן זיין אייגענעם זון, און ער האָט פארשעמט געפרעגט:

— יאָ, וואָס מאכט ער טאקע, שלמהלע? — עפּעס א ווילער בחור אויסגעוואקסן?

— קיין עין־הרע, א טייער קינד — האָט זיין ווייב מיט א מוטער־לעכער ליבע דערציילט וועגן קינד — א גאנצן טאָג האלט ער נאָר אין איין שרייען: „טאטע! טאטע!"

— אוי, וואָלט איך אים וועלן זען! — האָט ליבוש מיט פאָטערלע־כער בענקשאפט אויסגערופן — אָבער ווי קאָן איך אהיימפאָרן? ווי וועל איך מיך קאָנען איין שעה אין דער פינצטערניש דערהאלטן?

— נו, וועסטו אונדז לאָזן אויסגיין פון הונגער — מיך מיט דיין בן־יחיד?

ליבושס ווייב האָט זיך צעוויינט און זי איז א פארשעמטע ארויס־געלאָפן פון בית־המדרש.

לא

דער קאָצקער רבי איז מסכים צו עפענען די טיר

אין קאָצקער בית־המדרש האָבן זיך צונויפגעקליבן אלע חסידים, וועלכע האָבן זיך דאָרטן געפונען. א שם האָט זיך פארשפּרייט איבער דער שטאָט, אז אין גיכן וועט עפּעס געשען. לכתחילה האָט מען געמיינט, אז

דער רבי האָט באַשלאָסן צוריק צו עפענען די טיר, נאָר דערנאָך האָט מען זיך דערוווּסט. מאחורי הפּרגוד, אַז דער רבי האָט באַפוילן, מען זאָל צו אים אַריינשיקן ר׳ איטשע־מאירלען.

די חסידים, וואָס האָבן זיך באַצייטנס אַריינגעכאַפּט אין בית־המדרש אַריין, וואָס איז געווען פול געפּאַקט, האָבן געזען, ווי ר׳ איטשע־מאירל לויפט אַ פּאַרקאָכטער אין דער גבאים־שטוב אַריין מיט אַ פרעמדן שליח, און סודעט זיך מיט ר׳ הערש טאָמאַשאָווער. די חסידים האָבן געקוקט אויפן שליח מיט נייגעריקע אויגן, זיי האָבן געוווּסט, אַז אויך ער איז אַ קאָצקער חסיד, אָבער זיין אויסזען און קליידונג האָט אויף זיי געמאַכט אַ משונהדיקן איינדרוק.

אַז דער שליח איז נישט קיין פּוילישער, נאָר אַ „קירהשער", דאָס האָט מען געקאָנט דערקענען אין דער לאַנגער ראַצעמאַרנער בעקעשע מיט גרויסע קרומע קעשענעס פון הינטן, וואָס ער האָט געטראָגן און פון די לאַנגע געקרייזלטע פּאות, וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען פון אונטער דעם גרויסן סאַמעטענעם קאַפּעליוש און זיך צונויפגעגאָסן מיט זיין לאַנגער באָרד. ער האָט מער געכאַפּט דעם אָנזען פון אַ פּוילישן רב ווי פון אַ פּשוטן קראָקעווער וואַלד־סוחר. און דערצו האָט ער עפּעס גערעדט מיט אַ מאָדנער ווייכער „למד" און אָנשטאָט דעם פּוילישן „יאָך", האָט ער גאָר געזאָגט „יעך". „יעך האָב נישט קאַ צאַאט", האָט ער געענטפערט איינעם, וואָס האָט אים געגעבן שלום.

און די פאַרוווּנדערונג פון די חסידים איז נישט געווען אומזיסט. אַ טרויעריקע בשורה האָט דער קראָקעווער שליח געבראַכט. אַ בשורה, וואָס ער האָט קיינעם נישט געוואָלט דערציילן, נאָר ר׳ איטשע־מאירלען און ר׳ הערש טאָמאַשאָווער. האָט טאַקע ר׳ הערש טאָמאַשאָווער באַלד אַרויסגעיאָגט אַלע חסידים פון דער גבאים־שטוב און די חסידים, וואָס האָבן זיך געפּוילט גלייך צו גיין, האָט מען מיט זיי קיין לאַנגע מחזוקות נישט געמאַכט, מען האָט געכאַפּט זייערע היטלען און די הויכע ספּאָדקעס און אַרויסגעוואָרפן פון דער גבאים־שטוב, זענען שוין די חסידים אַליין נאָכגעלאָפן זיי כאַפּן.

און ווען די גבאים־שטוב איז שוין געוואָרן אויסגעליידיקט פון די חסידים, האָט דער קראָקעווער חסיד דערציילט, אַז ער איז געשיקט גע־

וואָרן פון די קאָצקער חסידים אין קראָקע, מודיע צו זיין, אַז די רביים פון גאַליציע האָבן בדעה צונויפצורופן אַן אסיפה וועגן דעם רבינס דרך.

ווייל א קלאַנג האָט זיך פאַרשפּרייט אין די רבישע הייף פון גאַליציע, אַז דער קאָצקער האָט זיך פאַרשלאָסן און וויל קיינעם נישט זען. אַז ער וויל אָנהויבן לערנען א נייעם דרך, וואָס האַלט נישט אויס על פּי תורה, „און דערפאַר — האָט דער שליח אויסגעלאָזט — ווילן זיי רחמנא־לצלן...“ און דאָ איז ער געבליבן שטיין און ווייטער נישט געקאָנט רעדן.

— איך פאַרשטיי שוין — האָט ר׳ איטשע־מאירל געזאָגט — זיי ווילן איצט ווידער טון דאָס זעלבע, וואָס זיי האָבן געוואָלט טון בימי דעם אַלטן אַפּטער רבין, זכרונו לברכה, לייגן אין „חית“ אריין. נו, הערש, וואָס זאָגסטו דערצו? — האָט ער זיך געווענדט צו ר׳ הערש טאָמאַשאָווער.

— נישט בלויז דאָס — האָט דער קראָקעווער שליח ווייטער דער־ציילט — נישט בלויז חרם, נאָר זיי ווילן אים אויסשליסן — האָט ער צעצויגן די ווערטער — פ ו נ ע ם ג א נ צ ן כ ל ל י ש ר א ל .

— השם ישמרנו — האָבן אַלע דריי מאָל אויסגעשפּיגן.

און דער קראָקעווער שליח האָט ווייטער איבערגעגעבן ווי אַזוי די רביים פון גאַליציע ווילן ווירקן אויפן קאָצקער רבין, ער זאָל ארויס מיט אָפענע דבורים, כדי די גאַנצע וועלט זאָל וויסן, וואָס ער מיינט... „און דערנאָך מיט אונדז אַלע מלחמה האַלטן, אויב מען וועט זיך נישט אָפּקערן פון „אים“ — האָט ער אָנגעוויזן אויפן רבינס טיר.

— הערש! — האָט ר׳ איטשע־מאירל א געשריי געטון. — ווייסט מיט וואָס דאָס שמעקט? מיט „ש...!

ר׳ איטשע־מאירל האָט דאָס וואָרט „שמד“ נישט ארויסגעזאָגט, נאָר ווייטער זיך געהיצט — דאָס וועט זיך זיי אָבער נישט איינגעבן, נאָך היינט וועל איך צו „אים“ אריינגיין און ביי אים פּועלן, ער זאָל צוריק אָנהויבן צו פירן טישן, זאָל טאָקע די גאַנצע וועלט זען, וואָס „זיינע“ דבורים זענען, וואָס ער וויל מיט „זיין“ נייעם דרך. הערש! שוין לאָמיר אריינגיין צו „אים“!

— איך ווייס נישט, צי מען וועט קאָנען — האָט ר׳ הערש טאָמאַ־שאָווער טרויעריק געענטפערט. — איר מוזט קודם־כל צוריק אריינגיין אין

בית־המדרש און איך וועל פּרוּוון אַריינגיין „אהין". און אַז עס וועט מעג־לעך זיין, וועל איך אייך רופן.

— איך וויל זיך אָבער איצט נישט באַגעגענען מיט ר' מרדכי יוסףן, ער וועט אָנהויבן פרעגן קשיות. נאָר פאַרפאַלן — האָט ר' איטשע־מאירל אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — מען מוז זיך אונטערגאַרטלען! — און צום קראָקעווער שליח האָט ער זיך געווענדט — נו, איר זאָלט גאָר נישט דערציילן! קיין וואָרט מיט קיינעם נישט רעדן! און גייט דאָ אַרום אַרויס צו אייער אכסניה, — האָט ר' איטשע־מאירל אים אָנגעוויזן אויף דער הינ־טערשטער טיר, וועלכע האָט געפירט גלייך אין שול געסל אַריין.

ר' איטשע־מאירל איז אַריין אין בית־המדרש צו וואַרטן ביז ר' הערש טאָמאַשאָווער וועט אים רופן.

אין בית־המדרש, וואָס איז געווען פול געפּאַקט מיט חסידים, האָט ר' איטשע־מאירל געטראָפן שטיין ר' מרדכי יוסףן ביי אַ טיש און שרייען:

— מען קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן, מיר מוזן הערן אַן ענט־פער, צי עפנט מען די טיר, צי נישט.

— דער וואָס קומט קיין קאָצק און וויל גיין מיטן קאָצקער דרך — האָט ר' איטשע־מאירל געזאָגט שטייענדיק ביים אַנדערן זייט טיש — מוז אַלץ קאָנען אויסהאַלטן. אין קאָצק שפּילט מען זיך נישט!

— אָבער אַז עס דרייט זיך אַרום אַ גאַנצער עולם און פאַרשטייט אפילו נישט וואָס מען רעדט צו אים, הייסט עס נישט, זיך געשפּילט?

— מרדכי יוסף — האָט ר' איטשע־מאירל שוין מיט אַ פעסטער שטים אַ געשריי געטון — דו ביסט אַ מורד אינעם רבין!

— וואָס כ'בין, בין איך, אָבער דעם אמת וועל איך זיך קיינמאָל נישט שרעקן צו זאָגן לפני כל עם ועדה! נישט זיך באַהאַלטן בחדרי חדרים! און נישט לאָזן דעם עולם אויף הפקר.

— פון ווען־אָן האָסטו פאַר אַן ערב־רב מורא געקריגן און זינט ווען ביסטו געוואָרן זייער פאַרזאָרגער? ווער לאָזט זיי דען נישט פאַרשטיין דעם רבינס דרך און ווער האַלט זיי דאָ אויף? אויב זיי קאָנען נישט אויס־האַלטן, זאָלן זיי אהיים פאָרן.

— ווער האָט מורא? — האָט ר' מרדכי יוסף מיט כעס גערעדט — באָר ווי לאַנג ס'איז נאָך געווען דער ברען, דאָס התלהבות, האָט מען אַלע

מניעות געקאַנט גובר זיין, אָבער איצט, אַז דאָס פייער ווערט בּיסלעכווייז פארלאָשן, וואָס זאָל מען טון? זיצן מיט פארלייגטע הענט און זען ווי אלץ גייט אונטער? קוקט נאָר אָן די יונגעלייט — האָט ער אויסגעשטרעקט די הענט — דאָס איז קאַצק? אַן עיר־מקלט פאר פּוסט און פּאסטניקעס איז עס דאָך געוואָרן, זיי דרייען זיך ארום און זוכן עפּעס מיט וואָס דאָס חיות צו דערהאַלטן. ווען וועלע דיין לערנט די חברה „היטערס", אַז מען דארף זיך נאָך מער מסגף זיין, כּדי ראוי צו זיין דעם רבינס דבורים צו קענען פארשטיין, און צי האָבן מיר דען איצטער א רבין? א שרף האָבן מיר, וואָס וויל קיין איין מינוט נישט אראָפּלאָזן זיך פון זיינע מדרגות און ס'איז נישטאָ קיינער וואָס זאָל מיט זיי אָנהויבן צו לערנען אלף־בית... זיי זענען זיך מסגף, זיי זענען זיך פּורש פון זייערע ווייבער, ווילן „אים" נאָכטון. איך זאָג, אַז דאָס וועט דערפירן...

— מרדכי יוסף, נישט אַזוי היציק — האָט ר' איטשע־מאירל א געשריי געטון און אים איבערגעהאַקט אין מיטן — באַרעכן דיך, וואָס די רעדסט.

— אין מיין נשמה האָט זיך אָנגעצונדן א פייער, וואָס פלאַקערט און וויל פון קיין רו נישט וויסן, — האָט ר' מרדכי יוסף געענטפערט, און זיין פּנים איז געוואָרן באַגאָסן מיט שווייס — וויל מען עפּעס שאַפן, מוז מען גיין מיטן פייער, וואָס ברענט אין דער נשמה, דאָס איז דער עמוד־האש, וואָס קאָן די וועלט באַלייכטן. די חסידים מוזן אָבער האָבן א מנהיג וואָס זאָל היילן זייערע פארוואָגלטע נשמות, זיין גוט צו זיי, זיין א טאַטע צו זיי, זיי מחזק זיין, און העלפן זיי טראָגן דעם עול פון פּרנסה און דעם עול פון גלות...

ר' איטשע־מאירל האָט אים געוואָלט ווייטער ענטפערן, אָבער פּלוצלינג האָט זיך פון דער גבאים־שטוב געגעבן אַן עפן־אויף די טיר און ר' הערש טאָמאַשאָווער האָט א געשריי געטון:

— איטשע־מאיר! ווו איז איטשע־מאיר? דער רבי רופט אים!

ר' איטשע־מאירל האָט זיך תיכף געלאָזט גיין מיט שנעלע טריט צו דער טיר פונעם רבינס חדר־מיוחד און הינטערוויילעכטס געשריגן צו ר' מרדכי יוספן:

— מרדכי יוסף, חזור בך! באַרעכן, וואָס דו ווילסט טון! דו שפּילסט דיך מיט פייער!... דו ביסט אַ מורד!...

* * *

ווי אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט איז דער קאָצקער רבי געזעסן פאַרשלאָסן אין זיין חדר־המיוחד פאַרטיפט אין זיינע רעיונות און שוין אָפילו מער נישט פאַרשטאַנען די פּשוטע מענטשלעכע דאגות.

— איטשע־מאיר, וואָס ווילן זיי פון מיר? — האָט דער קאָצקער רבי געפרעגט.

ר' איטשע־מאירל, וועלכער איז צו אים אַריינגעקומען מיט פאַמעלעכע טריט פול מיט אימה און פּחד, האָט געהאַלטן זיינע אויגן געווענדט אין אַ זייט.

— איטשע־מאיר, וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אויף מיר? — האָט דער קאָצקער רבי נאָכאַמאָל איבערגעחזרט.

— די חסידים ווילן אהיים פאָרן. זיי ווילן זיך געזעגענען, זיי ווילן ברכות פון רבין. עס איז היי־יאָר אַ גרויס טרוקעניש געווען און עס איז אַ גרויסער יקרות.

— פאַרוואָס איז עסן טייער? — האָט דער קאָצקער רבי פּלוצלינג געפרעגט און אליין בררך־הלצה געענטפערט — ווייל אַלע מענטשן האָבן זיך גענומען צום עסן, נו, זאָלן אַלע זיך נעמען צום לערנען, וועט לערנען זיין טייער און עסן — וואָלוול!

— אָבער פּלוצלינג האָט זיך זיין פּנים געביטן, ער האָט פאַרגעסן, וואָס ר' איטשע־מאירל האָט אים פריער געזאָגט און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַ פרעמד קול:

— איטשע־מאיר, ווער קאָן מיר מבטיח זיין, אַז כ'וועל לכל הפּחות האָבן גיהנום?... כדי אפילו דאָס תופס צו זיין, דאַרף מען דאָך שוין זיין אַ גאָר גרויסער מאמין!...

דער קאָצקער רבי האָט אַ רגע געשוויגן און דערנאָך געזאָגט:

— אָבער ווייסטו וואָס איך וועל טון, אַז מען וועט מיך אַריינוואַרפן אין גיהנום אַריין? איך וועל אַרויסגיין אויפן דאַך פון גיהנום און וועל

אָנהויבן צו זאָגן תורה, וועלן די צדיקים פון גן־עדן צוהערן, וועלן זיי אהערקומען, וועט שוין ממילא דאָרטן, ווו איך וועל מיך געפינען, ווערן דער גן־עדן. פאַרן גיהנום האָב איך קיין מורא נישט.

ר׳ איטשע־מאירל, וועלכער איז אריינגעקומען מיט דער כוונה צו בעטן דעם קאָצקער רבין, ער זאָל צוריק אָנהויבן „פירן טישן" און גיזונ־געגען זיך מיט די חסידים, האָט, דערהערנדיק אזעלכע דבורים, שוין חרטה באקומען אויף דעם אלעמען. ער האָט מורא געהאַט, די חסידים זאָלן דערהערן אזעלכע שאַרפע ווערטער, בפרט נאָך ווען מען וועט זיך דערפון דערוויסן אין די רבישע הייף פון גאַליציע, האָט ער דערפאַר די גאַנצע צייט געשוויגן און געוואַרט, ביז דער קאָצקער רבי וועט אים אליין זאָגן, נאָך וואָס ער האָט אים גערופן.

דער קאָצקער איז ווייטער געזעסן פאַרטראַכט, געטומען די געגנדזענע פען אין דער האנט אריין, איבערגעפּירט עפּעס אן אות אויף א שטיקל פּאַרמעט, וואָס איז געלעגן פאַר אים אויסגעשפּרייט און זיין פּנים איז געוועזן זייער שטאַרק אויסגעצערט. ער האָט דערנאָך פּלוצלינג אוועקגע־לייגט די געגנדזענע פען און זיך געווענדט צו ר׳ איטשע־מאירלען:

— איטשע־מאיר! דו מיינסט, איך ווייס נישט, אז אין דער קלויז איז נישט רואיק, אז מרדכי יוסף איז נישט מרוצה. אָבער וואָס וויל איך דען פון די חסידים? איך פאַרלאַנג נאָר פון זיי דריי זאַכן: פון ז י ך נישט ארויסקוקן, צו י ע נ ע ם נישט אריינקוקן און ז י ך נישט מיינען...

— און אז מען קאָן נישט קומען צו אזא מדרגה, — האָט ווייטער דער קאָצקער רבי געזאָגט, — מוז מען דאָך נישט זיין קיין חסיד... ווייסט וואָס דער פּשט איז: „צרכי עמך מרובין ודעתם קצרה" (ברכות כ״ט, ב׳) ווייל ס׳איז דעתם קצרה, ווייל זיי זענען קנאַפּע בר־דעת, דערפאַר איז צרכים מרובים, דאַרפן זיי א סך. גלויב מיר, איטשע־מאיר, אז נישט דאָס האָב איך געמיינט, ווען איך בין אוועקגעפאָרן פון פּשיסכע. איך האָב געמיינט.

— האָט ער זיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט און זיך אָנגעכאַפּט ביי די לאַצן פון זיין וואַטענעם שפּענצער, — אז איך וועל האָבן א מנין חסידים, וואָס זאָלן קאָנען גיין אין קייטענע העמדער און האַנקענע הויזן און זיי וועלן קאָנען קוקן גלייך אין הימל אריין, אָן א מסך־המבדיל... אָבער איך האָב זיי נישט באַקומען... איך ווייס, אז די וועלט וועט אויף מיר קוקן קרום,

ווען מען וועט זיך דערוויסן, אז איך בין נישט מסכים מיט דעם איצטיקן דרך. די וועלט האָט בטבע ליב צו פארשטעלן דעם אמת און ווער עס וויל אים אויפדעקן — דעם האָט מען פיינט!... אָבער איך וועל זיך פאר גאָר־נישט אָפּשרעקן, אָט דאָ — האָט ער אָנגעוויזן אויף א שטיקל פּאַרמעט, — וועט שטיין אָנגעשריבן די גאנצע תורה! איך וועל נאָך א חוץ דעם מאכן דעם לעצטן פּרוּוו, איך וועל דעם פריייטיקצונאכטס ארייַנגיין צום טיש, וועלן מיר זען, צי כ׳וועל האָבן כאָטש א מנין־יידן, וואָס זענען מסכים מיט מיין דרך...

ווען ר׳ איטשע־מאירל האָט דערהערט צוליב וואָס דער קאָצקער רבי וויל אריינגיין צו זיינע חסידים, האָט ער זיך מיט שרעק אָנגערופן:

— אָבער די חסידים זענען דאָך נאָך נישט צוגעגרייט דערצו? זיי וועלן דעם רבינס דרכים גאָר נישט פארשטיין!

— אָט דאָס טענה איך דאָך! — האָט דער קאָצקער רבי אויסגע־שריגן — אָבער מען מוז איינמאָל פאר אלעמאָל אלץ שטעלן אין קאָן און אויב זיי וועלן מיך טאקע נישט פארשטיין, נו, צו וואָס דאַרף איך זיי? און דו, ווידער, שוין דאָס צווייטע מאָל ווי דו קומסט אריין מיך בעטן, איך זאָל עפענען די טיר. איך האָב דיר אנומלט געזאָגט, אז כ׳בין נאָך נישט צוגעגרייט דערצו, און איצט, ווען איך בין שוין יאָ מסכים, שרייסטו ווידער, אז די חסידים זענען נאָך נישט צוגעגרייט. אָבער מער וואַרטן קאָן איך שוין נישט! זאָג זיי, אז דעם פריייטיקצונאכטס וועל איך פירן טיש.

דאָ האָט דער קאָצקער רבי זיך אָפּגעזעגנט מיט ר׳ איטשע־מאירלען און זיך צוריק פארשלאָסן.

די חסידים, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט ר׳ איטשע־מאירלען אין בית־המדרש, האָבן אים ארומגערינגלט, ווי נאָר ער איז ארויס פונעם קאָצקער רבינס חדר. די חסידים האָבן אים באַגעגנט אלע מיט דער זעלבער פראגע: „נו, הא? וועט דער רבי עפענען די טיר?"

— עפענען, עפענען! מרדכי יוסף האָט געפּועלט, נאָר הלוואי ער זאָל נישט חרטה האָבן!...

אז די חסידים האָבן דערהערט, אז דער קאָצקער רבי וועט נאָך דעם שבת פירן טיש, האָבן זיי זיך גלייך צעלאָזט איבער אלע אכסניות אָנזאָגן די פריילעכע בשורה.

און באַלד האָבן זיך גענומען זאַמלען חסידים אין בית־המדרש, די יונגעלייטלעך האָבן פאַר גרויס שמחה גענומען צוביסלעך משקה, ר׳ וועל־וועלע דיין האָט זיך אָוועקגעשטעלט אויף אַ שטיין פאַרן בית־המדרש, אָנגעטון אין אַ זאַק און האָט מעורר געווען די חסידים צו תשובה.

— יידן! — האָט ער געשריען — אונדזער רבי האָט מסכים געווען צו עפענען די טיר! די דרכים פונעם רבין וועלן זיין אש להבה, באַלד וועט אַ נייער אור נתגלה ווערן, מיר מוזן זיך דערפאַר צוגרייטן יעדעס וואָרט צו קאָנען פאַרשטיין. ווינד און ווי וועט זיין צו דעם, וואָס וועט נישט משיג זיין דעם רבינס דבורים ווי ס׳געהער צו זיין!...

און ר׳ מרדכי יוסף איז געשטאַנען אין מיטן אַ מחנה חסידים און האָט געשריען:

— איצט, אַז „ער" וועט אַרויס, וועלן מיר הערן וואָס „ער" האָט אונדז צו זאָגן, און קוים וועלן די דבורים טאַקע זיין העכערע פון אונדזער השגה, וועלן מיר זאָגן, אַז קיין מלאכים זענען מיר נישט, מיר זענען מענ־טשן און פון איטשע־מאירן וועלן מיר זיך נישט לאָזן אַרומפירן!...

לב

דער מוראַדיקער פרייטיק־צו־נאַכטס אין קאָצק

די ידיעה, אַז דער קאָצקער רבי וועט שבת „פירן טיש", האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אויך איבער דער גאַנצער געגנט. פון אַלע אַרומיקע שטעט און שטעטלעך איז מען געקומען צו פאָרן קיין קאָצק אויף שבת.

אַלע וועגן, וואָס פירן קיין קאָצק, זענען געווען באַלייגט מיט חסידים, וואָס האָבן זיך געשלעפּט צו־פוס, אָדער געפאָרן אויף געדונגענע וועגענער.

עס זענען אויף דעם שבת אויך אָנגעקומען די שאַרפע חסידים, ר׳ הענעך (דער שפּעטערדיקער אַלעקסאַנדערער רבי), ר׳ וואָלף סטריקאָווער און אַנדערע געהויבענע חסידים, וועלכע זענען דערנאָך אַליין געוואָרן רביים.

* * *

באַלד נאָך קבלת־שבת האָבן די חסידים אָנגעפּילט די גאַנצע קלויז און געוואַרט, דער רבי זאָל אַריינקומען פון זיין חדר־מיוחד. ר׳ וועלוועלע דיין מיט זיין חברה „פּאַסטערס" האָבן זיך אַרומגערוקט אונטערן טיש, כדי דערנאָך בעסער צו קאָנען הערן יעדעס וואָרט פונעם רבין. הונדערטער חסידים האָבן זיך אָנגעבונדן מיט זייערע גאַרטלען אין די אייזערנע האַקעס, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט פון די ווענט און זענען אַזוי געהאָנגען די גאַנצע צייט, ביז דער רבי איז אַריינגעקומען. צום אויבנאָן פונעם טיש האָבן זיך געשטופּט מחנות יונגעלייט, וועלכע האָבן געוואָלט שטיין וואָס נענטער צום רבין. אַ סך אַלטע חסידים האָבן געחלשט, נאָך איידער דער רבי האָט די טיר געעפנט, און פּלוצלינג האָט ר׳ הערש טאָמאַשאָווער גע־געבן אַ געשריי: „שאַ! דער רבי גייט!" און מיטאַמאָל איז געוואָרן אַזוי שטיל אין דער קלויז, אַז מען האָט געקאָנט הערן אַ פליג זשומען.

דער קאָצקער רבי האָט שנעל געגעבן אַן עפן־אויף די טיר פון זיין חדר־המיוחד און זיך געגעבן אַ שאַר צו צום טיש.

ווער עס האָט געקענט פון פריער דעם קאָצקער רבין, דער האָט באַלד דערזען, אַז דער רבי איז פאַר דער לעצטער צייט אינגאַנצן נשתנה־צורה געוואָרן, די באָרד איז שוין געווען גרוי, די אויגן זענען געווען אַריינ־געפאַלן און האָבן שטאַרק געברענט. און דאָס פּנים איז געווען אויסגעצערט און בלייך. דערצו האָט ער געקוקט אויף אַלע אַרומיקע, ווי עפּעס אַ פרעמ־דער און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי ער וואָלט געזוכט צווישן די טויזנטער חסידים כאָטש איין נאָענטן מענטש...

די גאַנצע צייט איז נעבן אים געשטאַנען זיין שוואָגער ר׳ איטשע־מאירל, און האָט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט, געגנוי נאָכגעקוקט יעדער תנועה, וואָס דער רבי מאַכט און אויף דער אַנדערער זייט איז גע־שטאַנען ר׳ הערש טאָמאַשאָווער, דעם קאָצקער רבינס גבאי, וועלכער האָט תמיד געהאַט אַ פרייען צוטריט צום רבין.

און ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער איז געשטאַנען מיט זיינע אָנהענגער ווייט אָפּגערוקט פונעם רבין, אַזש אויף דער צווייטער זייט קלויז און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער גרייט זיך צו אַ שווערער מלחמה.

די חסידים האָבן זיך געשטופּט פון אַלע זייטן, יעדער איינער האָט געוואָלט אָנקוקן די הייליקע צורה פונעם רבין און ווי נאָר ר׳ הערש טאָמאַ־

שאָוועֶר האָט אָנגעגאָסן דעם כוס וויין, דער קאָצקער רבי זאָל מאכן קידוש, האָט זיך פּלוצלינג דער רבי שטארק פארמוחט און אָנגעהויבן צו זאָגן תורה.

די אַלע טויזנטער חסידים, וואָס האָבן זיך געפונען אין און ארום דער קלויז, האָבן זיך מיט איינמאָל געגעבן א לאָז צום רבינס טיש, מען איז ממש געהאנגען אין דער לופטן און געשטאנען קעפּ אויף קעפּ. ר׳ וועלוועלע דיין איז אפּירגעקראָכן פון אונטערן טיש מיט זיין חברה היטערס און זיי האָבן געמאכט משונהדיקע תנועות, ווי זיי זאָלן זיך צוגרייטן א נייע תורה מקבל צו זיין, און עס האָט זיך דערהערט א שטארקע שטים פונעם רבין: „וישלח יעקב מלאכים אל עשו אחיו״, ווי לאנג נאָך וועט מען אונדז דערציילן מעשיות ווי אזוי יעקב שיקט מלאכים צו עשו׳ן?... — האָט דער רבי א געשריי געגעבן — זיין קול איז פּלוצלינג נשתנה געוואָרן און דאָס פּנים איז געוואָרן אָנגעצונדן ווי א שטיק פייער און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן אזוינע דיבורים, וואָס קיינער פון די חסידים האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, — ער האָט זיך אוועקגעלאָזט אין א חקירה, וואָס עס הייסט „עבודה מיראה״ און וואָס עס הייסט „עבודה מאהבה״ — און ער האָט אויסגעשריען: „אוודאי בין איך גערעכט, אז עבודה מאהבה איז דער עיקר, וואָס דען יראה, מורא האָבן? „טפו!״ איך האָב פאר גאָר נישט קיין מורא!״ און דאָ האָט ער געגעבן א בלאָז, אז די ליכט האָבן זיך שיער נישט אויסגעלאָשן, און ער האָט ווייטער מיט ברען געזאָגט:

„איך האָב א נייעם דרך ווי אזוי מקיים צו זיין די גאנצע תורה, אז מען זאָל מער נישט דארפן דערציילן קיין מעשיות ווי אזוי יעקב שיקט שליחים צו זיין ברודער עשו...

אָבער פּלוצלינג האָט זיך דערהערט א געשריי אין דער צווייטער עק קלויז, ווי א דונער וואָלט אריינגעפאלן:

„יידן, הערט אים נישט! יידן, לאָמיר זיך ראטעווען!״

דאָס האָט אויסגעשריען ר׳ מרדכי יוסף, וואָס איז געשטאנען מיט זיינע אָנהענגער אויף דער אנדערער זייט קלויז. א טויטע שטילקייט איז געוואָרן אין קלויז, און איז אויפסניי איבערגעריסן געוואָרן פון ר׳ מרדכי יוספס קול:

„אוי לאזנים שכך שומעות! — לאָמיר זיך ראטעווען, יידן!״

„דרך־ארץ!" — האָט זיך דערהערט אַן אַנדער קול פון לעבן צווייטן טיש.

„כל מקום שיש חלול השם אין חולקין כבוד לרב" (ברכות י"ט, ב') — האָט ר' מרדכי יוסף צוריק געשריגן.

עס איז געוואָרן אַ מהומה. מענטשן האָבן פונעם טיש זיך אָנגעהויבן שטופּן צו ר' מרדכי יוספן.

ר' מרדכי יוסף איז אַנטלאָפן דורך אַ פענצטער, און הונדערטער חסידים האָבן אָנגעהויבן צו לויפן דורך אַלע טירן און פענצטער, איינער האָט אָנגעכאַפּט דעם צווייטן ביי די גאַרטלען, מען איז געשפּרונגען איבער טישן און בענק, כדי וואָס פריער צו זיין אין דרויסן. און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז כמעט די גאַנצע קלויז געבליבן ליידיק. עס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע אַראָפּגעפאַלענע שטריימלעך, קאַפּלעך און גאַרטלען. אין קלויז זענען געבליבן בלויז עטלעכע געציילטע חסידים, און ר' וועלוועלע דיין מיט זיין חברה „היטערס", וועלכע האָבן געשריגן מיט משונהדיקע קולות: „זאָל דער רבי די תורה פאַרענדיקן! לאָמיר הערן דעם נייעם דרך, לאָמיר דערזען דעם נייעם אור!"

אָבער דער קאָצקער רבי איז געבליבן די ערשטע פּאָר רגעס שטיל, ער האָט זיך מיטאמאָל דערפילט זייער שוואַך, ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף דער זייט, אַזוי ווי ער וואָלט מיטאמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף, מען האָט געהערט מורמלען: „לית דין ולית דיין"... דער קאָצקער רבי האָט זיך אָבער באַלד אויפגעכאַפּט און געגעבן אַ געשריי: „וואָס איז דאָס בייז געלויף אויף אייך? וואָס אַנטלויפט מען?" און ער האָט געוואָלט ווייטער תורה־זאָגן, אָבער דאָ האָבן אים אָנגענומען ר' איטשע־מאירל און ר' הערש טאָמאַשאָווער אונטער די אָרעמס אוןביידע האָבן אים כמעט אויף זייערע הענט צוריק אַריינגעטראָגן אין זיין חדר־המיוחד.

ר' וועלוועלע דיין מיט זיין חברה און די פּאָר שאַרפע חסידים זענען געבליבן שטיין פאַרגאַפט, זיי האָבן נאָר געהערט ווי דער קאָצקער רבי שרייט אויפן גאַנצן וועג צו ר' איטשע־מאירלען: „נו, האָב איך דיר נישט געזאָגט, אַז זיי וועלן מיך נישט פאַרשטיין? אַז אפילו דו, וואָס האָסט כסדר מיך געבעטן, איך זאָל זיך באַווייזן פאַרן עולם, וועסטו אַליין אויך

מיך וועלן אָפּרייסן פון זיי? און וואָס האָב איך דען זיי אַזוינס געזאָגט?...
האָבן זיי דען פאַרשטאַנען כאָטש אַ וואָרט פון דעם אַלעם?..."

באַלד דערנאָך איז ר' מרדכי יוסף אַוועק אויף זיין אכסניא. ער האָט אָבער אין קאָצק נישט געוואָלט פירן קיין טיש און האָט נאָר געוואָרט דער שבת זאָל אַדורך, מען זאָל מאַכן הבדלה, ער זאָל קאָנען אַנטלויפן פון דאָרטן.

עס האָט זיך באַלד אויך פאַרשפּרייט אַ שם אין קאָצקער הויף, אַז דער קאָצקער רבי האָט זיך צוריק פאַרמאַכט און וויל מער קיינעם נישט אַריינלאָזן צו זיך.

און אַזוי ווי מען האָט נאָר שבת פאַרנאַכט דערזען דריי שטערן אויפן הימל, האָט ר' מרדכי יוסף געהייסן שפּאַנען די פערד און איז גלייך אַנט־לאָפן פון קאָצק. ר' איטשע־מאירל האָט נאָר אויסגעפועלט, מען זאָל זיך געבן אַ שבועה גאָרנישט אויסצוזאָגן וואָס עס האָט זיך נעכטן, פרייטיק־צונאַכטס, פאַרלאָפן.

און דער קאָצקער רבי האָט זיך פאַרמאַכט אָדער אפשר האָט מען אים פאַרשלאָסן. און אַזוי איז ער געבליבן פאַרשלאָסן קנאַפּע דריי־און־צוואַנציק יאָר.

די ערשטע צייט פלעגט דער קאָצקער רבי קיינעם צו זיך נישט צו־לאָזן, נאָר אין די שפּעטערדיקע יאָרן פלעגט ער פון צייט צו צייט עפענען די טיר, זיך אַ בייזער טון אויף די חסידים און ווייטער זיך פאַרמאַכן.

מיט ר' מרדכי יוספן איז מיטגעפאָרן כמעט דער גאַנצער עולם, די שענסטע חסידים. געבליבן טריי צו קאָצק זענען נאָר אַ פּאָר מענטשן. צווישן זיי דער שפּעטערדיקער אַלעקסאַנדערער רבי און אַנדערע שאַרפע חסידים.

איצט, נאָכדעם ווי דער קאָצקער רבי האָט זיך אָפּגעזונדערט פון אַלע חסידים, איז דער פאַקטישער מנהיג דערך געוואָרן ר' איטשע־מאירל.

דער קאָצקער רבי האָט באַלד נאָך „הבדלה" פאַרברענט זיין כתב־יד, דאָס שטיקל פאַרמעט: „זה תולדות האָדם". דער קאָצקער רבי פלעגט כסדר דערנאָך שרייבן חדושי־תורה, נאָר יעדן ערב־פּסח, צו בדיקת חמץ, פלעגט ער אַלע כתבים זיינע פאַרברענען צוזאַמען מיטן חמץ און נאָך פּסח ווידער אויפסניי אָנהויבן שרייבן.

ר׳ מרדכי יוסף איז געוואָרן רבי אין איזשביצע און דער פּירוד צווישן איזשביצע און קאָצק איז געוואָרן זייער גרויס.

לג

דער גאַסטינינער רבי ווייסט נישט צו וועמען צו פאָרן

דער קאָצקער רבי איז ווידער געווען פאַרשלאָסן אין זיין חדר־המיוחד. זיין תלמיד ר׳ מרדכי יוסף האָט אָנגעהויבן צו „קיניגן" אין איזשביצע און ר׳ יחיאל מאירל, דער שפּעטערדיקער גאַסטינינער רבי, האָט לגמרי נישט געוווּסט וווּהין ער זאָל פאָרן, וועלכן רבין ער זאָל אויסקלייבן. ער האָט צו אַלע זיינע צרות און ספקותן תמיד געהאַט איין מיטל — זאָגן תהלים. „מיט אַ קאַפּיטל תהלים קאָן מען אַלע מויערן דורכברעכן, אַלע הימלען שפּאַלטן" — פלעגט ער תמיד זאָגן. אויך דאָס מאָל, דערציילן חסידים, האָט ער זיך גענומען צו זיין אויסגעפּרובירטן מיטל און געזאָגט תהלים. ער האָט געדונגען אַ פור און זיך געלאָזט אין וועג אַריין „פאָרן צום רבין", הגם ער האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט צו וועלכן רבין. ער האָט אָבער גע־גלויבט באמונה שלימה, אַז אויפן וועג וועט מען אים שוין מגלה זיין, וועלכן רבין ער זאָל אויסקלייבן.

אַזוי איז ר׳ יחיאל מאירל געפאָרן און געפאָרן, ביז ער איז געקומען „על פּרשת דרכים", אויף אַ שייד־וועג, וואָס איין וועג פירט קיין קאָצק און דער צווייטער קיין איזשביצע, און מן השמים האָט מען נאָך אים אַלץ נישט מגלה געווען וווּהין ער זאָל פאָרן. איז ער פון גרויס צער געבליבן אַזוי זיצן אין מיטן וועג און דריי טעג און נעכט. די פור האָט ער געהייסן פאָרן צוריק אַ ליידיקע. ר׳ יחיאל מאירל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין, מיט זיין קלומיקל אויף דער פּלייצע, מיטן תהילימל אין דער האַנט, און האָט זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט.

זענען פורן מיט חסידים דורכגעפאָרן מיט רעש און געפּילדער, מ׳יט געזאַנג און פרייד, דעם אָרט וווּ ר׳ יחיאל־מאירל איז געזעסן. האָבן די חסידים געזען אַ מענטש זיצן אויף אַ שטיין, זענען זיי אַראָפּ פון די פורן און דערקענט ר׳ יחיאל־מאירלען, האָבן זיי אים געבעטן מיטפאָרן מיט זיי.

אָבער ר׳ יחיאל־מאירל האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. „איך ווייס נאָך נישט, ווו מיין רבי וווינט״ — האָט ער זיי געענטפערט.

האָבן די חסידים, וועלכע האָבן אים גוט געקענט פון קאָצק, גע־שריען: „ס׳טייטש, ר׳ יחיאל־מאירל, שוין יאָרן ווי איר פאָרט קיין קאָצק, און פּלוצלינג ווייסט איר נישט ווו דער רבי וווינט?״ אָבער ר׳ יחיאל־מאירל האָט געהאט בלויז איין ענטפער: „פאַרלוירן דעם וועג צום רבין״ — און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן.

זענען די פורן חסידים מיט גאַלאָפּ ווייטער געפאָרן אויפן וועג וואָס פירט קיין קאָצק, און ר׳ יחיאל־מאירל האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבן זאָגן תהלים מיט גרוים געוויין, ביז אַנדערע פורן חסידים זענען ווידער אָנגע־פאָרן. זיי האָבן געזען א ייד זיצנדיק אויף א שטיין, זענען זיי אויך אראָפּ, און ווידער דאָסזעלבע געפרעגט: „פאַרוואָס זיצט איר דאָ, ר׳ יחיאל־מאירל, איינער אַליין?״

— פאַרלוירן דעם וועג צום רבין — האָט ער מיט געוויין געענטפערט.

— קומט מיט אונדז, מיר וועלן אייך ווייזן דעם וועג — האָבן די חסידים מיט אים אָנגעהויבן איינטענהן. — מיר פאָרן אויך צום ערשטן מאָל. אָט־דאָ־אָ פאַרקירעוועט מען אויף רעכטס, און דער וועג פירט גלייך קיין איזשביצע! — האָבן זיי אים אָנגעוויזן מיט דער האַנט.

— איך מוז צוּוואַרטן, ביז אַן אַנדערער וועט מיר אָנווייזן דעם וועג — האָט ר׳ יחיאל־מאירל טרויעריק געענטפערט.

די חסידים זענען ווייטער געפאָרן מיט געזאַנג אויפן וועג וואָס האָט געפירט קיין איזשביצע, און ר׳ יחיאל־מאירל איז געבליבן זיצן אויפן שטיין, אזוי ווי פריער, און געזאָגט תהלים.

האָט עס אזוי געדויערט דריי מעת־לעת. טאָג און נאַכט איז ר׳ יחיאל מאירל געזעסן אויפן זעלבן אָרט און געוואַרט, מען זאָל אים מגלה זיין דעם וועג. ביז איינמאָל ביינאַכט, ווען ער האָט געהאַלטן אין מיטן זאָגן תהלים, האָט זיך פּלוצלינג אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויגן א פייערדיקע זייל, וואָס האָט געלויכטן און דערגרייכט ביז צום הימל. האָט עס אים זייער געצויגן צו זען, ווו דער פייערדיקער זייל געפינט זיך. האָט ער זיך אויפגעהויבן פון שטיין און איז געגאַנגען צו דעם אָרט, וואָס האָט אים פון אָנהויב זיך אויסגעוויזן זייער נאָנט, אָבער וואָס נענטער ער איז צוגעקומען צום פייער־

דיקן זייל, האָט זיך דער זייל אַלץ ווייטער אָפּגערוקט פון אים. איז ער אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען, איבער נישט אויסגעטראָטענע וועגן און שטעגן, איבער פעלדער און וועלדער. דער פייערדיקער זייל פאַראויס, און ער נאָך אים, ביז — ער האָט פּלוצלינג דערזען, אַז ער געפינט זיך אין מיטן מאַרק פון קאָצק, און אַז דער פייערדיקער זייל גייט ארוים פון דעם חדר, ווו דער קאָצקער רבי איז געזעסן פאַרשלאָסן.

איז ר׳ יחיאל־מאירל אַריינגעקומען אין דער קאָצקער קלויז אריין, האָט ער געהערט ווי חסידים דערציילן זיך, אַז זיי האָבן באַגעגנט אויפן וועג ר׳ יחיאל מאירל גאָסטינינער זיצן אויף א שטיין, און ער האָט נישט געוואָלט מיט זיי מיטפאָרן קיין קאָצק, ווייל „ער" ווייסט נישט ווו ס׳איז דער וועג, וואָס פירט צום רבין".

האָבן קאָצקער „יושבים" באַלד געוואָלט נעמען א פור צוריק אהין צו פאָרן. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז עס וועלן דורכפאָרן איזשביצער חסידים, וועלן זיי אים איבעררעדן און פאַרפירן קיין איזשביציע. אָבער פּלוצלינג האָבן זיי דערהערט א קול: „מען דאַרף שוין נישט מער פאָרן! דער וועג איז שוין געפונען געוואָרן!"

האָבן חסידים זיך אומגעקוקט און אין דער ערשטער רגע נישט דערקענט ר׳ יחיאל־מאירלען, אַזוי אָפּגעצערט איז ער געוואָרן פון פאַסטן און וויינען. אָבער באַלד האָבן זיי דערזען, אַז דאָס איז טאַקע ר׳ יחיאל־מאירל אַליין, איז די שמחה אין דער קאָצקער קלויז געוואָרן זייער גרויס, און זינט דעמאָלט איז ר׳ יחיאל־מאירל שוין פאַרבליבן א קאָצקער חסיד.

אָבער נישט אַלע חסידים האָבן געהאַט אַזאַ „התגלות" פון הימל, האָבן זיך טאַקע א סך חסידים געלאָזט קיין איזשביציע.

און אין דער אמתן האָט אויך דער איזשביצער רבי ווייטער ממשיך געווען דעם דרך פון קאָצק, נאָר מיט ווייניקער פייער. ער אַליין, דער איזשביצער, איז געווען מער א נוח לבריאות" ווי דער קאָצקער איז געווען. ער האָט אויף מענטשן נישט געשריען, נאָר האָט זייערע קליינע תאוות צונישט געמאַכט בלויז מיט א גלייכווערטל.

די איזשביצער חסידים האָבן אָבער נישט פאַרשטאַנען וואָס עס האָט געבראַכט דערצו: פאַרוואָס דער רבי ר׳ מרדכי יוסף, דער גרעסטער חסיד פון קאָצקער, האָט זיך אָפּגעריסן פונעם רבין, און די חסידים די יונגעלייט־

לעך, וואָס האָבן שוין דעם קאָצקער קיינמאָל נישט געזען, האָבן זיך דער־לויבט צו רעדן אויף קאָצק.

עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ גרויסע מחלוקה צווישן איזשביצע און קאָצק. די נייע איזשביצער חסידים האָבן דערציילט אויסטערלישע מעשיות וועגן קאָצקער רבין און וועגן די קאָצקער חסידים. אַז אין קאָצק דאַוונט מען מער נישט; און אַז מען היט נישט שטאַרק אָפּ יידישקייט.

די חסידים, ווידער, וואָס זענען ווייטער געפאָרן קיין קאָצק, האָבן אויך נישט געשוויגן. אויך זיי האָבן נישט פאַרשוינט דעם איזשביצער רבין, און עס ווערט דערציילט, אַז כמעט יעדן יום־טוב פלעגן זיך חסידים אַרויפשטעלן אויף דער בימה פון קאָצקער בית המדרש און בציבור מבזה זיין דעם איזשביצער רבין.

זיי, די קאָצקער חסידים, האָבן דערציילט, אַז דער איזשביצער רבי איז אַ להכעיס־מענטש; אַז אין זיינע תורהס זאָגט ער בפירוש, אַז קורח איז גערעכט געווען קעגן משה רבינו און אַז זמרי האָט רעכט געהאַט, נישט פּנחס; אַז מנשה מלך ישראל, אויף וועמען די גמרא זאָגט, אַז ער האָט אַריינגעשטעלט אַ צלם אין היכל, האָט געהאַט אַ גוטע כוונה.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דעם ספר פון דעם איזשביצער רבין, „מי השלוח" (דעם דאָזיקן נאָמען האָט מען דערפאַר געגעבן, ווייל דער פּשיסכער רבי, ר' בונם, האָט געזאָגט אויף ר' מרדכי יוספן, אַז ער איז אַזוי ווי דאָס וואַסער פונעם „השלוח", וואָס פליסט פּאַמעלעך און גראָבט טיף) האָבן די קאָצקער אָנגערופן מיט דעם ערגסטן זלזול־נאָמען: „מי רגלים".

די שנאה צווישן איזשביצע און קאָצק האָט זיך צעפלאַקערט אַזוי שטאַרק, אַז אויף די וועגן וואָס פירן קיין קאָצק זענען געשטאַנען איזש־ביצער חסידים און האָבן געריסן ביי די פּאָלעס און נישט געלאָזן פאָרן קיין קאָצק. זיי האָבן דערנאָך אפילו געזאָגט — דערציילט מען — אַז אויב די קאָצקער חסידים, וואָס זענען ווייטער געפאָרן קיין קאָצק, וועלן האָבן אַ שכר אויף יענער וועלט, וועט עס זיין נאָר דערפאַר, ווייל העלפט וועג זענען זיי געפאָרן קיין איזשביצע.

די ערשטע צייט האָט דער גרויסער בית־המדרש אין קאָצק כמעט

געפּוסטעוועט. ווען ר׳ הערש טאָמאַשאָווער האָט איינמאָל אין א שבת איבערגעציילט א מנין חסידים אין בית המדרש, האָט ער געזאָגט:

— נו, אז עס איז נאָך דאָ א מנין יידן צווישן אונדז, האָבן מיר שוין גאָר קיין מורא נישט!...

ר׳ איטשע־מאירל האָט זיך אָבער נישט געוואָלט באַגנוגענען מיט איין מנין יידן. ער איז אַרומגעגאַנגען א צייט־לאַנג א פאַרזאָרגטער און געזוכט מיטלען ווי אַזוי צוריק איבערצוציען דעם עולם קיין קאָצק.

בפרט נאָך, אז צווישן דעם מנין האָבן זיך געפונען אַזעלכע חסידים, וואָס האָבן לגמרי נישט געהערט צו די, וואָס קאָצק האָט דעמאָלט געדאַרפט.

ר׳ יחיאל־מאירל גאָסטינינער אליין, כאָטש ער האָט געוואָלט, מען זאָל אים פון הימל מגלה זיין וווהין ער זאָל פאָרן, האָט אפשר מער געזוכט דעם קאָצקער בית־המדרש ווי דעם קאָצקער רבין; ער, וואָס האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן זיינס געהאַלטן פאַר א פשוטן תהלים־ייד, האָט נישט געדאַרפט דעם קאָצקער רבין, ער זאָל אים זאָגן זיינע שאַרפע תורהס. פאַר אים איז גענוג געווען, אז ער געפינט זיך בכלל אין דער מחיצה פון דעם קאָצקער און קאָן זיך ווייטער זאָגן תהלים, ווי זיין שטייגער איז געווען.

צווישן די צען יידן האָט זיך אויך געפונען ר׳ וועלוועלע דיין, וועלכער האָט שוין מער נישט געהאַט קיין צורת בן־אָדם פון דעם כסדרדיקן פאַסטן און זיך מסגף זיין.

ער, וואָס האָט אפשר איבערגעלעבט די גרעסטע טראַגעדיע אין יע־כער האָט שוין מער נישט געהאַט קיין צרות בן־אָדם פון דעם כסדרדיקן אז שולדיק אין דעם אַלעם זענען די חסידים אליין, ווייל זיי האָבן זיך נישט גענוג מטהר געווען צו פאַרשטיין דעם רבינס הויכע דרכים.

און ווען עס האָבן זיך בסוד אַריינגעכאַפּט איזשביצער חסידים קיין קאָצק און געזוכט פון דאָרט אָפּצורייסן די איבערגעבליבענע קאָצקער חסידים, האָבן די איזשביצער חסידים געפרעגט בשתיקה ביי ר׳ וועלוועלע דיין ווי אַזוי ער קאָן ווייטער האַלטן פאַר א רבין אַזאַ מענטש, וואָס האָט גערעדט אַזוינע דבורים. האָט ר׳ וועלוועלע דיין געענטפערט, אז נישט תמיד דאַרף דער רבי דערהויבן די חסידים, ווייל אַמאָל מאַכט זיך פאַר־קערט: די חסידים מוזן גאָר דערהויבן דעם רבין... וואָרום דער רבי אליין איז אין דער בחינה פון דעם „אָדם העליון" צווישן די חסידים און דער־

פאר זענען זיינע יסורים און ספקות א סך גרעסער ווי ביי א פשוטן בשר ודם. קוים לאָזט מען דעמאָלט איבער דעם רבין אליין, קאָן מען אים אריינוואַרפן אין שאול התחתיות, רחמנא לצלן. דערפאַר איז דער איינציקער אויסוועג — האָט ר׳ וועלוועלע אויסגעלאָזט — וואָס מער תשובה צו טון כדי „אים״ צו דערהויבן, ער זאָל צוריק באַקומען זיינע מדרגות, און מיר, די חסידים, זאָלן קאָנען בעסער פאַרשטיין וואָס דער רבי מיינט״.

אָבער מיט אַזעלכע רעיונות ווי עס האָט געטראַכט ר׳ יחיאל־מאירל גאָסטינינער פון איין זייט און ר׳ וועלוועלע דיין פון דער אַנדערער זייט, האָט מען די חסידים נישט געקאָנט צוריקציען קיין קאָצק, און אויב קאָצק האָט ביסלעכווייז צוריק אָנגעהויבן צו באַקומען זיין גלאַנץ, איז עס נאָר צוליב ר׳ איטשע־מאירלען.

ר׳ איטשע־מאירל האָט אויפסניי אָנגעהויבן ווערבירן יונגעלייט קיין קאָצק.

צו וואָס דאַרף מען פאָרן צום רבין, האָבן די יונגעלייטלעך געפרעגט, אַז דעם רבין אליין זעט מען נישט, און ווען ער גיט אַמאָל אויף א רגע א מאַך אויף די טיר, זאָגט ער נאָר א שאַרף בייז וואָרט, אַזוי, אַז עס וואָלט שוין גלייכער געווען, ווען ער וואָלט די טיר אינגאַנצן נישט געווען געעפנט.

שווער, זייער שווער איז ר׳ איטשע־מאירלען אָנגעקומען צו ברענגען יעדן נייעם חסיד קיין קאָצק. בלויז צוליב זיין גייסטיקער קראַפט און זיין מסירת הנפשדיקייט איז קאָצק אין א פּאָר יאָר שפּעטער צוריק געוואָרן דאָס, וואָס עס איז פריער געווען: דאָס בית המדרש פון דער פוילישער חסידות, וווּהין עס האָבן געצויגן טויזנטער חסידים פון אַלע עקן לאַנד.

עס האָט זיך געשאַפן א שיטה, אַז אַמאָל איז דער צדיק אליין אַזוי גרויס, אַז ער אליין קאָן זיך נישט מקשר זיין מיט די חסידים.

מען האָט אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן צווישן די קאָצקער חסידים די אמונה, אַז דער קאָצקער רבי איז אַזוי הייליק און גרויס, אַז ווער עס רירט נאָר אָן די קליאַמקע פון זיין חדר־המיוחד, דער ווערט שוין געהאָלפן.

ר׳ איטשע־מאירל פלעגט צונויפנעמען די קוויטלעך פון די חסידים און זיי אַריינטראָגן צום רבין, און דער עולם האָט געגלויבט, אַז זיי זענען שוין געהאָלפן געוואָרן.

לד

דער קאָצקער רבי כאַפּט זיך אַרויס פון זיין חדר המיוחד

דער קאָצקער רבי איז געזעסן אין זיין חדר המיוחד, ווי א ברוגזדי־קער לייב, פאַרשפּאַרט אין א שטייג און ער האָט זיך שוין מיאש געווען פון דער גאַנצער וועלט.

פון צייט צו צייט פלעגט זיך אין אים דערוועקן א שטאַרקע התנגדות קעגן זיינע אייגענע הויפליט. ער האָט געוואָלט אַרויס צו די חסידים, זיי זאָגן וואָס ער טראַכט וועגן זיי און וועגן זיינע אייגענע מקורבים, אָבער פאַר זיין טיר זענען תמיד געשטאַנען היטערס און אים נישט געלאָזט אַרויסגיין. אפילו זיין געטרייער משמש, ר' הערש טאָמאַשאָווער, האָט נישט איינמאָל פאַר אים פאַרשטעלט דעם וועג.

האָבן די מקורבים צו די פּשוטע חסידים געזאָגט, אַז דער רבי האָט זיך מיט זיין גוטן ווילן מתבודד געווען און וויל די וועלט נישט אָנ־קוקן, אָבער געוווּסט האָבן זיי, אַז מען האָט דעם קאָצקער רבין פאַרשפּאַרט.

נישט איינמאָל פלעגט טרעפן, אַז דער קאָצקער רבי פלעגט דערהערן א חסידיש געזאַנג, וואָס האָט זיך צו זיינע אויערן דערטראָגן פון דער קלויז, פלעגט ער דעמאָלט זיך געבן א לאָז צו דער טיר, אָבער ער האָט זי געטראָפן פאַרמאַכט, האָט ער אַזאַ מוראדיקן געשריי געגעבן, אַז די ווענט האָבן ממש געציטערט. די חסידים פלעגן זיך פאַר שרעק צעלויפן אין אַלע ווינקעלעך..

די מקורבים פון קאָצקער רבין האָבן געאַרבעט מעשים, אַז דער קאָצקער הויף זאָל באַקומען א פּנים פון אַן אמתן רבישן הויף.

מען האָט כסדר געזאַמלט געלט ביי די חסידים און מען האָט צוגע־שטעלט איין בנין צום צווייטן. די רייכע חסידים, וועלכע האָבן זיך אַמאָל געפילט אין קאָצק ווי שטיפקינדער, זענען געוואָרן דאָס אויבערשטע פונעם שטייסל. ווער עס האָט געשטעלט מער וויין ביים טיש וואָס ר' איטשע־מאירל האָט געפירט; ווער עס האָט איבערגעלאָזט מער געלט די גבאים; ווער עס האָט געגעבן א גרעסערן פּדיון און פאַרשריבן א גרעסער

„מעמדות" — דער איז געווען א גרעסערער אָדם־חשוב, און אזא איינעם האָט מען מער מקרב געווען.

די מקורבים האָבן אויך אָנגעהויבן אויסצובויען א הויז פאר דעם קאָצקער רבינס קינדער. דאָס הויז איז געבויט געוואָרן פונקט פאר די פענצטער פונעם רבינס חדר־המיוחד.

דער קאָצקער רבי פלעגט טייל טעג אָפּשטיין שעהן גאנצע פאר זיין פענצטער און קוקן אויף די פעלדער, וועלכע האָבן זיך געשפּרייט העט־ ווייט ביז צום טייך צו. די לעצטע פאָר יאָר איז ער לגמרי צום פענצטער נישט צוגעגאנגען, נאָר אמאָל פלעגט ער ארויסקוקן דורך א לופטשיבל און זיך פארטראכטן, קוקנדיק אויף א וויים וואָלקנדל, וואָס האָט געשוועבט אונטערן לויטערן הימל. און איינמאָל האָט דער קאָצקער רבי פלוצלינג דערזען, אז פאר זיינע פענצטער ווערן אָנגעלייגט ציגל און ליים. גויים קומען צו גיין מיט העק און לאָפּעטעס און גראָבן גריבער, האָט דער קאָצ־ קער רבי געפרעגט ר' הערש טאָמאשאָווער, וואָס מען טוט דאָ. אָבער ר' הערש טאָמאשאָווער האָט אים קיין קלאָרע תשובה נישט געגעבן. אָבער אזוי ווי דער קאָצקער רבי איז על פי רוב געווען פארנומען מיט אנדערע מחשבות, האָט ער באלד אליין געהאַט פארגעסן וואָס ער האָט געפרעגט.

ס'רוב שעהען אין מעת־לעת פלעגט דער קאָצקער רבי זיצן אויף זיין שטול, פארטראכט און פארדרימלט. ער האָט געדרויכערט זיין לאנגע לולקע־ ציבעק און די גאנצע שטוב איז געוואָרן אָנגעפילט מיט רויך. ער האָט אזוי געקאָנט אָפּזיצן גאנצע טעג און צו קיינעם קיין וואָרט נישט ארויס־ רעדן, ביז ר' הערש טאָמאשאָווער איז אריינגעקומען און געהייסן אים זיך אויפהויבן פון דער שטול.

און אָפטמאָל פלעגט דער קאָצקער רבי זיך אריינגעמען עפּעס א רעיון אין מוח אריין און דעם רעיון פלעגט ער אזוי האלטן א פּאָר טעג און מיט אים זיך שפּילן און אים צערטלען, ווי מען צערטלט א קליין קינד. דערנאָך פלעגט ער דעם רעיון צעגלידערן, אים שפּאַלטן אויף טויזנטער דינינקע טיילעכלעך, אוועקוואַרפן דאָס פסולת און איבערלאָזן בלויז דאָס קערנדל, דערנאָך עס ווידער ארומשלייפן און ווידער עס שפּאַלטן, ביז ער האָט אליין דערזען, אז עס וועט אים צו גאָרנישט דערפירן, אז ערגעץ ווו איז דער רעיון דאָך געוואָרן אָפּגעהאַקט און ער קאָן אים ווייטער נישט ציען —

פלעגט ער דעמאָלט אויף זיך אליין בייז ווערן, געוואָלט די גשמיותדיקע געהירן פון זיין קאָפּ ארויסרייסן, און פאר כעס דעם רעיון אינגאנצן פון זיך אוועקטרייבן, אזוי ווי מען טרייבט פון זיך אוועק א בייסיקע פליג, אָבער דער רעיון האָט שוין פון אים נישט געוואָלט אָפּטרעטן, אים געמאַטערט און געפּלאָגט, דעמאָלט פלעגט דער קאָצקער רבי אזש אָנהויבן לויפן פאר כּעס איבערן חדר אָן אויפגערעגטער און פארמאטערטער...

איינמאָל, שבת־צו־נאכט, נאָכן אָפּזיצן אזוי פארדמיונט א פּאָר טעג אויף דער שטול, איז דער קאָצקער רבי צוגעלאָפן מיט כעס צום פענצטער, און דאָ האָט ער פּלוצלינג דערזען, אז פאר זיין פענצטער שטייט א וואנט. אין משך פון א פּאָר טעג איז מיטאמאָל א מויער אויסגעוואקסן, א מויער וואָס פארשטעלט אים די ברייטע, רחבותדיקע פעלדער, וואָס פלעגן אמאָל קאָנען בארואיקן זיין שווער געמיט. איצט וועט ער אפילו דעם הימל שוין נישט קאָנען זען... — האָט ער ביי זיך געטראכט.

האָט דער קאָצקער רבי נאָכאמאָל געפּרוּווט פרעגן זיין משמש, ר' הערש טאָמאשאָווער, וואָס פאר א בנין מען שטעלט דאָ אויף, און אז ער האָט אלץ קיין קלאָרע תשובה נישט באקומען, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאכט, אז ער מוז אליין דערגיין, וואָס אין דרויסן טוט זיך.

און אין דעם זעלבן שבת־צונאכט, ווען דער קאָצקער בית המדרש איז געווען פול געפּאקט מיט יידן, ווי תמיד, און מען האָט געטרונקען און געמאכט מלוה־מלכּהלעך, האָט דער קאָצקער רבי אָנגעטון זיין וואטענעם שפּענצער, פאררוקט דאָס שמוישענע היטל ביז איבער די אויערן, און גע־לאָזט זיך ארויסגיין אָנקוקן די וועלט! דער משמש זיינער, וואָס פלעגט שלאָפן נעבן זיין שטיבל, אים היטן, עס זאָל אים קיין שלעכטס נישט גע־שען, דער קאָצקער רבי זאָל זיך חלילה וחס נישט ארויסכאַפּן פון זיין פארשפּאַרטן חדר און „אָנמאכן א חורבן", איז דאָס מאָל שטארק איינ־געשלאָפן. ער האָט געוווּסט, אז דער רבי האָט זיך שוין פון לאנג מיאש געווען צו זען די וועלט, האָט ער אים שוין נישט אזוי שטארק געהיט.

האָט דער קאָצקער רבי פריי ארויבערגעשפּרייזט זיינע ד' אמות, און זיך ארויסגעגנבעט פון זיין חדר־המיוחד און אָט וואָס דער קאָצקער רבי האָט דערזען:

פאר זיין איינגעפאלענעם הילצערנעם הייזל שטייען בנינים נעבן בני־

בים. דער גאנצער פרייער פּלאַץ, וווּ ער פלעגט אמאָל מיט זיינע חסידים ארומשפּאַצירן און מיט זיי לערנען סתרי־תורה, זיין נייעם דרך אין חסידות — איז געווען פארבויט. די שיינע מויערן, וואָס זענען דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן, דערמאָנען אין א הויף פון א פּוילישן פּריץ, און פון אומעטום טראָגן זיך ארויס געלעכטערס, פריילעכע קולות ; מען זינגט, מען טאנצט און מען הוליעט... איז ער אזוי געגאנגען ווייטער, ביז ער האָט אָנגעטראָפן א האלב שכורן יונגנמאן, א קאָצקער חסיד, וואָס האָט קיינמאָל דעם קאָצקער רבין נישט געזען. פרעגט דער קאָצקער רבי דעם חסיד, ער זאָל אים זאָגן, וועמענס הייזער דאָס זענען און פארוואָס מען זינגט אזוי שטארק. ענטפערט אים דער חסיד : „וואָס הייסט ? איר ווייסט גאָר נישט, אז דאָ וווינט דער קאָצקער רבי און אז דאָס זענען זיך אזוי משמח די חסידים זיינע !?" ענטפערט אים דער קאָצקער רבי, אז ער האָט גאָרנישט געוווּסט דערפון.

ווערט שוין דער יונגערמאן בייז און זאָגט אים, אז „אויב איר ווייסט נישט, אז דאָהי וווינט דער קאָצקער רבי, דאַרף מען דערפאר אייך גוט אויסשמיצן און געבן פּעטש !" און אויסגעלאָזט : „און איך וויל מיט אייך מער נישט רעדן"... און ער איז אנטלאָפן.

איז דער קאָצקער רבי אזוי ווייטער געגאנגען, ביז ער איז צוגעקומען צום ניי־אויסגעבויטן בית־המדרש. ער איז אהין אריין און האָט געטראָפן זיצן הונדערטער יידן ביי גוט־געדעקטע טישן. מען עסט פיש און פלייש און ווײַן גיסט זיך פון די פלעשער. צענדליקער יונגעלייט לויפן ארום איבער די טישן און טיילן גרויסע חלקים פלייש און כסדר הערן זיך אויסגעשרייען ווי אין א שענק מיט שיכורים. פון מאָל צו מאָל ווערט שטיל אין בית המדרש און איינער, א חסיד, וועמען דער קאָצקער רבי האָט אפילו נישט געקענט, ווינטשט דעם עולם „לחיים" און שרייט, האלב־שיכורלעך : „עבדו ד' בשמחה", אונדזער רבי זאָל לעבן האָט אונדז געהייסן משמח זיין ! ער אליין האָט זיך פארשפּארט און איז זיך מסגף און וויל נישט זען די שיין פון טאָג, כדי אונדז, יידן, אויסצולייזן פון די זינד, כדי פון אונדז אראָפּצונעמען דעם שווערן עול. דערפאר דארפן מיר זיך נאָך משמח זיין און ווינטשן דעם רבין אריכת ימים !... נו, „לחיים פאר אונדזער רבין !"

„לחיים פאר אונדזער רבין" ! האָבן זיך דערהערט קולות. און מען האָט ווייטער געגאָסן מיט פולע קוואָרטן וויין.

דער קאָצקער רבי איז געבליבן שטיין ביי דער טיר און האָט אינ־גאנצן געציטערט פון כעס. יעדער אבער האָט זיך אין אים געוואָרפן, פון אלע זייטן האָט מען אים געשטופּט און קיינער האָט אים נישט דערקענט.

„אזוי, אזוי, — האָט ער צו זיך אליין גערעדט — זיי האָבן זיך גע־שאפן א ניי געטשל און עס פארשפּארט. זיי האָבן פון מיר געמאכט אן עבודה זרה און דינען צו מיר מיט פרעסן פולקעס פלייש און זויפן עמערס וויין... אָט דאָס האָב איך אויפגעטון אין משך פון מיינע יאָרן, וואָס איך זיץ פארשפּארט, דערפאר האָט מען מיך נישט געוואָלט ארויסלאָזן. עס האָבן זיך געמערט פּוסטעפּאַסניקעס. זיי האָבן פּאלאצן אויפגעבויט און טוען אָפּ כל־דאָס בייז און איך — האָפן זיי —וועל שוין אויף אלץ מכפּר זיין... אזא שיטה האָט מען זיי געלערנט...”

און מיטאמאָל, נישט צו וויסן פון וואנען עס האָט זיך גענומען, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אין חלל פון בית־המדרש א געוואלטיק געשריי:

„שקצים, גואפים, ארויס פון דאנען!... ווער האָט אייך געהייסן, איר קויטיקע ווערים, פארדרייען מיינע ווערטער, אזוי מחלל צו זיין מיין דרך?...”

דער האלב־שיכורער עולם איז אויפגעציטערט געוואָרן, אן אימה איז אלעמען באפאלן. ר׳ הערש טאָמאשאָווער און א פּאָר ישישים, וועלכע האָ־בן גלייך דערקענט דעם רבינס קול, האָבן זיך א לאָז געטון צו דער טיר, די יונגעלייטלעך, וואָס האָבן דעם קאָצקער רבין נישט געקענט, האָבן גע־מיינט, אז עפּעס א משוגענער איז אין בית־המדרש אריינגעקומען. זיי האָבן זיך געשפּארט צו דער טיר, אים גוט מקיים פּסק צו זיין. אָבער ווען ר׳ הע־ש טאָמאשאָווער צוזאמען מיט די ישישים זענען זיי פארלאָפן דעם וועג און צוגעקומען פריער צו דער טיר פון בית־המדרש, האָבן זיי שוין געטראָפן ליגן דעם קאָצקער רבין אויף דער שוועל א פארחלשטן. זיי האָבן אָבער נישט געקענט פארשטיין, ווי אזוי דער רבי איז פון חדר ארויס...

עס איז געוואָרן א גרויסער טומל צווישן דעם עולם. די שיכורע חסידים, וואָס האָבן געוואָלט שלאָגן דעם רבין, זענען פאר פּחד זיך צעלאָפן אין אלע ווינקעלעך, מען האָט דעם רבין באלד אריינגענומען אין בית־המדרש. איבער גאנץ קאָצק האָט זיך גלייך צעטראָגן דאָס קול: „דער רבי חלשט!...”

אַלע חסידים האָבן זיך געריסן צו דעם אָרט, וווּ דער רבי איז געלעגן, אים אָנצוקוקן, ווייל עס זענען שוין געווען טויזנטער חסידים, וועלכע זענען יאָרן געפאָרן „צום רבין" קיין קאָצק און האָבן דעם רבין קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען. עס האָבן זיך אויך געשטופּט פעלדשערס, רופאים, פּיאַווקע שטעלערס און אָנגעהויבן דעם רבין צו מינטערן.

נאָך א היפּשער צייט האָט דער רבי געעפנט די אויגן. ער האָט אויף אַלע ארומיקע געקוקט פרעמד, אזוי ווי ער וואָלט זיי צום ערשטן מאָל געזען. זיין אויסגעדאַרטער גוף האָט אין גאַנצן געציטערט פאַר קעלט. ער האָט דעם קאָפּ געדרייט אין אַלע זייטן, אזוי ווי ער זאָל וועלן געפינען כאָטש איין היימיש פּנים צווישן דעם גרויסן עולם. נעבן אים איז גע־שטאַנען ר' הערש טאָמאַשאָווער און א פּאָר אַלטע חסידים. דער רבי האָט נאָך אַמאָל אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווידער געוואָרפן א פרעמדן, בייזן בליק אויף די אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אין גרויסן בית־המדרש, און ער האָט געגעבן א געשריי: „די וועלט שטינקט!" און ער איז ווייטער אוועק־געפאַלן אין חלשות...

די חסידים האָבן דעם רבין גלייך אריינגענומען אין זיין חדר־המיוחד אריין, מען האָט געשיקט נאָך דעם גויאישן דאָקטאָר. נאָך שווערער מי האָט מען ערשט פאַרטאָג דעם רבין אָפּגעראַטעוועט. פאַרן אוועקגיין האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו די חסידים: „אייער ראַבין איז געפערלעך קראַנק, טוט תפילה צו אייער גאָט, וועט איר אים אפשר קאָנען דערהאַלטן ביים לעבן..."

די האַלב־שיכורע חסידים האָבן זיך זייער שנעל אויסגעניכטערט. זיי האָבן זיך אַלע אריינגעריסן מיט אַמאָל אין בית־המדרש אריין. און צווישן די פיל אויסגעליידיקטע פלעשער ווייַן, צווישן די טעלערס פליישן און פאַרשידענע אנדערע מאכלים, וואָס זענען געבליבן שטיין אויפן טיש, האָבן זיי אָנגעהויבן צו זאָגן תהלים.

יעדע פּאָר מינוט איז אריינגעקומען א שטאָטישע יידענע מיט א כאָפּטע ווייבער „איינרייסן", זיי האָבן געגעבן א פאַל אויף דעם ארון־קודש און מיט משונהדיקע קוויטשערייען האָבן זיי פאַרטויבט דעם גאַנצן עולם. אַן אנדער בינטל ווייבער האָבן זיך געגעבן א לאָז ארויס אויפן בית־עלמין און געריסן קברים. און אין גאַנצן שטעטל איז געווען א גרויסע בהלה. און

אזוי ווי עס איז נאָר טאָג געוואָרן, האָבן זיך שליחים צעלאָזט איבער פאַר־שידענע שטעט און שטעטלעך, מבשר צו זיין די טרויעריקע בשורה, אז דער קאָצקער רבי אין מסוכן קראנק, און א שליח־מיוחד איז געשיקט גע־וואָרן קיין ווארשע, צו ר׳ איטשע־מאירלען, וועלכער האָט זיך גראד דע־מאָלט נישט געפונען אין קאָצק, מיט א בריוול, ער זאָל, למען־השם, באלד קומען צו פאָרן קיין קאָצק.

לה

די פטירה פון קאָצקער רבין

זונטיק אינדערפרי, ווען ר׳ איטשע־מאירל איז געגאנגען פון דאווגען האָט ער באגעגנט דעם שליח־מיוחד.

ווען ר׳ איטשע־מאירל האָט פלוצלינג דערזען אזוי פרי א מענטש פון קאָצק, האָט ער גלייך פארשטאנען, אז די זאך איז נישט אזוי פשוט, און ער האָט באלד געפרעגט דעם שליח מיט א ציטערדיק קול:

— וואָס איז געשען?

אָבער דער שליח האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר ער האָט ארויס־גענומען מיט א ציטערנדיקער האנט ס׳בריוול, וואָס ר׳ דוד, דעם קאָצקער רבינס זון און ר׳ הערש טאָמאשאָווער האָבן צו אים געשיקט.

און ר׳ איטשע־מאירל האָט געלייענט:

„ב״ה, מוצש״ק, פ׳ משפטים פה קאָצק.

„שלום וכבוד להרב הגאון החסיד המפורסם כש״ת מ׳ יצחק מאיר נ״י.

„הנה זה איזה שבועות, אשר כבוד אאדמו״ר שיחי׳ לאוי״ט נחלה על המיחושים שלו מכבר וכעת מן עש״ק העבר נחלה מאד, השי״ת ישלח לו רפואה שלמה מהרה. ומהראוי שכ״ת ימחול לבוא הנה תיכף. ידידו הנאמן, דוד בהה״ק שי׳ מאָרגענשטערן״.

(... שוין א פּאָר וואָכן ווי דער טאטע איז קראנק אויף זיינע קראנק־הייטן און פון לעצטן ערב שבת איז ער זייער קראנק, גאָט זאָל אים שיקן א רפואה. עס וואָלט גלייך געווען אז איר זאָלט אויך קומען...).

די רביצין און ר׳ הערש טאָמאַשאָווער האָבן צוגעשריבן:

„הרבנית תחי׳ וגם אנחנו מבקשים מאד מכבודו שימחול תיכף ומיד לבוא, אולי השי״ת ישלח עזרתו עי״כ מהרה. — צבי הערש לייבל״.

(די רביצין און איך בעטן אייך זייער אז איר זאָלט גלייך קומען...)

ר׳ איטשע מאירל האָט פאַרשטאַנען, אז הגם מען שרייבט אים בפירוש, אז דער קאָצקער רבי איז שוין קראַנק עטלעכע וואָכן „אויף זיינע „מיחושים״, ווי עס שטייט אין בריוול, איז דאָך עפּעס נייעס געשען, ווייל ערשט מיט א פּאָר וואָכן פאַר דעם איז ער אליין געווען אין קאָצק און מיט א פּאָר טעג פריער האָט ער געזען א חסיד, וועלכער איז געווען אין קאָצק און די קאָצקער רביצין האָט צו אים געשיקט א גרוס און אים געהייסן זאָגן, אז: „די מיחושים, וואָס דער מאַן אירער, דער קאָצקער רבי, ליידט פון זיי כסדר, זענען אזוי ווי תמיד און ער פירט זיך ווייטער זיין דרך״... און דאָ, מיטאַמאָל — אזא בריוול!...

ר׳ איטשע מאירל האָט אוועקגעפירט דעם שליח אָן א זייט און האָט אים גענומען אויספרעגן, וואָס עס איז געשען. אָבער דער שליח האָט גאָרנישט געוואָלט זאָגן. ער האָט נאָר געגעבן אָנצוהערן, אז נעכטן ביי־נאכט, בעת די חסידים האָבן געהאַלטן אינמיטן פּראַווען די סעודת מלוה־מלכה, האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן דער רבי אויף דער שוועל פון בית־המדרש, האָט געשריען מיט כעס אויפן עולם, און אז מען איז צוגעלאָפן צו דער טיר — האָט מען אים שוין געטראָפן ליגן אויף דער שוועל א פאַרחלשטן...

ר׳ איטשע־מאירל האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו זיך מיט גרוים אויפ־רעגונג:

„ווער האָט אים ארויסגעלאָזט, פאַרוואָס האָט הערש טאָמאַשאָווער אים נישט געהיט? איך האָב געוווסט, אז אזוי וועט געשען, אז ער וועט עס נישט אויסהאַלטן, ווען ער וועט זיך דערוויסן, וואָס אין דרויסן טוט זיך. — און ער האָט מיט א געבראָכענער שטים ווייטער צו זיך גערעדט: — ווער איז מער שולדיק פון מיר אליין? האָב איך דאָך צו דעם אלעם געפירט! אָבער — האָט ער אליין זיך געוואָלט טרייסטן — וואָס האָב איך געקאָנט אנדערש טון, וואָס פאַר אן אנדערע ברירה האָב איך געהאַט, ווען

איך האָב געוואָלט דעם עולם אויפהאלטן אין קאָצק, נישט זיי זאָלן זיך צע־לויפן אין אנדערע הייף?...

און צו דעם שליח האָט זיך ר׳ איטשע־מאירל געווענדט:

— אפשר קאָנסטו מיר זאָגן, וואָס דער רבי האָט געשריען?

— איך ווייס נישט — האָט דער שליח געענטפערט — איך האָב נישט גוט געהערט.

— אָבער אפשר קאָנסטו מיר נאָכזאָגן, לכל־הפחות, א פּאָר איינ־ציקע ווערטער, וואָס דו האָסט יאָ געהערט?

— דער רבי האָט עפּעס געשריען, — האָט דער שליח אים איינגע־רוימט א סוד „שקצים, ווערים, ארוים! איר זענט מחלל מיין דרך"...

— אזוי, אזוי? און וואָס איז ווייטער געוועןָ?

— מען האָט דערנאָך געהאט דעם רבין א ביסל אָפּגעמינטערט, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און פּלוצלינג געגעבן א געשריי: „די וועלט שטינקט" און איז ווידעראמאָל פארחלשט געוואָרן. מען האָט דערנאָך דעם רבין צוריק אריינגענומען אין זיין חדר־מיוחד, מען האָט תיכף גע־בראכט דעם שטאָטישן דאָקטאָר און נאָך גרויסע מי האָט מען ערשט פאר־טאָג דעם רבין צוריק דערמינטערט, און מיך ווידער האָט מען געהייסן גלייך פאָרן קיין ווארשע צו אייך און דאָס דאָזיקע בריוול אייך איבערגעבן.

ר׳ איטשע־מאירל איז שוין מער נישט אהיימגעגאנגען. ער איז צו־ריקגעלאָפן אין קאָצקער שטיבל אריין, דערציילן די חסידים די טרויעריקע בשורה וואָס ער האָט באקומען.

אין דעם קאָצקער שטיבל האָט מען באלד אָנגעצונדן ליכט אין אלע הענגלייכטערס און מען האָט זיך גענומען זאָגן תהלים.

דער משמש פון דעם קאָצקער שטיבל איז געלאָפן איבער אלע חסי־דישע קלייזלעך פון ווארשע און מיט א וויינענדיק קול זיי דערציילט וועגן גרויסן אומגליק. דער שטאָט־שמש איז געגאנגען איבער אלע הייזער פון דער יידישער געגנט און האָט געקלאַפּט פאר יעדן הויז מיט א הילצערנעם האמער, דריי קלעפּ און גערופן אין שול אריין.

יידן זענען ארויסגעלאָפן פון זייערע קלייטן און שטובן און האָבן דעם שמש געפרעגט, וואָס פאר א שלעכטע בשורה ער האָט געבראכט,

וואָס פאַר אַ גזירה עס איז אַרויס, און דער שמש האָט געענטפערט מיט אַ טרויעריקן ניגון:

„יידן, יידן, גאָטס צאָרן האָט זיך אויף אונדז אויסגעגאָסן, דער קאָצקער רבי איז געפערלעך קראַנק, גייטס אַלע גלייך אין די שולן אַריין איינרייסן!...״

זיין וויינענדיק קול האָט אָפּגעהילכט אין אַלע געסלעך פון דער גזשיבאָוו־געגנט. די יידישע בעלי־מלאכות האָבן פאַרמאַכט זייערע ווערק־שטאַטלעך, געלאָפן אין זייערע שולכעלעך אַריין און זייערע פּועלים און לערן־ייִנגלעך האָבן שטילערהייט אַ הנאה געהאַט, וואָס אין אַ פּראָסטן זונטיק האָט מען אויסגערופן „בטול־מלאכה״ און זיי זענען פריי פון דער אַרבעט.

די ווייבער האָבן געלאָזט שטיין זייערע קאָשיקעס אייער און אויבס אויף די פּאַטשענעס און זיך געקליבן מחנותווייז אַרויסצוגיין אויפן „גוטן־אָרט״ „קברים רייסן״.

די מלמדים האָבן צונויפגענומען זייערע קינדער פון די חדרים און מיט זיי געגאַנגען אין די בתי־מדרשים אַריין. אַלע שולן, בתי־מדרשים, קלויזן און שטיבלעך, זענען געווען פול געפּאַקט מיט יידן, טויזנטער ליכט האָבן געברענט, און עס האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט געווען ערב יום־כפּור פאַרנאַכט. יידן האָבן געוויינט ווי קליינע קינדער און די יללות זענען גע־גאַנגען עד לב השמים.

און די קאָצקער חסידים, צוזאַמען מיט ר׳ איטשע־מאירלען, האָבן גלייך געדונגען פורן און זענען געפאָרן קיין קאָצק.

וואָס נענטער דער וועג איז געווען קיין קאָצק, אַלץ מער פורן מיט חסידים האָט מען באַגעגנט, און אַז מען האָט שוין געהאַלטן ביים אַריינ־פאָרן קיין קאָצק גופא, איז די ענגשאַפט אויפן וועג געווען ווי אויף אַ יאַריד. אַלע גאַסן און פרייע פּלעצער זענען געווען באַלייגט מיט פורן און וועגענער. עס זענען אָנגעקומען חסידים פון אַלע ווייטע שטעט און שטעט־לעך פון פּוילן, כדי נאָך איינמאָל אָנצוקוקן די צורה פונעם רבין.

און ווען ר׳ איטשע־מאירל איז אַריינגעקומען אין קאָצקער הויף אַריין, האָט ער דערזען, אַז די טיר וואָס פירט אין רבינס חדר־מיוחד אַריין, איז אויפגעפּראַלט און יידן שטופּן זיך פון אַלע זייטן צו זען דעם רבין.

מען גייט אין רבינס שטוב אריין פראנק און פריי, נישט צו בעטן פריער ביי די גבאים.

ר׳ איטשע־מאירל האָט זיך געשטופּט צוגלייך מיט דעם עולם, קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. אריינקומענדיק אין רבינס חדר־מיוחד, האָט ער דערזען. דעם רבין ליגן אויפן בעטל אין א גרויס קאפּל, דער רעכטער שפּיץ באָרד איז איינגעקאָלטענעוועט פון ליגן כסדר צו דער וואנט־צו, די אויגן זענען פארגלייזט און ער אָטעמט זייער שווער. פון צייט צו צייט מאכט ער אויף די אויגן, גיט א שווערן זיפץ און רעדט א פּאָר נישט פארשטענדלעכע ווערטער.

ר׳איטשע־מאירל איז געשטאנען אָן דער זייט און האָט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט, זעענדיק וואָס פון דעם קאָצקער רבין איז געוואָרן. יאָרן איז ער געווען אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, א גאנץ לעבן מקריב געווען, כדי צו קומען צו שלימות, געיאָגט פון זיך דעם עולם, געזוכט נאָר יחידים, און מיט אמאָל איז אלץ הפקר געוואָרן, יידן גייען אריין און ארויס, און פרעגן קיינעם נישט. דער רבי האָט פּלוצלינג אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געפרעגט מיט א שוואך קול ר׳ הערש טאָמאשאָווערן, וועלכער איז די גאנצע צייט פון בעט נישט אָפּגעטרעטן:

— נו, ער איז נאָך נישטאָ?

ר׳ הערש משמש האָט געענטפערט:

— געקומען! געקומען!

— ווו איז ער?

— אָט גייט ער שוין — האָט ר׳ הערש טאָמאשאָווער געוווּנקען צו ר׳ איטשע־מאירלען און אים געהייסן, ער זאָל צוגיין.

ר׳ איטשע־מאירל האָט גענענט צום בעט. דער קאָצקער רבי האָט זיך געשטארקט מיט אלע כוחות אויפצוזעצן אויפן בעט, צום סוף האָט אים ר׳ הערש טאָמאשאָווער אונטערגעהאָלפן. ער האָט זיך אָנגעלענט אויף די פּילע קישנס, וואָס זענען געלעגן צוקאָפּנס, און ער האָט געזאָגט:

— מיר האָבן אויף דיר אויסגעקוקט, איטשע־מאירל!...

דער קאָצקער רבי האָט זיך געפילט עפּעס בעסער און זיך געהייסן דערלאנגען אביסל שווארצע קאווע. ער האָט אראָפּגעשלונגען א פּאָר לעפעלעך, און געהייסן אוועקשטעלן דאָס שעלעכל. אָבער באלד זענען אונ־

טערגעלאָפן הונדערטער חסידים, האָבן צוגעכאַפּט דאָס שעלעכל, אָנגעהויבן דערפון צו טיילן שיריים. דער קאָצקער רבי האָט פאַר כעס צוריקפארגלייזט די אויגן. מען האָט אָבער געזען, אז ער האָט שוין מער קיין כוח נישט עפּעס צו זאָגן. דאָרפס־יידן זענען געשטאַנען מיט פלעשלעך אין די הענט און געבעטן, מען זאָל זיי געבן א פּאָר טראָפּנס־שיריים אויף א רפואה פאַר זייערע קראַנקע ווייבער און קינדער.

ביים בעט איז גראָד געשטאַנען אַן אַלטער חסיד, האָט דער קאָצקער רבי אים אָנגערירט ביי זיין גאַרטל, האָט דער רבי דערזען ווי דער גאַרטל ווערט אויפן אָרט צעריסן אויף פּיץ־פּיצעלעך. יעדער איינער האָט געוואָלט האָבן א שטיקל פון דעם גאַרטל, וואָס דער רבי האָט אָנגערירט. האָט דער קאָצקער רבי זיך געגעבן א דריי־ אויס צו ר׳ איטשע־מאירלען און האָט צו אים געזאָגט: „זעסט כאַטש, איטשע־מאיר, וואָס מען האָט פון מיר געמאַכט? ווי אזוי מיין דרך ווערט פאַר מיינע אויגן צעטרעטן מיט די פּיס?...״

און פּלוצלינג האָט דער קאָצקער רבי א געשריי געגעבן, ווי נישט מיט זיין קול:

— דער רבי מיינער, דער „ייד־הקדוש״, האָט געזאָגט: ס׳שטייט אין פּסוק: „שוכן ארץ וראה אמונה״, איז דער פּשט: ליג אין דר׳ערד און פּאַשע דיך מיט אמונה״...

די חסידים האָבן געמיינט, אז דער רבי גייט זאָגן תורה, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו שטופּן פון אַלע זייטן, אָבער אזוי ווי דער קאָצקער רבי האָט דאָס דערזען, האָט ער א געשריי געטון:

— וואָס איז דאָס פינסטערע געלאַף אויף אייך? וואָס ווילט איר זען? א טאָטער, א כישוף־מאַכער? מיר וועט דאָ האָר ארויסוואַקסן — האָט ער געוויזן אויף זיין האַנט — צי א נאַר וועט האָבן עולם־הבא! שוין גייט ארויס אַלע פון מיין חדר און לאָמיך אייך מער נישט אָנקוקן?... האָט ער מיט אַן אויסטערליש קול א געשריי געגעבן, און באַלד איז דער קאָצקער רבי צוריק אריינגעפאַלן אין א כמעט־באַוווסטלאָזן צושטאַנד.

ר׳ איטשע־מאירל און דעם רבינס קינדער, וואָס זענען ארום בעט געשטאַנען, האָבן באַלד ארויסגעגעבן א באַפעל, אז אַלע יידן זאָלן גלייך

פאַרלאָזן דעם רבינס שטוב, און מען זאָל קיינעם מער נישט אַריינלאָזן נאָר יחידי־סגולה.

דער קאָצקער רבי איז אַזוי געלעגן קראַנק ביז דאָנערשטיק פאַרטאָג. ער פלעגט כסדר רעדן צו זיך, דערמאָנענדיק נעמען פון זיינע אַלטע חסידים. די ערשטע פשיסכער יונגעלייט, און ער האָט אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט די זעלביקע ווערטער:

„דער רבי אַליין איז שולדיק... ער האָט זיך נישט באַדאַרפט אָפּ־שטעלן אינמיטן! ער האָט אָנגעהויבן פירן מלחמה (געמיינט דעם „ייד־הקדוש", וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם „חוזה" פון לובלין), האָט ער עס געדאַרפט דערפירן ביז צום סוף, נישט זיך אָפּשטעלן!... אָדער אַלץ, אָדער גאָרנישט! קיין פשרות זענען נישטאָ"...

ר' איטשע־מאיר, וועלכער איז געהאַט אויפגעוואַקסן אַ גאַנצע נאַכט מיט דעם רבינס זין און אייניקלעך און מיט אַ מנין חסידים, פון די גאָר אַלטע קאָצקער און פשיסכער, האָט דערזען, אַז די צייט רוקט זיך צו... און ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי דער רבי האַלט זיך נאָך איצט אין זיין שיטה, כאָטש ער איז אַזוי שוואַך און זעט, אַז ער האָט גאָר נישט אויסגעפירט... דער קאָצקער רבי האָט פּלוצלינג געוואָרפן אַ בליק אויף ר' איטשע־מאירלען און ער האָט געפרעגט:

— איטשע־מאיר, וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?

— איך וויל וויסן, אין וואָס דער רבי איז איצט עוסק.

— איך קאָן דאָס דיר נישט זאָגן — האָט דער קאָצקער רבי פאַר־טראַכט געענטפערט — איך קוק דורך די דורות פון משה רבינו אָן, און זע ווער עס וואָלט יאָ געקאָנט עפּעס אויפטון און פאַרוואָס אים איז נישט געלונגען... איך האָב איצטער געהאַט אַ שמועס מיט...

און דאָ האָבן דערציילט גאָר אַלטע קאָצקער חסידים די ישישים, אַז דער קאָצקער רבי האָט אָנגעהויבן צו רעדן ווערטער, וואָס מען קאָן זיי נישט איבערגעבן. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו ר' איטשע־מאירלען און אים געהייסן אַרויסנעמען אַ כתב־יד פון זיין שופלעדל.

ר' איטשע־מאיר האָט צוגעבראַכט אַ שטיקל פּאַרמעט וואָס איז געווען באַשריבן מיט דראָבנינקע אותיותלעך.

דער קאָצקער רבי האָט זיך געהייסן געבן א ליכט. האָט זיך געלאָזט אָנטון די ברילן און אָנגעהויבן צו לייענען דעם כתב־יד. דערנאָך האָט ער געזאָגט צו ר׳ איטשע־מאירלען:

„איטשע־מאיר, זעסט, צוואַנציק יאָר האָב איך זיך געמאַטערט איבער אָט דעם כתב־יד. יעדעס יאָר האָב איך ס׳בלעטל צו בדיקת־חמץ פאַר־ברענט און ווייטער אָנגעהויבן צו שרייבן. איך האָב געוואָלט אין איין בלעטל אָנשרייבן די גאַנצע תורה פון „תולדות־האדם", אָבער עס האָט זיך נישט געלוינט..." און דער קאָצקער רבי האָט פאַרברענט ביים ליכטל דאָס שטיקל פּאַרמעט. „זאָל פאַרברענט ווערן די תורה צוזאַמען מיט מיר!" האָט דער רבי זיך צעשריען און דערנאָך איז ער אַריינגעפאַלן אין פאַרשלאָפונג.

ר׳ איטשע־מאירל האָט געוואָלט דעם רבין געבן עפּעס א רפואה, וואָס דער דאָקטאָר האָט געהאַט פאַרשריבן, אָבער דער קאָצקער האָט עס נישט געוואָלט נעמען און ער האָט אים אָפּגעשטופּט מיט דער האַנט. ר׳ איטשע־מאירל און דעם קאָצקער רבינס קינדער האָבן אָנגעהויבן בעטן דעם קאָצקער, ער זאָל נעמען, כאָטש א לעפעלע, עס זאָל אים באַרואיקן דאָס האַרץ, אָבער דער קאָצקער רבי האָט פאַרהאַקט די ציין און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין". דאָ האָט ר׳ איטשע־מאירל זיך פּלוצלינג געגעבן א כאַפּ אַרויס מיט א וואָרט און א זאָג געטון: „ווען עס האַנדלט זיך אין פּיקוח־נפש, מעג מען על־פּי־דין נויטן צו עפענען דאָס מויל און אַריינגיסן די רפואה!"

און אַזוי ווי דער קאָצקער האָט דאָס דערהערט, האָט ער געגעבן א הויב־אויף דעם קאָפּ און געזאָגט, קוים וואָס מען האָט זיינע ווערטער דערהערט:

— אַזוי ווייט האַלט עס שוין? איך האָב שוין מער קיין דעה נישט? „אין שלטון ביום המות!..."

און ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער וואַנט און געזאָגט צו די חסידים: „איר קאָנט שוין אָנהויבן זאָגן"... און גלייך האָט זיך אָנ־געהויבן די גסיסה...

עס איז געוואָרן א גרויסע יללה אין גאַנצן הויף. מען האָט באַלד

געעפנט אלע טירן, וואָס פירן אינעם רבינס חדר אריין. דער גאַנצער קאָצ־קער הויף איז געוואָרן אָנגעפילט מיט געוויין. מען האָט נאָך געהערט דעם קאָצקער רבינס לעצטע ווערטער: „איך בין זיך מדבק מיטן „אור הגנוז"... מיטן „אין־סוף"...

און מיט א האלבער שעה שפעטער איז דער קאָצקער רבי נפטר געוואָרן.

דאָס איז געווען דאָנערשטיק, פרשת משפטים, כ"ב שבט, תרי"ט.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מארק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספארקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספארקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספארקויפט)
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספארקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספארקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספארקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספארקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספארקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספארקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן (אויספארקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספארקויפט)
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו (אויספארקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון ווארשעווער געטאָ
16) קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַזע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּארטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: ווארשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס: א וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אזוי איז עס געווען... (חורבן ווארשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ

31) שמחה פאָליאַקעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאצענעלסאָן־נאַכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פאוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו : פּערזענלעכקייטן
39) א. אלמי : מאָמענטן פון א לעבן
40) רחל ה. קאָרן : היים און היימלאזיקייט
41) מנשה אונגער : פשיסכע און קאָצק

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב :

שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
ד״ר ה. שאָשקעס: א לעבן איז פארביי
ר. שושנה־קאהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָגבוך)
מ. בורשטין : איבער די חורבות פון פּלוינע.
לייב ראָכמאַן : מענטשן אין קברים
יוסף אקרוטני: אין קלעם
הערשעלע: שבת אויפן טראקט
יהושע פערלע: יידן פון א גאנץ יאָר
ד״ר פיליפ פרידמאן : אָשוויענטשים
קאדיע מאלאדאָווסקי: אמאָל איז געווען...

עס גרייט זיך צום דרוק :

י. אשענדאָרף: איינאַקטערס
רחל אויערבאך: פון רינגעלבלום־ארכיוו
עוזר ווארשאַווסקי: שמוגלארס
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך
נחמן מייזיל: דיכטער־מארטירער
מ. קאָסטרינסקי: פּינסק
בער י. ראָזען: טלאָמאצקע 13
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פוילן
ד״ר יצחק שיפּער: קאפּיטלען געשיכטע

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן
דעם 25־טן נאָוועמבער 1948 אין דער
דרוקעריי „הײמאַן" — פּאַסטעור 333
טעלעפאָן 47־7752 — בוענאָס אײרעס

Este libro terminóse de imprimir
el día 25 de Noviembre de 1948 en
los Talleres Gráficos HEUMAN
Pasteur 333 - T. E. 47-7752 - Bs. As.